STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02273

DOS URALTE FOLK YISROEL

N. M. Nikolskii

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. מ. ניקאָלסקי.

דאָס אוראַלטע פאָלק ישראל.

אידיש פון אַ. ראָזענטאַל.



אַרויסגעגעבן פון דעם צענטראַלן אידישן קאָמיסאַריאַט

מאָסקווע 1919

מאסקווע, דרוקעריי „עתיד“, ליאלין פער. 19.

I.

פאַרוואָס דאַרף מען וויסן די געשיכטע פון דעם פאָלק ישראל.

אין דעם ביכל וועט דערציילט ווערן וועגן פאָלק ישראל (אַזוי האט אַ מאָל געהייסן דאס אידישע פאָלק), וועגן זיין לאַנד, וועגן זיין געשיכטע מיט אירע פריידן און ליידן. דאָס איז געווען אַ קליין פאָלק, וואס האט אין די בעסטע יאָרן פון זיין לעבן קוים געהאט אַזוי פיל מענטשן, וויפל ס'געפינט זיך איצטער אין איינער פון אונזערע מער באַזעצטע רוסלענדישע גובערניעס, און אין דער הויפט=שטאָט זיינער, אַפילו אין ירושלים, איז געווען סך הכל אַ 60 טויזנט איינוואוינער, ניט מער, ווי אין אונזערער אַ מיטעלער גובערניעלער שטאָט. דעם גורל אבער פון אָט דעם קליינעם פאָלק מעגן מקנא זיין אַ סך גרעסערע פעלקער. אין די אַלטע צייטן האט דאס אידישע פאלק געהאַט אַזעלכע מעכטיקע שכנים, ווי מצרים, די וואונדערבאַרע מלוכה פון די פרעה'ס, אדער ווי די גרויסע אשור=בבלישע מלוכה, וועלכע האט מיט איר שווערד איינגענומען די גאַנצע דאַמאלסדיקע קולטורעלע וועלט. די אשור=בבלישע מלוכה איז אומגעקומען, פון אירע שטעט און פון דער גאַנצער קולטור זייערער איז געווארן אַ תל, און די קברים=בערגלאַך (קורגאַנעס) אין וויסטן און פון זון פאַרברענטן לאַנד צווישן די טייכן חידקל (טיגער) און פרת (יעופראַט) האבן, ווי פאַרגעסענע מצבות, אויף לאַנגע יאָרן פאַרבאָרגן אין זיך דעם זכר פון דעם פאָלק, פאַר וועמען ס'האבן אַ מאל געציטערט אַלע מזרח=לענדער. איצטער, אַז די דאָזיקע בערגלאַך זיינען צעגראָבן, און די אוצרות פון דער אשור=בבלישער קולטור, וואס זיינען אין אַ משך פון פיל, פיל יאָרן אָפגעלעגן באַהאַלטן אין דער

פינסטערע ערד, ווערן ווידער אַנטפּלעקט פאַר דער ליכטיקער וועלט,—איצטער רײַצן זיי, פאַרשטייט זיך, די נײַגיריקייט פון געלערטע און בכלל געבילדעטע מענטשן, מע שטודירט זיי, מען אינטערעסירט זיך מיט זיי. נאָר דאָך באַציהט מען זיך צו זיי מיט אַזאַ קאַלטקייט, ווי, אַ שטײַגער, צו פאַרשטײנערטע מייער=קעפלאַך אדער צו די בײַנער פון פאַרצײַטיקע בעלי=חיים. די דענקמעלער פון דער בבלישער קולטור זײַנען זעהר אינטערעסאַנט, אבער זיי נעמען ניט בײַם האַרצן, זיי וועקן ניט, אונזערע געפילן, און ס'איז פאַראַן אַ סך מענטשן, וועלכע האָבן אַפילו קיינמאָל פון זיי ניט געהערט. פּונקט אַזאַ סוף איז געוואָרן פון מצרים. מיר באַוואונדערן די קאָלאָסאַלע פּיראַמידן און ספינקסן, וועלכע שטײַען נאָך עד היום אַזוי גרויסאַרטיק און אומבאַוועגליך אויף די ברעגעס פון טײַך נילוס; אין די מוזייען קענען מיר איצט נאָך זעהן די פּרעה'ס גופא אין גע=שטאַלט פון מומיעס, וואס האַלטן זיך שוין פון טויזנטער יאָרן; די כעמיקער ברעכן די מוחות אויף דער האַרבער שאלה, ווי אַזוי אויסצוגעפינען די מיטלען, דורך וועלכע די מצרים האט זיך אײַנגעגעבן אַזוי אויסגעצײַכנט באַלזאַמירן זייערע מתים. דאס אַלץ באַוואונדערן מיר גאָר מיט אונזער קאָפּ. ס'רירט אָבער ניט דאס האַרץ אונזערס און ס'רײַצט ניט אונזערע געפילן. די מצרים און די בבלים זײַנען פאַר אונז אינטערעסאַנטע אָביעקטן פאַר שטודירן די גרויסע וויר=קונג, וואס זיי האבן געהאט אַמאָליקע צײַטן, זייער ליטעראַטור, וואס האט גע=שמ'ט ניט נאָר אין די מזרח=לענדער, נאָר אויך אַפילו אין גריכנלאַנד און אין רוים, זייערע רעליגיעזע גלויבונגען, וואס שפּיגלען זיך נאָך עד היום אין אַ געוויסער מאָס אפ אין אײַניקע נעמען און מנהגים,—דאס אַלץ זײַנען פאַר אונז איצט ניט מער, ווי אינטערעסאַנטע פאַרשטײַנערונגען, און קיין לעבעדיקע, פּראַקטישע באַ=טײַטונג האט שוין איצטער זייער קולטור ניט.

גאַנץ אַנדערש איז געווען דער גורל פונ'ם אַלטן ישראל, פון דעם פיגמייען=פאָלק, ווי ס'קאָן ווירקליך אנגערופן ווערן דאס אַמאַליקע אידישע פאָלק אין פאַרגלײַך מיט די דאזיקע ריזן, בבל און מצרים. פונ'ם אוראַלטן טעבעס, פון אַמאַליקן בבל, נינוה זײַנען פאַרבליבן מער ניט ווי רואינען, ירושלים אבער עקזיסטירט ביז הײַנטיקן טאג. פון דער בבלישער און מצרישער ליטעראַטור האבן דער=גרייכט צו אונז נאָר אַ קלײנער טייל, דערפון אויך פראַגמענטן. און דאס, וואס איז שוין דערגאַנגען צו אונז, ווערט אַרויסגעגעבן נאָר פאַר געלערטע ספּעציאַ=ליסטן. די בעסטע ליטעראַטור אבער פון די אוראַלטע בני=ישראל איז ציטע=ריק אָפּגעהיט געוואָרן פון דור צו דור און איז באַקאַנט דער גאַנצער וועלט—

דאס איז די ביבל—אַ בוך, וואס איז הײליק אי באַ אידן אי באַ קריסטן. פון די עגיפּטישע און בבלישע געטער זײַנען פאַרבליבן מער ניט ווי טויטע בילדער; דער אײנאײנציקער גאט פון ישראל איז געווארן אַ גאט אויך פאַר די קריסטן, בײַם אידישן פאלק איז געבארן געווארן, האט געלעבט און געפּרײדיקט דער גרינדער פון קריסטנטום—ישוע. זײַנע אנהײנגער האבן דערנאך פאַרשפּרײט די קריסטליכע אמונה איבער דער גאַנצער וועלט, און צוזאַמען מיט איר האבן זײ אויך פאַרשפּרײט אַ סך אידישע גלויבונגען, מנהגים און רגילותן, און דאס אי־דישע פאלק גופא לעבט נאך עד היום, זײַן זעלבסטשטענדיקע מלוכה איז שוין אומגעקומען: תחילת האבן זי די אשורים חרוב געמאַכט, דערנאך די בבלים, און פון דעמלט אן איז שוין דאס פאלק ישראל כמעט ניט אויפגעקומען ווי אַ גאַנץ זעלבסטשטענדיקע מלוכה. פונדעסטוועגן האבן זיך ניט אַלע אידן אַסימילירט מיט די זיגער. אַ טײל פונם פאלק, די בני־יהודה, האט ניט געוואלט זיך צונויפגיסן מיט די אײנבנעמער, און אים האט זיך טאַקע אײַנגעגעבן אָפּצוהיטן זײַן נאַציאָ־נאַלע זעלבסטשטענדיקײט און זײַן גלויבן. ס׳איז געגאַנגען אַ דור נאך אַ דור, ס׳האבן זיך געביטן די הערשער פון דער וועלט, נאך די בבלים זײַנען אנגע־קומען די פּערסן, דערנאך די גריכן, די רוימער; צום סוף זײַנען געקומען די הערמאַנער און אַראַבער, וועלכע האבן חרוב געמאַכט די גאַנצע אַלטע קולטור און אויף די אַלטע חורבות האבן זײ געשאַפן גאר אַ נײַעם לעבן. מ׳האט אַנט־דעקט די נײַע וועלט (אַמעריקע), די אײראָפּעאישע קולטור און אײראָפּעאישע קאָלאָ־ניזאַציע האבן זיך פאַרשפּרײט איבער דעם גאַנצן ערד־קויק, און דאס אידנטום לעבט נאך אַלץ, האט זיך אַלץ ניט צונויפגעגאָסן מיט דעם גאַנצן שטראָם פון נײַע פעלקער און האָט נאך עד היום זײַן אײגענע שפּראַך און רעליגיע.

צו דער געשיכטע פון אַזאַ פאלק קענען מיר זיך ניט באַציהען גלײַכגיל־טיק: צו פיל פעדים פאַרבינדן אונז מיטן עבר פונם אידישן פאלק. און באַ הײַנ־טיקן טאָג אַפילו דערמאָנט אונז, ניט ווילנדיק, יעדער טריט און שריט אן אברהם אָבינו׳ס אײניקלאַך. זײַנען מיר אין קלויסטער—הערן מיר דארט לײענען און זינ־גען קאַפּיטלאַך תהילים, די הײליקע מזמורים, וואס זײַנען געשאַפן דורכן פּאָעַ־טישן גײַסט פונם אידישן פאלק. קומען מיר אין שול — לערנען מיר דארט די הײליקע געשיכטע, וואו ס׳ווערט דערצײלט וועגן לעבן פונם פאלק ישראל. באַ־זוכן מיר אַ בילדער־גאַלערײ אדער אַן אויסשטעלונג, געפינען מיר דאָרט אַ גאַנצע רײ בילדער פון דער אידישער געשיכטע און אירע העלדן. ס׳איז ניטאָ כמעט קײַן אײן גרויסער דיכטער, וועלכן ס׳האט ניט באַגײַסטערט אַ וואַסער־

ניט אין סיוזשעט פון דער ביבלישער געשיכטע. אונטער דער ווירקונג פון די נביאים האט פושקין אָנגעשריבן זיין באַרימטן שיר „דער נביא“, לערמאָנטאָוו האט געשאַפן זיינע „אידישע מעלאָדיעס“, וואס זיינען דורכגעדרונגען מיטן צער פון די בני ישראל אין גלות; אַנדערע רוסישע און אויסלענדישע פּאָעטן האבן געשילדערט אין זייערע ווערק פאַרשיידענע דראַמאַטישע מאָמענטן פון דער אידישער געשיכטע, איינציקע פון זיי האבן געשאַפן גאַנץ גרויסע פּאָעמעס אויפן סיוזשעט פון פאַרשיידענע ביבלישע דערציילונגען, ווי, למשל, „דער פאַרלוירענער און צוריקגעפונענער גן עדן“, די אומשטערבליכע פּאָעמע פון ענגלישן פּאָעט מילטאָן, אָדער „קין“ פון בייראָן. פראַנצויזישע דראַמאַטורגן האבן פיל דראַמעס אָנגעשריבן אויפן סיוזשעט, וואס זיי האבן גענומען פון דער אידישער געשיכטע. אַ פאָלק, וואס האט געהאַט אַזאַ גרויסע ווירקונג אויפן קולטורעלן לעבן פון די אייראָפּעאישע פעלקער, אַ פאָלק, וואס האט באַוויזן איינצוהאַלטן זיך און זיין קולטור אין אַ משך פון לאַנגע דורות—אַזאַ פאָלק פאַרדינט, אַז מיר זאָלן נעהענטער זיך באַקאַנען מיט זיין געשיכטע, באַקאַנען זיך מיט אייגענע אויגן, אַפּוואַרפנדיק אין אַ זייט די וואונדערליכע און לעגענדאַרישע צירונג, מיט וועלכער ס'איז אַזוי באַפּוצט זיין געשיכטע און וואס פאַרוואַנדלט זי אָפט אין אַ מיסטישע פאַנטאַסמאַגאָריע.

ווען דעם, פון וואַנען עס שטאַמט דאס פאָלק ישראל, און ווען זיין לעבן אין די אוראַלטע צייטן, דערוויסן מיר זיך פון ביבל, נאָר ס'איז נאָך ניט גענוג פּשוט איבערלייענען די ביבל, כדי זיך צו באַקאַנען מיט דער אידישער געשיכטע, ס'איז אויך ווינציק פּשוט איבערדערציילן דאס, וואס ס'איז אָנגעשריבן אין ביבל. דאס פאָלק ישראל האט געלעבט זעלבסטשטענדיק אין זיין אייגענער מלוכה העכער פינף הונדערט יאָר; אַזוי פיל אָן ערך צייט האט נאָכן גלות בבל געלעבט די רעליגיעזע עדה אין יהודה, וועלכע האט כמעט די גאַנצע צייט זיך געפונען אונטער אַ פרעמדער הערשאַפט. אין משך פון אט די טויזנט יאָר איז באַשאַפן געוואָרן די ביבל. דאס איז אַ שאַפונג פון דורות, וואס שיידן זיך אונטער איינער פון דעם צווייטן מיט זייערע שטרעבונגען און אָנשויאונגען, אַ איד פון דוד המלכ'ס צייטן איז פונקט אַזוי ווייניק געראָטן אין אַ אידן פון קריסטוס צייטן, ווי, למשל, אַ קיעווער איינוואוינער פון דעם פירשט וולאַדימיר'ס צייטן—אין אַ איצטיקן קיעווער איינוואוינער, דעריבער ווערט אין פאַרשיידענע טיילן פון תנ"ך אָפטמאל אַנדערש דערציילט וועגן איינע און דיזעלביקע אוראַלטע צייטן, „מלכים“ און „דברי הימים“, למשל, באַשרייבן איין און

דעמזעלבן פעריאָד, נאָר אין יעדן ספר ווערט עס פאַרשיידן באַשריבן, ווייל די מחברים פון אָט די צוויי ספרים האָבן געלעבט אין פאַרשיידענע צייטן, אָפּגעטיילט איינער פון דעם אַנדערן מיט עטליכע יאָרהונדערטער. די געלערטע, בעיקר די דייטשן, האָבן אַ סך מיה אָפּגעגעבן, כדי פאַנאַנדערצוקלייבן זיך אין די ביבלישע ספרים און אויסצופאָרשן אויף וואָס פאַר אַן אופן מע קאָן זיך באַנוצן מיט דער ביבל ביים צונויפשטעלן די געשיכטע פון די אוראַלטע אידן. מיר וועט אויך אויסקומען ניט פשוט איבערצוגעבן די ביבלישע דערציילונגען, נאָר מאַכן אַן אויסקלייב פון זיי, איינינקע—איבערדערציילן, אַנדערע דערקלערן. אויף אַזאַ אופן וועט מיין געשיכטע אין אַ סך הינזיכטן ניט זיין גלייך צו אַ געוויינטליכער היילקער געשיכטע, וועלכע גיט פשוט איבער די ביבלישע דערציילונגען איינע נאָך דער אַנדערער.

II.

פאַלעסטינע און אירע פאַרצייטיקע איינוואוינער.

דאָס לאַנד, וואו ס'האָבן געלעבט די אוראַלטע בני־ישראל, הייסט פאַלעסטינע. די בני־ישראל זיינען געווען ניט די ערשטע, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין דעם דאָזיקן לאַנד; זיי האָבן איינגענומען דאָס לאַנד און אונטערטעניק געמאַכט די באַפעלקערונג, וואָס האָט זיך שוין דאָרט געפונען.

אין חומש ווערט דערציילט, אַז די בני־ישראל, וועלכע האָבן דאַן געוואַנדערעוועט איבערן מדבר, האָבן פריהער, איידער זיי האָבן אַריינגעדרונגען אין פאַלעסטינע, געשיקט אַהין מרגלים, וועלכע האָבן געזאָלט אויסשפּירן דאָס לאַנד, צי איז עס אַ גוט לאַנד, אָדער ניט, צי אַ פרוכפּעריקס, אָדער ניט, צי וואַקסן דאָרט בוימער, אָדער ניט, צי לעבט דאָרט אַ גרויס און שטאַרק פאָלק, אָדער אַ קליינס און אַ שוואַכס. די מרגלים האָבן זיך אומגעקערט און האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך אַזאַ גוואַלטיק הענגל ווייַנטרויבן, וואָס מ'האָט עס געמוזט טראָגן זאַלבענאַנד אויף אַ שטעקן; זיי האָבן אויך מיטגעבראַכט איילבירטן און מילגרוימען. די מרגלים האָבן איבערגעגעבן, אַז דאָס לאַנד איז זעהר אַ גוטס, ס'פליסט אין דעם מילך מיט האָניק און ס'וואַקסן דאָרט זעהר פיל פרוכטן, נאָר דאָס פאָלק, וואָס לעבט דאָרט, איז זעהר אַ שטאַרקס און וואוינט אין באַפעסטיקטע שטעט.

אין די אויגן פון די בני=ישראל, וועלכע האבן ביזן באַזעצן זיך אין פּאַ=
לעסטינע, געוואַנדערעוועט איבער וויסטע מדבריות, האט טאַקע פּאַלעסטינע גע=
קענט אויסזעהן, ווי אַ לאַנד, וואו עס פליסט מילך מיט האָניק. נאר אין דער
אמתן אָבער איז פּאַלעסטינע ווייט ניט געווען אַזאַ רייך לאַנד, ווי ס'האבן ז'
באַשריבן די מרגלים פון די בני=ישראל. דאס איז אַ בערגיג לאַנד מיט וואונדער=
שיינע לאַנדשאַפטן, אָבער כמעט אַ ווילד לאַנד. אויפן צפון=גרעניץ פון פּאַלעס=
טינע ציהען זיך צוויי בערג=רוקנס, וואס גייען פּאַראַלעל איינער בנוגע דעם
צווייטן — לבנון און חרמון (אַנטי=לבנון), די בערג=קייטן, וואס ציהען זיך איבער
גאַנץ פּאַלעסטינע, זיינען אַ המשך פון די דאָזיקע צוויי בערג=רוקנס; זיי ציהען
זיך איבער אַ שמאָלן ברעג=פּאַס, וואס האַלט אין זיין ברייטסטן אָרט ניט מער
ווי צוויי הונדערט ווערסט; די מערב=זייטן זייערע זיינען געווענדט צום ברעג
פון מיטללענדישן ים (ים הגדול), די מזרח=זייטן זייערע זיינען געווענדט צום
טויטן, פון זון פאַרברענטן, אַראַבישן מדבר. אין דער לייִנג פון דער דאָזיקער
גאַנצער בערג=סיסטעם פליסט דער טייך ירדן. ער הויבט זיך אָן ביים דרום=זייט
פון חרמון, אין די זומפּיקע טאָלן, וואו אין סאַמע מיטן פון זיי געפינט זיך אַ
האַלב=זומפּ, האַלב=אָזערע, וואס טראָגט דעם נאָמען מי=מירום (די וואַסער פון
מירום), פון אָט דעם דאָזיקן „מי=מירום" הויבט זיך אָן דער ירדן. ער שלענגלט
זיך דאָ אַרום די פעלזן, וועלכע הויבן זיך דאָ ערטערווייז זינקגלייך אויף צען
און אַמאָל מער קלאַפטער העכער פונם ירדן=שטאַנד. און דעריבער פליסט דאָרטן
דער ירדן מיט אַ מוראדיקן גערויש, ווי אין אַ טיפן און שמאָלן שטיינערנעם קאַ=
נאַל. די פעלזן זיינען פון באַזאַלט, אָנגעוואָרפן איינער אויפן אַנדערן אין אַ גע=
וואַלטיקער אומאָרדענונג; דאס איז נאָך פאָרגעקומען אין די גאָר=גאָר אוראַלטע
צייטן דורך אַ וואולקאַנישע קראַפט, וואס האט זיך שוין איצט אויסגעשעפּט און
האט איבערגעלאָזט פון זיך אַ זכר אין געשטאַלט פון די דאָזיקע פעלזן. ווייטער
אַ ביסל פאַרהאַלט זיך מיט אַמאָל דער ירדן באַ אַ גרויסן פעלז פון באַזאַלט; זוכנ=
דיק, ווי ביי צוקומען די דאָזיקע מניעה, צעגיסט ער זיך אין דער ברייט און ביל=
דעט דעם באַוואוסטן ים כנרת, אָדער ים הגליל, מיט וועלכן ס'איז פאַרבונדן
אַזוי פיל זכרונות פון דער עוואַנגעלישער געשיכטע. די ברעגעס פון דעם ים זיי=
נען באַדעקט מיט פעלזן, זעהען אויס אומעטיק און שטרייִנג; אומעטיק זעהען
אויך אויס די ישובים פון די פישער, וואס געפינען זיך באַ זיינע ברעגעס און
וועגן וועלכע ס'ווערט דערציילט אין דעם „ברית החדשה" — כפר=נחום און בית=
צידה, געפינענדיק אַן אויסוועג, פליסט דער ירדן ווייטער אין דערזעלביקער ריכ=

בײַם ירדן

טונג, נאר איצט איז אים שוין גרינגער צו מאכן זיין וועג: צו דרום צו פון ים
כנרת זייענען שוין די בערג ניט פון באזאלט, נאר פון קאלך. קאלכשטיין גיט זיך
גרינגער אונטער דער ווירקונג פון וואסער, אזעלכע באזאלט, און דער ירדן שלענגלט
זיך דא דורך א גאנץ ברייטע בעט, ער פליסט שוין איצט ניט אין א שמאלן טאל
צווישן בערג, נאר אין א ברייטן ווייסן טאל, זיינע קרימונגען ווערן אלץ גרע=
סער, און פון רעכטס און לינקס גיסן שוין אין אים אריין פיל טייכלעך. נאר
זיי העכער פונם ים כנרת, זיי נידעריקער פון אים איז אלץ דער לויף פון ירדן
זעהר א שנעלער: אויף א מהלך פון אן ערך צוויי הונדערט ווערסט פאלט ער זיך
אראפ פון די הויכע בערג חרמון ביז צום טויטן ים (ים המלח), וואו ער
פאלט אריין, און דער וואסערשטאנד פונם ים המלח איז מיר א הונדערט
קלאפטער נידעריקער פונם וואסערשטאנד פון דעם מיטללענדישן ים. א האריזאנ=
טאלער אויסגעהן שטעלט מיט זיך פאר דער ירדן צווישן ים כנרת און ים המלח
און אויך דער ים המלח גופא. ווען מע זאל באטראכטן דעם טאל פון ירדן, שטיי=
ענדיק אויף די זייטן פון די בערג, וואס ציהען זיך בא די ביידע ברעגעס פון
טייך, וואלטן מיר זעהן א ברייטן, גלייכן, ווייכן גראז פון דעם קאלכשטיין, פון
וועלכן עס באשטייט זיין באדן; ביים העלן זונענשיין איז זיין ווייסקייט כמעט א
בלענדיקע, און אין מיטן פון דעם ווייסן נאקעטן טאל ציהט זיך דער זילבער=
נער טייך=באנט, באזוימט מיט צוויי שמאלע העל=גרינע פאסעקלעך, מיט א גע=
דיכטן אנוואקס פון וואסער=שטעקלאך, פאפירוס, טאמאריסקן און פלאטאנעס, וואס
זייענען אפטמאל אזוי געדיכט, אז זיי פארשטעלן פון אונזערע אויגן דעם טייך,
און דאן זעהט מען מער ניט ווי א גרינעם, פול מיט לעבן, פאס אויפן פנים פון
א טויטן, ווייסן טאל. ווייטער ביים טויטן ים שטארבט שוין לסוף אפ דאס גאנצע
לעבן. ארומגערינגלט פון אלע זייטן מיט קאלך=פעלזן, מיט זייטן פון זאלץ, און
פון דרום צו מיט פעלזן פון גראניט, שווארץ, ווי פעך, באדעקט מיט שטיקער
אספאלט, וואס שווימען אויף זיין אויבנאויף, — איז דער ים — דער טויט גופא.
טאג איין, טאג אויס, טראגט צוהין דער ירדן זיינע וואסערן, נאר די דרומדיקע
גראניט=וואנט האלט אפ דאס וואסער און לאזט עס ניט גיין ווייטער. דאס וואַ=
סער אין ים שטייט אומבאוועגליך, א טייל ווערט אויסגעהויכט, און אין דעם וואַ=
סער, וואס בלייבט איבער, ווערט פון קדמונים אן צעלאזט פלערליי זאלצן,
קאך=זאלץ, מאגנעזיע, כלאר=קאלציאס (קרייט), און דער טויטער ים זעהט אויס
ווי א געוואלטיק גרויסע שיסל, אין וועלכער עפעס א כעמיקער האט צעלאזן זיי=
נע געווירצן און האט עס אזוי איבערגעלאזט שטיין, און מיט דער צייט אי

צעלאזונג געווארן אזוי שטארק, אז אויף יעדע הונדערט חלקים וואסער קומט אויס כמעט דרייסיג חלקים מינעראלן. די פיש, וואס ווערן אריינגעטראגן אהין מיט די וואסערן פון ירדן, קומען גלייך אום, זייערע קערפערס ווערן געטראגן דורך די כוואליעס און ווערן אין א גרויסער צאל ארויסגעווארפן אויפן צפון-ברעג. דאס אנגעזעטיקטע מיט מינעראל-עלעמענטן וואסער פון ים איז אזוי שווער, אז ס'איז געפערליך צו שיפן זיך אויף דעם ים, ווייל אויב ס'וועט זיך נאר אויפהויבן א ווינט, וועלן די שווערע כוואליעס ווי מיט האמערס צעברעכן דאס שיפל אויף שטיקלעך. אלץ, וואס די כוואליעס בריינגען צום צפון-ברעג — טויטע פיש, ביימער, שטיינער — אלץ איז באדעקט מיט א געדיכטן שיכט זאלץ, וואס בלייבט אויף אלע זאכן, וועלכע ווערן ארויסגעווארפן פון ים, נאכדעם ווי די זון טריקנט אויס דאס וואסער. די אוראלטע בני-ישראל האבן ניט געוואוסט די סיבות, איבער וועלכע דער ים איז אזוי טויט. זיי האבן גערעכנט, אז דאס איז א שטראף פון גאט, אז דעם טויטן ים האט דער אלמעכטיקער אראפגעבראכט אין זיין גרויס צארן. אין ביבל געפינען מיר א דערציילונג, וואס קאן אונז דערקלערן, ווי אזוי די גלויביקע בני-ישראל האבן זיך פארגעשטעלט דעם אפשטאם פונם טויטן ים. דאס איז נאך געווען אין די גאר-גאר אלטע צייטן, ווען ס'האט נאך געלעבט אברהם, דער אורפאטער פון ישראל. דעמאלט איז ניט געווען דער ים-המלח, אויף זיין ארט איז געווען א בליהענדיקער טאל, וואו ס'האבן זיך געפונען צוויי רייכע שטעט, סדום און עמורה. די איינוואוינער פון די דאזיקע שטעט זיינען געווען אזעלכע רשעים, וואס האבן אפילו ניט אפגעהיט די מצוה פון הכנסת-אורחים, וואס איז געווען הייליק בא אלע מזרח איינוואוינער. ווען גאטס מלאכים זיינען געקומען קיין סדום, כדי אויסצופרובן זיי, זיינען די סדומים אנגעפאלן אויף זיי און געוואלט זיי א געוואלט אנטון. איינער נאר האט זיך געפונען דארטן, לוט, אברהם'ס א פלעמעניק, וועלכער האט די מלאכים אריינגעבעטן צו זיך אין הויז און האט זיי אויך מציל געווען פון די סדומים'ס הענט. אויף מארגן האבן די גאטס שליחים געהייסן לוט'ן מיט זיין הויזגעזינט פארלאזן די שטאט, אנטלויפן און זיך ניט אומקוקן, און אויף די זינדיקע שטעט האבן זיי אויסגעגאסן א רעגן פון פייער און שוועבל, און פון סדום און עמורה איז געווארן א תל-עולם. דאס ארט, וואו די שטעט זיינען געשטאנען, איז איינגעפאלן, און דארט האט זיך געבילדעט דער ים-המלח; לוט'ס ווייב האט זיך ניט איינגעהאלטן און האט זיך אומגעקוקט, איז פון איר געווארן א זאלצענער זייל. אין דער דאזיקער דערציילונג געפינען מיר שפורן פון עפעס א מורא'דיקן וואולקאנישן אויסברוך.

וואָס האָט חרוב געמאַכט גאַנצע שטעט; די אומקלאָרע זכרונות וועגן דער דאָזיקער קאַטאַסטראָפע האָבן זיך אין באַוואוסטזיין פון די בני־ישראל צוזאַמענגעבונדן מיטן ים־המלח און מיט די זאַלץ־פעלזן אַרום אים, און אויף אַזאַ אופן, הפנים, איז געשאַפן געוואָרן די לעגענדע וועגן אונטערגאַנג פון סדום און עמורה.

דער ירדן צעטיילט פאַלעסטינע אויף צוויי טיילן. צו מערב צו און צו מזרח פון ירדן. דער מזרח־ירדן טייל פון פאַלעסטינע איז אַ ווילד און אומפרוכפעריק לאַנד, אַ רוישיק לעבן באַמערקט זיך דאָרטן מער ניט ווי אין עטליכע אָאזיסן, וואָס געפינען זיך בײַ די ברעגעס פון די בערג־שטראָמען. דעריבער האָבן זיך די מענטשן בעיקר באַזעצט אין מערב־ירדן טייל. נאָר אויך דער טייל לאַנד איז ניט אַזוי רײַך און פרוכפעריק, ווי ס'האָבן געמאָלט די מרגלים פון די בני־ישראל. דאָס זעלבע משונהדיקע בילד פון לעבן און טויט קאָנטראַסטן, פון גרינע פלעקן אויף ווײַסן קאַלכשטיין, חזר'ט זיך אויך איבער אין גאַנץ מערב־ירדן טייל. אַלץ, וואָס איז צום ים צוגעווענדט, גרינט, און אַלץ — וואָס צום מדבר—איז טויט. נאָר דאָרט גרינט און לעבט, וואוהין ס'דערגרייכן די וואָלקנס, וואָס קומען אָן פון מיטללענדישן ים; און די וואָלקנס דערגרייכן אַהין, וואוהין די הויכע בערג פאַרצאַמען זיי ניט דעם וועג. אָט איז צו דרום־מערב צו פון ים כנרת פאַראַן אַ טײַכל קישון; עס האָט זיך דורכגעלייגט אַ ברייטע בעט אין קאַלכשטיין און האָט זיך דערשלאָגן ביזן סאַמע מיטללענדישן ים, די בערג האָבן זיך דאָ ווי פאַנאַנדערגערוקט און האָבן ווי געבילדעט אַ מין ברייטן קאָרידאָר, וואָס איז אָפן צום ים צו, געפינט זיך דאָ דער באַוואוסטער בליהעדיקער טאָל יזרעאל, וואָס איז באַדעקט מיט סעדער, ווײַנגערטנער, לאַנקעס און אַקער־פעלדער. בײַם צווייטן עק טאָל געפינען זיך די בערג גלבוע, דורך וועלכע די וואָלקנס קענען ניט דורכגיין, די בערג זײַנען העכער פאַר זיי, און וואָס זעהען מיר? אויף די מערב־זײַטן פון די בערג וואַקסן מעכטיקע דעמבעס און איילבירטבוימער, און די מזרח־זײַט צום ירדן צו שטעלט מיט זיך פאָר אַ וויסטן הוילן מדבר. דאָס זעלבע בילד באַמערקן מיר אויך ווײַטער. צו דרום צו פונם טאָל יזרעאל ציהט זיך אַ בערגיגער מדבר. נאָך אים גייט אַ לאַנד, וואָס איז אָפן צום ים צו און וואָס לאָזט זיך צו אים אַראָפּ ווי טרעפּנווייס, דאָ איז שוין ווידער אַ לעבן, אָבער ניט אומעטום, נאָר דאָרט, וואוהין די לופט־שטראָמען, וואָס גייען פון ים, קאָנען פאַרטראָגן די וואָלקנס. אַזעלכע ערטער איז דאָ אַ סך, און זיי אַלע זעהען אויס, ווי גרינע אינזלען אויף אַ ווײַסן קאַלך־ים. אָט דאָ האָט זיך אָפּגעשפּילט די געשיכטע פון די בני־ישראל, דער צפון־טייל פון

פּאַלעסטינע, פונם טאָל יזרעאל ביז מי=מירום האט אין אַלטערטום ניט געהאַט קיין גרויסע באַטייטונג. ערשט נאָך גלות=בבל האט דער טייל, וואו ס'געפינט זיך דער גליל, פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט אין לעבן פון די אידן. דאָ האט זיך אָנגעהויבן די טראַגעדיע, וועלכע האט זיך געענדיקט מיטן חורבן פון מלכות=יהודה; דאָ האט געלעבט און געפּרייַדיקט ישוע הנוצרי. ירושלים ליגט אין דרום=זייַט, אין איין ליניע מיט דעם אויסגוס פון ירדן אין אָנהויב פון ים=המלח. צו דרום צו פון ירושלים הויבט זיך ווידער אָן אַ ווילד לאַנד, אאזיסן טרעפן זיך אַלץ זעלטענער און זעלטענער, די קלײנע וועלדלאַך, וואס מיר באַגעגענען צו צפון צו, פאַרשווינדן און מע זעהט שוין מער ניט ווי אייַנצעלנע בוימער, ווי דער דעמב פון אַברהם אין חברון, און לסוף צו דרום צו פון חברון הויבט זיך אָן אַווירקליכער מדבר, וואס ציהט זיך ביזן רויטן=ים (ים=סוף). אָט ווי ס'זעהט אויס דאס לאַנד. מיר פאַרשטייַען איצט, אַז אין די אויגן פון די מדבר=אייַנוואוינער האט עס אפשר נאָך געקאנט אויסזעהן, ווי אַ לאַנד, וואס פליסט מיט מילך און האָניק: נאר אויב מיר זאלן עס פאַרגלייַכן, למשל, מיטן שכנישן מצרים, דער וואונדערבאַרער ברויט—קאַמער פון דרום, וועט זיך אַרויסווייַזן, אַז פּאַלעסטינע איז אַן אָרעם און וויסט=לאַנד. דאס איז, אמת, אַ שיין לאַנד, אבער זייַן שיינקייט איז אַן אייגנאַרטיקע: דאס איז ניט אַזאַ שיינקייַט, וואס פאַרשאַפט פאַרגעניגן אונזערע אויגן, ווי, אַ שטייגער, די וואונדערשיינע בערג פון גריכנלאַנד אדער די אַזוי גוט באַאַרבעטע זייַטן פון די אַלפּישע בערג; די שיינקייט פון פּאַלעסטינע איבעראַשט און רופט אַרויס עפּעס אַ מין אומרוהיקייַט, ווייַל אין פּאַלעסטינע דאַרף מען זייַן גרייַט אויף יעדן טריט צו באַגעגענען עפּעס אונערוואַרטעדיקס, און דער שטענדיקער איבערגאַנג פון טויט=שטילקייַט צום גערוישיקן לעבן מאַכט אונז מיד. אַ קליין פאלק האט נאָך געקאנט דארטן לעבן אין וואוילטאג, ווייַל אויף די פון רעגן באַוואַסערטע זייַטן פון די בערג זייַנען געוואַקסן פייַגנבוימער, טייַטלבוימער און מילגרוימען און ס'איז געווען אַ גוטע גערעטעניש אויף גערשטן, ווייץ און ווייַנטרויבן. אין אַ טריקעניש אבער איז פּאַלעסטינע געשטאַנען פאַר אַ סכנה פון אַזאַ מין הונגער, וועגן וועלכן מיר קאנען אין אונזערע צייַטן אַפילו קיין פאָרשטעלונג ניט האבן. דאַן גאַנצע גראָז פלעגט אויסגעברענט ווערן, אויסגעטריקנט פלעגן ווערן אַלע טייַכלאַך, מענטשן און בעלי=חיים פלעגן אומקומען פון הונגער אָן אַ שום האפענונג אויף וואַסערע ניט איז הילף פון ערגעץ.

פּאַלעסטינע איז ניט געווען דער געבויר=אָרט פון די בני=ישראל, זיי

זייַנען אָנגעקומען אַהין, ווען דאָרט האָט שוין געוואוינט אַן אַנדער קרובה'שער מיט די בני־ישראל פאָלק. פּאַלעסטינע איז געווען דער גרויסער וועג, דורך וועלכן ס'פלעגן זיך אַ מאָליקע יאָרן פאַרקערן איינס מיטן אַנדערן די לענדער, וואָס ליגן אויף ביידע זייַטן פון אַראַבישן מדבר. בייַם ים־סוף, בייַם ברעג אַראַביען, אין די אַאַזיסן—דאָרט איז געווען דער געבויר־אָרט פון די שמ'ישע אָדער סעמיטישע פעלקער, פון די אַלע קרובה'שע צו די אידן פעלקער און, פאַרשטייט זיך, אויך דער געבויר־אָרט פון די בני־ישראל גופא. אין ביבל ווערט דערציילט, אַז אַט די אַלע פעלקער שטאַמען פון נח'ס זון שם און מחמת דעם האָבן די געלערטע די אַלע פעלקער אָנגערופן מיטן נאָמען סעמיטן. איינג איז געוואָרן די טקמיכן אין די אַאַזיסן פון אַראַביען און איין שבט נאָכן אַנדערן, האָט אָנגעהויבן אַוועקצו גיין זוכן זיך אַן אַנדער וואוינאָרט, צו מערב צו, אין פרוכטבאַריקן טאָל פון טייַך נילוס האָט מען ניט געקאָנט אַרייַנדרינגען—ער איז שוין פון לאַנג אָן געווען פאַרנומען פון די מעכטיקע מצרים, וועמען ס'האָט זיך גיך מיט דרייַ טויזנט יאָר פאַר קריסטוס געבוירן אייַנגעגעבן באַהערשן דעם טייַך, דורכפירן קאַנאַלן, מאַכן קינסטליכע אָזערעס און דאַמבעס. דער שטראָם פון די סעמיטישע איבערוואַנדערער האָט געמוזט דעריבער זיך אַ נעם טאָן פון ים־סוף אויף רעכטס צו צפון־מזרח צו; דורכגייענדיק דעם מדבר סיני, קומען זיי גלייַך אַרייַן אין פּאַלעסטינע. די ערשטע, וואָס זייַנען דורכגעגאַנגען דורך פּאַלעסטינע, זייַנען געווען די; פון וועלכע ס'האָט זיך שפּעטער אויסגעבילדעט דאָס בבלישע פאָלק. דאָס איז געווען אַ וועלכע $3\frac{1}{2}$ טויזנט יאָר פאַר קריסטוס געבוירן. דער שטראָם פון די בבלישע איבערוואַנדערער האָט זיך ניט פאַרהאַלטן אין פּאַלעסטינע — נאָך די בליהענדיקע אַאַזיסן פון גליקליכן אַראַביען האָט זיי דאָס דאָזיקע לאַנד אויסגעוויזן צו געמיין און אומבאַקוועם אויף זיך דאָרט צו באַזעצן. זיי זייַנען דורכגעגאַנגען גאַנץ פּאַלעסטינע און דורך די בערג—דורכגייענג פון לבנון און אַנטי־לבנון זייַנען זיי אַרייַנגעדרונגען אין טאָל, וואָס בייַ די טייַכן פרת און חידקל. דאָרטן האָבן זיי זיך באַזעצט און מיט דער צייַט האָבן זיי זיך אויסגעמישט מיט דער באַפעלקערונג, וואָס האָט זיך שוין דאָרט פון פריהער געפונען, מיט די סומערן, וועלכע האָבן שוין צו יענער צייַט געהאַט באַאַרבעט דאָס לאַנד, באַדעקט עס מיט אַ נעץ פון קאַנאַלן, אויסגעבויט שלעסער און טעמפּלען פאַר זייערע געטער. נאָר אַ טייל פון די דאָזיקע אייַנוואַנדערער איז פאַרבליבן אין די בערג־שפּאַלטן, דאָרט, וואו די טייַכן פרת און חידקל הויבן זיך אָן; אין צוויי טויזנט יאָר אַרום זייַנען זיי פון דאָרט אַרונטער אין טאָל בייַ די טייַכן

פרת און טיגער, און דאַן האָט זייער נאָמען, דער נאָמען פון אשורים, אָנגע=
הויבן קלינגען איבער דער גאַנצער וועלט. די אשור=בבלישע מלוכה איז געווען
אַ שטענדיקער שונא פון די בני=ישראל און לסוף האָט זי חרוב געמאַכט זייער
מלוכה. נאָר אינאיינעם מיט טויט, שריפות און אַנדערע קריגס=שרעקן האָבן די
אשורים און בבלים געבראַכט קיין פּאַלעסטינע אויך קולטור און וויסנשאַפט.
וויסנשאַפט און טעכניק האָבן די בני=ישראל איבערגענומען בײַ די בבלים. בײַ
זיי האָבן זיי זיך געלערנט אַלערליי „חכמות“, און אויך צו בויען גרויסע בנינים,
ווי שלמה'ס בית=המיקדש, קיניגליכע פּאַלאַצן און וואַסערלייטונגען פלעגן זיי
אײַנלאַדן פעניקיאישע מייסטערס, וועלכע האָבן זיך אויך אויסגעלערנט בײַ די
בבלישע און מצרישע מייסטערס.

מיט אַ יאָר טויזנט נאָך די בבלים איז אין פּאַלעסטינע אָנגעקומען אַ נײַער
שטראָם פון איבערוואַנדערער. די לעצטע האָבן שוין געמוזט פאַרבלײַבן אין פּאַ=
לעסטינע און אין אירע ברעג=לענדער, ווײַל דאָס לאַנד צו צפון צו פון פּאַ=
לעסטינע איז שוין געווען באַזעצט פון די פריהערדיקע איבערוואַנדערער. פון די
פעלקער, וועלכע זײַנען אנגעקומען קיין פּאַלעסטינע 2500 יאָר פאַר קריסטוס
געבוירן, האָט פּאַלעסטינע באַקומען איר פּאַרציײַטיקן נאָמען. זיי האָט מען גע=
רופן מיט אַן אַלגעמײַנעם נאָמען כ נ ע נ י ם, און פּאַלעסטינע באַקומט אויך פון
דעמאָלט אָן דעם נאָמען דאָס לאַנד כנען. פון די נײַע איבערוואַנדערער האָבן
זיך ווײַטער פאַר אַלע פאַרקליבן די, וועלכע ווערן שפּעטער באַוואוסט מיטן נאָ=
מען פעניקיער. זיי זײַנען דערגאַנגען ביז די בערג=לבנון, פון דאָרט זיך אַ קער
געטאָן צום ים און האָבן פאַרנומען דעם שמאָלן ברעג=פּאַס, וואָס צווישן לבנון
און ים. זײַענדיק צונויפגעדריקט צווישן די בערג און צווישן ים, זײַנען זיי געווען
גענויט ציהען זייער חיונה פון ים. תחילת זײַנען זיי געווען פישער. שפּעטער אָבער
האָבן זיך זייערע פישער=ישובים פאַרוואַנדלט אין גרויסע האַנדל=שטעט, און זיי=
ערע שיפן האָבן דורכגעשניטן דעם גאַנצן מיטללענדישן ים. און אומעטום גע=
פירט סחורות פון בבל, ברויט און פּאַפּירוס פון מצרים. אין יענע ווײַטע צײַטן
זײַנען די אײַנוואוינער פון הײַנטיקן גריכנלאַנד, איטאַליען, דרום=פראַנקרײַך און
שפּאַניען געווען נאָך פראים אין פאַרגלײַך מיט די פעניקיער. די פעניקיער האָבן
אין פיל שטעט בײַם ברעג ים געגרינדעט זייערע האַנדלס=קאָנטאָרן און האָבן
אָנגעהויבן פירן מיט די אָרטיקע אײַנוואוינער אַן אויסבייטס=האַנדל. די פעניקיער
זײַנען געווען די ענגלענדער פון דער אַלטער וועלט; זיי האָט זיך געדוכט, אַז
דאָרט, וואו זייערע שיפן גייען ווײַטער ניט, הינטערן מערב=ברעג פון שפּאַניען,



דער ים—המלח

דאָרט ענדיקט זיך די וועלט. דאָ, האָבן זײ געזאָגט, אָנװײַזנדיק אויף די צװײ פעלזן, װעלכע שטײען אײנער אַנטקעגן דעם אַנדערן אויפן ברעג פון אַפריקע און פון אײראָפּע, דאָ האָט מעלקאַרט, ער גאָט פון דער זון, אַװעקגעשטעלט זײַנע זײַלן פאַר אַ צײכן, אַז דאָ ענדיקט זיך די װעלט; װײַטער גײט שוין דער אָקעאַן, װאָס רינגלט אַרום פון אַלע זײַטן די ערד, דער זעלבער אָקעאַן, װאָהין מעלקאַרט לאָזט זיך אַראָפּ יעדן באַנאַכט.

פּאַלעסטינע האָט פאַרנומען דער כנענישער שבט אמורי; ער האָט פאַרנומען דאָס גאַנצע מערב-ירדן לאַנד און אויך אַ טײל פון מזרח-ירדן, נעהענטער צום טײַך. צו דרום צו פון ים-המלח, אויפן סאַמע גרעניץ פון מדבר האָבן זיך באַזעצט די בני-אדום, צו צפון צו פון זײ — די בני-מואָב, נאָך װײַטער צו צפון צו — די בני-עמון, אָט די אַלע דרײַ פעלקער זײַנען גאָר קרובה'שע מיט די אידן, און אײניקע געלערטע רעכענען אַפילו צו די אדומים, מואבים און עמונים צו די אידן. די נאָהענטע קרובה'שאַפט האָבן אָנערקענט אויך די בני-ישראל. אין ביבל געפינען מיר אַזאַ דערצײלונג: בײַ יצחק'ן, אַברהם'ס זון, איז געבאָרן געװאָרן אַ צװילינג, צװײ זין, עשו, װעלכן מע האָט גערופן אויך אדום, און יעקב, װעלכער האָט שפּעטער באַקומען דעם נאָמען ישראל. אדום איז געװאָרן דער שטאַמפאָטער פון די אדומים, און פון יעקב'ס צװעלף זין זײַנען אַרױס די צװעלף שבטים פון די בני-ישראל. די קרובה'שאַפט צװישן ישראל מיט מואב און עמון איז, לױט דער מײנונג פון די בני-ישראל, נאָך עלטער. מואב און עמון, די שטאַמפאָטערס פון די בני-מואב און די בני-עמון, זײַנען געװען, לױט דעם, װי ס'דערצײלט די ביבל, קינדער פון לוט'ן, אַברהם'ס פּלעמעניק; דאָס הײסט, אַז די בני-ישראל אַלײן האָבן געהאַלטן, אַז זײ מיט די בני-מואב און די בני-עמון האָבן געהאַט אײן שטאַמפאָטער, תרח'ן, אַברהם'ס פאָטער און לוט'ס זײדע. די דאָזיקע לעגענדעס האָבן געזאָלט דערקלערן ניט נאָר די נאָהענטע קרובה'שאַפט פון די דאָזיקע פעלקער, נאָר אויך זײער נאָהענטע שכנות'שאַפט. װען די בני-אדום האָבן זיך באַזעצט אויף די דרום-מזרח'דיקע ברעגעס פון ים המלח, האָבן די בני-ישראל געהאַלטן זײער פּיה אין מדבר אין נאָהענטער שכנות מיט זײ; די בני-מואב און די בני-עמון האָבן אויך געלעבט ניט װײַט פון זײ אויפן מזרח-ברעג פון ים המלח, װעלכן, װי דער לעזער געדענקט, די לעגענדע בינדט אויך צונויף מיט לוט'ן.

די אדומים, מואבים און עמונים זײַנען געװען האַלב-װילדע בערג שבטים; ניט אומזיסט רעדט װעגן זײ די ביבל מיט פאַראַכטונג. די אמורים אָבער, װעלכע

האָבן פאַרנומען דאס לאַנד צו מערב צו פון ירדן, האָבן שוין דערגרייכט צו אַ היבשער מדרגה פון מאַכט און קולטור. אין די אוראַלטע אויפשריפטן פון די בבלישע מלכים זיינען פאַראַן פיל דערציילונגען וועגן די פאַרביטערטע מלחמות, וואָס די בבלים האָבן געפירט מיט די אמורים. סוף כל סוף האָבן די אמורים גובר געווען, און זייערע קיניגן האָבן אין אַ משך פון כמעט טויזנט יאָר גע־וועלטיקט איבער בבל. אַ קורצע צייט זיינען די אמורים געווען אונטער דער הער־שאַפט פון מצרים; נאָר אין דער צייט, ווען די בני־ישראל האָבן פאַרנומען כנען, זיינען די אמורים געווען אַ זעלבסטשטענדיק פאָלק. אין די אוראַלטע קברים־בערג־לאַך, וואָס זיינען פאַרבליבן פון די אמורים, האָט מען אויסגעגראָבן פיל געשיר, געווער און בילדער פון געטער. ווי ס׳ווייזט אויס, האָבן די אמורים נאָך ניט באַנוצט זיך מיט קיין אייזן, נאָר זיי האָבן שוין גוט געקענט מאַכן געציייג פון בראָנזע. זיי האָבן געוועבט פיינעם געוועב, פון שטיינער האָבן זיי געמאַכט פרעסן אויף אויסצוקוועטשן וויינטרויבן, זיי האָבן געגראָבן טיפע ברונעמס און אָרומ־געלייגט זיי מיט שטיינער, כדי צו באַוואָרענען זיך מיט וואַסער אויף די צייטן, ווען ס׳פלעגט ניט זיין קיין רעגן. זייערע פירשטן האָבן געלעבט אין באַפעס־טיקטע שלעסער, וואָס האָבן זיך אָנגערופן שטעט, און זיי האָבן געהערשט אי־בער דעם גאַנצן געגנט; אויף אַ מלחמה פלעגן זיי אַרויספירן זעלנערס, באַוואָ־פנטע מיט געווער פון בראָנזע. די געמיינע מענטשן האָבן זיך באַגנוגט מיט שטיינערנע אינסטרומענטן, ווייל בראָנזע איז געווען צו טייער פאַר אָרימע לייט. אָט דאס זיינען געווען די שונאים, מיט וועלכע די בני־ישראל האָבן געהאַט צו טאָן, בשעת זיי זיינען אַריינגעדרונגען אין כנען. נאָר צו זייער גליק האָבן די אמורים ניט געהאַט קיין איינהייטליכע מלוכה, זייערע פירשטן האָבן זיך אָפט גע־ריסן צווישן זיך און געפירט מלחמה איינער מיט דעם צווייטן, אָט די דאָזיקע רייסערייען האָבן געהאָלפן די בני־ישראל איינצונעמען דאס גאַנצע לאַנד כנען.

III.

די בני־ישראל אין מדבר.

אין דער צייט, ווען אין פאַלעסטינע האָבן די איינשטאַמיקע מיט די בני־ישראל פעלקער שוין געפירט אַן איינגעזעסן לעבן, שוין באַקאַנט געווען מיט ערד־אַרבעט און האַנטווערקעריי, האָבן נאָך די בני־ישראל געוואַנדערט מיט זיי־

ערע סטאַדעס איבערן מדבר. זיי האבן געוואַנדערט איבערן מדבר פון איין אאזיס
אין דעם צווייטן צו דרום צו פון פאַלעסטינע, פלעגן אפט פאַרגיין אין דרום=
פאַלעסטינע, אין בערגיק לאַנד צו מערב צו פון ים=המלח, און אַמאל אויך אין מצרים,
און פלעגן אַמאל אויך דערגרייכן ביזן ברעג פון מיטללענדישן ים. קומענדיק
צו אַ פיטער=פלאַץ ערגעץ אין אַן אאזיס, פלעגן זיי דארטן פאַרשפּרייטן זייערע
געצעלטן, כדומה אַברהם'ס געצעלט ביים דעמב פון ממרא. אויף די ווענט אין
די פאַלאַצן פון די אשורישע מלכים געפינען מיר בילדער פון די דאָזיקע פשוטע
געצעלטן. אין דר'ערד פלעגט מען אַריינשלאָגען אַ סלופּ, אַמאל אַן איינפאַכן גיך
אַרומגעהאַקטן שטאַם פון אַ בוים; עטוואָס העכער פון מיטן סלופּ פלעגט מען
צושלאָגן צו אים צוויי דיאַמעטראַלע באַלקנס, איינעם רעכטס, דעם צווייטן
לינקס, אַזוי, אַז זיי זאלן גיין עטוואס הינטער צו און אין דער הויך. אויף דע=
רויף פלעגט מען אַרויפוואַרפן אַ פעל אדער שטיקער געוועלקטע גראָבע וואלנס—און
דער געצעלט איז פאַרטיק. אינעווייניק פלעגט מען פון שטיינער אויסלייגן אַן
אָרט פאַרן פייער, און אַביסל שטרוי, צוגעדעקט מיט פעל, האט געדינט פאַר אַ
געלעגער, דעם געצעלט פלעגט מען אָפט טיילן מיט אַ פעלענעם פאָרהאַנג אויף
צוויי העלפטן, אַ מאַנסבילשע און אַ ווייבערשע. אויב אין דער משפחה איז געווען אַ
סך פרויען, פלעגט מען פאַר זיי מאַכן אַ באַזונדערן געצעלט. די אַראַבישע בע=
דואינער מאַכן נאך עד היום פאַר זיך געצעלטן, ענליכע אויף די, פון וועלכע
איך האב אקארשט דערציילט. אין זייערע געצעלטן ביים ברעג טייך, אונטערן
שאטן פון פאַלמעס אָדער פייגנבוימער, פלעגן די בני=ישראל בלייבן אויף איין
אָרט, כל זמן זייער פיה האבן ניט אָפּגעגעסן דאס גאַנצע גראָז. איז דער אאזיס
געווען אַ גרויסער, פלעגן די בני=ישראל פיל יאָרן פאַרברענגען דאָרט. און דע=
מאָלט פלעגן זיי גאַנץ פרימיטיוו צעגראָבן די ערד און פאַרזייען זי מיט פאַר=
שיידענע תבואות. גערשטן=ברויט און מילך איז געווען זייער באַליבטע שפּייז
נאָר צוליב אַ בכבודיקן גאַסט פלעגט מען שעכטן אַ שעפּעלע, און בשעת מע פלעגט
ברייננגען אַ קרבן פאַר גאָט, וועלכער האט געפאָדערט בלוט=קרבנות, פלעגט מען
אויפעסן דאס פלייש פון די קרבנות: לכבוד גאָט פלעגט מען פאַרברענען נאָר
אַ טייל פון די געדערים, און דאס גאַנצע איבעריקע פלעגן אויפעסן די מענטשן.
אין זיכרון פון די בני=ישראל איז געבליבן איינער פון אַ זעלכע לאַנגדויעריקע
אָפּשטעלן אין אאזיס קדש, ניט ווייט פון באַרג סיני. די מסורה דערציילט, אַז
אַמאל איז געווען אַ גרויסע אומגערעטעניש און אַ שרעקליכער הונגער, און דאַן
איז דער שטאַמפאָטער פון די בני=ישראל, יעקב, אַוועק מיט זיין גאַנצער משפּחה

קיין מצרים. די בני־ישראל איז מצרים אזוי גענומען געוואָרן, אַז זיי האָבן געוואָלט דאָרט פאַרבלייבן אויף שטענדיק. נאָר פרעה האָט איבערגעלייגט אויף זיי שווערע אַרבעט און געוואָלט זיי מאַכן פאַר זיינע קנעכט. האָבן די בני־ישראל געשריען צו זייער גאָט, יהוה, און ער האָט זיי געשיקט אַן אויסלייזער, משה'ן וועלכער האָט זיי אויסגעלייזט פון מצרים. קומענדיק צוריק אין זייער מדבר, האָבן זיי זיך באַזעצט אין אַאויס קדש, און דאָ האָט זיי משה געגעבן די תורה, וועלכע ער האָט באַקומען פון גאָטס הענט, און האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן גיין אין לאַנד כנען. די מסורה גיט איבער, אַז יהוה האָט באַשטימט דאָס דאָזיקע לאַנד פאַר די בני־ישראל פאַר אַ נחלה און אַז גאָט האָט פאַר זיי מלחמה געהאַלטן ביים איינעמען דאָס לאַנד.



דער ברונעם אין באר־שבע.

כל זמן די בני־ישראל האָבן געפירט אַ וואַנדער־לעבן אין מדבר, האָבן זיי נאָך ניט פאָרגעשטעלט קיין איין גאַנץ פאָלק; זיי האָבן זיך געטיילט אויף קליינע שבטים. יעדער שבט האָט געהייסן נאָך דעם נאָמען פון זיין לעגענדאַרישן שטאַמפאָטער — יהודה, אפרים, מנשה און א. וו. אדער בני־יהודה, בני־אפרים און א. וו. דער חומש ציילט אַן צוועלף שבטים; די צאָל צוועלף איז געווען אין אַלע מזרח־לענדער אַ הייליקע, אַ צויבער צאָל. אין יאָר איז צוועלף חדשים

די זון מאכט דורך איר קרייז איבערן הימל דורך צוועלף מזלות. און אין גאנצן מזרח האט מען ? געהאט צו באנוצן ביים ציילן די הייליקע צאל צוועלף מיר ציילן צענדליגווייס, און די בבלים האבן געציילט צו צוועלף. ווען מיר כופלען צוועלף אויף פינף, באקומען מיר זעכציג,—ווייטער א הייליקע צאל. א וואך האט זיבן טעג, לויט [illegible] דער זון, דער לבנה און די פינף פלאנעטן, פון וועלכע ס'האבן געוואוסט די בבלים און וועלכע מ'קען זעהען מיט פשוט'ן אויג (מערקור, ווענוס, מארס, יופיטער, און סאטורן). דעריבער איז די צאל זיבן אויך א הייליקע און אויך זיבעציג איז א הייליקע צאל. די געלערטע בני-ישראל, וועלכע האבן איבערגענומען פון די בבלים אלע זייערע חכמות, האבן זעהר ליב געהאט די דאזיקע הייליקע צאלן און פלעגן מיט זיי זיך שטענדיק באנוצן, ווי מיר זעהען דאס אין ביבל. זיי האבן אנגערעכנט צוועלף שבטים בא די בני-ישראל, נאר אין אמת'ן איז די צאל שבטים, ווייזט אויס, געווען גרעסער. מיר ווייסן גענוי, אז אין דרום-טייל פון פאלעסטינע, אין די בערג, האט אין דוד המלך'ס צייטן געלעבט א אידישער שבט כלב. פון דעם דאזיקן שבט דערציילט אונז די געשיכטע פון דוד המלך. און דער שבט ווערט דאך ניט דערמאנט צווישן די צוועלף שבטים אין חומש. ס'איז מעגליך, אז חוץ דעם שבט כלב, זיינען געווען נאך שבטים, נאר אזעלכע קליינע, אז ביים אייננעמען פאלעסטינע זיינען זיי אויסגע'הרג'עט געווארן אדער זיי האבן זיך אויסגעמישט מיט די כנענים און פון זיי איז קיין שום זכר ניט געבליבן.

די משפחות, וועלכע האבן געהערט צו איין שבט, פלעגן זיך באזעצן איינע נעבן דער אנדערער און ביים איבערוואנדערווען פון איין ארט אויף דעם צווייטן פלעגן זיי גיין צוזאמען. נאר בכלל זיינען די משפחות פון איין שבט ניט אזוי אייננג געווען צוזאמענגעבונדן איינע מיט דער צווייטער. א פעסטער צוזאמענבונד איז געווען צווישן די מיטגלידער פון איין משפחה. אין די אידישע לעגענדעס, אין וועלכע ס'דערציילט זיך פון דעם וואנדער-לעבן פון די אידן, געפינען מיר לעבעדיקע בילדער פון זייער פאמיליען-לעבן; די בילדער זיינען אפט זעהר מילדע און ליבליכע און אמאל אויך ניט זעהר קיין שיינע. מיר דערוויסן זיך, אז די משפחה פון די בני-ישראל איז געווען פיל גרעסער, ווי בא אונז; צו דער משפחה האבן געהערט ניט נאר דער פאטער, די מוטער און די קינדער. דער ראש פון דער פאמיליע איז דער פאטער; ער קאן טאן אלץ, וואס ער וויל, און ער געוועלטיקט אויפן לעבן און טויט פונם גאנצן הויזגעזינט. אין ביבל ווערט דערציילט, אז אברהם דער שטאמפאטער פון די אידן,

האט געוואָלט ברייִנגען פאַר אַ קרבן זייַן אייִנאייִנציקן זון יצחק; זייַן צווייִטן זון, ישמעאל, מיט זייַן מוטער, הגר, האט ער אַרויסגעטריבן אין מדבר, הגם זיי האבן דאָרטן געקאָנט אויסגייִן פאַר הונגער און דורשט. דער ראש פון דער משפחה האט געקאָנט האבן עטליכע ווייַבער; יעקב האט געהאַט פיר ווייַבער, און זיי האבן אים געבוירן צוועלף זין און איין טאָכטער. ווען די זין פלעגן חתונה האבן, פלעגן זיי זיך ניט אַלעמאל אָפּטיילן פון דער משפחה, נאָר אָפט בלייַבן אויך ווייַטער לעבן צוזאַמען, און דאַן פלעגן אָפט פאָרקומען פאַרשייִדענע סכסוכים צווישן דער שוויגער מיט די שניר. אַ כלה פאַרן זון פלעגט אויסגעפינען דער פאָטער. וועגן דעם מנהג געפינען מיר אין חומש זעהר אַ שייִנע מעשה, ווי אברהם האט געזוכט אַ כלה פאַר זייַן זון יצחק. אַז אברהם איז אַלט געוואָרן, האט ער באַשלאָסן צו געפינען פאַר זייַן זון יצחק אַ ווייַב. ער האט גערופן צו זיך זייַן טרייַען קנעכט און געשיקט אים אין ארם נהרים (מעסאָפּאָטאַמיע) זוכן אַ כלה פאַר זייַן זון. מ׳האט אנגעלאָדן צען קעמלען מיט אַל דאס גוטס, אויף מתנות פאַר דער כלה און אויף צו באַצאָלן פאַר איר אויסקויף געלט (מוהר) דער קנעכט האט זיך געלאָזן אין וועג און איז אָנגעקומען אין שטאָט נחור, ער האט זיך אָפּגעשטעלט מיט זייַנע קעמלען אויסער דער שטאָט בײַ אַ ברונעם און האט פאַרטראַכט: ווען די פרויען פון שטאָט וועלן קומען מיט זייַערע קריגלאַך נאָך וואַסער, וועל איך בײַ אייִנער פון זיי בעטן זיך אָנטרינקען און אויב די, בײַ וועלכער איך וועל בעטן, וועט געבן צו טרינקען ניט נאָר מיר, נאר אויך מייַנע קעמלען, וועט עס זייַן די, וועלכע איז פון גאָט באַשערט פאַר יצחק׳ן. געזאָגט און געטאָן: ס׳קומט פון שטאָט די שייִנע רבקה, די טאָכטער פון בתואל, מיט איר קרוג אויפן אַקסל; זי האט אָנגעשעפּט וואַסער און וויל שוין גייִן צוריק. דער קנעכט איז געלאָפן איר אַנטקעגן און ווענדט זיך צו איר מיט זייַן בקשה. זי האט געזאָגט „טרינק, מייַן האַר“; נאָכדעם ווי זי האט אים אָנגעטרונקען, האט זי אָנגעהויבן שעפּן וואַסער אויך פאַר די קעמלען, ביז זי האט זיי אַלעמען אָנגעטרונקען. דער קנעכט האט איר געגעבן אַ גאָלדן אויערינגל און אָרעמבענדער און האט זיך פונאַנדערגערעדט מיט איר; דאס מייִדל איז געשווינט געלאָפן אַ היים און האט דערציילט אַלץ, וואס מיט איר האט זיך געטראָפן. אַז איר ברודער לבן האט דערהערט, וואס זי דערציילט, האט ער גלייַך פאַרבעטן דעם קנעכט מיט זייַנע קעמלען צו זיך אין שטוב אויף נאַכטלעגער; דער קנעכט האט עס מיט שמחה אָנגענומען און נאָכדעם ווי ער האט אפּגעזאָטלט די קעמלען און געגעבן זיי עסן, האט ער דערציילט, צוליב וואָס ער איז

געקומען און האט געבעטן, אַז זיי זאָלן געבן רבקה׳ן יצחק׳ן פאַר אַ אַפרוי. רבקה׳ס קרובים האבן דערויף מסכים געווען; דאַן האט דער קנעכט אַרויסגענומען זילבערנע און גילדענע זאַכן און געגעבן מתנות רבקה׳ן, איר מוטער און איר ברודער. אויף מאָרגן האבן זיי רבקה׳ן געבענטשט; „אונזער שוועסטער, זאָלן פון דיר געבאָרן ווערן טויזנט טויזנטער, און זאָלן דיינע קינדער הערשן איבער די געצעלטן פון זייערע שונאים”; געגעבן איר דינסטן און אָפּגעלאָזן צו יצחק׳ן. און יצחק, וואַרטנדיק אויף זיין באַשערטע, איז אַרויסגעגאַנגען פאַרנאַכט שפּאַצירן אין פעלד; ער האט זיך פאַרטראַכט, פלוצלונג זעהט ער—ס׳גייען קעמלען. רבקה האט אַ קוק געטאָן, דערזעהן יצחק׳ן, האט זי זיך אַראָפּגעלאָזט פון קעמל. זי האט זיך צוגעדעקט מיט אַ שלייער, איז צוגעגאַנגען צו יצחק׳ן, און יצחק האט זי צריי־געפי־ט אין געצעלט פון זיין מוטער, שרה, וועלכע איז ניט לאַנג פאַר דעם געשטאָרבן; זי איז געוואָרן זיין ווייב, און יצחק האט זיך געטרייסט אין זיין צער נאָך זיין מוטערס טויט.

צו דער משפחה האבן באַ די בני־ישראל געהערט ניט נאר די ווייבער און קינדער, נאר אויך די קנעכט, אויב די משפחה האט זיי געהאַט. קנעכט באַקומען איז געווען זעהר שווער; נאר דורך אַ צופאַל אָדער פאַר אַ טייערן פרייז פלעגט מען זיי קריגן. עפטער פאַר אַלץ פלעגט מען באַקומען קנעכט דורך אַ מלחמה. אַ שרעקליכער מנהג איז געווען באַ די בעדואינער: בלוט פאַר בלוט, אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ צאָן פאַר אַ צאָן. דאס האט געהייסן, אַז פאַר יעדע באַליידיגונג און פאַר יעדן היזק, האט מען געמוזט זיך אָפּרעכענען מיט אַ גלייכער באַליידיגונג אָדער גלייכן היזק. ווען אימיצער פלעגט באַליידיגן אָדער דער׳הרג׳ענען אַ מיטגליד פון אַ פרעמדן שטאַם, פלעגט זיך אָנהויבן אַ בלוטיקער קאַמף צווישן דעם שטאַם פון דעם באַליידיגער און דעם שטאַם פון דעם באַליידיגטן, און דער געלער זאַמד פון מדבר פלעגט רויט ווערן פון פאַרגאָסענעם ברידערליכן בלוט; אין דער מלחמה פלעגן זיך אָפּט אַריינמישן גאַנצע שבטים. די מלחמה פלעגט דויערן, ביז ס׳פלעגט געשלאָסן ווערן אַ שלום אויף באַשטימטע תנאים, אָדער ביז איין צד האט לגמרי ניט מנצח געווען דעם צווייטן. ווי איז געווען צום באַזיגטן צד; אויב מען פלעגט אים ניט אינגאַנצן פאַרטיליקן האט מען די פאַרבליבענע געמאַכט פאַר קנעכט. אין חומש ווערט דערציילט וועגן אַזאַ מין שרעקליכער נקמה: צוויי שבטים, שמעון און לוי, האבן זיך אָנגענומען פאַרן פאַרשוועכטן כבוד פון אַ מיידל, זייערע אַ קרובה, און זיי זיינען אַרויס מיט אַ מלחמה קעגן דעם שבט, פון וועלכן ס׳האט געשטאַמט דער באַליידיגער, די בני־

חמור. די באַליידיגער זיינען געווען באַזיגט און זייער גורל איז געווען אַ שרעקליכער: שמעון און לוי זיינען אָנגעפאַלן אויף די שטאָט פון די בני=חמור, האָבן אויסגעה'רג'עט אַלע מענער, צעראַבירט די שטאָט, אַוועקגענומען דאָס גאַנצע פיה, און געמאַכט פאַר קנעכט די פרויען און קינדער. נאָר בײַ אַזעלכע באַדינגונגען, האָט קיין גרויסע צאָל קנעכט ניט געקענט זיין. די קנעכט האָבן געלעבט צוזאַמען מיטן הויזגעזינט פונם האַר, און זיי פלעגן גאַנץ גיך ווערן אייגענע מענטשן, מיטגלידער פון משפחה. דעם קנעכטס קינדער פלעגן וואַקסן און שפּילן זיך מיט די קינדער פון זייערע האַרן. די קנעכט פלעגט מען איבערגעבן פאַראַנטוואָרטליכע שליחות, אַזוי האָט אַברהם אײַנעם פון זיינע קנעכט פאַרטרויט זוכן אַ כלה פאַר יצחק'ן; אַן אַנדער קנעכט איז געווען דער פאַרוואַלטער פון אַברהם'ס גאַנצן האָב און גוטס, און ווען אַברהם איז אַלט געוואָרן און האָט קיין קינדער ניט געהאַט, האָט ער מורא געהאַט, אַז זיין גאַנצן פאַרמעגן וועט מוזן ירשענען דער דאָזיקער קנעכט. נאָר ניט אַלע אידן האָבן געהאַט קנעכט. בשעתן וואַנדערן אין די וויסטע מדבריות, פלעגט זיי אָפט אויסקומען ליידן גרויסע צרות, איבערהויפּט דעמאָלט, ווען מחמת די גרויסע היצן פלעגט אויסגעטריקנט ווערן דאָס גראָז אַפילו אין די סאַמע בליהעדיקע אָאַזיסן, און דאַן פלעגן זיי אויסגיין פאַר הונגער. אַזעלכע שלעכטע צייטן פלעגן אויסנוצן די הענדלער מיט לעבעדיקער סחורה, טאַקע די זעלבע פעניקיער. די פאָדערונג אויף קנעכט איז געווען זעהר גרויס אין בבל, מצרים, און אין פעניקיען גופא: די קנעכט פלעגן אַרבעטן אין די וואַרשטאַטן, גראָבן קאַנאַלן, רודערן אויף די גרויסע פעניקיער ים=שיפן. ווען פאַר די מדבר=שבטים פלעגן אָנקומען שווערע צייטן, און זיי פלעגן ליידן פון הונגער, פלעגן די פעניקיער פון דעם צו וויסן געבן די האַלב=רויבערישע שבטים, וועלכע האָבן געלעבט בײַ די גרעניצן פון פעניקיען און יענע פלעגן זיך נעמען פאַר זייער אַרבעט. פאַר אַלערליי קליינקייטן, פאַר אַ זעקל ברויט אָדער פאַר אַ הייפעלע געלט פלעגן די פאַסטוכער פאַרקויפן פאַר קנעכט זייערע קרובים און אייגענע די עלטערע ברידער האָבן געהאַט דאָס רעכט צו פאַרקויפן די אינגערע, דער פאָטער — יעדערן פון זיין משפחה. אויף אַזאַ אופן פלעגן די מדבר=וואַנדערער אָפטמאָל אַריינפאַלן אין גאָר ווייטע און פרעמדע לענדער. אַלעמען איז באַקאַנט די מעשה מיט יוסף'ן, וועמען זיינע ברידער האָבן פאַרקויפט אַזעלכע האַלב=רויבער, האַלב=סוחרים. יוסף'ן האָט מען פאַרקויפט קיין מצרים, און דאָ, אין דעם וואונדערבאַרן לאַנד, האָט זיך מיט אים פּאַסירט איין נס נאָכ'ן אַנדערן, ביז ער האָט, ווי ס'פּאַסט פאַר אַן אומשולדיק געליטענעם העלד פון אַ מעשה, דערגרייכט

די העכסטע מדרגה פון כבוד און מאַכט. דאָן זייַנען מקוים געוואָרן זייַנע נביאָ־שע חלומות, פאַר וועלכע זייַנע ברידער האָבן אים אַזוי פייַנט געקראָגן; ניט נאָר די ברידער, נאָר אויך דער פאָטער האָט זיך געמוזט צו אים בוקן און בעטן זייַן שוץ. די מעשה מיט יוסף'ן באַווייַזט, אַז שוין אין יענע ווייַטע יאָרן האָט זיך געפילט די גאַנצע אומגערעכטיקייט און אַכזריות'קייט פון דער אומבאַגרענצטער מאַכט פון דעם פאָטער און די עלטערע אין משפחה; דער אינגסטער אין משפחה, דער באַליידיגטער און פאַרוואָגלטער, ער האָלט סוף כל סוף אָפּ אַ נצחון און באַקומט די מאַכט איבער זייַנע באַליידיגער.



די געצעלטן פון די בעדואינער.

אַרום די געצעלטן פון די בני־ישראל האָבן זיך געפיטערט זייערע סטאַדעס, דאָס טייַערסטע פאַרמעגן זייערס, אין די אָאַזיסן פון מדבר־סיני וואַקסט געמייַן און מאָגער גראָז; דאָ טרעפן מיר ניט די שאַרפע קאָנטראַסטן צווישן דעם וויסטן פון זון פאַרברענטן מדבר און דעם בליהעדיקן אָאַזיס, ווי אין דעם גרויסן אַפ־ריקאַנישן מדבר סאַכאַראַ. די אָאַזיסן האָבן וואַסער, נאָר זיי זייַנען צונויפגע־דריקט צווישן בערג. דער באַרג־גראַניט איז באַדעקט מיט אַ דינעם שיכט ווייַ־כער קרקע. און אויף דער קרקע וואַקסט זעהר געמייַן גראָז, די בני־ישראל האָט זיך געדוכט, אַז מע האָט זיי באַזעצט אין אַזאַ מאָגער אָרט פאַר די זינד פון זייערע עלטערזיידעס. אַז יהוה האָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד, דערציילן זיי, איז די גאַנצע ערד געווען אַ וויסטער טרוקענער מדבר; ס'איז אין ערגעץ

קײַן אײַן גרעזל ניט געװען, קײַן אײַן קוסט און קײַן אײַן בוים; ס'איז אויך
קײַן רעגן ניט געגאַנגען, װעלכער זאָל באַנעצן די ערד. יהוה האָט אײַנגעפלאַנצט
פאַר דעם מענטשן אַ װאונדערבאַרן גאָרטן גן עדן און האָט באַשאַפן פיר טײַכן,
אויף צו באַװאַסערן דעם גאָרטן. אין גאָרטן האָט ער אַװעקגעזעצט די ערשטע
מענטשן, אָדם'ן און חוה'ן, זײ האָבן דאָרט געלעבט אין פרײַנדשאַפט מיט די
חיות און געגאַסן פון דער פרוכט פון עץ=החיים, דורך װעלכע מע באַקומט אײַ=
ביקע יונגשאַפט און אומשטערבליכקײַט. נאָר יהוה האָט זײ פאַרבאָטן צו עסן די
פרוכט פון עץ=הדעת, װאָס אַנטפּלעקן פאַר דעם מענטשן די געטליכע סודות, די
סודות פון מעשה=בראשית, די סודות פון גוטס און שלעכטס. דער שלאַנג איז
געװען קליגער פאַר אַלע איבעריקע חיות און ער האָט דורך רמאות אײַנגערעדט
חוה'ן עובר זײַן אויפן געבאָט פון יהוה און עסן פון די פירות פון עץ=הדעת
באַ אדם און חוה'ן האָבן זיך געעפנט די אויגן און זײ האָבן דערװאוסט גוטס
און שלעכטס, נאָר יהוה האָט זײ שטרײַנג באַשטראָפט פאַר זײער זינד. יהוה
האָט זײ פאַרטריבן פון גן=עדן, אַװעקגעשטעלט באַ זײַן טויער אַ װאַך, די כּרובים,
און פאַר די זינד פון אדם און חוה האָט ער פאַרשאָלטן אויך די ערד: „פאַר=
שאָלטן זאָל זײַן די ערד צוליב דיר, נאָר דערנער און שטעכלקעס װעלן אויף
איר װאַקסן פאַר דיר״. און פון גן=עדן, װאָס געפינט זיך ערגעץ אין אַ װײַטן
לאַנד, װאו סע פליסן װאונדערבאַרע טײַכן און װאו ס'װאַקסן װאונדערבאַרע בוי=
מער, זײַנען די מענטשן אַרײַנגעפאַלן אין אַ װיסטן מדבר, װאו ס'װאַקסן נאָר
דערנער און שטעכלקעס, װאו די ערד, װעלכע גאָט האָט פאַרשאָלטן, װײַזט דעם
מענטשן אויף יעדן טריט און שריט איר שטײַנערנעם גרונט. שפּעטער, װען די
בני=ישראל האָבן זיך באַזעצט אין כּנען און האָבן זיך דערװאוסט פון דער גרוי=
סער בבלישער מלוכה, פון איר פּרוכפּעריקײַט און רײַכקײַט, װעגן דער חכמה
און קונסט פון אירע אײַנװאוינער, האָבן זײ געמײנט, אַז טאַקע דאָרט, אויף די
ברעגעס פון די טײַכן פּרת און חידקל איז געװען דער גן=עדן, געװיס, געניסן
די מענטשן, װאָס װאוינען אין דעם דאָזיקן לאַנד, פון דעם עץ=הדעת, אויב זײ
זײַנען אַזעלכע חכמים, אַז זײ האָט זיך פאַרװאָלט פאַרמעסטן זיך אַפילו מיט גאָט.
די בבלים האָבן געװאָלט אויסבויען אַ טורם ביזן הימל די הויך, דורך אים אַרויפ=
קריכן אויפן הימל און אַראָפּװאַרפן פון דאָרט די געטער, און נאָר אַדאַנק דער
המצאה פון גאָט, װעלכער האָט צעמישט די לשונות פון די בויער, איז צעשטערט
געװאָרן זײער פּלאַן, און די מענטשן האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו װערן געטער
נאָר די השערה פון די בני=ישראל װעגן דעם װאו ס'האָט זיך געפונען דער גן=

עדן, איז מן הסתם ניט ריכטיק. גיכער פאַר אַלץ קען מען אין דער לעגענדע וועגן גן־עדן זעהען אומקלארע זיכרונות וועגן פאטערלאַנד פון אַלע סעמיטן, וועגן די בליהעדיקע אאַזיסן פון דער גליקליכער אַראַביען, פון וואַנעט די בני־ישראל זיינען פאַרוואגלט געווארן אין דעם וויסטן מדבר־סיני.

אין די א זיסן פון מדבר־סיני איז געווען גענוג פאַשע נאר פאַר קליינע פיה, ציגן און שאף. פלייש און מילך פלעגן דינען פאַר שפייז, די פעל — אויף קליידער. מיט שאף און ציגן פלעגט מען צאָלן נדן פאַר דער כלה, מיט זיי פלעגט מען זיך אויך אויסקויפן פאַר אַ באַליידיגונג אדער אַפילו פאַר אַ רציחה. פאַרמעגן גרויסע סטאַדעס שאף און ציגן — דאס איז געווען דער וואונש פון יעדן בעדואין פון די בני־ישראל און כדי צו דערגרייכן אַזאַ רייכקייט פלעגט מען גיין אויף אַלערליי אייפאַלן. די גאַנצע רעליגיע פון די בני־ישראל אין מדבר איז געווען אייגנג צוזאַמענגעבונדן מיט דעם שטייגער לעבן פון פאַסטוכער. דער הויפּט־גאט פון די שבטים אין מדבר־סיני, יהוה, געפינט זיך אויפן פייערשפייעדיקן באַרג סיני, אין די ווילדע שפּאַלטן אויפן שפּיץ באַרג, אַרומגערינגלט מיט ווּאַלקנס, ער באַווייזט זיך אין דער צייט פון אַן אויסבראַך, אין שטורעם און ערדציטערניש; זיין שטים הערט זיך אין דונער, און זי איז אַלץ שטאַרקער, וואס העלער ס'איז דער בליץ, וואס שניידט דורך די וואלקנס. אין איין הייליקן מזמור ווערט אַזוי באַשריבן די אַנטפּלעקונג פון יהוה:

ס'ציטערט און רעשט די ערד,\
ס'טרייסלען זיך פון די בערג די גרונטן\
און שאקלען זיך, ווייל אין צארן איז יהוה!\
אַ רויך גייט פון זיינע נעזלעכער,\
אַ פייער ברענט פון זיין מויל,\
ברענעדיקע קוילן שיטן זיך פון אים.\
ער בייגט דעם הימל און נידערט אים אַראָפּ,\
אַ פינסטערניש איז אונטער זיינע פיס...\
עס באַווייזן זיך די קוואלן פון ים,\
און דער גרונט פון דער ערד ווערט אַנטפּלעקט\
פון דיין צארן, יהוה!...

אַזאַ שרעקליכן גאט מוז מען דינען מיט בלוטיקע קרבנות. ער וועט פאַרהיטן די סטאַדעס פון די בני־ישראל פון די בייזע גייסטער, וואס שוועבן אין מדבר, ווען מע וועט ברענגען אים פאַר אַ קרבן די בכורים פון די פיה. אים געפעלן

בלויז בלוט=קרבנות; זיין געשמאַק האָט ער אַרויסגעוויזן שוין דאַן, ווען ס'האָבן נאָך געלעבט די ערשטע מענטשן, ווען זייערע קינדער, דער פאַסטוך הבל, און דער ערדאַרבעטער קין האָבן געבראַכט קו[illegible]ת: הבל'ס בלוט=קרבן איז אנגע=נומען געוואָרן, און קין'ס קרבן, וואָס איז ב[illegible]שטאַנען פון די פרוכט פון דער ערד, איז ניט אנגענומען געוואָרן, און קין האָט פאַר קנאה דער'הרג'עט זיין ברו=דער הבל. קין מיט זיינע קינדער האָבן געמוזט נאָכדעם אַוועקגיין אין לאַנד נוד, ערגעץ ניט ווייט פון גן=עדן. זיי האָבן זיך אויסגעבויט דאָרט שטעט, פאַרנומען זיך מיט האַנטווערקעריי, זיך אויסגעלערנט מאַכן מוזיקאַלישע אינסטרומענטן און געלעבט דאָרט, ניט דינענדיק דעם גאָט יהוה. אין פריהיאָר, ווען ס'קעלבן זיך די בהמות, פאָדערט יהוה קרבנות פאַר דעם, וואָס ער האָט אָפגעהיט און באַשיצט זיי: „יעדער בכור געהערט מיר, יעדער זכר פון די אָקסן און די שעפסן“. יהוה פאַרלאַנגט אַפילו מענטשליכע קרבנות: ער האָט געפאָדערט, אַז אַברהם זאָל אים ברענגען פאַר אַ קרבן זיין ערשטלינג יצחק'ן.

אַזאַ שרעקליכער גאָט פאָדערט, אַז מע זאָל אים דינען ווי ס'געהער צו זיין, ער האָט ליב, אַז קרבנות זאָל מען אים ברענגען אויף אַ שטיינערנעם מזבח: מע דאַרף נעמען געוויינטליכע ניט קיין אַרומגעהאַקטע שטיינער און פון זיי מאַכן אַ מזבח — אָט דער אופן פון מקריב זיין קרבנות געפעלט מער פאַר אַלע אַנדערע דעם גאָט פון מדבר, וועלכער געפינט זיך אַליין אויף אַ שטיינערנעם באַרג. פאַר אַזאַ טרייע דינסט באַשיצט גאָט זיין פאָלק אויף פאַרשיידענע אופנים. אין ביבל ווערט דערציילט, אַז יהוה האָט אַמאָליקע יאָרן אויסגעלייזט די בני=ישראל פון מצרים, ווען פרעה האָט זיי ניט געוואָלט אָפלאָזן אויפן פריהיאָר=יום=טוב אין מדבר אויף צו ברענגען דאָרטן קרבנות פון די שאָף און רינדער צו גאָט. יהוה האָט אויסדערוויילט אַן אָנפירער פאַרן פאָלק, משה'ן וועלכער האָט נאָכן געבאָט נאָך פון גאָט אַרויסגעפירט די אידן פון מצרים און האָט זיי געבראַכט צום באַרג סיני, צום וואוינונג פון גאָט. יהוה פירט אָן מיט זיין פאָלק בעת זיין וואַנדרע=ווען אין מדבר, ער באַווייזט זיך אין געשטאַלט פון אַ וואָלקן (עמוד הענן) און גייט פאַר דער מחנה, אָנווייזנדיק איר דעם וועג, אָדער ער לאָזט זיך אַראָפּ אין אַ ספּעציעלן הייליקן אָרון, וועלכן מען טראָגט פאַר דער מחנה, און אַז מען פלעגט זיך אָפּשטעלן רוהען, פלעגט מען דעם אָרון אַריינשטעלן אין אַ ספּעציעלן היי=ליקן געצעלט (משכן). גאָט באַווייזט זיך כסדר און אַנטפּלעקט זיין ווילן פאַר די אויסדערוויילטע פון פאָלק. משה איז אַרויף אויפן באַרג סיני און דאָרט האָט ער גערעדט מיט יהוה און האָט צעראָפּגעבראַכט די עשרת הדברות, אויסגעקריצט פון

קין.

גאָט אַליין אויף שטיינערנע לוחות. ס'איז דאָ נאָך מיטלען, ווי אַזוי צו באַקימען אַן אַנטפּלעקונג פון גאָט: מ'דאַרף פאַרברענגען אַ נאַכט אין זיין משכן, אדער צופעליק איינשלאָפן נעבן אַ שטיין, וואוהין דער גאָט פון מדבר האָט ליב געהאַט זיך אָפּט אַראָפּצולאָזן.

נאָר ניט יהוה אַליין הערשט אין מדבר. ווען ס'קומט אָן די נאַכט, בפרט ווען ס'פאַרשווינדט פון הימל די לבנה, די ליכט פון דער נאַכט, דעמאָלט בלייבט אַ פרייער פעלד פאַר די רוחות פון מדבר, די שעירים. זיי שפרינגען איבערן מדבר, רופן זיך איבער מיט די שאַקאַלן און שאַלן ווילד; זיי גנב'ענען זיך אונטער צו די מחנות פון די בני-ישראל, רויבן בא זיי אַוועק שאָף און ציגן, און אויף די מענטשן שיקן זיי אָן אַלערליי קראַנקהייטן. מע מוז זיי ווי ניט אי באַוויליקן. דעם שר פון די שדים, עזאזל, מוז מען אַלע יאָר שיקן אין מדבר אַ ווייסן ציגנבאָק; אפשר וועט ער באַוויליקן דעם דאָזיקן קרבן און וועט ניט אָנרירן די בני-ישראל. ס'איז פאַראַן נאָך רוחות, וועלכע קאָנען ברענגען נוצן פאַר'ן מענטשן, דאָס זיינען נשמות פון די מתים. זיי דאַרף מען געבן עסן: דעריבער פלעגט מען מיטן מת אַריינלייגן אין קבר אויך כלים אָנגעפילטע מיט עסנוואַרג און געטראַנקען; נאָך די געשטאָרבענע דאַרף מען וויינען כדי אַרויסצואווייזן פאַר זיי דעם טרויער; דעריבער פלעגן די קרובים פון פאַרשטאָרבענעם זיך אָנטאָן אין צעריסענע בגדים, באַשיטן דעם קאָפּ מיט אַש, פלעגן וויינען און אָנטאָן זיך אַלערליי יסורים. אַז מען באַפרידיקט ווי עס באַדאַרף צו זיין דעם פאַרשטאָרבענעם, קען ער ברענגען נוצן די פאַרשטאָרבענע עלטער-זיידעס קענען ווערן באַשיצערס פון זייערע לעבעדיקע אוראייניקלאַך, זיי קענען ווערן הויז-געטער. יעדער פאַרמעגליכער איד האָט געהאַט אין זיין געצעלט געשטאַלטן פון זיינע הויז-געטער, די אַזוי גערופענע תרפים, און פאַר זיי פלעגט מען ברענגען קרבנות. די תרפים האָבן געהאַט מענטשליכע געשטאַלטן, אַמאָל גאָר קליינינקע און אַמאָל גר...


אן אשורישער הויז-גאט.

סע—די גרויס פון א מענטשן, די ביבלישע לעגענדע דערציילט, אז רחל יעקב׳ס פרוי האט בשעת זי איז אוועקגעפארן פון איר פאטערס הויז מיט איר מאן, מיטגענומען, די הויז-געטער פון איר פאטער לבן. און אז לבן האט זיך געכאפט און האט דער-יאגט רחל׳ן און האט זי געפ״עגט וועגן די תרפים, האט זיך רחל געלייגט אין בעט, ארונטערגעלייגט אונטער זיך די תרפים און זיך געמאכט קראנק. און אויף אזא אופן האט לבן זיינע תרפים צוריק ניט באקומען און זיי זיינען פארבליבן בא רחל׳ן.

אזוי האבן געלעבט און אזוי האבן געגלויבט די בני-ישראל אין מדבר ביז ס׳איז געקומען די צייט, ווען זיי זיינען געווען געצוואונגען איבערצוואנד-רעווען אין לאנד כנען.

IV.

די בני-ישראל נעמען איין דאס לאנד כנען.

דאס איז געשעהען אן ערך 1400 יאר פאר ישוע׳ס געבוירן. איינג איז גע-ווארן די שבטים פון די בני-ישראל: די צאל פון זייערע געצעלטן איז געווארן א סך גרעסער, און פארמערן זייערע סטאדעס זיינען זיי ניט געווען אימשטאנד ווייל צו ווייניק פוטער האט געגעבן דער מדבר. און פון דרום-מערב זייט האבן אויף זיי געשפארט אלץ נייע שבטים, וואס פלעגן נאך אלץ אנקומען פון אראַ-ביען. די נאהענטסטע זייערע שכנים זיינען געווען די מדינים. בשעת די בני-ישראל האבן געלעבט אין מדבר קדש, האבן זיי געהאט א מגע ומשא מיט די מדינים און די ביבלישע לעגענדע דערציילט אפילו, אז משה איידער ער איז אויסדערוויילט געווארן פון גאט פאר א פירער פון פאלק איז געווען א פאסטוך ביים כוהן פון מדין, יתרו, און האט חתונה געהאט פאר זיין טאכטער צפורה, יתרו פלעגט קומען צו משה׳ן, בעת די אידן האבן געוואנדערט אין מדבר, און געהאלפן אים מיט זיינע עצות און אנווייזונגען משפטן דאס פאלק. נאר די צייט פון פריינדליכע באציהונגען צווישן די מדינים מיט די בני-ישראל׳ הויבט אן צו ביסלעכווייס פאריבער צו גיין. די מדינים הויבן אן צו דריקן די בני-ישראל, ווייל זיי אליין ווערט איינג. די פירשטן פון כנען הויבן אן צו ליידן פון די אנפאלן, וואס פלעגן פון צייט צו צייט מאכן פון דעם מדבר די ווילדע קריגערישע שבטים כאבירי, אדער עבעריטן (עברים). די דאזיקע כאבירי פלעגן זיך אפט אריינרייסן אין לאנד כנען און שטערן דאס פרידליכע לעבן פון די כנענים. די כנענישע פירשטן האבן געפרובט באגיטיקן זיי אויף א פרידליכן אופן: זיי האבן פארגעלייגט די כאבירי בילדן פאר זיי פון זייער יונגט מילי-

טערישע טײלן, נאָר דער מיטל האָט ניט געהאָלפֿן; די דאָזיקע מיליטערישע טײלן האָבן נאָר געמאַכט אַ וועג פֿאַר זײערע שבטים, און דער דעמאָלטיקער פֿירשט פֿון ירושלים, אבדי=כיבא, באַקלאָגט זיך פֿאַר זײַן הערשער, אַז דאָס גאַנצע לאַנד איז פֿאַרלאָרן, אַז ס'איז אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט פֿון די כאַבירי. נאָר די דאָזיקע אָנפֿאַלן זײַנען סך הכל געווען ניט מער, ווי אַן אָנזאָג פֿון דעם שפּעטערדיקן אַרײַנדרינגען פֿון די בני=ישראל אין לאַנד כנען, וואָס איז פֿאָרגעקומען ערשט מיט אַ וועלכע 100=150 יאָר נאָכדעם, ווי די כאַבירי האָבן אָנגעהויבן צו באַאומרוהיקן די כנענישע פֿירשטן.

גאַנץ ווײניק מסורות זײַנען פֿאַרבליבן אין זיכרון פֿון די בני=ישראל וועגן די מלחמות, וואָס זײ איז אויסגעקומען צו פֿירן, בײם אײַננעמען דאָס לאַנד כנען ערשט שפּעטער, ווען די בני=ישראל האָבן שוין געהאַט מלכים, האָבן די געלערטע און וויסנגערנדיקע מענטשן געזאַמלט און פֿאַרשריבן אַלע מסורות, וועלכע זײ האָבן געהאַט בקבלה, און דאָרט, וואו ס'איז שוין קײן שום מסורות אין זיכרון פֿון פֿאָלק ניט געווען האָבן זײ ממלא געווען מיט זײערע אײגענע השערות, די אידישע מסורות גיבן איבער, אַז נאָר מיט דער הילף פֿון יהוה און אונטער זײַן אָנפֿיר האָבן די בני=ישראל אײַנגענומען דאָס לאַנד כנען און צעטײלט עס צווישן די שבטים. כדי אַרויסצופֿירן זײַן פֿאָלק פֿון וויסטן מדבר און ברײנגען עס אין אַ לאַנד, וואו ס'זײַנען פֿאַראַן גרויסע און שײנע שטעט, הײַזער אָנגעפֿילטע פֿון אַל דאָס גוטס, ברונעמס אויסגעהאַקטע אין שטײנערנע פֿעלזן, ווײַנגערטנער און פֿײַגנבוימער, האָט יהוה פֿאַרלאָזט זײַן שטענדיק וואוינונג אויפֿן באַרג סיני; דער באַרג סיני האָט אָנגעהויבן ציטערן, זיך באַדעקט מיט רויך און מיט וואָלקנס, אַ העלער פֿײַער האָט זיך אויף אים באַוויזן, און אין שטורעם האָט זיך יהוה איבערגעטראָגן אויף די בערג שעיר, צו די גרעניצן פֿון די בני=אדום. אין געשטאַלט פֿון אַ וואָלקן האָט זיך גאָט אַראָפּגעלאָזט פֿאַר דער מחנה פֿון די בני=ישראל, און זײ האָבן זיך געלאָזן אין וועג אַרײַן. פֿון דרום זײַט האָט זיך זײ ניט אײַנגעגעבן אַרײַנצודרינגען אין לאַנד כנען, ווײַל דאָ האָבן די בני=אדום זײ ניט דורכגעלאָזן. זײ האָבן געזאָגט צו ישראל: „גײ ניט דורך דורך מײַן לאַנד, אויב ניט וועל איך מיט שווערד אַרויסטרעטן קעגן דיר”. נאָר די בני כלב האָט זיך אײַנגעגעבן אַרײַנצודרינגען אין די בערג פֿון דרום=פּאַלעסטינע אין מערב=זײַט פֿון ירדן; אין די דאָזיקע בערג, אַרום כרמל האָבן די בני כלב געפֿונען גוטע פּיטער=פּלעצער פֿאַר זײערע בהמות, און זײ האָבן זיך נאָך אַ לאַנגע צײַט פֿאַרנומען מיט האָדעווען בהמות. די איבעריקע

שבטים האבן געמוזט פאַרבייַגייַן די גרעניצן פון די בני־אדום, נאר ווייַטער האבן זיך געפונען די בני־מואב און די בני־עמון. מיט זיי האבן די בני־ישראל אויך ניט פאַרפירט קיין מלחמה; שפעטער האבן די זקנים דערציילט, אַז אַזוי האט יהוה באַפעלן משה'ן: יהוה האט פאַרבאָטן צו פירן מלחמה מיט די בני־אדום, בני־מואב און בני־עמון, ווייַל די לענדער, אין וועלכע זיי וואוינען, האט יהוה אָפגעגעבן אין זייער רשות. מיט אט דעם פרומען תירוץ האט מען שפעטער, ווייַזט אויס, געוואלט פאַרענטפערן דעם פאַקט, וואס די בני־ישראל האבן זיך ניט אַיינגעשטעלט מלחמה האַלטן מיט די דאָזיקע פעלקער. אויסמייַדנדיק אדום, מואב און עמון, זייַנען די בני־ישראל אָנגעקומען צו די גרעניצן פון די אמורים, אין מזרח־זייַט פון ירדן. דאָ האט יהוה געזאָגט: „שטייט אויף און גייט איבער דעם טייַך אַרנון, איך גיב איבער אין דייַנע הענט סיחון, דעם קיניג פון חשבון, און זייַן לאַנד; הויב אָן צו געוועלטיקן איבערן לאַנד און פאַרפיר מיט דעם אַ מלחמה! הייַנט וועל איך אַרויפוואַרפן אַן אימה און אַ פחד פאַר דיר אויף אַלע פעלקער אונטערן הימל; ווי נאר זיי וועלן דערהערן פון דיר, וועלן זיי ציטערן און מורא האבן". די שבטים ראובן, גד און אַ האַלבער שבט מנשה זייַנען אַרייַנגעדרונגען אין לאַנד פונם קיניג סיחון, נאָכדעם זייַנען זיי אַוועק ווייַטער צו צפון צו, אין לאַנד פון עוג, דעם קיניג פון בשן. די שוואַכע פירשטן פון אמורי, וועלכע האבן זיך נאָך דערצו שטענדיק געריסן איינער מיט דעם צווייטן, האבן ניט אויסגעהאַלטן דעם דראַנג פון די קריגערישע מדבר־וואַנדערער, און די געצעלטן פון די בני־ישראל האבן זיך דאס ערשטע מאָל באַוויזן אין די בערג פון פאַלעסטינע. דאָ, דערציילט די ביבל, איז געשטאָרבן דער גרויסער אָנפירער, משה. פאַר זייַן טויט איז ער אַרויפגעגאַנגען אויפן באַרג נבו, וואס אַנטקעגן יריחו, אויפן רעכטן זייַט פון ירדן, דאָ האט זיך פאַר אים אַנטפלעקט יהוה, האט אים באַוויזן דאס גאַנצע לאַנד כנען אויף יענעם זייַט ירדן ביזן מיטללענדישן ים. נאָכדעם איז משה געשטאָרבן און מע האט אים מקבר געווען אין לאַנד מואב, און קיין מענטש ווייס ניט זייַן קבר ביזן הייַנטיקן טאָג, — גיט צו די לעגענדע.

סך הכל פיר שבטים זייַנען אַרייַן אין כנען און האבן דאָרט געפונען גוטע פיטער־פלעצער פאַר זייערע סטאַדעס. פאַר די איבעריקע שבטים איז געשטאַנען אַ שווערערע אויפגאַבע: איבערגייַן דעם ירדן און אייַננעמען דאס לאַנד צו מערב פון טייַך, ווייַל אין מזרח־זייַט ירדן איז שוין מער קיין גוטע פיטער־פלעצער ניט געווען. די מסורה דערציילט, אַז נאָך משה'ס טויט איז דער פירער פון פאָלק

געוואָרן יהושע, דער זון פון נון. אַזוי ווי משה׳ן האט זיך יהוה באַוויזן אין אַ ברענענדיקן דערנער=קוסט און באַפעלן אים ווערן דער פירער פון פאָלק, אַזוי האט אויך איצטער, ווי די לעגענדע דערציילט, יהוה גופא גערופן יהושע דעם זון פון נון. די בני=ישראל זיינען איבערגעגאַנגען דעם ירדן אנטקעגן יריחו, און ווי אַ ברייטער שטראָם האבן זיי זיך צעשפרייט איבערן גאנצן לאנד צו מערב צו פון ירדן. פרעה, דער מלך פון מצרים, דער האר איבער די פירשטן פון אמורי, האָט זיי קיין הילף ניט געקענט געבן; ער איז דעמאָלט געווען פאַרנומען מיט שווערע מלחמות אין זיין אייגן לאנד, און די בני=ישראל האבן זעהר גרינג איינגענומען דאס גאנצע לאנד צו מערב צו פון ירדן. ווייניק זיכרונות זיינען פאַרבליבן בא די בני=ישראל וועגן דעם, ווי אזוי ס׳איז פארגעקומען די איינוואנדערונג אין כנען. דערפאר זיינען פאראן א סך מעשיות וועגן כלערליי נסים. מע האט דערציילט, אַז יהוה האט אויסגעטריקנט דעם ירדן, כדי די אידן זאָלן קענען אים אַריבערגיין, אַז ביים איינעמען יריחו האט יהוה געשיקט זיין חיל העלפן די בני=ישראל, אַז אין דער שלאַכט באַ גבעון האט יהוה געווארפן פון הימל שטיינער אויף די אמורים און האט אָפּגעשטעלט די זון כדי די בני=ישראל זאָלן קענען דערשלאָגן דעם פיינט ביזן זון אונטערגאַנג. אין די פאָלקס מסורות ווערט ניט דערמאָנט וועגן דעם, פאַר וואס דער אָדער יענער שבט האט פאַרנומען דעם אָדער יענעם טייל פון פאַלעסטינע. אין דער צייט, ווען מ׳האט געזאַמלט און פאַרשריבן די מסורות, האט שוין דער שבט יהודה לאַנג געוואוינט צו צפון צו פון די בני כלב, צו מערב צו פון ים=המלח, און נעבן דעם שבט יהודה האָט זיך געפונען דער שבט בנימין; צו צפון צו פון שבט יהודה ביזן טאל יזרעאל איז געזעסן דער מעכטיקסטער אידישער שבט אפרים, און ווייטער— די איבעריקע שבטים. די אידישע געלערנטע, וועלכע האָבן פאַרשריבן די מסורות, האָבן געהאַלטן, אַז דאָס האָט יהוה אַליין אָנגעוויזן, וועלכן אָרט ס׳דאַרף פאַר נעמען יעדער שבט. אין גלגל—דערציילן זיי אונז—איזם ערשטן באַפעסטיקטן לאַגער, וועלכן די בני=ישראל האָבן איינגעאָרדנט נאָכדעם ווי זיי זיינען איבערגעגאַנגען דעם ירדן, האָט מען פאַר יהוה (דאָס הייסט, פאַרן ארון) געוואָרפן גורל, וואָס פאַר אַ טייל לאַנד ס׳דאַרף פאַרנעמען יעדער שבט; מיטן גורל האָט אָנגעפירט יהוה אַליין, און אויף אַזאַ אופן איז דאָס גאַנצע לאַנד כנען צעטיילט געוואָרן צווישן די שבטים דורך יהוה גופא. אַזוי זיינען די בני=ישראל געוואָרן איינוואוינער פון פאַלעסטינע. זיי האָבן זיך אַזוי איינגעלעבט מיט אירע בערג, טייכן און ווייגגערטנער, אַז זיי האָט זיך אָנגעהויבן דוכטן, אַז פאַלעסטינע איז

זייער געבוירנאָרט, און אַז זייער לעבן און וואַנדרעווען אין מדבר איז געווען ניט מער ווי אַ דערוויילִיקע זאַך, ווי אַ שטראָף פון גאָט פאַר זייערע זינד. אברהם, יצחק און יעקב, דערציילט די לעגענדע, האבן געלעבט, זיינען געשטאָרבן און מע האט זיי מקבר געווען אין פּאַלעסטינע, און נאָר אַן אומגליקליכער צופאַל, אַ גוואַלטיקער הונגער אין יעקב'ס צייטן האט אים געצוואונגען איבערוואַנדרעווען מיט אַלע זיינע קינדער אויף אַ ווײַלע קיין מצרים, דאָרט זיינען די בני־ישראל געוואָרן קנעכט, נאָר יהוה האט זיי דורך משה'ן אויסגעלייזט פון מצרים, האט זיי אויפן בארג סיני געגעבן די תורה און האט צוגעזאָגט אָפּגעבן זיי צוריק דאס לאַנד כנען, וואו ס'האָבן שוין פריהער געלעבט זייערע אבות, און דערפאַר זיינען די בני־ישראל מחויב צו זיין אייביק דאַנקבאַר יהוה. און די כּוהנים פון יהוה האבן שפּעטער אין פיר הונדערט יאָר אַרום צונויפגעשטעלט א באַזונדערע תפלה, וועלכע דאַרף איינפלאַנצן אין פאָלק דעם געדאַנק פון אייביקער דאַנקבאַרקייט צו יהוה. שטעלנדיק אויפן מזבח אַ קערבל מיט פירות, האט מען באַדאַרפט זאָגן די דאָזיקע תפלה: „אַ וואַנדערער ארמי איז געווען מיין עלטער־זיידע, ער איז אַוועק אין מצרים אין אַ קליינער צאָל, און דאָרט איז פון אים געוואָרן אַ גרויס שטאַרק פאָלק. נאָר די מצרים האבן פאַרפאָלגט און געדריקט זיי (דאס פאָלק) און אַרויפגעלייגט אויף זיי שווערע אַרבעט; האבן מיר געשריען צו יהוה, דעם גאָט פון אונזערע אבות, און ער האט זיך צוגעהערט צו אונזער קול און איינגעזעהן אונזערע צרות, אונזער פּיין און אונזער נויט. און יהוה האט אונז אויסגעלייזט פון מצרים מיט זיין שטאַרקער האַנט און אויסגעשטרעקטן אָרם, מיט גרויסע צייכנס און מופתים, און ער האט אונז געבראַכט אויף דעם אָרט און האט אונז אָפּגעגעבן דאס דאָזיקע לאַנד, וואו עס פליסט מילך מיט האָניק, און איצטער ברייננ איך פאַר אַ קרבן די בעסטע פרוכט פון דער ערד, וואס דו האסט מיר אָפּגעגעבן".

אין נייעם לאַנד האבן די בני־ישראל געמוזט איינגיכן איבערבייטן זייער לעבנשטייגער. נאָר אין די דרומדיקע בערג, וואו ס'האָבן זיך באַזעצט די בני כלב און יהודה, איז געווען גענוג פּלאַץ; דאָ האט מען נאָך לאַנג געקאָנט זיך פאַרנעמען מיט האָדעווען בהמות, ניט טראַכטנדיק וועגן ווייץ, אייל און ברויט. אָבער די איבעריקע שבטים, בפרט די שבטים אפרים, מנשה און דן, איז ניט אזוי לייכט געווען זיך צוצופּאַסן צו אזעלכע נייע טראַכטער. זיי האָבן ... בשום אופן ניט געקאָנט איבערגיין די גאַנצע באַפעלקערונג פון די ... בין וועלכע זיי האבן זיך באַזעצט: די בני־ישראל האבן זיך באַזעצט

צוזאַמען מיט די באַזיגטע כנענים, זיי האָבען איינגיכן אנגעהויבען זיך אויסמישען מיט זיי און איבערנעמען זייערע מנהגים און זייער קולטור. אַ זעלכע פיטער־פלעצער, ווי אין מדבר, איז שוין דאַ ניט געווען; דאָ זיינען געווען באַאַרבעט אַלע טאָלען, באַפּלאַנצט מיט ווייַנגערטנער, איילבירטען און פייגענבוימער, באַדעקט



אַ אידישער ערדאַרבעטער אין פּאַלעסטינע.

מיט אַקערפעלדער. דאָ האָט געמוזט קומען אַ סוף צום וואַנדער־לעבען פון די בני־ישראל, און זיי האָבען זיך געמוזט נעמען פאַר ערדאַרבעט. שווער איז געווען פאַר די מדבר־וואַנדערער זיך נעמען פאַרן אַקער, שווער איז געווען צו צוגעוואוינען די אָקסען גיין אונטערן יאָך; מיט שווייס איז אויסגעקומען צו אַרבעטען אויף צו באַקומען דאָס שטיקל ברויט. נאָר די בני־ישראל האָבען ניט פאַרלאָרען דעם מוט און האָבען זיך גיך צוגעוואוינט צו די נייע באַדינגונגען. אין די קאַלטע ווינטער־צייט האָבען זיי מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן וואַרעמען פריהיאָר און אויפן הייסען זומער. אין ווינטער ווייבט די גאַנצע נאַטור נאָך

וואַרעמקייט און זון, ווי אַ כלה נאָך איר חתן, ס׳גיסן כסדר רעגנס, ס׳בלאָזן קאַלטע ווינטן. נאָר אַט איז דער ווינטער פאַרביי, די רעגנס האָבן אויפגעהערט, אויפן הימל האָט זיך באַוויזן די שיינע זון, און די גאַנצע נאַטור בליהט אויף: „אַט האָבן זיך באַוויזן בלומען אויף דער ערד, ס׳איז געקומען די צייט פון לידער, און ס׳הערט זיך דאָס זינגען פון דער טערקל-טויב; אויפן פייגנבוים פאַנאַנדערלאָזן זיך די קנאָספּען, די ווייַנטרויבן בליהען, פאַרשפּרייטנדיק זייער געשמאַקן ריח״. דער ערדאַרבעטער נעמט זיך פאַר זיין שווערע אַרבעט, און אויב דער זומער איז געווען אַ געראָטענער, ווערט ער גוט באַלוינט, און נאָך האַרבסט קען ער רוהיק זיצן אין שאָטן פון זיין ווייַנגאָרטן אָדער פייגנבוים און געניסן די פרוכט פון זיין אַרבעט.

פירנדיק אַ רוהיק לעבן פון ערדאַרבעטער, האָבן די בני=ישראל געהאַט ווייניק סיבות צו געדיינקען אָן זייער גאָט יהוה, וועלכער פלעגט אַזוי אָפט דערמאָנען פון זיך מיטן שטורם און פייער אויפן באַרג סיני; פאַרגעסן האָבן זיי אויך אָן די שדים פון מדבר, וועלכע פלעגן אַזוי אָפט דאָרט אָנטאָן צרות זיי און זייערע סטאַדעס, דאָס נייע לאַנד האָט געהאַט זיינע נייע געטער, די אוראַלטע איינוואוינער פון פאַלעסטינע, אונטער וועמענס ווירקונג די בני=ישראל זיינען גיך אונטערגעפאַלן, האָבן געגלויבט און געבעטן צו זייערע געטער ניט אַזוי, ווי דאָס האָבן געטאָן אין מדבר די בני=ישראל. די גאַנצע עשירות פון די כנענים, דער גאַנצער קיום זייערער איז געווען אָפהייַנגיק פון דער פרוכפעריקייט פון דער ערד. די מוטער=ערד און אַלץ וואָס מע באַקומט פון איר— די גאַנצע פלאָרע—אָט וואָס ס׳איז געווען געטליך אין די אויגן פון די כנענים. די זון, וואָס וואַרעמט מיט אירע שטראַלן די ערד און מאַכט זי פרוכפעריק דאָס איז דער הויפּט=גאָט פון דער וועלט. די זון—דאָס איז דער האַר פון דער וועלט; די זון, ווי יעדן אַנדערן פון זייערע געטער, האָבן די כנענים גערופן האַר בעל; זיין מקום קדוש האָט געהייסן בית=שמש, דאָס הויז פון דער זון. דער בעל=שמש גיט דעם ערדאַרבעטער וויין, אייל און קערנער; ער באַפרוכפערט די ערד, די פרוי זיינע בעלת, אָדער, ווי זי האָט אַנדערש געהייסן עשתורת. דער גאָט פון מדבר, יהוה, קלייבט זיך אויס אַ וואוינונג בעיקר אויף בערג אָדער פעלזן; דער מילדער גאָט בעל=שמש האָט ליב וועלדלאַך, וואו די לופט איז אַזוי קיל און שמעקעדיק, האָט ליב איינזאַמע אַלטע ביימער, די מעכטיקע ריזן, וועלכע קענען מיט זייער שאָטן באַשיצן די וואַנדערער, ער האָט ליב ריינע וואַסער קוואַלן, וועלכע באַלעבן די אויסגעטריקנטע ערד און באַפרישן

דעם מידן אַרבעטער. ער האָט ליב דעם קרעפטיקן אָקס, וואָס שלעפּט דעם אַקער פונם ערדאַרבעטער, נאָר ווען מען ברײַנגט אים אַרײַן אין כעס, קאָן ער אויך אַלץ חרוב מאַכן; ער האָט נחת פון זינגען און טאַנצן; ער האָט ליב, אַז צו די דרײַ גרויסע ימים=טובים, ביים אָנהויב זײַען, שנײַדן און אָראָפּנעמען פון די פעלדער, זאָלן די ערדאַרבעטער מאַכן לכבוד אים פרײַליכע סעודות, זאָלן קומען צו זײַן מזבח מיט פולע הענט, זאָלן מכבד זײַן גאָט, זאָלן טרינקען, עסן און זיך משמח זײַן. און די כנענים האָבן ליב געהאַט זייער גאָט דעם בעל=שמש און זײַן פרוי עשתורת און האָבן זיי טרײַ געדינט, יעדע געגנט האָט געהאַט אירע אויסדערווײַלטע הייליקע ערטער, וואו דאָס פאָלק פלעגט זיך צונויפקלײַבן אין די ימים=טובים כדי טרינקען, עסן און זיך משמח זײַן פאַר גאָט. דאָרט פלעגט שאַלן מוזיק, קלינגען געזאַנג, און אין אַ ווילדן טאַנץ פלעגן זיך דרייען קאַראַהאָדן; די קנעכט פון בעל האָבן זיך משמח געווען, און דער שטראַלעדיקער גאָט פלעגט מילד קוקן פון הימל און באַגיסן זיי מיט זײַנע שטראַלן.

דער שטראַלעדיקער גאָט איז ניט אַלײַן אויפן הימל; בײַנאַכט, ווען ער פאַרשווינדט אין די וועלן=קילקײַט פון מערב=ים, באַווײַזן זיך אויפן הימל די לבנה און די שטערן. די לבנה—דאָס איז די פרוי פון שטראַלעדיקן ליכט, די שטערן—זײַן חיל. צווישן די שטערן זײַנען פאַראַן ספּעציעלע צוועלף שטערנבילדער וועלכע מע דאַרף גאָר באַזונדער געדײַנקען און אָפּגעבן כבוד, דאָס זײַנען די מזלות, וואָס ליגן אויפן וועג, וועלכן דער שטראַלעדיקער גאָט מאַכט דורך אויפן הימל אין פאַרלויף פון אַ יאָר; אַ זעלכע מזלות זײַנען דאָ צוועלף, צוועלף הײַזער, אין וועלכע די זון לעבט נאָך דער רײ נאָך אין משך פון יאָר, און באַלד נאָך איר אויך איר טרײַער באַגלײַטער — די לבנה. ניט ווייט פון יריחו ליגן אויפן ברעג פון ירדן צוועלף גלאַטע ווײַסע שטײַנער — דאָס זײַנען געווען הײַליקע שטײַנער צום אָנדײַנק פון די צוועלף מזלות. די כנענים האָבן געדינט אויך דער לבנה און די שטערן און די מזלות, לכבוד דער לבנה זײַנען אַפילו געווען בײַ זיי ספּעציעלע ימים=טובים. יעדער חדש פלעגט זיך אָנהויבן מיט אַ יום=טוב לכבוד דעם מולד; אין משך פון אַ חדש פלעגן זײַן פיר ימים=טובים, יעדן זיבעטן טאָג, לכבוד די פיר פּאַזן פון דער לבנה—דאָס איז געווען שבת, אַ רוהע=טאָג. ס'קאָן זײַן, אַז די כנענים האָבן די באַקאַנטשאַפט מיטן הימל, די פאַרגעטערונג פון דער זון, לבנה, שטערן, און אויך די צײַטרעכענונג איבערגענומען בײַ די בבלים, וועלכע האָבן שוין צו יענער צײַט דערגרײַכט צו אַ גאַנץ הויכער מדרגה פון

אַנטוויקלונג; נאר צו דער צייט, ווען די בני־ישראל האבן זיך באַזעצט אין כנען, האבן די כנענים שוין געהאַט אט די אַלע גלויבונגען, און די בני־ישראל האבן אויך געמוזט פריהער אדער שפעטער זיך דערמיט באַקאנען.

די שטראַלעדיקע זון האט געשיינט פאַר אַלע איינוואוינער פון כנען און אַלעמען גלייך געשיינקט איר וואַרעמקייט. נאר יעדע געגנט האט געהאַט איר אייגענעם בעל, יעדער ארט האט געהאַט זיין אייגענעם גאט. די איינוואוינער פון שכם האבן געדינט דעם בעל־ברית, די איינוואוינער פון דרום־מזרחדיקן טייל פון פאַלעסטינע, וואו ס'האט זיך באַזעצט דער שבט ראובן,—דעם בעל־פעור; צו צפון, וואו ס'האט זיך באַזעצט דער שבט גד,—האט געהערשט דער קולט פון בעל־חרמון, וועלכער האָט שפעטער פשוט געהייסן בעל־גד. און אַזוי האָט זיך יעדע געגנט געהאַט איר בעל—דאָס איז אַ גאָט און באַשיצער מער ניט ווי פאַר דעם געגנט, נאָר די אָרטיקע איינוואוינער זיינען זיינע קינדער און דינער. דער בעל באַזעצט זיך דאָרט, וואו ס'געפעלט אים בעסער: אָדער אויף אַ באַרג, באַדעקט מיט אַ שאטנדיקן וואַלד, ווי חרמון, וואו די לופט איז אַזוי קיל און שמעקעדיק, אדער אין אַן איינזאַמען, ברייטצווייגנדיקן דעמב, ווי דער דעמב אין חברון, אדער אין אַן אויסערגעוויינטליכן שטיין, ווי, למשל, אין דעם שטיין, וועלכער איז נאך פון אוראלטע צייטן געלעגן אויף דעם ארט, וואו שלמה האט שפעטער געבויט דעם בית־המקדש, אדער אין אַ קוואַל מיט קריסטאַל־ריינעם וואַסער, ווי, למשל, אין באר־שבע. באַ דעם הייליקן ארט, וואו ס'רוהט גאט, פלעגט מען איינאָרדעניזן במות, דאס הייסט הייליקע ערטער און נעבן אים שטיינערנע מצבות און מען פלעגט אַוועקשטעלן הייליקע הילצערנע סלופעס (אשרה־בוימער), אויף די במות פלעגט מען ברייגנען קרבנות, כדי אפצודאַנקען גאט פאַר זיין הילף און שוץ, דערביי פלעגט מען זינגען און טאַנצן און די הייליקע בוימער און שטיינער פלעגט מען אויספוצן מיט בלומען און שטייגעס.

אט דאס אַלץ האבן געזעהן און מיט דעם אַלץ האבן זיך באַקאַנט די בני־ישראל, בשעת זיי האבן זיך באַזעצט אין כנען. אויך דא האבן זיי געוואלט בעטן און תפלה טאן צו זייער גאט; און וואו אַנדערש האבן זיי דאס געקענט טאן, אויב ניט אין די ערטער, וועלכע האבן זיך שוין פון לאַנג אַן גערעכנט פאַר הייליקע? און די פרומע אנהייגער פון נאַציאנאַלן גאט יהוה, וועלכע האבן אין די צייטן פון די מלכים געזאַמלט די מסורות פון אַמאליקן לעבן פון פאלק ישראל, מוזן מיט עגמת נפש מודה זיין, אַז די בני־ישראל האבן אונטער דער ווירקונג פון די כנענים ניט נאר זיך אפגעזאגט פון זייער וואנדערלעבן און

זיך פֿאַרנומען מיט ערד=אַרבעט, נאָר זײ האָבן אויך איבערגענומען בײַ די כנענים זײערע רעליגיעזע גלויבונגען און מנהגים. די בני=ישראל האָבן איבערגענומען בײַ די כנענים אויך זײערע הײליקע ערטער. די בערג סיני, וואו ס'האָט זיך געפֿונען זײער גאָט יהוה, זײַנען געבליבן ווײַט, זײ האָבן געמײנט, אַז יהוה האָט צוזאַמען מיט זײַן פֿאָלק איבערגעוואַנדערט פֿון באַרג סיני אין דאָס לאַנד כנען און קאָן זיך דאָ אויך אַנטפּלעקן פֿאַר זײ אומעטום, וואו ס'וועט נאָר זײַן פּאַסיק אָדער—מעגליך. צוזאַמען מיט די באַזיגטע האָבן די בני=ישראל אָנגעהויבן באַזוכן די הײליקע ערטער פֿון די כנענים און דאָרט בעטן גאָט. איבעריקן האָבן זײ זיך אַזוי צוגעוואוינט צו די נײַע הײליקע ערטער אַז זײ האָט זיך אָנגעהויבן דוכטן, אַז דאָס זײַנען די זעלבע ערטער, וואו יהוה האָט זיך שוין אַמאָליקע יאָרן באַוויזן צו זײערע אבות, וועלכע האָבן, לויט ווי ס'דערצײלן די לעגענדעס, שוין אַמאָל געוואַנדערט אין פּאַלעסטינע. דער הײליקער דעמב אין חברון, דאָס איז דער זעלבער הײליקער דעמב אין ממרא, בײַ וועלכן יהוה האָט זיך מיט צווײ מלאכים באַוויזן אַבֿרהמען און צוגעזאָגט אים אַז שרה וועט געבוירן יצחקן; אַבֿרהם האָט אונטער דעם דעמב צוגענומען יהוה, ווי אַ גאַסטפֿרײַנדליכער בעל=הבית. בית=אל—איז דאָס הויז פֿון גאָט, ווײַל דאָ, אויף דעם זעלבן אָרט, האָט אַמאָל יעקב זיך אָפּגעשטעלט אויף נאַכטלעגער און אין חלום געזעהן אַ לײטער, פֿון דער ערד ביזן הימל די הויך, און גאָטס מלאכים האָבן זיך אַרויף און נידערן אַראָפּ אויף אים. באר=שבע אַ הײליקער ברונעם; דאָס איז דער זעלבער ברונעם, וועלכן ס'האָט אַ מאָל אויסגעגראָבן יצחק און וואו ס'האָט זיך אים באַוויזן יהוה. און אַזוי האָט מען וועגן יעדן הײליקן אָרט, וועלכן די בני=ישראל האָבן איבערגענומען בײַ די כנענים, אויסגעטראַכט אַ לעגענדע, וועלכע האָט געזאָלט דערקלערן, פֿאַר וואָס איז דער אָרט הײליק, און ווער פֿון די אבות האָט דאָ געלעבט אָדער גערוהט.

נאָך די מוסטערן פֿון די כנענישע הײליקע ערטער האָבן די בני=ישראל אָנגעהויבן אײַנצואָרדענען זײערע נײַע הײליקע הײַזער אויף די במות, זײ האָבן געבויט דאָרט „בתי=אלהים” און געשטעלט דאָרט געגילטע געשטאַלטן פֿון זײער גאָט; אַ זעלכע בילדער האָבן בײַ זײ געהײסן אפֿוד. און פֿאַר דעם ארון איז אויסגעבויט געוואָרן אַ ספּעציעלער בית=אלהים אין שילה וואו ס'האָבן בײַם ארון געדינט ספּעציעלע כוהנים.

נאָר ניט נאָר די הײליקע ערטער האָבן די בני=ישראל איבערגענומען בײַ די כנענים. די באַשיצער פֿון כנען, די ברויטגעבער, זײַנען דאָך געווען די

בעלים, און ניט זייער אַלטער גאָט פון מדבר, יהוה. דעריבער האָבן די בני-ישראל געהאַלטן פאַר זייער חוב צו דינען אויך די בעלים. יהוה איז גרויס; דאָס איז אַ מעכ-טיקער און שרעקליכער גאָט, וועלכער טראָגט זיך אין שטורם און ווינט; די בעלים—דאָס זיינען פרידליכע געטער, נאר דאָך זעהר מעכטיקע אין זייערע געגנטן. און אין די רוהיקע צייטן, ווען געשוויגן האָט דער קריגס-טרומייט, און די כלי-זין האבן געזשאַווערט אין די קאַמערס,—אין אַ זעלכע צייטן האָבן די בני-ישראל עפטער זיך דערמאָנט אָן די בעלים איידער אָן זייער מעכטיקן גאָט פון מדבר. ווען מע האָט זיך געגוויטיקט אין אַ מעכטיקן באַשיצער און פאַרטיידיקער, פלעגט מען ברייינגען פאַר אַ קרבן יהוה די בכורים פון פיה, אין פריהיאָר—מולה, נאָר אין דער זעלבער צייט פלעגט מען אויך ברייינגען אַ קרבן דעם אָרטיקן בעל, און אויף אַזאַ אופן האָט זיך דאָס גלויבן אין יהוה און אין די איבעריקע אַלטע געטער אויסגעמישט מיט דעם גלויבן אין בעל-שמש (זון) און אין די אָרטיקע בעלים. יעדער גאָט האָט געהאַט זיין באַשטימטע ראָל. יהוה—דאס איז אַ שרעק-ליכער גאָט פון מלחמה; אָן אים פלעגט מען זיך דערמאָנען און צו אים פלעגט מען בעטן, ווען די בני-ישראל זיינען געשטאַנען פאַר אַן אויסערליכער געפאַר. דאָס איז דער גאָט, וועלכער טיילט מיט אַ ברייטע האַנט די פּרוכט פון דער ערד. אים ברייינגט מען יעדן יאָר מתנות, ווי אַ דאַנק פאַרן געריטעניש, פאַרן ווייַן, אייל און ברויט. די אָרטיקע בעלים באַשיצן זייערע געגנטן, היטן זיי אָפּ פון אַלערליי צרות, גיבן אָנצוהערן וועגן עתיד דורך זייערע נביאים. די מענטשן האָבן זיך פאַראייניגט און אויסגעמישט: אייניקע שבטים האבן אַפילו ניט איינ-געהאַלטן זייער זעלבסטשטענדיקייט און האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט די כנענים אין איין פאָלק; אויסגעמישט האָבן זיך אויך די געטער; מע האָט אָנגעהויבן אָפט אָנרופן יהוה מיטן נאָמען בעל, און מע האָט געמאַכט זיין בילד אין געשטאַלט פון אַן אָקס, אַזוי ווי די כנענים האָבן עס געטאָן בנוגע צו זייער בעל-שמש.

V.

די שופטים.

ניט לאַנג האָט געדויערט דאָס רוהיקע לעבן פון די בני-ישראל אין נייַען לאַנד. אינגיכן האָבן אויף זיי אָנגעהויבן אָנפאַלן שונאים פון אַלע זייטן. אין צפון-זייט פון פּאַלעסטינע זיינען נאָך פאַרבליבן ניט קיין באַזיגטע אמורישע

שבטים, וועלכע האָבן געפּרובט פּאַרטרײַבן די אָנגעקימעניע בני־ישראל צוריק אין די סטעפּעס; וועגן אײַנעם פון אַ זעלכע פּרובן, וועלכן די בני־ישראל האָבן אָפּגעשלאָגן, איז פאַרבליבן אַ ליד, וואָס איז גוט באַקאַנט יעדן אידן. אײַנער יבין, דער קיניג פון חצור, האָט אַרויסגעשיקט קעגן די בני־ישראל אַ גרויס חיל אונטערן אָנפיר פון דעם קריגס־הויפּטמאַן סיסרא. די לעגענדע דערציילט, אַז סיסרא האָט געהאַט גאַנצע נײַן הונדערט אײַזערנע רײַטוואָגנס; נאָר אויב אַפילו ער האָט געהאַט צוויי מאָל ווייניקער, איז דאָס אויך געווען אַ גוואַלדיקע קראַפט. אין יענע צײַטן איז די הויפט־קראַפט פון יעדן חיל באַשטאַנען אין רײַטוואָגנס; אויף יעדן רײַטוואָגן זײַנען געווען צו דרײַ זעלנער באַוואָפנטע אין פּאַנצערס; כדי צו פאַרמאָגן אַ זעלכע רײַטוואָגנס, האָט מען געמוזט האָבן גרויסע מיטלען און אויך גוטע מײַסטערס, וועלכע זאָלן קענען מאַכן די רײַטוואָגנס. די בני־ישראל, וואָס האָבן געהאַט אַ חיל נאָר פון פוסגײַער, איז געווען שווער צו קעמפן קעגן אַזעלכע שונאים, וועלכע האבן געהאַט רײַטוואגנס. נאר דא איז זײַ געקומען צו הילף דער בערגיקער כאַראַקטער פונם לאַנד: סיסרא איז געווען געצוואונגען אנהויבן די שלאַכט בײַם באַרג תבור, נעבן טײַך קישון, וואו די רײַטוואגנס האבן זיך ניט געקאנט פרײַ באַוועגן; און חוץ דעם האט זיך די בני־ישראל אײַנגעגעבן צו טויטן דעם קריגס־אנפירער סיסרא. דאס פאלקס־ליד, וואס דערציילט פון דער דאזיקער שלאַכט, ווײַזט אן, ווי אויף דעלדן וואָס האָבן געבראַכט צום נצחון, אויף די נביאה דבורה, פון באַרג אפרים, וועלכע האָט באַגײַסטערט צום קאמף די שבטים, וואָס האָבן בכלל גאָר קײַן חשק ניט געהאַט צו העלפן אײנער דעם אַנדערן, און אויף דעם אָנפירער פון די פאַראײַניקטע שבטים, ברק'ן. נאָר די געפאַר, איז, ווייזט אויס, געווען אַזוי גרויס, אַז דאָס מאָל האָבן אַלע שבטים פון מערב-זייט ירדן זיך אויפגעהויבן און מיט פאַראײניקטע כוחות האָבן זיי מציל געווען זייער זעלבסטשטענדיקייט פון די הענט פון שטאַרקן שונא. מיר ברײנגען דאָ דאָס דערמאָנטע ליד, די אַזוי גערופענע שירת דבורה:

הערט צו מלכים, פאַרנעמט שרים איך וויל, יהוה'ן אים וויל
איך זינגען, איך וויל שפּילן צו יהוה'ן דעם גאָט פון ישראל!
אין די טעג פון שמגר בן ענת, אין די טעג פון יעל זײַנען אויס
געוואָרן קאַראַוואַנען,
און די וועגגייער זוכן אַרומיקע שטעגן.
אויס מיט דעם אָפענעם לאַנד אין ישראל, אויס!

ביז דו ביסט ניט אויפגעשטאַנען, דבורה, דו ביסט ניט אויפגעשטאַנען
א מוטער אין ישראל!
קיין פּאַנצער איז ניט צו זעהן און ניט קיין שפּיז צווישן די
פערציג טויזנט פון ישראל!

* * *

מונטער, מונטער, דבורה! מונטער, מונטער, זינג אַ ליד!
שטיי אויף ברק, און טרייב דיינע געפאַנגענע, בן אבינועם!

* * *

געקומען זיינען מלכים, מלחמה געהאַלטן,
דאַמאָלס געשלאָגן האָבן זיך די מלכים פון כנען
באַ תענך, באַ די מגידו-וואַסער.
אין רויב אָבער זילבער ניט באַקומען:
פון הימל געשלאָגן האָבן זיך די שטערן,
פון זייערע שטעגן געשלאָגן זיך מיט סיסרא'ן!
דאָס טייכל קישון האָט זיי פאַרטראָגן,
דאָס אַלטע טייכל, דאָס טייכל קישון!
שעלט מרוז, זאָגט אַ מלאך פון יהוה'ן,
„שעלט, פאַרשאלטן זיינען זיינע איינוואוינער:
זיי זיינען ניט געקומען צו הילף יהוה'ן
צו הילף יהוה'ן צווישן די גבורים"
געבענטשט פון פרויען זאָל אָבער זיין יעל,
די פרוי פון חבר דעם קיני!
פון די פרויען אין געצעלט געבענטשט זאָל זי זיין!
וואַסער האָט ער געבעטן—מילך האָט זי געגעבן,
אין אַ האַרן-טאַס האָט זי פּוטער דערלאַנגט
די האַנט צום פלאָקן שטרעקט זי אויס
און איר רעכטע (האַנט) צום אַרבעטער-האַמער!
זי האָט געטראָפן סיסרא'ן, זיין קאָפ צעשלאָגן
צעריבן און דורכגעעגבערט זיין שלייף!

צו אירע פיס אויף די קני איז ער געפאַלן,
וואו געפאַלן—דאָרט שוין טויט געבליבן!

* * *

דורך דעם פענסטער קוקט און רופט
סיסרא׳ס מוטער דורך די גראַטעס:
„פאַר וואָס זוימט זיך זיין רייטוואָגן?
פאר וואָס פארשפעטיקן זיך די טריט פון זיינע פערד?״
די קליגסטע פון אירע האַרינטעס ענטפערט איר,
אויך אַליין חזרט זי אירע ווערטער פאַר זיך:
„געוויס האָבן זיי געפונען און טיילן דעם רויב:
איינע, צוויי פרויען פאַר יעדער קריגסמאַן,
רויב פון געפאַרבטע קליידער פאַר סיסרא׳ן
רויב פון געפאַרבט געוואַנט!״
אַזוי זאָלן פאַרלאָרן גיין אַלע דיינע פיינט, א יהוה!
(ב. דינאבורג. „אידישע געשיכטע״).

* * *

דאָס דאָזיקע נצחון-ליד איז פאַרשריבן אין „בוך פון די מלחמות פון יהוה״ (ספר מלחמות יהוה). אזוי האָט געהייסן בײַ די אוראַלטע בני-ישראל די זאַמלונג פון זייערע נאַציאָנאַלע לידער, וועלכע אַנטהאַלטן אין זיך באַשרייבונ-גען פון די העלדישע מעשים פון זייערע קריגס-פירער און פּאָעטישע בילדער פון פארשיידענע מאָמענטן פון דעם בלוטיקן קאַמף, וואָס די בני-ישראל האָבן געפירט מיט די כנענים. די מחברים פון די היסטאָרישע טיילן פון תנך האָבן זיך באַנוצט מיט דעם דאָזיקן „ספר מלחמות יהוה״. זיי פלעגן נעמען פון דעם בוך סיי גאַנצע לידער, סיי איינצלנע טיילן פון לידער; אין דעם לעצטן פאַל פלעגן זיי איבערגעבן דעם אינהאַלט פון די לידער מיט אייגענע ווערטער. דער מחבר פון „שופטים״ האָט אויך, א פנים, פון דעם בוך גענומען אַלע מעשיות וועגן דעם קאַמף, וואָס די בני-ישראל האָבן אויסגעהאַלטן מיט אַן אַנדער שונא, די מדינים, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו באַאומרוהיקן די בני-ישראל גלייך באַלד דערנאָך, ווי זיי האָבן זיך אַ ביסל אויסגערוהט נאָך דעם קאַמף מיט די כנענים.

ווי מיר ווייסן שוין, האָבן די מדינים זיך אָנגעהויבן קריגן מיט די בני-ישראל נאָך אין מדבר. איצטער, ווען די בני-ישראל האָבן איינגענומען דאָס לאַנד כנען און זיך דאָרט באַזעצט, האָבן די מדינים פאַרנומען די פלעצער אין מדבר, וואו די בני-ישראל האָבן זיך ביז אַהער געפונען, און זיינען געוואָרן פונקט אַזעלכע שונאים די איינגעזעסענע בני-ישראל, ווי די וואַנדערדיקע בני-ישראל זיינען געווען בנוגע צו די כנענים. די מדינים פלעגן אָנפאַלן אויף די ישובים פון די בני-ישראל און אויף זייערע פעלדער; ווען ישראל פלעגט זייען פלעגן קומען די מדינים צוזאַמען מיט די עמלקים און מיט נאָך אַנדערע מדבר-פעלקער, פלעגן צעטרעטן די אַקער-פעלדער, אַוועקרויבן די בהמות און פלעגן ניט איבערלאָזן פאַר די בני-ישראל ניט קיין שאָף, ניט קיין אָקס, ניט קיין אייזל. נאָר די שבטים, וועלכע האָבן געוואוינט אין צפון-זייט פאַלעסטינע האָבן ניט געליטן פון די דאָזיקע רויבערישע אָנפאַלן; דרום-פאַלעסטינע אָבער פלעגן די מדבר-רויבער יעדן יאָר חרוב מאַכן ביזן סאַמע ים.



אַ פּאַרצייטיק — פאַלעסטינישער קריג-רייטוואָגן.

און ביים ים האָבן זיך באַוויזן נייע שונאים, די פלשתים. דאָס זיינען געווען אויסוואַנדערער פון צפון, פון קליין אַזיען; זיי זיינען אָנגעקומען פון דאָרט אין דער צייט, ווען די בני-ישראל זיינען אַריינגעדרונגען אין כנען. און זיי האָבן פאַרנומען דעם שמאָלן פאַס ביים ברעג ים, צו דרום צו פון דעם אָרט, וואו דער טאל יזרעאל גייט אַרויס צום ים צו. פאַר אַלע איינוואוינער פון

כנען, סיי פאַר די פריהערדיקע כנענים, סיי פאַר די איצטיקע בני־ישראל זיינען זיי געווען גאָר פרעמדע מענטשן, פון גאָר אַן אַנדער אָפּשטאַם. זיי האָבן גערעדט אויף אַן אומבאַקאַנטער שפּראַך, און האָבן געדינט גאָר אַנדערע גענער. ס'איז ניט געווי באַוואוסט, צו וואָס פאַר אַ פאָלק ס'האָבן געהערט די פּלשתים; נאָר לויט זייערע רונדע קעפּ, זיינען זיי געווען געראָטן אין די גריכן; און עס קאָן טאַקע זיין, אַז זיי זיינען געווען אין אַ מער אָדער ווייניקער נאָהענטער קרובהשאַפט מיט די גריכן. לויט זייערע באַשעפטיקונגען האָבן זיי זיך אויך אָפּגעשיידט פון די איינוואוינער פון כנען. זיי האָבן אויסגעבויט פאַר זיך ישובים אויפן ברעג ים, אויסגעבויט עזה און אשקלון, וועלכע זיינען מיט דער צייט געוואָרן גרויסע שטעט, און פון דאָרטן פלעגן זיי אויף לייכטע שיפלאַך אַרויספאָרן אין ים. אייניקע פון זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט פישעריי, אַנדערע אָבער האָבן זיך ניט באַגענוגט מיט אַזאַ פרידליכער באַשעפטיקונג, און זיי פלעגן לאָקערן אויף פעניקיישע האַנדלשיפן, אָנפאַלן אויף זיי און זיי באַראַבעווען. זיי האָבן אויך געפּרובט מאַכן אונטערטעניק די שבטים פון די בני־ישראל, ווייל זייער געווינטליכער לעבנס־שטייגער האָט זיי ניט געקענט איינגאַנצן מפרנס זיין, די פעניקיער פלעגן רודפ'ן די ים־רויבער און זיי פאַרניכטן; און פאַרנעמען זיך מיט רויבעריי אויפן ים איז דעריבער געווען זעהר געפערליך. פישעריי וואָלט געווען גענוג, ווען דאָס וואָלט געווען אַ צוגאָב צו ערדאַרבעט, ערד אָבער איז געווען זעהר ווייניק, און פון פישעריי אַליין ציהען די חיונה איז געווען כמעט אוממעגליך. דער האַנדלס־פאַרקער איבערן ים האָט זיך שוין פון לאַנג אָן געפונען אין די הענט פון די פעניקיער, און די פּלשתים זיינען ניט געווען אימשטאַנד מיט זיי צו קאָנקורירן, ס'איז געבליבן נאָר איין מיטל: איינעמען נייע פלעצער און דאָרט זיך באַזעצן, די שכנישע טאָלן פון פּאַלעסטינע האָבן געצויגן צו זיך די פּלשתים, און זיי האָבן אָנגעהויבן מיט די בני־ישראל פירן אַ בלוטיקן קאַמף פאַרן לאַנד, וואָס „פליסט מיט מילך און מיט האָניק", אַ קאַמף, וואָס האָט זיך פאַרצויגן אויף לאַנגע יאָרן. אַ מוראדיקער שונא זיינען פאַר די בני־ישראל געווען די פּלשתים. זיי פלעגן אַרויסגיין אויף מלחמה באַוואָפנטע מיט בראָנזענע פאַנצערס; זייער חיל איז באַשטאַנען ניט נאָר פון צופוסגייער (אינפאַנטעריסטן), נאָר אויך פון רייטערס און קריג־רייטוואָגנס און קעגן אַזאַ מעכטיקן שונא האָבן די בני־ישראל געמוזט אַרויסטרעטן מיט אַ חיל, וואָס איז באַשטאַנען רק פון צופוסגייער. די מדינים האָבן זיי נאָך ווי ניט איז געקאָנט בייקומען; זיי פלעגן באַפעסטיקן די בערג־דורכגיינג אויפ-

בויענדיק באַ די בערג-שפּאַלטן אַזוינע קליינע פעסטונגען, פון וועלכע מ'האָט
געקאָנט אָנפאַלן אויף די שונאים און באַשיטן זיי מיט אַ האָגל פון שטיינער
און פיילן; אַ חוץ דעם האָבן די מחנות פון די מדינים מיט זייער באַוואָפענונג
זיך ווייניק אָפּגעשיידט פון די בני-ישראל. אַ סך שווערער איז געווען פּאַרטיק
צו ווערן מיט די פלשתים, און די בני-ישראל האָבן געמוזט אַוועקלייגן אַלע
כוחות זייערע, כדי זיך צו באַפרייען פון דער סכנה וואָס איז געשטאַנען פאַר
זיי מצד די פלשתים.

דער קאַמף מיט די פלשתים איז פאַר די בני-ישראל געווען נאָך שווערער
דערפאַר, וואָס צווישן די איינצלנע שבטים איז ניט געווען קיין אַחדות. אין די
טאָלן פון פּאַלעסטינע האָט זיך איטליכער שבט געלעבט פאַר זיך, אָפּגעטיילט
דורך די בערג פון די איבעריקע שבטים. די ערד האט געגעבן גענוג אויף צו
באַפרידיקן אַלע איינפאַכע באַדערפענישן פון יעדן שבט, און די אייגענע האַנט-
ווערקער פלעגן אויסאַרבעטן אַלץ, אין וואָס דער שבט האט זיך גענויטיקט, און
דעריבער איז אין קיין אָפּטן מגע ומשא צווישן די שבטים כמעט קיין נויט ניט
געווען. יעדער שבט האָט אין זיין געגנט געהאַט זיינע הייליקע ערטער, יהודה
האָט געהאַט חברון און באר-שבע, אפרים-שילה, מנשה-יביש, בנימין-בית-אל,
גבעון און גבעה, דן-בית-שמש. אויף אַזאַ אופן האָבן זיך די שבטים אַפילו צו-
ליב אַלגעמיינע רעליגיעזע צערעמאָניעס אויך זעלטן ווען צונויפגעזאַמלט אינ-
איינעם. אַזאַ אָפּגעריסנקייט האָט געבראַכט צו זעהר שלעכטע רעזולטאַטן. די
מזרח ירדנ'דיקע שבטים זיינען ניט געווען אימשטאַנד אַפילו זייער זעלבסטשטענדי-
קייט איינצוהיטן: ראובן און שמעון האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט די בני-מואב
און בני-עמון און האָבן אויפגעהערט צו עקזיסטירן ווי זעלבסטשטענדיקע שבטים
די מערב-ירדנ'דיקע שבטים פלעגן אויך זעלטן קומען צו הילף איינער דעם
צווייטן. אַז אַ שונא פלעגט אָנפאַלן אויף אַ וואָסער ניט איז שבט, פלעגן די
איבעריקע שבטים כמעט שטענדיק שטיין פון דער ווייטנס, סיידן זיי האָבן מורא
געהאַט, אַז דער שונא וועט אָנפאַלן אויך אויף זיי. ווען סיסרא איז אָנגעפאַלן
אויפן שבט יששכר, האָבן זיך אָפּגערופן נאָר אפרים, מנשה און דער שבט קיני
ראובן, דן, אשר, זבלון און נפתלי האבן זיך פון אָרט ניט גערירט. אַזוי איז
געווען אויך דאָן, ווען ס'זיינען פאָרגעקומען די ערשטע צוזאַמענשטויסען מיט די
פלשתים: יעדער שבט פלעגט פאַרטיידיקן מער ניט ווי זיך גופא און פלעגט
לחלוטין ניט זאָרגן וועגן די איבעריקע. דערפאַר אָבער פלעגן זיך אין יעדן
שבט, ווען ס'פלעגט אויסקומען זיך פאַרטיידיקן קעגן די שונאים, געפינען

העלדן, וואס האָבּן זיך געשטעלט בּראש פון זייערע ברידער און האבן אָנגעפירט מיטן קאַמף. די פּאָעטישע לעגענדעס שילדערן די דאָזיקע אָנפירער, ווי אמתע העלדן, אָדער גבורים, ווי זיי האָבּן געהייסן בּאַ די בּני־ישראל. די לעגענדעס דערציילן, אַז יהוה אַליין פלעגט אויסדערוויילן און רופן צום קאַמף די דאָזיקע גבורים, יהוה פלעגט זיי אפרופן פון אַקער, און זיי פלעגן גיין, פאַראייניקן אַרום זיך דאָס חיל און מיט דער הילף פון יהוה פלעגן זיי מנצח זיין די שונאים. אַזוי דערציילן אויך די רוסישע לעגענדעס וועגן דעם גבור איליאַ מוראמעץ. גאָט אַליין האָט אים גערופן דורך זיינע שלוחים, בּלאָנדזשעדיקע קאַליקעס. פון וועלכע ער האָט בּאַקומען זיין גבורה און אַ בּרכה צו גיין קעמפן מיט די סמעפעס־אַיינוואוינער. איצטער קענען מיר געגוי נית זאָגן, וועלכע גבורים זיינען טאַקע בּאמת געווען בּאַ די בּני־ישראל און וועלכע זיינען אויסגעטראַכטע פון דער פאָלקס־פאַנטאַזיע, און וויפל אמת ס'איז פאַראַן אין די גבורות, פון וועלכע ס'דערציילן די לעגענדעס. אַ סך לעגענדעס איז פאַרבּליבּן וועגן די דריי גבורים גדעון, יפתח און שמשון.

גדעון האָט געשטאַמט פון שבט מנשה; אין איינעם פון זייערע אָנפאַלען אויף די בּני־ישראל האָבּן די מדינים אויסגע'הרג'עט אַלע זיינע בּרידער. איינמאָל האָט גדעון נית ווייט פון הייליקן דעמבּ אין עפרה געדראָשן ווייץ, אין אַ וויין־קעלער כּדי צו בּאַהאַלטן זיך פון די מדינים, האָט זיך צו אים בּאַוויזן אַ מלאך פון גאָט פון אונטערן דעמבּ און האָט צו אים געזאָגט: גאָט איז מיט דיר, דו מעכטיקער גבור און גדעון האָט געזאָגט צום מלאך פון גאָט: אויבּ גאָט איז יאָ מיט אונז, פאַר וואָס זשע האָט ער אונז פאַרלאָזן און האט אונז איבּערגעגעבּן אין די הענט פון מדין. איצט האָט שוין דאָס אָרט פון מלאך פאַרנומען יהוה אַליין. און יהוה האָט געבּענטשט גדעונען צום קאַמף מיט די מדינים, און האט געזאָגט: דו וועסט אויסלייזן די בּני־ישראל פון די הענט פון די מדינים, איך האָבּ דיך געשיקט. גדעון האָט גלייך געבּראַכט אַ קרבּן צו יהוה; ער האָט געשאָכטן אַ יונג ציגעלע, אויסגעקאָכט פון דעם אַ געקעכץ און פון מעל האָט ער אויסגעבּאַקט מצות, און האָט געבּראַכט דעם קרבּן אונטערן דעמבּ און דאָרט אים אַוועקגעלייגט אויף אַ שטיין. יהוה האָט אַראָפּגעשיקט אַ פייער, און האָט פאַרצערט דעם קרבּן. דאַן האָט גדעון געגלויבּט, אַז גאָט האָט אים גערופן אויף צו מציל זיין די בּני־ישראל פון די הענט פון די מדינים, און ער האָט פונאַנדערגעשיקט שלוחים צו די שבטים מנשה, אשר, זבולון און נפתלי. יהוה אַליין האָט אים אָנגעוויזן, ווי אַזוי ער זאָל אָנפאַלן אויף די מדינים כּדי זיי צו פאַרניכטן;

גדעון האָט איבערגעלאָזט בײַ זיך סך הכּל דרײַ הונדערט מאַן, און די מדינים מיט די עמלקים זײַנען געווען אין זעהר אַ גרויסער צאָל, ווי די הײַשעריקן, און צו זייערע קעמלען איז קיין שיעור ניט געווען, ווי די זאַמד אויפן ברעג ים. אין דער נאַכט האָט גדעון מיט זײַנע דרײַ הונדערט מאַן גענומען שופרות לײדיקע קריגלאַך און ברענענדיקע שטורקאַצן און זיי האָבן זיך שטילערהייט דערנעהענט צום לאַגער פון די מדינים, און האָבן מיט אַמאָל אַלע אָנגעהויבן בלאָזן פון די שופרות, צעבראָכן די קריגלאַך און גענומען די שטורקאַצן אין די הענט און דאָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן טומל בײַ די מדינים און גדעון מיט זײַנע לײַט האָבן געשלאָגן די מדינים און נאָכגעיאָגט זיי ביזן יענעם-זײַט ירדן. רײַך איז געווען די רויב וואָס גדעון און זײַן חיל האָבן דעמאָלט באַקומען. פון דעם זילבער, וואָס זיי האָבן פאַרכאַפּט בײַ די מדינים, האָט גדעון בײַ יעדערן פון זײַנע קריג-לײַט אויסגעבעטן זיך אַ זילבערן אוירינגל, און דערפון האָט ער געמאַכט אַ זילבערנעם אפוד, אַ זילבערנעם בילד פון גאָט. דעם אפוד האָט ער אַוועקגעשטעלט אין עפרה, און דער נײַער אָפּגאָט האָט געקראָגן אַ שם אינם גאַנצן געגנט; פון אַלע עקן לאַנד פלעגט מען זיך צונויפקלײַבן אין עפרה, ברײַנגען קרבנות פאַר דעם נײַעם אָפּגאָט, וואָס האָט מציל געווען דאָס לאַנד פון די פײַנד. און גדעון האָט אָנגעהויבן משפּט'ן זײַן שבט און געוועלטיקן איבער אים, און אַלע האָבן זיך אונטערגעוואָרפן אונטער אים; ער האָט דאָך מציל געווען די בני-ישראל פון די הענט פון די מדינים. אַז גדעון איז געשטאָרבן האָט איינער פון זײַנע זין, אבימלך, אויסגעהרג'עט אַלע זײַנע ברידער, פאַרכאַפּט דעם אפוד און דעם הייליקן דעמב און איז געוואָרן קיניג איבער מנשה. נאָר מע האָט זיך אונטערגעוואָרפן אונטער זײַן הערשאַפט גאָר אָן חשק און מע האָט גערעדט וועגן אים, אַז ער האָט ניט קיין רעכט צו זײַן קיניג—דײַן פאָטער האָט געקעמפט פאַר מנשה, האָט מקריב געווען זײַן לעבן און האָט אויסגעלייזט דעם שבט פון אונטער דעם יאָך פון די מדינים, און, ער, אבימלך האָט אויסגעהרג'עט אַלע גדעונ'ס קינדער, זײַנע ברידער, און האָט פאַרכאַפּט די מאַכט. די אײַנוואוינער פון שכם האָבן געמאַכט אַן אויפשטאַנד קעגן אים ער האָט קוים דערשטיקט דעם אויפשטאַנד, ווי ער האָט גלײַך געמוזט גיין באַרוהיקן נאָך אַ שטאָט, תבץ. נאָר דאָ האָט שוין אויף אים געוואַרט דער טויט: בעת ער האָט געוואָלט אונטערצינדן דעם טורם, אין וועלכן ס'האָבן זיך באַהאַלטן אַלע אײַנוואוינער פון תבץ, האָט אויף אים אַ פרוי אַראָפּגעוואָרפן אַ שטיק מילשטיין, און דורכגעבראָכן

אים דעם קאָפּ, אַזוי טרויעריק האָט זיך פאַרענדיקט די הערשאַפט פון גדעון'ס הויז.

דער צווייטער גבור, יפתח, האט געשטאַמט פון גלעד, פון מזרח־ירדן. אים איז אינאיינעם מיט זיין שבט אויסגעקומען צו קעמפן קעגן די בני־עמון. וועגן זיינע גבורות דערציילן די לעגענדעס ווייניק, נאר מיט גאר אַ באַזונדערן אינ־טערעס גיט די מסורה איבער דעם טראַגישן גורל פון זיין טאָכטער. אַז יפתח איז אַוועק אויף מלחמה, האָט ער געגעבן אַ נדר, אַז אויב יהוה וועט אים העלפן און וועט איבערגעבן די בני־עמון אין זיינע הענט, וועט ער ברענגען פאַר אַ קרבן צו גאט דאס ערשטע, וואס וועט אים אַרויסגיין אַנטקעגן פון זיין הויז. נאָכדעם ווי ער האט אָפּגעהאַלטן אַ נצחון און האט זיך אומגעקערט אַ היים, איז אים אַנטקעגן אַרויס מיט פויקן און מיט טענץ זיין איינאיינציקע טאכטער. אין אַ משך פון צוויי חדשים האט זי אין די בערג באַקלאָגט איר אומגליקליכן גורל, איר מיידעלשן לעבן. און דערנאָך האט איר פאָטער געטאָן מיט איר, ווי ער האט אַ נדר געגעבן. פון דעמאלט אָן פלעגן די טעכטער פון ישראל פיר טעג אין יאר באַקלאָגן דעם גורל פון יפתח הגלעד'ס טאכטער.

דער דריטער גבור, שמשון, האט געקעמפט מיט די פלשתים. דאס איז געווען גאר אַן אומגעוויינטליכער מענטש; זיין געבורט איז פאראויסגעזאגט גע־ווארן פון אַ מלאך פון גאט, און ביז זיין געבאָרן איז זיין מוטער געווען אַן עקרה. ווען דאס קינד איז אויסגעוואַקסן, האט אויף אים אנגעהויבן רוהען דער רוח פון יהוה און ער האט באַקומען אַ געוואַלטיקן אומגעוויינטליכן כוח. איינמאל איז אַ לייב, אנגעפאַלן אויף אים מיט זיין פאטער און מוטער, האט ער אים צע־ריסן, ווי מע צערייסט אַ קליין ציגעלע. ער האט גענומען אַ פרוי פון די פלשתים נאר ער האט זיך צוקריגט מיט דער ווייבס קרובים. און ווען דריי טויזנט מאַן פון די פלשתים האבן אים אַרומגערינגלט און געבונדן מיט שטריק, האט ער אַראפגעריסן פון זיך די שטריק, געכאַפּט אַ קינבאַק פון אַן אייזעלין און האט מיט אים גע'הרג'עט טויזנט פלשתים. איינמאל האט ער גענעכטיקט אין עזה, האט ער אויף די אַקסלען אַוועקגעטראגן די טויערן פון שטאט אויפ'ן שפּיץ באַרג בּאַ דער שטאט חברון. אומגעבראַכט האט אים זיין ליבע צו אַ פלשתישער פרוי דלילה. די פלשתים האבן זי אונטערגעקויפט, זי זאל זיך דערוויסן, מיט וואס איז אַזוי גרויס דער כוח פון שמשון'ען, און דלילה האט זיך דערוואוסט. אַז זיין כוח איז אין זיינע לאַנגע האר; דאַן האט אים דלילה איינגעשלעפערט, אפגעשארן אים זיינע האר, און שמשון האט פאַרלארן זיין כוח. די פלשתים האבן אים אויס־

געשטאכן די אויגן, אריינגעזעצט אין געפענגעניש און געצוואונגען אים צו דרייען דארטן א מילשטיין. מיט דער צייט האבן די האר פון שמשונ׳ס קאפ אנגעהויבן אנצוואוואקסן, און דא איז אנגעקומען בא די פלשתים דער יום=טוב לכבוד זייער הויפט=גאט דגון. די פלשתישע הארן האבן געהייסן ברייגגען שמשונ׳ען אין טעמפל וואו ס׳איז פארגעקומען דער יום=טוב, כדי פרייליך זיך מאכן און שפאטן און לאכן פון אים. צום סוף האט שמשון שוין ניט געקאנט איבערטראגן די שפא=טערייען, און ער האט געבעטן דאס אינגל, זיין פירער, אז ער זאל אים צופירן צו די זיילן, אויף וועלכע ס׳האלט זיך דער גאנצער טעמפל; ער האט זיך אנ=געשפארט מיט די הענט אויף די זיילן, און האט זיי אנידער געווארפן; דער טעמפל איז איינגעפאלן און האט באגראבן אונטער זיך אלע מענטשן, וואס האבן זיך דארטן געפונען און אויך שמשונ׳ען גופא.

אין די דאזיקע אלע דערציילונגען איז פאראן א סך פאנטאסטישעס, בפרט אין די מעשיות וועגן יפתח׳ן און שמשונ׳ען, מ׳קען אפילו מיינען, אז די גאנצע מעשה מיט יפתח׳ן איז אויסגעטראכט נאר צוליב דעם, כדי צו דערקלערן דעם מנהג, לויט וועלכן די אידישע פרויען פלעגן אין די אוראלטע צייטן איינארדע=נען יעדן יאר א טרויער=טאג, אייניקע געלערטע האלטן, אז דער דאזיקער מנהג האט א נאהענטע שייכות צו יענע טרויער=צערעמאניעס, וואס פלעגן איינגעארדנט ווערן אין פארשיידענע מזרח=לענדער אין הארבסט=צייט, ווען עס ווערט פארוועלקט די גאנצע נאטור. די בבלים פלעגן זאגן: דאס האט אישטאר (עשתורת), די געטין פון ליבע, פריהלינג און פרייד, זיך אראפגעלאזן אין תהום, וואו זי ווערט גע=פייניקט פון בייזע טייוולען, און האט מיטגענומען מיט זיך די גאנצע לעבעדי=קייט און ווארעמקייט. און די בבלישע פרויען פלעגן מיט א יאמער און געוויין איינארדענען א טרויער=חגא לכבוד דער געטין, וואס האט זיך אראפגעלאזט אין תהום. אין קליין=אזיען און אין גריכנלאנד פלעגט מען אויך באוויינען פערסע=פאנע, די טאכטער פין דעמעטער (מוטער פון דער ערד), דער געטין פון פרוכ=פעריקייט; א האלב יאר פלעגט פערסעפאנע פארברייגגען אויף דער ערד, דאס אנדערע האלב=יאר — אונטער דער ערד. מעגליך, אז אין כנען האט נאך פון די אוראלטע צייטן עקזיסטירט אזא טרויער=חגא אין הארבסט, און די בני=ישראל האבן איבערגענומען דעם מנהג בא די כנענים; און כדי צו דערקלערן, פון וואנען ס׳נעמט זיך דער דאזיקער מנהג, האט מען, ווייזט אויס, צו דער לעגענדע וועגן יפתח׳ן נאך צוגעגעבן א מעשה, ווי אזוי יפתח האט געמוזט ברייגגען פאר א קרבן זיין טאכטער. נאך מער פאנטאסטיש זיינען די מעשיות וועגן שמשונ׳ען. ס׳איז

גלייך ניכר, אַז שמשון איז ניט פשוט אַ מענטש, נאָר עפּעס אַ מין האַלבער גאָט, און ס'איז ניט שווער צו דערקענען, וועגן וועלכן גאָט ס'רעדט זיך דאָ, אויב מיר וועלן נאָר גענויער באַטראַכטן זיין נאָמען. דאָס וואָרט „שמשון" שטאַמט פון שורש „שמש", וואָס באַטייט די זון. בײַ די פלשתּים און פעניקיער, די שכנים פון די בני־ישראל, איז געווען אַ מיף וועגן מעלקאַרטן, דעם גאָט פון דער זון, וועלכער, ווי מיר ווייסן, האָט אַרויסגעוויזן צוועלף גבורות, איז דערגאַנגען ביזן עק פון דער ערד און דאָרט אַוועקגעשטעלט צוויי זײַלן. אין איינע פון זיינע גבורות, וואָס ער האָט באַוויזן, ווערט אויך דערציילט, ווי מעלקאַרט האָט גובר געווען אַ לייב. וועגן דעם בבלישן זון־גבור הילהאַמעש ווערט אויך דערציילט, אַז ער האָט געקעמפט מיט אַ לייב, מיט אים האָט זיך אויך געטראָפן אַן אומגליק



הילהאַמעש קעמפט מיטן לייב.

צוליב אַ ליבע צו דער געטין אישטאַר; די גבורות פון מעלקאַרטן און הילהאַמעשן האָבן די גריכן צוגעשריבן זייער העלד הערקל. די געשיכטע פון הערקל איז אַזוי ענליך צו דער געשיכטע פון שמשונ'ען, אַז נאָך אין פערטן יאָרהונדערט נאָך ישוע'ס געבורט האָט איין שרייבער, דער גייסטליכער יעווסעוי, געשריבן, אַז הערקל—דאָס איז אַ קאָפּיע, וואָס די געצנדינער האָבן אָראָפּגענומען פון שמשונ'ען. מעלקאַרט האָט אויסגעפירט צוועלף גבורות: די זון גייט דורך אין משך פון אַ יאָר דורך צוועלף מזלות, און די צוועלף העלדנטאַטן זיינען צוגעפּאַסט צו די דאָזיקע מזלות; שמשון האָט באַוויזן מער ניט ווי זיבן גבורות; נאָר ס'קאָן

זיין, אַז אין די אוראַלטע צייטן האָט די לעגענדע וועגן שמשון׳ען אויך גע־ציילט צוועלף גבורות.

מער ווי אַלע איבעריקע לעגענדעס, איז היסטאָריש לויט איר אינהאַלט די לעגענדע וועגן גדעון׳ען. אין דער דאָזיקער לעגענדע איז אַ סך צו גלויבן, און פון איר קענען מיר זיך פיל דערוויסן וועגן דעם לעבן-שטייגער און די מנהגים פון די אוראַלטע בני־ישראל, ס׳איז צו גלויבן, אַז אין אַ מלחמה־צייט האָבן די בני-ישראל געבעטן צו זייער גאָט יהוה און האָבן צייטווייליק פאַרגעסן וועגן דעם פרידליכן בעל. ס׳איז צו גלויבן, אַז ס׳איז טאַקע געווען אַזאַ גדעון, און ס׳איז אונז אַפילו ניט שווער צו פאַרשטיין, פאַר וואָס איז דאָס גראַדע ער אַרויס־געטראָטן אין קאַמף קעגן די מדינים: ער האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב נקמה צו נעמען פאַר זיינע דער׳הרג׳עטע ברידער. נאָר די הויפט־זאַך, וואָס מיר דער־וויסן זיך פון די לעגענדעס וועגן גדעון׳ען און אַנדערע גבורים, פון וועלכע מיר ווייסן זעהר אָפט גאָרנישט ניט אַחוץ זייערע נעמען, איז אָט וואָס: אייניקע אָנפירער פון די שבטים פלעגן ניט פאַרלירן זייער מאַכט אויך שפּעטער נאָכן נצחון איבער די שונאים. אין מלחמה־צייט פלעגן זיי געוועלטיקן איבערן גאַנצן פאָלק, און אַנדערש האט עס ניט געקאָנט זיין; נאָר האָבנדיק איין אָנפירער האָט מען געקענט גובר זיין די געפערליכע שונאים. נאָר אָט איז געקומען אַ סוף צו דער מלחמה, דאָס לאַנד האָט זיך אַיינגערוהיקט, און די קריג-לייט פלעגן זיך פאַנאַנדערגיין איטליכער אונטער זיין פייגנבוים און אין זיין ווייַנגאָרטן, און דאָך פלעגן אויך ווייטער אייניקע אָנפירער ניט אָנווערן זייער כבוד און זייער מאַכט. זיי פלעגן משפּטן דאס פאָלק, ווי ס׳דערציילן די לעגענדעס. אַזעלכע אָנפירער, וועלכע פלעגן אויך נאָך דער מלחמה אַיינהאַלטן אין זייערע הענט די מאַכט, האָט דאָס פאָלק גערופן שופטים, און דער ספר פון תנ״ך, וואו ס׳ווערט דערציילט וועגן זייערע גבורות און מעשים, ווערט אויך אָנגערופן שופטים. אויב מיר זאָלן אַפילו האַלטן, אַז ניט אַלץ, וואָס ווערט דערציילט וועגן די וואונדערבאַרע גבורות פון די העלדן, איז ריינער אמת, קאָנען מיר דאָך גלויבן, אַז פיל פון די דאָזיקע גבורים זיינען טאַקע געווען שופטים, אַז זיי האבן גע־משפּט דאס פאָלק. וואָס זשע הייסט עס משפּט׳ן דאָס פאָלק?

כל זמן די בני-ישראל האָבן געוואַנדערט איבערן מדבר, האָבן זיי זיך ניט גענויטיקט אין קיין שטענדיקן געריכט. אויב איינער פלעגט באַליידיקן זיין קרוב, פלעגט די זאַך ערליידיקט ווערן פון דעם עלטסטן אין זייער משפּחה, פון זייער פּאַטריאַרך; ווען דער באַליידיקער און דער באַליידיקטער זיינען געווען פרעמדע

צווישן זיך, פלעגט די זאַך ערליידיקט ווערן דורך אַ קאַמף צווישן זיי; פאַר ביידן פלעגן זיך אָננעמען זייערע קרובים, און עס פלעגט זיך אָנהויבן אַ מלחמה לויטן כלל: אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ צאָן פאַר אַ צאָן. נאָר ווען די בני־ישראל האָבן זיך באַזעצט אין דעם לאַנד כנען, און זיינען געוואָרן איינגעזעסענע פויערים, האָבן שוין די אַלטע מיטלען מער ניט געקענט זיין גילטיק. די קרובים האָבן זיך באַזעצט ווייט, אָפּגעזונדערט איינער פון דעם אַנדערן, זיי פלעגן זיך זעלטענער טרעפן איינער מיטן צווייטן; דאס האט געפירט צו דער צו, אַז די מאַכט פון די עלטסטע אין משפּחה איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, פירן בלוטיקע מלחמות צוליב אַ באַליידיקונג איז שוין געוויס געווען אומבאַקוועם ,ווייל די מלחמות פלעגן רואינירן די באַלעבאַטעשקייט פונם ערדאַרבעטער. צו וועמען זשע ווענדט מען זיך, ווען מע דאַרף פאַרענטפערן עפּעס אַ שטרייט־פראַגע אָדער באַשטראָפן פאַר אַ באַליידיקונג? ס'פאַרשטייט זיך, צו אַזאַ מענטשן, וועלכער וועט קענען גוט באַטראַכטן די פראַגע; און בעסער פאַר אַלעמען וועט עס מאַכן, אַזאַ מענטש, וועלכער וויים, ווי צו קומען אין באַציהונגען מיט גאָט און קען זיך דערוויסן זיין רצון. באַזונדערס איז עס נויטיק אין אַזאַ פאַל, ווען די זאַך איז זעהר ניט קלאָר, ווען מ'ווייס ניט, ווער איז עס דער פאַרברעכער, ווען דער לעצטער האָט שוין געהאַט צייט זיך צו באַהאַלטן — ווי אַזוי געפינט מען אים, כדי צו באַשטראָפן דעם שולדיקן און עס זאָל ניט ליידן קיין אומשולדיקער? וועגן דאָס אַלץ מוז מען אָנפרעגן גאָט, ער וויים און זעהט מער פאַר די מענטשן און ער וועט אָנווייזן דעם שולדיקן. און וויסן דעם רצון פון גאָט קען בעסער פאַר אַלעמען דער מענטש, וועלכער דינט אים שטענדיק, דער כּוהן, אמת, אין יענע צייטן האָט יעדער מענטש געקענט זיין אַ כּוהן; יעדער האט געהאַט די מעגליכקייט צו ברייגגען אַ קרבן פאַר גאָט, ניט נויטיקנדיק זיך דערביי אין אַ פּראָפעסיאָנעלן כּוהן; אַזוי ווייזן מיר, למשל, אַז גדעון, איינער פון די באַרימטעסטע גבורים אין קאַמף מיט די מדינים, האָט געבראַכט אַ קרבן גאָט אין פעלד, דאָרט וואו ביים דרעשן האָט זיך אים באַוויזן דער מלאך און האָט אים געהייסן אַרויסטרעטן קעגן די מדינים; גדעון האט דאָ אויפן אָרט צוגעגרייט דעם קרבן, צונויפגעקליבן אין פעלד שטיינער, פון זיי געמאַכט אַ מזבח און געבראַכט דעם קרבן. נאָר די ערטער וועלכע זיינען געווען הייליק ביים גאַנצן פאָלק האָבן געהאַט פּראָפעסיאָנעלע כּוהנים; זיי פלעגן אַכטונג געבן, אַז אַלץ זאָל דאָ זיין אין אַ געהעריקער אָרדענונג, זיי פלעגן אָפּהיטן די סטאַטועס פון גאָט, אויב ס'זיינען דאָ געווען אַזעלכע, צו זיי פלעגט מען זיך ווענדן מיט די קרבנות, וואָס מע

האָט געוואָלט ברייִנגען פאַר גאָט, און דורך זיי פלעגט מען זיך דערוויסן דעם רצון פון גאָט. די כּוהנים האָבן געטראָגן מיט זיך די אורים ותּומים און, וואַרפנדיק גורל פאַר די דאָזיקע אורים ותּומים, פלעגן זיי זיך דערוויסן דעם רצון פון גאָט, באַקומען פון אים תּשובות און איבערגעבן די דאָזיקע תּשובות דעם פאָלק, ווי אַ תּורה (אַ געזעץ) פון יהוה. אין תּנ״ך געפינען מיר אַ אינטערעסאַנטן בייִשפּיל, ווי אַזוי די כּוהנים פלעגן דערגיין, ווער איז דער פאַרברעכער, וועלכן מע האָט אויף געוויינטליכן אופן ניט געקענט געפינען. בשעת די בני־ישׂראל האבן אייִנגענומען יריחו, האָבן זיי געשוואָרן ניט אָנצורירן קיין זאַך פונם רויב; אַלץ איז אונטער אַ חרם, אַלץ געהערט צו יהוה. נאָר נאָך דעם נצחון באַ יריחו האָבן זיי געליטן אַ שרעקליכע מפּלה פון די אייִנוואוינער פון דער שטאָט עי. מע האָט אָנגעהויבן אויספאָרשן, פאַר וואָס האָט עס יהוה דאָס מאָל זיי ניט געהאָלפן. יהושע, דער זון פון נון האָט אָנגעפרעגט וועגן דעם באַ יהוה, און גאָט האָט אין חלום אים געענטפערט, אַז עמיצער האָט געפעלשט אין חרם און גענומען פון רויב, וואָס מע האָט באַקומען אין יריחו. אויף מאָרגן האט יהושע צונויפגעזאַמלט דאָס גאַנצע פאָלק און האָט געוואָרפן גורל; לכתחילה האָט דער גורל אָנגעוויזן דעם שבט, דערנאָך די משפּחה, דערנאָך זייַנען די מיטגלידער פון דער משפּחה צוגעגאַנגען אייִנציקווייס, און דער גורל האָט אָנגעוויזן דעם שולדיקן (ער האָט געהייסן עכן). ער האָט זיך מודה געווען און אָפּגעגעבן דאָס, וואָס ער האָט גענומען פון חרם; די חפצים האט מען פאַרניכטעט, און דעם שולדיקן האט מען פאַרשטיינט, און דער הויפן שטיינער, מיט וועלכע מע האט פאַרוואָרפן עכנ׳ען, ליגט נאָך ביז הייִנטיקן טאָג, גיט צו די לעגענדע. מיר ווייסן ניט, צו איז טאַקע באמת פאָרגעקומען די דאָזיקע מעשׂה; ס׳קאָן זייִן, אַז מע האט געוואָלט מער ניט ווי דערקלערן, פון וואַנען האט זיך גענומען נעבן דער שטאָט עי אַזאַ גרויסער הויפן שטיינער. נאָר דער מנהג, וועגן וועלכן ס׳רעדט זיך אין דער לעגענדע איז, פאַרשטייט זיך, אַ בילד פוןווירקליכן לעבן; ווען מע האָט ניט געוואוסט, ווער איז דער פאַרברעכער, פלעגט מען זיך ווענדן צו יהוה, און יהוה פלעגט דורך אַ גורל אים אָנווייזן. אַזאַ מנהג איז געווען ניט נאָר באַ די אידן. אַלע ווייניק אַנטוויקלטע פעלקער ווענדן זיך אין שווערע פאַלן צו גאָטס משפּט. ענליכע מנהגים געפינען מיר באַ די אוראַלטע הערמאַנער, די גרינדער פון די מאָדערנע אייראָפּייאישע מלוכות. די הערמאַנער, פלעגן אַפילו אין אַלע פאַלן זיך ווענדן צו גאָטס משפּט; דעם באַשולדיקטן פלעגט מען קאָכן אין זו־דיקע וואַסער אָדער פייִניקן מיט אַן אָנגעברענטן אייזן און אויב ער פלעגט

אויסהאַלטן דעם נסיון, פלעגט עס זיין אַ באַווייז, אַז ער איז אומשולדיק; מע פלעגט אויך געפינען דעם פאַרברעכער דורך גורל וואַרפן, אָדער מע פלעגט פאַרלייגן די צדדים זיך שלאָגן איינער מיט דעם צווייטן, און דער צווייקאַמף האָט טאַקע געהייסן דער משפט פון גאָט. די אוראַלטע סלאַוון האָבן באַנוצט אַזאַ משפט פון גאָט אין די זעלבע פאַלן ווי די בני-ישראל, דאָן, ווען ס'איז ניט געווען קיין „הערערס און קיין זעהערס", דאָס הייסט, ווען ס'איז ניט געווען קיין עדות, פלעגט מען באַנוצן דעם משפט פון גאָט.

אַזוי זעהען מיר, אַז געוויינטליך האָבן געמשפט דאָס פאָלק די זקנים אָדער די כוהנים; אָן די כוהנים האָט מען זיך בשום אופן ניט געקענט באַגיין אין שווערע לעבנס-פאַלן. נאָר בעת ס'האָבן זיך באַוויזן די פאָלקס-אָנפירער, ווען דאָס פאָלק האָט גערעכנט פאַר אָנגעוויזענע פון גאָט אַליין, האָבן זיי באַקומען אַ גרעסערע מאַכט און אַ גרעסערע דעה ווי די כוהנים; דער כוהן דינט מער ניט ווי אין אַ באַשטימטן אָרט, צום גאָט פונם דאָזיקן אָרט; הייגט איז דער כוהן דאָ, מאָרגן דאָרטן; ס'איז אויך געווען אַ סך וואַנדערנדיקע כוהנים, וועלכע פלעגן זיך פאַרדינגען צו פאַרמעגליכע מענטשן, וואָס האָבן געהאַט זייערע היימישע הייליקטימער מיט אפוד'ן. כוהנים זיינען געווען אַ סך, און ניט אַלעמען פון זיי האָט מען געקענט גלייך טרויען; ס'קאָן זיין, אַז דער כוהן ווייס, ווי אַריינצוטרעטן אין באַציהונגען מיט גאָט, און ס'קאָן זיין, אַז ניט; ס'קאָן זיין, אַז ער איז אָנגענומען בײַ גאָט, און ס'קאָן אויך זיין, אַז ניט. דעריבער, בשעת ס'האָבן זיך באַוויזן אַ זעלכע פאָלקס-פירער ווי גדעון אָדער יפתח, איז גאַנץ נאַטירליך, וואָס מע האָט זיך אָנגעהויבן ווענדן צו זיי אין שווערע פאַלן. איז עמיצער געווען ניט צופרידן מיטן פסק-דין, וואָס ס'פלעגט אַרויסטראָגן דער כוהן-שופט, אָדער ווען דער כוהן פלעגט זיך אָפּזאָגן צו באַטראַכטן דעם ענין, האָט מען זיך געקאָנט ווענדן צום שופט-אָנפירער. דער אָנפירער פלעגט באַטראַכטן דעם ענין, און אויב ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גוטן שופט, פלעגט זיין מאַכט ווערן פעסטער, און ער פלעגט ווערן אַלץ רייכער. פאַר זיין משפטן פלעגט ער באַקומען מתנות, און אין זיין מקום-קדוש צו זיין אפוד פלעגט מען ברייגנען קרבנות און אַזאַ אָנפירער האָט דעריבער געקענט ווערן גענוג מעכטיק. ס'איז צו גלויבן אַז גדעון איז אויף אַזאַ אופן געוואָרן אַ גאַנץ מעכטיק קיניגל, און נאָך זיין טויט — אַבימלך און אַנדערע שופטים-אָנפירער. מיט דער צייט האָט די מאַכט פון אַ זעלכע שופטים-אָנפירער געמוזט נאָך מער וואַקסן, און דער קריגס-אָנפירער האָט, ווי גדעון, געקאָנט ווערן אַ קיניג און גרינדן אַ דינאַסטיע. אַזוי איז

שאול פון אַ קריגס-אָנפירער אינם קאַמף מיט די פּלשתּים געוואָרן אַ קיניג, נאָך אים איז אין יהודה געוואָרן אַ קיניג דוד, וועלכער האט געגרינדעט אַ די-נאַסטיע, וואס האט געהערשט אין דרום-פּאַלעסטינע ביז מלכות-יהודה איז צע-שטערט געוואָרן פון די בבלים.

העכער טויזנט יאָר פאַר קריסטוס'עס געבוירן (בערך אין 1050-טן יאָר) זיינען די אָנפאַלן פון די פּלשתּים געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז אַפילו די זעלבּשט-שטענדיקייט פון די בני-ישראל איז געשטאַנען אין געפאַר. אינם קאַמף מיט די פּלשתּים האבן די בני-ישראל אָנגעווענדט דעם שטאַרקסטן מיטל; זיי האבן מיט-גענומען אויפן שלאַכטפעלד דעם אָרון פון יהוה, וועלכער האט זיך דאַן געפו-נען אין שילה; דאָרט איז פאַרן אָרון געוועזן אויסגעבויט אַ קליינער בית-המקדש, און ביים בית-המקדש האבן זיך שטענדיק געפונען כּוהנים פון עלי'ס משפּחה עלי האט געשיקט מיטן אָרון זיינע צוויי זין. נאָר די אידן האבן געליטן אַ שרעקליכע מפּלה: די פּלשתּים האבן פאַרכאַפּט דעם אָרון, עלי'ס קינדער זיי-נען דער'הרג'עט געוואָרן, און עלי אַליין איז געשטאָרבן, בעת מע האט אים אָנ-געזאָגט די טרויעריקע בשורה וועגן דער מפּלה און וועגן דעם, אַז דער אָרון איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די פּלשתּים. די פּלשתּים האבן אַפילו גיך אומגעקערט דעם אָרון, ווייל זיי האבן גערעכנט, אַז אַלע אומגליקן, וואס האבן זיך פאַר דער צייט געטראָפן אין זייערע שטעט, זיינען געקומען איבער דעם, וואס זיי האבן פאַרהאַלטן דעם אָרון. נאָר דאָס האט ניט געהאָלפן די בני-ישראל, און זיי האבן אויך ווייטער געמוזט צאָלן צינז די פּלשתּים. צו די צרות איז נאָך צוגעקומען דאָס, וואָס אין גלעד, פון יענער זייט ירדן, האבן זיך ווידער באַוויזן גאַנצע מחנות פון די בני-עמון און זיינען אָנגעפאַלן אויף די פעסטונג יביש, וואס ליגט ביים סאַמע ברעג פון ירדן. אין אַזאַ שווערער צייט האט זיך אין שבט בנימין באַוויזן אַן ענערגישער קעמפער פאַר די פרייהייט פון די בני-ישראל; זיין נאָמען איז געוועזן שאול; און ער איז טאַקע געוואָרן דער ערשטער מלך פון די בני-ישראל.

וועגן דעם, ווי אַזוי שאול איז געוואָרן מלך, איז פאַרבליבן אַ סך לעגענ-דעס. נאָך דוד'ן איז שאול דער באַליבסטער פאָלקס-העלד. איין לעגענדע דער-ציילט, אַז שאול איז באַרימט געוואָרן דורך דעם, וואס ער האט באַפרייט די שטאָט יביש פון די בני-עמון. דער אָנפירער פון די בני-עמון, נחש, וועלכער האט באַלאַגערט יביש, איז מרוצה געוועזן צו מאַכן שלום מיט די איינוואוינער פון יביש נאָר מיטן תּנאַי, אַז מע זאָל יעדן פון זיי אויסשטעכן דאָס רעכטע

אויג און אויף אזא אופן מאכן צו שאנד ...ץ ישראל; אויף א תשובה האט ער געגעבן זעקס טעג צייט. די באלאגערטע האבן געשיקט שליחים צו אלע שבטים און געבעטן קומען זיי צו הילף; ווען די שליחים זיינען אנגעקומען קיין גבעה, וואו ס'האט געלעבט שאול, איז ער גראדע אנגעקומען פון פעלד מיט די רינדערי אז ער האט דערהערט דעם חוצפה'דיקן פארשלאג פון נחש'ן, האט אויף אים גע רוט דער גייסט פון גאט. פון גרויס צארן האט ער צעשניטן די רינדער אויף שטיקער און געשיקט שליחים איבער גאנץ ישראל מיט די ווערטער: „אזוי וועט געטאן ווערן מיט די רינדער פון יעדן, וועד ס'וועט ניט גיין מיט מיר העלפן דער שטאט יביש". אויף שאול'ס אויפרוף האבן זיך אפגערופן די שבטים בנימין יהודה און אפרים, און דאס דאזיקע חיל אונטער דער אנפירונג פון שאול'ן האט באפרייט יביש. ווען דאס חיל איז צוריק איבערגעגאנגען דעם ירדן, האט עס אין גלגל דערקלערט שאול'ן פאר א מלך. צווישן פאלק איז געגאנגען קלאנגען, אז יהוה האט נאך פריהער דורך זיין כוהן און נביא שמואל'ן אנגעוויזן אויף שאול'ן. שמואל איז געווען גאר א באזונדער ליבלינג בא גאט; זיין געבוירן איז געווען פונקט אזוי סודות'דיק ווי דאס געבוירן פון שמשונ'ען, און דערצויגן האט ער זיך אין שילה, אין משכן ביים כוהן עלי. אין די צייטן פון שאול'ן איז שמואל בארימט געווען מיט זיינע נביאות; נאך פאר דער מעשה מיט יביש האט זיך שאול צופעליק געטראפן מיט שמואל'ן, בשעת ער האט געזוכט די אייזעלינען פון זיין פאטער. דער קנעכט, וואס האט באגלייט שאול'ן, האט אים געראטן זיך ווענדן צו שמואל'ן נאך אן עצה, ווי אזוי צו געפינען די אייזעלינען; און יהוה האט נאך פריהער אין חלום אנגעזאגט שמואל'ן, אז אים וועט באזוכן דער קו= מענדיקער קיניג פון ישראל, וואס וועט באפרייען דאס פאלק פונם יאך פון די פלשתים. שאול איז אנגעקומען בשעת שמואל האט געבראכט א קרבן אויף דער במה; שמואל האט אויסגעטיילט שאול'ן דעם בעסטן חלק פון קרבן, האט אים געזאגט, אז די אייזעלינען האבן זיך שוין געפונען און אויף מארגן האט ער אים געזאלבט פאר א קיניג; אויב די מעשה איז טאקע געווען אזוי, ווייסן מיר ניט, נאר שאול'ן האט מען געהאלטן, אזוי ווי גדעונ'ען, פאר אן אנפירער פון פאלק אויף וועלכן ס'רוט דער גייסט פון יהוה, פונם שטרייטנדיקן גאט פון מלחמה און נקמה. שאול האט צונויפגעקליבן א חיל פון שטארקע און קריגערישע מענער און האט אנגעהויבן א בלוטיקן קאמף מיט די פלשתים; אים האט אפגעגאלטן אפהאלטן איבער זיי א גלענצעדיקן נצחון בא מיכמוש. אזא נצחון האט ער אויך אפגעהאלטן איבער די מדבר-וואנדערער, די עמלקים. נאך די דאזיקע נצחונות

האבן אים אַלע דרום׳דיקע און מזרח׳דיקע שבטים פון ישראל אָנערקענט פאַר אַ קיניג. און אין זיין געבויר-שטאָט גבעה, אַרומגערינגלט פון זיינע נאָהענטסטע העלדישע יונגע גבורים, אונטערן שאָטן פון אַ ברייטצווייגעדיקן פייגנבוים פלעגט שאול משפּט׳ן דאָס פאָלק. נאָר די פלשתים זיינען נאָך ניט אינגאַנצן באַזיגט געוואָרן. זיי זיינען נאָך די שרעקליכע מפּלות, אינגיכן געקומען צו זיך. און ס׳האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן מיט זיי בלוטיקע מלחמות; אין די דאָזיקע מלחמות איז באַרימט געוואָרן שאול׳ס קעגנער, דער קומענדיקער קיניג דוד.

VI.

דוד המלך.

איינמאָל נאָך אַ נצחון איבער די פלשתים איז שאול מיט זיין חיל געגאַנגען אין זיין הויפּט-שטאָט גבעה. דאָס חיל האָט געפירט און געטראָגן אויף זיך אַ רייכן רויב, און נעבן שאול׳ן זיינען געגאַנגען זיינע נאָהענטסטע און חשוב׳סטע קריג-לייט. צווישן זיי איינער פון די הויפּט קריגס-אָנפירער דער יונגער העלד דוד. ווי ס׳איז געווען דער מנהג דעמאָלט, זיינען די פרויען און מיידלאַך אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן די זיגער מיט געזאַנג, טענץ און פּויקן; זעהענדיק דעם שיינעם דוד׳ן, וועלכער איז געגאַנגען האַנט בא האַנט מיט שאול׳ן, האָבן זיי דאָ אויף אָן אָרט אימפּראָוויזירט אַ ליד: „געשלאָגן האָט שאול אין די טויזנטער און דוד און די צענדליגער טויזנטער״. דאָס דאָזיקע ליד איז באַלד באַקאַנט געוואָרן גאַנץ ישראל און דאָס גאַנצע פאָלק האָט עס אויפגעכאַפּט. דער, לכבוד וועמען מע האָט דאָס ליד געזונגען, איז נאָך געווען זעהר יונג, נאָר ער האָט שוין געהאַט אַ נאָמען פון אַ העלדישן קריגס-פירער. שאול האָט שוין אָנגעהויבן קרום קוקן אויף דוד׳ן, זעהענדיק אין אים זיינעם אַ צוקונפטיקן קעגנער.

אין די שפּעטערדיקע דורות איז דער שם פון דוד המלך געוואָרן לעגענדאַריש גרויס און מע האָט אים צוגעשריבן אויסערגעוויינטליכע גבורות, וועלכע ער האָט כלומרשט אָנגעהויבן אַרויסצואווייזן נאָך אין זיינע קינדער-יאָרן, וו. אַרום יעדן אומגעוויינטליכן מענטשן, איז אַרום דוד׳ן אויך געשאַפן געוואָרן פיל לעגענדעס, מע האָט דערציילט, אַז יהוה האָט חרטה געהאַט, וואָס ער האָט געמאַכט שאול׳ן פאַר אַ קיניג, ווייל יענער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ

ניט גאָר איבערגעגעבענעם גאָטס קנעכט, און יהוה האָט געשיקט שמואל׳ן קיין בית-לחם, וואו דוד איז געבאָרן געוואָרן און וואו ס׳האָט זיך געפונען זיין משפחה, און געהייסן אים זאַלבן דאָרטן דוד׳ן פאַר אַ קיניג אויף ישראל. דוד איז געווען דער אינגסטער אין משפחה, נאָך גאָר אַ אינגל; נאָר גלייך ווי שמואל האָט אים געזאַלבט האָט אויף אים אָנגעהויבן רוען דער גייסט פון יהוה, און דאָס דאָזיקע שוואַכע אינגל האָט אין עטליכע טעג אַרום גובר געווען אין צווייקאַמף דעם פלשתישן ריז, גלית׳ן. די דאָזיקע וואונדערבאַרע גבורות האָבן געמאַכט דוד׳ן אַ נאָמען אין גאַנץ ישראל, און פון דאַן האָט מען אָנגעהויבן קוקן אויף אים, ווי אויף אַן אויסדערוויילטן פון גאָט. אַ זעלכע מעשיות האָט מען דערציילט וועגן דוד׳ן, און די פאָלקס-מאַסן, וועלכע זיינען שטענדיק נוטה צו גלויבן אין אַלערליי ניסים, וועלכע האָבן שטענדיק ליב צו באַשיינען זייערע העלדן מיט כלערליי אומנאַטירליכע גבורות, האָבן זאָרגזאַם אָפּגעהיט די אַלע דערציילונגען און האָבן אינגאַנצן כמעט פאַרגעסן וועגן דעם, ווי אַזוי דוד איז ווירקליך דערהויבן געוואָרן; און אין דער אמת׳ן איז די מעשה געווען אַ סך פשוט׳ער. שאול פלעגט אָפט ליידן פון דעם, וואָס ער פלעגט אַריינפאַלן אין אומעט און מעלאַנכאָליע; אין יענע צייטן האָט מען געגלויבט, אַז ס׳האָט זיך אין אים אַריינגעלאָזט אַ בייזער גייסט און פלעגט אים פייניקן, כדי צו פאַרטרייבן דעם בייזן גייסט, האָט מען אים גע׳עצה׳ט איינצולאַדן אַ מענטשן, וואָס שפּילט גוט אויף איין אַרפע, דער בייזער גייסט וועט דערהערן דאָס שפּילן און וועט פאַרלאָזן שאול׳ן, נאָך עד היום פּרובן די ווילדע און האַלב-ווילדע פעלקער מיט אַ זעלכע מיטלען, ווי שפּילן, פּויקן אין אַ פּויק, פאַרטרייבן די „בייזע רוחות״, דוד האָט געהאַט אַ נאָמען פון אַן אויסגעצייכנטן מנגן (שפּילער), געשטאַמט האָט ער פון שבט יהודה און האָט געלעבט ניט ווייט פון שבט בנימין. שאול האָט געשיקט נאָך אים און האָט אים גענומען צו זיך, דוד׳ס שפּילן פלעגט העלפן שאול׳ן, און דער קיניג האָט אים תחילת באַשטימט פאַר זיין וואָפּנטרעגער. און דערנאָך, ווען דוד האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גבור מלחמה, האָט ער אים געמאַכט פאַר אַן אָנפירער פון אַ גאַנצער מיליטער-אָפּטיילונג און האָט אים אפילו געגעבן פאַר אַ פרוי זיין טאָכטער מיכל.

נאָר דוד׳ס רוהם האָט ניט געלאָזט רוען שאול׳ן. איינמאָל איז אויף שאול׳ן אָנגעפאַלן דער בייזער גייסט, דער קיניג איז געווען זעהר אומרוהיק, און דוד האָט ווי געוויינטליך געשפּילט אויף דער אַרפע. שאול האָט געהאַלטן אין האַנט אַ שפּיז, האָט ער אַ טראַכט געטאָן: „איך וועל מיט דער שפּיז צושלאָגן אים צו

דער וואַנט״, און ער האָט אַ וואָרף געטאָן אין דוד׳ן די שפּיז. נאָר דוד האָט זיך אויסגעדרייט און איז געבליבן גאַנץ: נאָך דעם צופאַל איז בּאַ אים גע-בּליבן אַנטרונען צו ווערן, צו דרום-מערב פון שבט בנימין, אין מערב-עק פון מדבר-יהודה, אויפן סאַמע גרעניץ מיטן לאַנד פון פּלשתּים, זיינען געווען די בּערג-עדולם—אַ ווילדער און וויסטער געגנט. אַהין איז דאָס אַנטלאָפן געוואָרן דוד. אינגיכן האָבּן זיך אָנגעהויבן צונויפקלייבן אַרום אים אַלע אומצופרידענע און געדריקטע. דאָס זיינען געווען ס׳רוב געמיינע מענטשן, וועלכע האָבּן ניט געהאַט מיט וואָס צו צאָלן זייערע חובות און ניט געוואָלט ווערן קנעכט; נאָר ס׳פּלעגן אויך קומען שאול׳ס קריג-לייט, וועלכע זיינען געווען ניט צופרידן מיטן קיניג און פּלעגן דעריבּער איבּערגיין צו זיין קעגנער. אויף אַזאַ אופן האָט זיך צונויפגעקליבן אַרום אים אַ היפשער חיל, און בראש פון דעם חיל האָט דוד אָנגעהויבן פירן אין די בּערג אַ פרייען לעבּן פון אַ רויבּער. אינגיכן האָט ער בּאַקומען אַ אומגעוואַרטעטע הילף. שאול האָט זיך צעקריגט מיט אחימלכ׳ן, דעם הויפּט-כּוהן פון דעם חשוב׳סטן דאַמאָלסדיקן מקום-קדוש אין נובה, ווייל אחימלך האָט געהאָלפן דוד׳ן בּאַ זיין אַנטרונען ווערן. שאול האָט מורא געהאַט, אַז אחימלך וועט אויך ווייטער העלפן דוד׳ן, וועט פאַר אים בּעטן יהוה, בּריינגען פאַר אים קרבּנות און דעריבּער האָט ער געשיקט קיין נובה אַ בּאַפעל צו פאַרניכטן אחימלכ׳ן און די איבּעריקע דאָרטיקע כּוהנים פון יהוה. פון דער דאָזיקער בּלוט-בּאָד איז נצול געוואָרן נאָר איין אחימלכ׳ס זון, אביתר, ער האָט פאַרכאַפּט דעם אפוד און איז מיט אים אַנטלאָפן צו דוד׳ן דוד איז געווען זעהר צופרידן. איצטער האָט ער געהאַט די מעגליכקייט אָנצו-פרעגן בּאַ יהוה בּעת יעדע אַרויסטרעטונג. שאול אָבּער האָט איצט שוין מער זיך ניט געקאָנט שטיצן אויף די כּוהנים. ער האָט געפּרוּבּט אפילו אַליין אָנ-פרעגן יהוה, נאָר ער האָט ניט געוואוסט, ווי אַזוי זיך צו בּאַגיין מיטן אורים ותומים; ער האָט פאַרטראַכט זעהן אין חלום, איז פון דער פון אויך גאָרנישט ניט אַרויסגעקומען: יהוה איז געווען מיט דוד׳ן, מיט שאול׳ן איז געבּליבּן מער ניט ווי דער בּייזער רוח.

אַז אַרום דוד׳ן האט זיך צונויפגעקליבּן אַ היפּשע צאָל מענטשן, איז פאַר זיי אייגנ געוואָרן דער וויסטער עדולם, וואו ס׳איז ניט געווען בּאַ וואס אַרויס-צואווייזן זייער העלדישקייט און וואו זיי האבן בּכלל ווייניק וואס געקאָנט בּאַ-קומען. זיי האבן געהאַט אַפילו אַ מעגליכקייט אַרויסווייזן זייער גבורה אין מלחמה מיט די פּלשתּים, נאָר מיט זיי האט זיך דוד ניט געוואָלט קריגן—זיי זיינען דאָך

געווען שונאים פון שאול'ן, וועלכער האט אזוי געראָדפט דוד'ן. אין מדבר־עדולם איז ניט געווען וואס צו טאָן, און דוד מיט זיין חיל זיינען אַוועק נעהענטער צום ים־המלח, צום באַרג כרמל, אויף די בליהעדיקע זייטן פון וועלכן ס'האָבן זיך געפּיטערט גרויסע סטאַדעס, וואס האָבן געהערט צו די אַרטיקע שררות. ידער רייכסטער פון זיי איז געווען נבל; ער האט געהאַט דריי טויזנט שעפּסן און טויזנט ציגן; זיין פרוי אַביגיל איז געווען אַ קלוגע און אַ שיינע, און ער אַליין איז געווען אַ שלעכטער און אַ נאַרישער מענטש (נבל — איז דער טייטש אַ נאַרישער מענטש). פריהלינגס צייט איז געקומען דער טאָג, ווען מע שערט די שעפּסן, באַ די, וואס פאַרנעמען זיך מיט האָדעווען בהמות, איז דער טאָג אַ גרויסער יום־טוב, און מע מאַכט דאַן גרויסע מאַלצייטן פאַר דאָס גאַנצע הויזגעזינד. דוד האט געשיקט צו נבל'ן צען פון זיינע יונגען און געהייסן זיי זאָגן: „שלום צו דיר און צו דיין הויזגעזינד. איך האָב געהערט, אַז מע שערט באַ דיר די שעפּסן; זעה, דיינע פאַסטוכער זיינען געווען אינאיינעם מיט אונז — מיר האָבן זיי ניט באַליידיקט, און באַ זיי האט גאָרנישט אויסגעפעלט, כל זמן זיי זיינען געווען ביים באַרג כרמל — פרעג דיינע יונגען, און זיי וועלן דיר זאָגן. און לאָזן מיינע יונגען געפינען חן אין דיינע אויגן, זיי זיינען דאָך געקומען צו דיר אויף אַ יום-טובֿ! גיב פאַר דיינע קנעכט און פאַר דיין זון דוד'ן, וואס באַ דיר אונטער דער האַנט געפינט זיך". נאָר נבל האָט זיי גראָב אָפּגעזאָגט; „ווער איז דאָס דוד? ווער איז דאָס דער זון פון ישי? היינט זיינען פאַראַן אַ סך קנעכט, וואָס אַנטלויפן פון זייערע הערן! זאָל איך נעמען מיין ברויט, מיין וואַסער און מיין שעכטונג, וואס איך האָב געשאָכטן פאַר מיינע שערער און אָפּגעבן עס מענטשן, וואס איך ווייס ניט, ווער זיי זיינען?" אַז די שליחים האָבן זיך אומגעקערט צו דוד'ן און איבערגעגעבן אים נבל'ס תשובה, האט ער גלייך געהייסן זיך גרייטן אויף אַנצופאַלן אויף נבל'ן. אַביגיל האט זיך דערוואוסט פון אַלץ וואָס ס'איז פאָרגעקומען, און זי האָט גלייך אָנגעהויבן זוכן אַ מיטל, ווי אויסצומיידן די סכנה. זי האט געשווינט גענומען צוויי הונדערט לאַבנס ברויט, צוויי לאָגלען וויין, פינעף פאַרטיק געמאַכטע שעפּסן, פינעף סאה געטריקנטע זאַנגען, הונדערט הענגלאַך געטריקנטע ווייַנטרויבן, צוויי הונדערט בינטלאַך געטריקנטע פייגן, האט דאָס אַלץ געהייסן אָנלאָדן אויף קעמלען און אין באַגלייטונג פון אירע יונגען איז זי אַוועק אין מדבר צו דוד'ן; דעם מאַן אירן האט זי גאָרנישט ניט דערציילט. אין די בערג האָט זי זיך געטראָפן מיט דוד'ן. ער איז שוין געגאַנגען מיט זיין חיל כדי אָנצופאַלן אויף נבל'ן און האט געשוואָרן, אַז ביזן

פרימארגן וועט בא נבל'ן אין הויז קיין איין לעבעדיקער זכר ניט בלייבן. אז אביגיל האט דערזעהן דוד'ן, איז זי אראפ פון אייזל, האט זיך געבויגט ביז צו דער ערד און האט געבעטן אים רחמים: „הער זיך ניט צו צו די ווערטער פון מיין מאן, — האט זי געזאגט —, ער איז א נאר און זיין נארישקייט איז שטענדיק מיט אים; און איך האב ניט געזעהן די יונגען פון מיין האר. "וועלכע דו האסט געשיקט צו נבל'ן. נאר יהיה וועט ניט דערלאזן, אז דיין האנט זאל פארגיסן בלוט, און זאלן זיין, ווי נבל, אלע דיינע שונאים און אלע די, וואס באגערן בייז אויף מיין האר! און אט זיינען די מתנות, וועלכע דיין דינסט האט געבראכט פאר דייגע יונגען". און אביגיל האט נאך א מאל געוואונשן דוד'ן, ער זאל מצליח זיין, און זיינע שונאים זאלן גיך האבן די-מפלה. דוד איז ווייכער געווארן. „געבענטשט איז יהיה, דער גאט פון ישראל, וואס האט דיך געשיקט מיר אנטקעגן; אויב דו וואלסט ניט געקומען, וואלט, ווי גאט לעבט, ביזן פרימארגן בא נבל'ן אין הויז קיין לעבעדיקער הונט אפילו ניט געבליבן". דוד האט גענומען די מתנות און האט זיך אומגעקערט צוריק אין זיין לאגער. אז אביגיל איז געקומען צוריק א היים, האט זי דערזעהן, אז בא נבל'ן איז א מאלצייט, און נבל אליין איז טויט שיכור. און נאר אויף מארגן האט זי אים געקענט דערציילן פון דער שרעקליכער געפאר, וועלכע ער האט נעכטן אויסגעמיטן. אז נבל האט עס דערהערט, איז זיין הארץ געווארן ווי א שטיין. און אין צען טעג ארום איז ער געשטארבן. אז דוד האט זיך דערוואוסט פון נבל'ס טויט, האט ער גלייך געשיקט זיינע יונגען צו דער אלמנה; אביגיל איז אים זעהר געפעלן געווארן, און ער האט געהייסן זי ברייגגען, כדי חתונה צו האבן מיט איר. אביגיל איז מרוצה געווען און איז גלייך געפארן צו דוד'ן, און אויף אזא אופן איז דוד געווארן דער רייכסטער האר איגם גאנצן געגנט.

איצטער קענען מיר ניט וויסן גענוי, צי איז טאקע געשעהען אלץ דאס, וואס איז באשריבן אין דער דאזיקער פאעטישער דערציילונג. אפילו. לאז זיין אז די גאנצע מעשה מיט נבל'ן און אביגיל איז אויסגעטראכט פון דער פאלקספאנטאזיע; מיט וואס פאר א העלע פארבן איז דאך דא געשילדערט דאס פרייע לעבן פון צוקונפטיקן קיניג, וועלכער שאפט זיך א חיל, עשירות און א נאמען. ס'קאן זיין, אז ניט נאר בא כרמל האט דוד באוויזן זיינע גבורות; סקאן זיין, אז ניט נבל אליין איז געווארן זיין קרבן, און ניט נאר נבל'ס יונגען האבן געציטערט, דערהערנדיק זיין נאמען. לויט די באגריפן פון יענע צייטן, איז אין דוד'ס לעבנס-שטייגער גאר קיין בייז ניט געווען; ניט נאר ער אליין האט גע-

לעבט פון רוב, אַזוי האבן אויך געטאָן אַלע זיינע שכנים; צעקריגט זיך איינער מיט דעם צווייטן — הויבט זיך אָן אַ מלחמה, און דער זיגער באַהערשט דאָס גאַנצע האב און גוטס פון דעם באַזיגטן, און ער אַליין, זיין פאַמיליע און זיינע קנעכט ווערן אָדער אויסגע׳הרג׳עט אָדער זיי ווערן קנעכט פון די זיגער. אַזוי האָט נאָך פאַר דוד׳ן געטאָן אַבימלך, אַזוי האט געוואָלט טאָן מיט די איינוואוינער פון יביש דער קיניג פון עמלק. נאָר דאָך איז געווען אַ גרויסער אונטערשיד צווישן דוד׳ן און אַלע איבעריקע האַרן פון דרום-פאַלעסטינע; דוד איז געווען אַ קריגס-אָנפירער באַ שאול׳ן, ביים קיניג פון בנימין און אפרים; ער איז געווען באַרימט שוין פון פריהער מיט זיינע גבורות, און אין דער צוקונפט האט ער געקענט פאַרנעמען שאול׳ס אָרט. אין זיין חיל האט זיך געפונען אַ כוהן פון איינעם פון די חשובסטע הייליקע ערטער; דעריבער האט מען געהאַלטן, אַז אים העלפט דורכאויס יהוה. „ער פירט די מלחמות פון יהוה", האט אים נאָך אַביגיל געזאָגט. און דוד האט ביסלאַכווייז געקריגן אַ שם אין גאַנץ דרום-ישראל, און אַרום זיין נאָמען איז באַשאַפן געוואָרן אַ גאַנצער קראַנץ פון לעגענדעס.

שאול האָט ניט געקענט בלייבן גלייכגילטיק, זעהענדיק, ווי דוד ווערט דערהויבן. ער איז אַוועק מיט זיין חיל אין מדבר רודפ׳ן זיין קעגנער. דוד׳ס אויסקוקער האבן אים איבערגעגעבן, אַז דער קיניג פון בנימין זוכט אים; דוד האט געמוזט אַנטלויפן, און ער האט זיך געטראַכט אין האַרצן: „איך וועל דאָך אַמאָל אַריינפאַלן אין די הענט פון שאול׳ן; בעסער וועל איך אַנטרונען ווערן אין לאַנד פון די פלשתים". דאָס לאַנד פון שאול׳ס שונאים איז טאַקע געווען דאָס בעסטע באַהעלטעניש פאַר דוד׳ן. דער קיניג פון געגנט גת, אָכיש, האט זעהר גערן אויפגענומען דוד׳ן און געשלאָסן מיט אים אַן אָפמאַך; אָכיש אַליין האט געלעבט אין אַ גרויסן באַפעסטיקטן שלאָס, נאָר ער האט געהאַט נאָך קליינע שלעסער, מיט וועלכע ער פלעגט באַטיילן זיינע קריג-לייט פאַר זייער דינסט; צוזאַמען מיט׳ן שלאָס פלעגט ער געוויינטליך אויך אָפגעבן דעם אַרומיקן געגנט מיט זיינע הכנסות. אַזוי פלעגן אין יענע צייטן טאָן אַלע קיניגן און פירשטן, אויך שאול און אויך די פלשתישע פירשטן, אויך די פירשטן און קיניגן פון אַנדערע לענדער פלעגן אַזוי האַנדלען און פלעגן באַלוינען מיט ערד אין אַ זעלכע פאַלן ווען ס׳האט זיי אויסגעפעלט געלט. פאַר זיין דינסט האט אָכיש אָפגעגעבן דוד׳ן דעם שלאָס צקלג; דער דאָזיקער שלאָס איז געשטאַנען אויפן סאַמע גרעניץ פון מדבר און האט פאַרטיידיקט דאס לאַנד פון די אָנפאַלן פון די עמלקים,



מדבר ـ יהודה.

וועלכע האבן אויך די פלשתים ניט געלאָזט רוהיק צו זיצן. דוד פלעגט אָפט מאַכן אָנגרייפן אויף די עמלקים אין מדבר און יעדעס מאָל פלעגט ער זיך אומקערן מיט אַ רייכן רויב; דעם רויב פלעגט ער ברייגגען אין גת צו זיין האַר אָכיש, וועלכער פלעגט זיך מיט אים טיילן. נאָר ניט אַלע פלשתישע פירשטן האבן אַזוי געטרויט און געשעצט דוד'ן, ווי אָכיש; ווען ס'האט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ מלחמה צווישן שאול'ן און די פלשתים, האט אָכיש געוואָלט מיטנעמען אויף מלחמה אויך דוד'ן. נאָר ווען די איבעריקע פירשטן האבן צווישן אָכיש'עס חיל דערזעהן אויך דוד'ן מיט זיינע יונגען, האבן זיי מורא געקראָגן, אַז דער באַרימטער העלד וועט נאָך איבערגיין צו די בני-ישראל און וועט בוגד זיין אין די פלשתים. "קער אום דעם מאַן", האבן זיי געזאָגט צו אָכיש'ן, "און לאָז ער זיצן אויף דעם אָרט, וואס דו האסט אים געגעבן, און לאָז ער ניט גיין מיט אונז אויף מלחמה, און אויב ניט- קען ער נאָך ווערן אונזער קעגנער" אָכיש האט געפאָלגט זייער עצה און האט אַוועקגעשיקט דוד'ן מיט זיינע יונגען צוריק אין צקלג. און די פלשתים זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן שאול'ן.

באַ די בערג גלבוע האבן זיך געטראָפן שאול מיט די פלשתים. אַז שאול האט דערזעהן די מחנה פון די פלשתים האט ער זיך זעהר דערשראָקן. ער האט נאָך קיינמאָל ניט געהאַט צו טאן מיט אַזאַ געוואַלטיקן שונא. די פלשתים האבן צונויפגעזאַמלט אַלע זייערע כוחות, כדי אָפצוהאַלטן אַ זיכערן נצחון איבער שאול'ן און זיך נוקם זיין אַן אים פאַר זייערע פריהערדיקע מפלות. שאול האט מורא געהאַט אָנצוהויבן די שלאַכט, ניט אָנפרעגנדיק זיך פריהער באַ גאָט. שאול האט אָנגעפרעגט יהוה, נאָר גאָט האט אים ניט געענטפערט ניט דורך אַ חלום און ניט דורך די אורים ותומים; דער קיניג האט גערופן נביאים, וועלכע האבן זיך געדרייט אין ווילדע טענץ, געזונגען, געפאלן אויף דר'ערד מיט אַ שוים אין מויל, געפייניקט זיך, נאר דאָס האט אויך ניט געהאלפן—יהוה ענטפערט ניט. אַ שרעק איז אָנגעפאלן אויף שאולן; געוויס האט זיך שוין יהוה אינגאנצן אָפגעקערט פון אים. ס'איז געבליבן נאר איין מיטל, ווי זיך צו דערוויסן דעם רצון פון יהוה: ארויסרופן די נשמה פון שמואל'ן, פון דעם זעלבן נביא, וועלכער האט אַ מאָל אים געהאָלפן ווערן אַ קיניג. שאול'ן האָט מען איבערגעגעבן, אַז אין עין-דור איז דאָ אַ כישוף-מאַכערין, וואס קען אַרויסרופן די נשמות פון די פאַרשטאָרבענע. באַנאַכט איז שאול מיט צוויי פון זיינע לייט אַוועק צו איר; זי האט געלעבט צווישן די בערג אין אַ הייל, צו וועלכער ס'איז געווען זעהר שווער צו צוגיין. אַז די כישוף-מאַכערין האט דערזעהן שאול'ן האט זי

אָנגעהויבן ציטערן פאַר שרעק און זי האט אויף קיין אופן ניט געוואָלט אַרויס־רופן שמואל'ן. ערשט דאַן, ווען דער קיניג האט איר צוגעזאָגט, אַז ער וועט איר גאָרנישט ניט טאָן, וואס פאַר אַ נביאות זי זאָל אים ניט זאָגן, האט זי אָנגעהויבן מאַכן איר כישוף. דער בעסטער מיטל אַרויסצורופן די נשמה פון פאַרשטאָרבענעם איז ברייגען אַ קרבן און פאַרשווערן די נשמה, זי זאָל קומען צו דער צוגעגרייטער סעודה. די כישוף־מאַכערין האט געמאַכט אַ פייער, אַוועקגעלייגט אויפן פייער אַ קרבן, און האט אָנגעהויבן ווילד צו טאַנצן אַרום אים און אויסשרייען עפּעס משונה'דיקע פאַרשווערונגען. און אָט דוכט זיך איר, אַז פון דער ערד באַווייזט זיך שמואל'ס געטליבער שאָטן; ער איז אָנגעטאָן אין דעם זעלבן אויבער־העמדל (מעיל), אין וועלכן מע האט אים מקבר געווען, און הויבט זיך פאַניעלאַך־פאַמעלאַך פון דער ערד. „צו וואס האטטו מיך באַאומרוהיקט?„ פרעגט דער שאָטן שאול'ן. שאול האט געזאָגט, אַז יהוה ענטפערט אים ניט ניט דורך אַ חלום, ניט דורך די אורים ותומים און ניט דורך די נביאים, און זאָל אים שמואל אָנווייזן, וואס ער האט צו טאָן, שמואל'ס תשובה איז געווען ניט קיין פריילעכע, „מאָרגן וועסטו מיט דיין זון זיין מיט מיר, און די מחנה פון די בני־ישראל וועט גאָט איבערגעבן אין די הענט פון די פלשתים". און אויף מאָרגן איז טאַקע אַלץ מקוים געוואָרן אַזוי ווי ס'האט געזאָגט שמואל. שאול'ס חיל האָט געליטן אַ מפּלה און ער מיט זיין זון יהונתן זיינען דער'הרג'עט געוואָרן. וועגן דעם געפאַלענעם העלד האבן זיך דערמאָנט די איינוואוינער פון יביש, וועלכע שאול האט אַמאָל אויסגעלייזט פון די הענט פון די בני־עמון. זיי האבן צוגענומען זיין קערפּער פון שלאַכט־פעלד און אים מקבר געווען אונטער אַ ברייט־צווייגנדיקן דעמב; אין פאָלק האט זיך וועגן שאול'ן און יהונתנ'ען פאַרשפּרייט אַ ליד, און דאס פאָלק מיינט, אַז דאס דאזיקע ליד איז פאַרפאַסט געוואָרן פון דוד'ן

דער גלאַנץ, אָ ישראל, ליגט אויף דיינע בערג דערשלאָגן —
ווי זיינען געפאַלן די העלדן!
זאגט עס ניט אן אין גת,
דערציילט עס ניט אין די גאסן פון אשקלון
עס זאָלן זיך ניט פרייען די טעכטער פון די פלשתים,
ס'זאָלן ניט לוסטיק זיין די טעכטער פון די ערלים!
איר בערג פון גלבוע,
קיין טוי און קיין רעגן זאָל פאַלן אויף אייך, פעלדער איר פאַלשע

דאָרט ליגט דאָך אוועקגעוואָרפן דער שילד פון די העלדן—
שאולס שילד, אין בוימל ניט געזאַלבט
אָן בלוט פון דערשלאָגענע, אָן פעטקייט פון העלדן
האָט יהונתנס בויגן ניט אָפּגעטראָטן
און שאולס שווערד ליידיק זיך ניט אומגעקערט.
שאול און יהונתן, די ליבע און וואוילע
באַ לעבן און טויט האָבן זיי זיך ניט געשיידט
פון אָדלער געווען זייגען זיי שנעלער און פון לייב שטאַרקער,
איר, טעכטער פון ישראל, שאול׳ן באַוויינט,
ער האָט אייך אין פורפור ליבליך אָנגעטאָן
ער האָט דאָך מיט גאָלד-צירונג אייערע קליידער באַפּוצט
ווי זיינען עס די העלדן געפאַלן אין שלאַכט—
יהונתן אויף דיינע בערג דערשלאָגן!
עס טוט מיר ווי פאַר דיר, ברודער יהונתן, ווי ליב ביסטו מיר
געוועזן!
דיין ליבע איז מיר געוועזן, וואונדער-קרעפטיקער פאַר פרויען
ליבע!
ווי אַזוי זיינען עס געפאַלן די העלדן, צו נישט געוואָרן דאָס
געצייג פון קריג.

(ב. דינאבורג. אידישע געשיכטע).

שאול׳ס מפלה און זיין טויט האָבן פריי געמאַכט פאַר דוד׳ן דעם וועג צו דער מאַכט און הערשאַפט. ער האָט גלייך פאַרלאָזן צקלג; ער האט מער ניט געהאַט וואָס מורא צו האָבן, און די שבטים, וועלכע זיינען געבליבן אָן אַן אָנפירער, האָבן מיט שמחה אים אויפגענומען, דער שבט יהודה, פון וועלכן ער האָט אָפּגעשטאַמט, האָט אים גלייך דערקלערט פאַר אַ קיניג אין חברון; זיבן מיט אַ האַלבע יאָר האָט ער געקיניגט איבער יהודה און די גאַנצע צייט האָט ער געפירט מלחמה מיט שאול׳ס יורש איש-בעל *), וועמען ס׳האָבן אָנערקענט פאַר אַ קיניג דער שבט בנימין און אַ טייל שבטים צו צפון צו פון יהודה. נאָר איש-בעל איז געווען א מינדעריעריקער **), און אין זיין נאָמען האָט געוועל טיקט

*) אין תנך איז אין איין אָרט זיין נאָמען אָנגעוויזן איש-בשת, און דעם צווייטן איש-בעל.
**) אין תנך ווערט אָנגעוויזן, אַז ער איז אַלט געווען פערציג יאָר.

אייגער פון שאול'ס קריגס-לייט, אבנר. כל-זמן אבנר האָט געהאַלטן איש-בעל'ס צד האָט ער נאָך ווי ניט איז געקעמפט מיט דוד'ן; נאָר אבנר האָט בוגד געווען אין איש-בעל'ן און איז איבערגעגאַנגען אויף דוד'ס צד. דערנאָך איז ער גאָר דער'הרג'עט געוואָרן, דאָ האָט איש-בעל פאַרלאָרן זיין לעצטע שטיצע, זיינע יונגען האָבן געזעהן, אַז מער לוינט פאַר זיי ניט דינען איש-בעל'ן, זיינען זיי אָנגעפאַלן אויף אים און האָבן אים דער'הרג'עט און אויך איבערגעגאַנגען צו דוד'ן און אויף אַזאַ אופן איז דוד געוואָרן קיניג פון יהודה און פון די צפונדיקע שבטים.

זיין גאַנץ לעבן האָט דוד, אַזוי ווי שאול, פאַרבראַכט אין מ'לחמות. אונטער זיין אָנפירונג האָבן די בני-ישראל אינגאַנצן גובר געווען די פלשתים, אונטערטעניק געמאַכט די בני-אַדום און אָפּגעטריבן אַ נייעם שונא אין צפון-מזרח די ארמים (סיריער), פון דמשק, נאָר דאָס פאָלק האָט געשעצט דוד'ן דערהויפּט דערפאַר, וואָס ער האָט געגרינדעט די שטאָט ירושלים. די התחלה פון דער דאָזיקער „אייביקער שטאָט” האָט געמאַכט דוד, דער שבח וועגן דעם הייליקן ירושלים האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, און פון אַלע עקן וועלט שטרעבן קיין ירושלים פּיליגרימען אַזוי ווי זיי שטרעבן אין די „אייביקען שטאָט” רוים, נאָר ירושלים פאַרדינט מער, ווי רום, דעם נאָמען פון א „אייביקער שטאָט” ירושלים איז שוין געשטאַנען דאַן ווען פון רוים איז נאָך קיין זכר ניט געווען; נאָר אַ טייל פון די קריסטן האַלטן רוים פאַר אן אייביקע שטאָט, ירושלים איז אָבער הייליק פאַר אַלע קריסטן, אַלע אידן און טיילוויס אויך פאַר די מוסולמענער, נאָר באַזונדערס איז ירושלים טייער דעם אידישן פאָלק: ווען ער דערמאָנט זיך אָן ציון, דעם פעלז, אויף וועלכן ס'איז געגרינדעט געוואָרן ירושלים, דערמאָנט ער זיך ניט נאָר אָן דעם בית=המקדש, וועלכער איז דאָרט אַמאָליקע יאָרן געווען, ניט נאָר אָן דעם, ווי אַזוי ער האָט דאָרט געדינט זיין גאָט, ניט נאָר אָן די נביאים, וועלכע האָבן דאָרט אַמאָל געהאַלטן זייערע פייערדיקע רעדעס. ער דערמאָנט זיך אויך אָן די אַמאָליקע יאָרן, ווען אפרים און יהודה זיינען געווען אומאָפּהייגניקע פעלקער, האָבן געהאַט זעלבּסטשטענדיקע מלוכות און האָבן, גלייך מיט אַנדערע פעלקער, געלעבט אין אַן אייגענעם לאַנד און געווען באַלעבאַטים באַ זיך אין דער היים, דעריבער איז דער קיניג דוד געווען פאַר די קומענדיקע דורות ניט נאָר אַ קיניג ווי אַלע אַנדערע, נאָר אויך דער גרינדער פון ציון, דער קיניג צווישן די קיניגן. די קומענדיקע דורות האָבן זיך פאָרגעשטעלט דוד'ן ניט אַזאַ, ווי ער

איז געווען אין דער אמת'ן. פון אַ קריגס-מאַן אַ רויבער, פון אַ העלד, אַ גבור איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גאָטספורכטיקן מאַן, מע האָט דערציילט אַז אונטערן אַקאָמפּאַנימענט פון זיין אַרפע האָט ער געזונגען הייליקע מזמורים, וועלכע ער האָט אַליין פאַרפאַסט; מע איז געווען איבערגעצייגט, אַז ער האָט געוואָלט בויען דעם בית-המקדש, נאָר ס'איז קיין צייט ניט פאַרבליבן. ער האָט אויסגעאַרבעט דעם פּלאַן פון בית-המקדש, צוגעגרייט דאָס גאַנצע מאַטעריאַל אויסגעגאָסן די כלים, אָרגאַניזירט כאָרן פון זינגער און לוים, און פאַר זיין זון שלמה איז געבליבן מער ניט, ווי מאַכן דעם בנין. ווען די בני-ישראל האָבן פאַרלאָרן זייער פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט און געוואָרן אונטערטעניק פרעמדע פעלקער, האָבן זיי אָנגעהויבן האָפן אן אויסלייזער, וועלכער וועט אָפּשטאַמען פון דוד'ס הויז, וועט זיין אַזאַ הייליקער מענטש, ווי דוד, און וועט פאַרניכטן אויף דער וועלט גאָר די אומגערעכטיקייט. אַ דאַנק די ווערק פון פיל געלערטע מענטשן, ווייסן מיר איצט, וואָס האָט מיט זיך אין דער אמת'ן פאָרגעשטעלט דוד; נאָר דאָס בילד פון דעם הייליקן דוד, וועלכן ס'האָבן זיך געמאָלט די קומענדיקע דורות, איז מער אַלעמען באַוואוסט, איידער דאָס ווירקליכע בילד פון דוד'ן, און עס קאָן זיין, אַז די פאָרשטעלונג וועגן דוד'ן, וועלכע מיר געבן, וועט אַרויסרופן אַ געפיל פון אנטוישונג באַ פיל לעזער, וועלכע האָבן וועגן אים גאָר אן אַנדער פאָרשטעלונג. נאָר דאָס דאָזיקע בילד איז פאַרביק און בולט, דאָס איז אַ בילד פון אַ לעבעדיקן מענטשן, וועלכער האָט געלעבט, געקעמפט און געליטן פונקט ווי אַלע אַנדערע מענטשן; נאָר אַפילו אויך אין דער דאָזיקער פאָרשטעלונג איז דוד מיט אַ קאָפּ העכער פון די מענטשן פון זיין צייט. דער הייליקער דוד, דוד דער זינגער און דער אָנפירער פון לוים-כאָר איז גיכער געראָטן אין אַ טויטן פנים פון אַ הייליק בילד, איידער אין אַ לעבעדיקן מענטשן; אַרום אים איז אַ שיין, און ער זעהט אויס, ווי די איבעריקע הייליקע, וועלכע זיינען אַזוי געראָטן איינער אין דעם צווייטן.

VII.

דער אוראַלטער ירושלים.

מיט אַ יאָר טויזנט פאַר ישוע'ס געבורט, ווען דוד איז געוואָרן קיניג פון ישראל, איז נאָך אין כנען ניט געווען אַ זעלכע שטעט, ווי איצטער באַ אונז און דורכאויס. מיר האַלטן פאַר אַ שטאָט אַזאַ מין ישוב, אין וועלכן ס'געפינט

זיך, אין פאַרגלײַך מיט'ן דאָרף, אַ גרויסע צאָל אײַנוואוינער, אָפּטמאָל מער ווי
אַ מיליאָן, ווי, צום בײַשפּיל אין אונזערע הויפּט=שטעט, מאָסקווע און פּעטערבורג,
אָדער אין די הויפּט=שטעט פון אַנדערע מלוכות. מיר שטעלן זיך געוויינטליך
פאָר, אַז אין שטאָט געפינען מיר אַלץ דאָס, וואָס פעלט אויס אין דאָרף, און
נאָך וואָס דער דאָרף=אײַנוואוינער קומט צו פאָרן אין שטאָט: אין שטאָט באַ=
קומט מען אַלערלײַ סחורות, סײַ אַ זעלכע, וועלכע זײַנען אומבאַדינגט נויטיק
צום לעבן, סײַ אַלערלײַ לוקסוס=זאַכן; אין שטאָט געפינען מיר געשעפטן, קראָמען,
דאָרט געפינען זיך פאַבריקן און זאַוואָדן, וועלכע אַרבעטן אויס אַלערלײַ פּראָ=
דוקטן; אין שטאָט זײַנען דאָ אַלערלײַ קולטורעלע אַנשטאַלטן: לערן—און לער=
אַנשטאַלטן, גוט אײַנגעאָרדנטע שפּיטאלן, ביבליאָטעקן, מוזייען, בילדער=גאַלערייעס,
אין שטאָט געפינט זיך די הויפּט=מאַכט פון דעם געגנט, פון וואַנעט זי פאַר=
וואַלטעט מיט דעם גאַנצן געגנט. נאָר אין דוד'ס צײַטן איז נאָך אין כנען קיין
איין שטאָט ניט געווען וואָס זאָל זײַן גלײַך צו דער, וואָס מיר האָבן דאָ
באַשריבן. אויך אונזערע שטעט, אויך די שטעט אין אַנדערע לענדער זײַנען
ניט שטענדיק געווען אַ זעלכע; ס'איז געווען אַ צײַט, ווען פיל פון הײַנטיקע
שטעט זײַנען נאָך גאָר אויף דער וועלט ניט געווען, און די וואָס זײַנען שוין
געווען, האָבן געהאַט גאָר אַן אַנדער פּנים, ווי איצטער; אַזעלכע זײַנען אויך
געווען די שטעט אין פּאַלעסטינע אין דוד'ס צײַטן.

הײַנטיקע צײַטן זײַנען די שטעט=צענטרעס פון האַנדל, אינדוסטריע און
קולטור. אין דוד'ס צײַטן איז אין פּאַלעסטינע כמעט גאָר קיין האַנדל נאָך ניט
געווען. די באַפעלקערונג איז נאָך ניט אויף אַזוי פיל גרויס געווען, אַז זי זאָל
זיך נויטיקן אין אַרײַנגעפירטן ברויט; אירע באַדערפעניש זײַנען נאָך געווען
אַזוי אײַנפאַך, אַז אַלץ, אין וואָס זי האט זיך גענויטיקט, האָט מען געקענט
אויסאַרבעטן באַ זיך אין דער היים, מיט אייגענע מיטלען. אין דרום טייל פון
כנען, אין בערגיקן לאַנד, אויפן גרעניץ פון מדבר, איז די באַפעלקערונג בכלל
געווען אַ קליינע ניט נאָר אין דוד'ס צײַטן, נאָר אויך פריהער און שפּעטער
דער טייל פון דער באַפעלקערונג, וועלכער האָט זיך דאָ, אין אָרעמען בערגיקן
לאַנד, ניט געקענט מפרנס זײַן, פלעגט אויסוואַנדערן אין דער פרעמד, אין
אַנדערע לענדער; נאָך אין דוד'ס צײַטן זײַנען שוין אין די פעניקייאישע ישובים
אויפן ברעג פון מיטללענדישן ים געווען אַ סך אַ זעלכע אויסוואַנדערער פון
דרום=פּאַלעסטינע. צו צפון פון יהודה, אין די נחלות פון אפרים, אין טאָל
יזרעאל און נאָך ווייטער צו צפון צו, אַרום דעם ים כינרת, איז דאָס לאַנד

געווען אַ סך רײַכער, און דאָ האָט די באַפעלקערונג געקענט זיך נאָך אַ לאַנגע צײַט פאַרגרעסערן און אַלץ זיך נאָך באַגײַן מיט אײַגענע פּראָדוקטן, די געמײַנע מענטשן האָבן געלעבט אין דערפער, וועלכע זײַנען געווען צעוואָרפן איבער די מערב־זײַטן פון די בערג. היות ווי פּרוכפּעריקע ערד איז געווען, ווי אינזלען, צעוואָרפן איבער דאָס גאַנצע לאַנד, האָט זיך די באַפעלקערונג ניט ווילנדיק געטוליעט צו די דאָזיקע אינזלען און פלעגט זיך באַזעצן ניט אין פול־וואַרקעס, נאָר אין דערפלאַך. די הײַזלאַך אין די דאָזיקע דערפער פלעגט מען מסתמא, בויען אויף דעם זעלבן אופן, ווי ס׳בויען אויך איצטער די אַראַבן, וואָס וואוינען אין פּאַלעסטינע: קלײנינקע, מיט ליים באַדעקטע, מיט אַ פלאַכן דאַך, נאָר די ביבל דערציילט ווײַניק פון די דערפער, דאָרט רעדט זיך מער וועגן שטעט, וואָס זשע זײַנען עס געווען פאַרא שטעט?

איצטער קענען מיר האָבן אַ גענויע פאָרשטעלונג פון די דאָזיקע שטעט, ווייל ניט לאַנג זײַנען געמאַכט געוואָרן אויסגראָבונגען אויף דעם אָרט, וואו ס׳האָבן זיך אַמאָליקע יאָרן געפונען דרײַ פּאַלעסטינישע שטעט, תענך, גזר און מגידו. בײַ די אויסגראָבונגען האָט מען אַנטדעקט די מויערן פון די שטעט און פון אײניקע בנינים; מ׳האָט אויך געפונען רעשטלאַך פון שטאָטישע אײַנריכטונגען, ווי וואַסערלײַטונגען, ציסטערנעס און אַ סך אַלערלײַ הויז־כלים. אָט די אַלע רעשטלאַך גיבן אונז די מעגליכקײַט צו האָבן אַ געהעריקע פאָרשטעלונג וועגן דעם, וואָס איז אַזוינס אַן אוראַלטע אידישע שטאָט; דערבײַ וועט אונז אויך העלפן די העברעאישע שפּראַך.

אַ שטאָט הײַסט אין העברעאיש עיר, און דאָס זעלבע וואָרט באַטײַט אויך אַ שלאָס, אַ פעסטונג. אַ שטאָט, על כל פנים, אין די אַלטע צייטן, איז געווען אַ באַפעסטיקטער ישוב, אַרומגערינגלט מיט אַ מויער. הייסט עס, אַז בײַ די אוראַלטע בני־ישראל, ווי אויך בײַ די רוסן, האט אַ שטאט געהײַסן אַ ישוב, אַרומגערינגלט מיט אַ מויער, אָדער וואס האט אין מיטלאלטער געהייסן בורג, דאס הייסט אַ גרויסער שלאס אַרומגערינגלט מיט אַ מויער, אין וועלכן ס׳פלעגט זיך באַהאַלטן די אַרומיקע באַפעלקערונג, ווען ס׳פלעגן אנפאַלן אויף איר שונאים.

ווי מיר ווייסן שוין, האבן די אידישע שבטים שטענדיק געליטן פון פאַרשיידענע שונאים, און כדי זיך צו פאַרטײַדיקן קעגן זיי, פלעגן זיי בויען פעסטונגען. אין מערב־אייראפּע און אויך אין רוסלאַנד פלעגן אַ זעלכע פעסטונגען בויען די פירשטן, גראַפן און אַנדערע גרויסע האַרן. די אַרומיקע באַפעל־

קערונג פלעגט זיך באַהאַלטן אונטערן שוץ פון אַזאַ פעסטונג און דערמאַר פלעגט זי ווערן אונטערטעניק דעם האַר פון דער פעסטונג אדער בורג. אַז די בני־ישראל זיינען אנגעקומען אין לאַנד כנען, האבן זיי שוין דארט געפונען אַ סך אַזעלכע בורגן, וועלכע האבן געהערט צו די פירשטן, פון וועלכע איך האב שוין דערציילט אין צווייטן קאַפיטל. יריחו, שכם, שילה, רמה, גבעה, עפרה — דאס זיינען אַלץ געווען אַזעלכע בורגן. כדי צו באַהערשן דאס לאַנד, האבן די בני־ישראל געמוזט איינעמען די דאזיקע פעסטונגען, די בני־ישראל האבן זיך אונטערטעניק געמאַכט די באַפעלקערונג פו די דערפער, נאר אַ סך שווערער איז עס אנגעקומען מיט די פירשטן, וועלכע זיינען געזעסן אין די פעסטונגען, אַז זיי האבן איינגענומען די פעסטונגען, האבן זיך דארט באַזעצט די אנפירער פון די שבטים; נאר ניט גלייך האבן זיי באַקומען די זעלבע מאַכט, ווי די כנענישע פירשטן, וואס זיינען דארט פריהער געזעסן. די פעסטונגען, וועלכע מע פלעגט צושטערן אין דער צייט פון באַלאַגערונג, פלעגט מען ניט אזוי גיך צוריק אפבויען; חוץ דעם, איז צווישן די אנפירער פון די בני־ישראל אפט קיין אחדות ניט געווען, נאר מיר ווייסן, אַז גדעונ'ען האט זיך איינגע-געבן צו באַפעסטיקן זיך אין עפרה, שאולן — אין גבעה און דוד האָט זיך תחילת באַפעסטיקט אין חברון. פארנעמענדיק אַ וואסער ניט איז פעסטונג, האט יעדער אנפירער געזעהן אונטערטעניק מאַכן זיך די אַרומיקע פעסטונגען און אויסבויען נייע, וועלכע ער פלעגט אפגעבן זיינע קריגס־לייט; מיר ווייסן שוין, אַז אַזוי האבן געטאן די פלשתישע פירשטן; איינער פון זיי, אכיש האט אפגעגעבן דוד'ן צקלג. נאר אַזוי האט אויך געטאָן שאול; ער פלעגט מאכן זיינע קריגס-לייט פאר עלטסטע איבער הונדערטער און טויזנטער, פלעגט אפגעבן אין זייער רשות פעסטונגען און קלייַנע שלעסער, און זיי פלעגן פאַרוואַלטן מיט די אַרומיקע געגנטן, די באַפעלקערונג פון די דאזיקע געגנטן פלעגט זיי צאלן צינז.

די דערפער האָבן זיך געפונען אויף די זייטן בערג אָדער זיינען גע-ווען צעוואָרפן אין די טאָלן, די שטעט פלעגט מען בויען אין דער הויך איבער די דערפער אויף אַ פעלז אָדער שפיץ באַרג, וואָס משופעדיקער און אומצו-טריטליכער איז דער באַרג, איז אַלץ בעסער: אַלץ שווערער וועט זיין די שונאים צוצוטרעטן. נאָר איין זאַך האָט געמוזט זייַן — וואַסער, ווענן די אי-בעריקע זאַכן האָבן די בויער פון דער פעסטונג ווייניק געזאָרגט. דער הויפּט-טייל פון יעדער פעסטונג איז באַשטאַנען פון אַ דיקער מויערנער וואַנט; קיין האַרמאַטן איז נאָך דאַן ניט געווען, אין פיילן און שטיינער פון א שטיינער

וואַרפֿער האָבן געשלאָגן ניט ווייטער ווי אויף אַ האַלב וויאָרסט, כדי צוצו־פֿירן צו די ווענט ברעך־מאַשינעס, האָט מען געמוזט נאָהענט צו זיי צוגיין און דאַן האָבן די פאַרטיידיקער פֿון דער פֿעסטונג געקאָנט פֿאַרשיטן דעם שונא מיט פֿיילן און שטיינער. בעת מע האָט אָנגעהויבן בויען דעם מויער אַרום שטאָט פֿלעגט מען ברענגען אַ קרבן גאָט, דעם באַשיצער פֿון דער שטאָט; ער האָט געזאָלט העלפֿן אויסבויען די שטאָט און באַשיצן זי פֿון די שונאים. דער קרבן האָט געמוזט זיין גאָר אַן אויסערגעוויינטליכער: אויב ניט, וועט גאָט אַריינקומען אין צאָרן און וועט איבערגעבן אַלע איינוואוינער פֿון דער שטאָט אין די הענט פֿון זייערע שונאים. און דעריבער איז געוואונשענער ברענגען אַ מענטשישן קרבן. דער דאָזיקער שרעקליכער מנהג האָט זיך נאָך לאַנג אָפּגעהיט באַ די בני־ישראל: נאָך אין אחאב׳ס צייטן, אין 150 יאָר אַרום נאָך דוד׳ס טויט, האָט חיאל, וועלכער האָט אויף דאָסניי אויפֿגעבויט די צע־שטערטע פֿעסטונגען פֿון יריחו, געבראַכט פֿאַר אַ קרבן זיין עלטסטן זון אבירם ביים בויען די ווענט און זיין אינגסטן זון שגיב — ביים בויען די טויערן פֿון דער שטאָט. מען פֿלעגט היטן דעם מנהג אויך ביים בויען די הייזער; באַ די אויסגראָבונגען אין תענך, גזר און מגידו האָט מען געפֿונען אונטער די מויערן פֿון דער שטאָט און אונטער דעם פֿונדאַמענט פֿון די הייזער קינדערשע שקע־לעטן און ליימענע קריג מיט בעכערס און שיסלען, וועלכע מ׳פֿלעגט מיט זיי צוזאַמען לייגן אין קבר. אַ מויער, וואָס איז געבויט אויף מענטשליכן בלוט, וועט זיין ניט צושטערן — אַזוי האָבן געמיינט די אוראַלטע בני־ישראל און ניט זיי אַליין האָבן אַזוי געמיינט. אויך די אוראַלטע אשורים, רוימער, גריכן און אפשר אויך די סלאַוון פֿלעגן אויך ברענגען אַזעלכע שרעקליכע קרבנות.

אין די געגנטן, וואו ס׳איז געווען אַ סך קאַלכשטיינער פֿלעגט מען מאַכן די ווענט פֿון שטיינער; נאָר דאָרט, וואו די קרקע איז געווען פֿון גראַניט אָדער באַזאַלט, איז געווען אַ סך שווערער צו אַרבעטן. קאַלכשטיין איז ווייך, ער ליגט אין פּלאַטן, וועלכע ס׳איז לייכט פֿונאַנדערצוטיילן; די קאַלכ־שטיינער איז גרינג צו צוהאַקן אויף שטיקער און מע קאָן גאַנץ גרינג צוגעבן די געוואונשענע פֿאָרם. אַרבעטן מיט גראַניט איז פֿיל שווערער. אין אונזערע צייטן רייסט מען אויף די גראַניט־מאַסן מיט פּולווער און אָפֿט אפילו מיט די־נאַמיט; מיט האַנט־אינסטרומענטן איז שווער צו ברעכן גראַניט, און נאָר אַזעלכע מעכטיקע הערשערס, ווי די פּרעה׳ס פֿון מצרים, וועלכע האָבן געהאַט

די מעגליכקייט שיקן אויף דער אַרבעט טויזנטער קנעכט, האָבן זיך געקאָנט דערלויבן צו מאַכן בנינים פון גראַניט. דאָרט, וואו ס'איז קיין קאַלכשטיין ניט געווען, פלעגט מען געוויינטליך מאַכן די ווענט פון ציגל, ניט שטענדיק פלעגט די גאַנצע וואַנט באַשטיין פון איינעם און דעמזעלבן מאַטעריאַל; דאָס קאָסט

אַ ליימענער קרוג פון תענך.

טייער און דויערט לאַנג. די וואַנט פון גזר איז געמאַכט געוואָרן אויף אַזא אופן: פון ערד איז אָנגעשאָטן אַ וואַל אַזוי, אַז די אויסערע זייט אירע גייט ווערטיקאַל, און די אינעווייניקסטע — איז רונד משופעדיק, דעם דאָזיקן וואַל האָט מען אַרומגעלייגט מיט קאַלכשטיין פלאטן—און די וואַנט איז פאַרטיק. די ווענט זיינען געווען זעהר דיקע; אין גזר, למשל. איז די וואַנט געווען כמעט קלאַפטער די ברייט, נאָר די הויך פון דער וואַנט איז געווען ניט גרויס:

זעלטן־זעלטן האָט זי געהאַלטן צוויי קלאַפּטער די הויך; העכער מאַכן זי אי=
ניט נייטיק געווען, ווייל הינטער אַזאַ וואַנט האָט זיך שוין לייכט געקאָנט באַ=
האַלטן אַ מענטש. אויף די ווענט פלעגט זיין, ווי אומעטום אין דער גאַנצער
וועלט, אַזעלכע שפּיצן, הינטער וועלכע ס'פלעגן זיך באַהאַלטן די פאַרטיידיקער
פון דער פעסטונג, און אין די ווינקלען פלעגט מען בויען טורעמס. אַזאַ וואַנט
האָט אויסגעצייכנט באַשיצט די שטאָט. ברעך־מאַשינעס פלעגן ניט קאָנען דורכ=
ברעכן די דיקע ווענט, און די שפּיצן מיט די טורעמס פלעגן געבן די פאַר=
מיידיקער די מעגליכקייט צו באַשיטן דעם שונא פון אויבן מיט פיילן און שטיי=
נער. די יבוסים, וועלכע זיינען געזעסן אין דער פעסטונג, אויפן אָרט פון וועל-
כער דוד האָט נאָכדעם געבויט ירושלים, האָבן זיך באַרימט, אַז זייער שטאָט
קענען אויסגעצייכנט פאַרטיידיקן אַפילו בלינדע און הינקעדיקע.

דער געגנט, אין וועלכן ס'איז אויסגעבויט געוואָרן דוד'ס שטאָט (עיר
דוד), איז פון שטענדיק אָן באַוואוסט געווען, אַלס זעהר אַן אומצוטריטליכער
אין די אוראַלטע צייטן האָט ירושלים מיט זיינע אומגעגנטן געהאַט גאָר אַן
אַנדער אויסזעהן, ווי איצטער. ער האט זיך געפונען צווישן די נחלות פון
שבט בנימין און יהודה, דאָ איז דורכגעגאַנגען דער וועג; וואָס פירט פון מיטל.
לענדישן ים קיין דרום־פּאַלעסטינע. דאָס אָרט, וואו ס'איז אויסגעבויט געוואָרן
ירושלים, איז פון דרום, מערב און מזרח אַרומגערינגלט מיט הויכע ווילדע
בערג. אויב מע זאָל פון די בערג אַ קוק טאָן אַראָפּ אין טאָל אַריין, וואָלטן
מיר דאָרט אין דוד'ס צייטן דערזעהן עטליכע בערגלאַך, וועלכע זיינען געווען
אָפּגעטיילט פון די בערג און אויך איינס פון אַנדערן דורך טיפע שפּאַלטן כמעט
אָפּגרונטן. איצטער איז דער גרעסטער טייל פון די טאָלן פאַרשאָטן; זייערע
משופּעדיקע זייטן זיינען כמעט אינגאַנצן אויסגעגלייכט געוואָרן און איבער זיי
פאָרן שטענדיק מענטשן, קעמלען מיט משאות און וואָגנס. נאָר אין דוד'ס
צייטן איז זעהר שווער געווען צוצוטרעטן צו די דאָזיקע בערגלאַך: שווער איז
געווען אַראָפּצוקריכן פון די בערג, דורכגיין די טיפע טאָלן און ערשט נאָכ=
דעם האָט זיך אָנגעהויבן דער שווערסטער וועג: אַרויפצוקלעטערן אויף די
משופּעדיקע זייטן פון די בערגלאַך. אין די אוראַלטע צייטן זיינען געווען ניט
ווייניקער ווי פיר אַזעלכע בערגלאַך, אויף וועלכע ס'איז נאָכדעם געבויט גע-
וואָרן די שטאָט ירושלים. די פרומע אידן, וועלכע זיינען נאָך גלות בבל, עולה
לרגל געווען אין די הייליקע שטאָט, האָבן אויף די בערג, אויפן וועג צו
ירושלים, גיט ווילנדיק געזונגען דאָס ליד: „אַרום ירושלים זיינען בערג, דאָרט

רוט יהוה אַרום זיין פאָלק מעתה לעולם ועד.״ דער וואָס גייט פון צפון צווישן די הויכע בערג, האָט געמוזט דורך אַ שמאָלע באַרג־שטעגעלע זיך אויפהויבן אויף אַרויף, אויף א פלאטא און פון דאָרט אַריינטרעטן אין אַ שמאָלן טיפן טאָל; פון רעכטס און פון לינקס האָבן זיך געהויכט בערגלאך איינער צו מזרח צו, דער אַנדערער צו מערב צו. דאָס מזרחדיקע בערגל איז געווען זעהר משופעדיק. אַ טיפער שפאַלט האָט אים געטיילט אויף צוויי טיילן: דער דרום־טייל, וועלכער האָט זיך, ווי אַ שמאָלער פאס געצויגן צו דרום, איז געווען דער־זעלבער, אויף וועלכן ס׳האָט זיך געפונען ציון, דער שלאָס פון די יבוסים, וועלכן דוד האָט געמאַכט פאַר זיין שטאָט. ווען מיר וואָלטן אַרויפקלעטערן אויפן שפיץ פון דעם דאָזיקן בערגל, וואָלטן מיר נשתומם געוואָרן פון דעם ווילדן בילד, וואָס וואָלט זיך פאָרגעשטעלט פאַר אונזערע אויגן. צו מזרח צו וואָלטן מיר דערזעהן אַ טיפן אָפגרונט, אין וועלכן ס׳פליסט מיט אַ טומל און גערויש דער טייך קדרון; הינטער אים הויבט זיך צום הימל דער הר־הזיתים; זיין מערב־זייט, וועלכע איז געווענדעט צו אונז, איז געדיכט באַוואַקסן מיט אייל־בירטן־בוימער, און נאָר דער שפיץ פון באַרג איז הויל און אָן געוויקסן. וואָלטן מיר צוגיין צום שפיציקן דרומדיקן עק פון בערגל, וואָלטן מיר אונטן דערזעהן אַ טיפן און ברייטן טאָל, וואו ס׳פאַראייניקן זיך דער טאל קדרון, נאָך אַ טאָל הינום, וועלכער ציהט זיך פון צפון־מערב, און דער באַרג־שפאלט, וואָס גייט פון צפון, און פון צפון־זייט פונ׳ם דרומדיקן היגל געפינט זיך אַ טיפער טאָל, וועלכער טיילט אפ פון אים דעם צפון־מזרחדיקן טייל זיינעם, וואו שלמה האט שפעטער אויסגעבויט זיין פאַלאץ און דעם בית־המקדש אויך דער מערב׳דיקער היגל ווערט צעטיילט דורך אַ פארטיפונג אויף צוויי טיילן; דער דרומדיקער טייל פון מערב־היגל ווערט אפגעטיילט פון די אַרומיקע בערג מיטן טאל הינום אויף דעם פירעקיקן היגל האט זיך געפונען אַ דארף פון די יבוסים, וועלכע האבן געצאלט צינז דעם הערשער פון שלאָס, וואס אויפן דרום־מזרח׳דיקן און דא איז עס נאכדעם אויסגעוואַקסן א ישוב, אַ שטאט אין איצטיקן זין פוןווארט. הייסט עס, אַז דער אוראלטער ירושלים האט פאַרנומען דריי היגלען: דעם דרום־מזרחדיקן ציון, דוד׳ס פעסטונג, דעם צפון־מזרחדיקן,—די רעזידענץ פון שלמה׳ן און דאס ארט, וואס האט פארנומען דער בית־המקדש, און דעם דרום־מערב׳דיקן—די שטאט גופא. פאר גלות־בבל איז שוין דער צפון־מערב־דיקער היגל אויך געווען פארבויט, און נאך גלות־בבל האט שוין די שטאט פארנומען אַ שטח ווייט הינטער די היגלען צום צפונ׳דיקן טאל.

דער סאַמע אומצוטריטליכער היגל איז געווען דער דרום-מזרח'דיקער, וואָלט מען אין די אוראַלטע צײַטן אויף מלחמות באַנוצט הײַנטיקע האַרמאַטן, וואָלט ער, פאַרשטײַט זיך, לאַנג ניט געקענט אויסהאַלטן קײַן באַלאַגערונג; מע וואָלט אַרויפגעשטעלט אויף די אַרומיקע בערג שווערע האַרמאַטן און פון דאָרטן געמאַכט אַ תל פון די מויערן און באַפעסטיקונגען. גאָר מיט אַ יאָר טויזנט פאַר קריסטוס'ס געבאָרן איז דאס אײַנציקע געווער אויף צוצושטערן די מויערן פון אַ פעסטונג געווען הילצערנע מיט מעטאַל אַרומגעשלאָגענע טאַראַנען (ברעך-מאַשינעס); די מאַשינעס האט מען געמוזט אַוועקשטעלן נעבן סאַמע מויער פון דער פעסטונג. און די פאַרטיידיקער האבן געהאַט די מעגליכקײַט צו באַשיטן די אָנפאַלער מיט פײַלן און שטײַנער. און נעמענדיק אין באַטראַכט די אַרומיקע היגלען, די טיפע טאָלן מיט זייערע משופּעדיקע זײַטן, ווערט קלאר, אַז די יבוסים האבן זיךווירקליך געקענט באַרימען, אַז די בלינדע און די הינקעדיקע וועלן זײַן גענוג אויף צו פאַרטיידיקן זייער פעסטונג קעגן דוד'ן; און ס'איז פאַרשטענדליך, פאַר וואס די בני-ישראל האבן ביז דוד'ן ניט אײַנגענומען די היגלען, אויף וועלכע ס'האבן זיך געפונען די פעסטונג און דאס דאָרף פון די יבוסים. די יבוסים האבן געהערט צו די כנענים, און אט דאס ווינקל איז אַלץ נאָך פאַרבליבן אַ כנענישער אינזל אין אידישן ים. פאַר דוד'ן איז זעהר וויכטיק געווען אײַנצונעמען די דאָזיקע היגלען; ער וואָלט דאַן באַקומען אַ שטאַרקע פעסטונג אַן אומצוטריטליכע פאַר זײַנע שונאים; חוץ דעם, וואָלט זײַן נאָמען, אַלס אַ באַפרײַער פון די פלשתים, נאך דערהויבענער געוואָרן בײַ ישראל דורך דעם, וואס ער האט אונטערטעניק געמאַכט דאס רעשט פון די כנענים.

אין תנ"ך ווערט ניט דערצײַלט גענוי, ווי אַזוי דוד האט אײַנגענומען ציון „דוד האט מיט שטורעם אײַנגענומען דעם שלאָס ציון... דערנאָך האט ער זיך באַזעצט אין דעם דאָזיקן שלאָס און אים אַ נאָמען געגעבן די שטאָט פון דוד" די שטאָט פון דוד האט זיך געפונען אויפן אָרט פון ציון, און דער לעצטער נאָמען איז באַזונדערס טײַער געוואָרן די אידן. ווען אין גלות פלעגן זיי זיך מיט בענקשאַפט דערמאָנען אן די פאַרגאַנגענע טעג פון זייער גדולה און זעלבסטשטענדיקײַט, ווען די שטאָט האט זיך פאַרבויט און פאַרגרעסערט, האט דאס פאלק אָנגעהויבן אָנרופן זי מיטן זעלבן נאָמען. וועלכן זי האט געטראָגן אין די אוראַלטע צײַטן, בײַ די ערשטע אנפאַלן פון די בני-ישראל אויף כנען. דאַן האט זי געהייסן ירושלם, איצטער איז פאַרבליבן דער זעלבער נאָמען, נאר ס'האט זיך עטוואס געביטן די אויסשפּראַך — ירושלים.

אין זײַן נײַער שטאָט האָט דוד אויסגעבויט פאַר זיך אַ נײַ הויז, וואָס מ׳האָט נאָך אַזוינס ניט געזעהן אין פּאַלעסטינע. די געמיינע לײַט פלעגן פאַר זיך בויען קליינע לײַמיקע הײַזלאַך, וואו מע פלעגט קאָנען פאַרברענגען די נאַכט אָדער זיך באַשירמען קעגן רעגן; אַמאָליקע יאָרן, ווי אויך איצטער, פלעגט די באַפעלקערונג פון פּאַלעסטינע דעם גרעסטן טייל טאָג פאַרברענגען אונטערן פרײַען הימל, און זי האָט זיך ניט גענויטיקט אין אַ זעלכע פעסטע און גרויסע הײַזער, ווי אונזערע. די רײַכע לײַט פלעגן זיך בויען הײַזער אויך צוליב דעמזעלבן צוועק; זײַ האָבן זיך גענויטיקט אין אַ הויז כדי צו פאַרברענגען דאָרט די נאַכט און צו באַשיצן זיך קעגן אַ שלעכטן וועטער, נאָר די רײַכע לײַט האָבן נאָך דערצו געוואָלט, אַז דאָס הויז זאָל זײַ באַשיצן אויך קעגן דער היץ; דעריבער פלעגן זיי בויען פאַר זיך שטיינערנע הײַזלאַך, נידעריקע מיט אַ פלאַכן דאַך. די דילן איז אויך אין זייערע הײַזער ס׳רוב געווען אַן ערדענע, די ווענט נידעריקע און געוועלבטע. אין אַזאַ הויז איז געוויינטליך טונקל קיל און פײַכט. דאָס הויז פון אַ געמיינעם מענטשן פלעגט באַשטיין ס׳רוב פון איין צימער; אין דעם איינציקן צימער פלעגן די באַלעבאַטים עסן, שלאָפן און זיך באַהאַלטן פון רעגן. די רײַכע לײַט פלעגן צוטיילן זייער הויז אויף צוויי-דרײַ צימערן; ס׳פלעגן זײַן באַזונדערע צימערן פאַר די פרויען און אויף צוצונעמען געסט. אַלע הײַזער זײַנען געווען מיט פלאַכע דעכער, און אין פאַרנאַכטן, ווען די לופט ווערט קילער, פלעגט מען אויף די דעכער זיצן און רוען.



דאָס בוימער-האַקן אויף לבנון.

אַזאַ מין הויז האָט אויסגעוויזן דעם קיניג פאַר צו געמיין, און ער פאַרטראַכט אַן אומגעהערטע אין יהודה און ישראל זאַך: ער האָט געשיקט שלוחים צום קיניג פון צור, און יענער האָט צוגעשיקט צעדער-בוימער פון לבנון מיט מײַסטערס, וואָס זאָלן אויסבויען פאַר דעם קיניג אַ הילצערן הויז. פונקט ווי אַמאָליקע יאָרן אין רוסלאַנד איז אַ שטיינערן הויז געווען אַ זעלטענער חידוש, און די אייגענע מײַסטערס האָבן ניט געוואוסט ווי עס צו בויען אַזוי איז אין

כנען געווען אַ חידוש אַ הילצערן הויז. און מע האט ניט געוואוסט, וויאַזוי עס אויפצושטעלן. און אַז די פעניקייאישע מייסטערס האבן אויסגעבויט פאַר'ן קיניג דוד'ן אַ הויז, האט דאָס דאזיקע הויז באַ אייניקע געוויס אַרויסגערופן גרויס התפעלות, און אַנדערע זיינען געוויס געווען אומצופרידן מיט דער נייער מאָדע. דאס נייע הויז איז לחלוטין ניט געווען ענליך צו די אַלטע פאַלעסטינישע היידער. אַנשטאט אַ נידעריקער, פינסטערער געוועלבטער געביידע מיט אַן אַריינגאַנג, וועלכער האט גיכער געקענט רינגען פאַר אַן אַריינגאַנג אין אַ קברים-הייל, איידער אין אַ מענטשליכע וואוינונג, איז דאָ געווען אַ שיינער, הויכער בנין אויף הילצערנע געשניצטע זיילן; לופט און ליכט איז אין דעם הויז געווען אַסך און די קופערנע באַשלאָגונגען פון די טירן און פענסטער, די קופערנע באַפוצונגען אויף די ווענט און די זייטן האבן געפינקלט אין העלן זונען-שיין און פאַרשאַפט פאַרגעניגן מיט זייער שיינקייט, אַנשטאָט איינגע, שמאָלע און נידעריקע צימערלאַך פונם אַלטן שטיינערנעם הויז, טרעט מען דאָ אַריין אין אַ גרויסן זאַל, וואָס איז אויך געווען אונטערגעשפאַרט מיט עטליכע רייען געשניצטע זיילן; די איבעריקע צימערן זיינען אויך געווען גרעסער און ליכטיקער, ווי די צימערן פון די שטיינערנע הייזלאַך.

איין זאַך האט נאָך אויסגעפעלט דוד'ן, כדי דער קיום פון זיין נייער שטאָט זאָל פעסט געזיכערט זיין: ס'האט אויסגעפעלט גאָט, וועלכער זאָל באַשיצן די שטאָט, און ער האט באַשלאָסן איבערצוטראָגן צו זיך די גרעסטע הייליקייט פון פאָלק, דעמזעלבן אָרון, וועלכער האט אין פריהערדיקע צייטן באַגלייט די בני-ישראל, בשעת זיי האבן געוואַנדרעוועט איבערן מדבר, איינגענומען דאָס לאַנד כנען און געפירט מלחמות מיט די פלשתים. דאס איז געווען אַזאַ הייליקייט, וואס איז גלייך געשעצט געווען פון דעם גאַנצן פאָלק ישראל. חוץ דעם, איז דאס געווען די הייליקייט, וואס האט מער פאַר אַנדערע געקענט העלפן אין דער צייט פון אַ מלחמה. דער אָרון האט זיך דאַן געפונען אין קרית-יערים; אַהין איז עס אַוועק דוד מיט זיינע מקורבים און אין אַ פייערליכער פראָצעסיע האט ער גענומען איבערטראָגן דעם אָרון אין זיין שטאָט. ניט קיין פשוטע זאַך איז געווען איבערצוטראָגן אַזאַ מוראָ'דיקע הייליקייט. דוד'ן און די איבעריקע אָנטיילנעמער פון דער פראָצעסיע איז אַריינגעפאַלן דער געדאַנק: און אפשר וויל גאָר ניט גאָט, וואס רוט אין אָרון, אַז מע זאָל אים איבערטראָגן אויף אַ נייע אָרט? אפשר געפעלן אים גאָר ניט די מענטשן, וועלכע טראָגן אים איבער? און דוד האט געזעהן כאָטש אַלצדינג, וואס קאָן נאָר זיין אנגענעם פאַר גאָט, ער

אַלײן און די איבעריקע אָנטײלנעמער פון דער פּראָצעסיע האבן געטאַנצט אַרום אָרון, געזונגען הײליקע לידער, געשפּילט אויף צימבלען, אַרפן און טרומײטן און געפּויקט אין פּויקן. ווי די לעגענדע דערצײלט, האבן די אַלע מיטלען דאָך ניט געהאָלפן. אויפן וועג האבן זיך די אָקסן, וועלכע האבן געפירט דעם וואָגן מיט'ן אָרון, צובושעוועט, און ווען עוזה, אײנער פון די, וואס האבן באַגלײט דעם אָרון, האט געוואָלט אים אײַנהאַלטן, ער זאָל ניט פאַלן, איז ער אַלײן געפאַלן אויף דר'ערד און דער'הרג'עט געוואָרן. ס'איז קלאָר געווען, אַז יהוה איז אין צאָרן דעם אָרון האט מען אַוועקגעשטעלט אין דאס ערשטע הויז, וואס מען האט געטראָפן אין וועג. אינגיכן אָבער האט זיך פאַרשפּרײט אַ קלאַנג, אַז דער אָרון האט געבראַכט גליק דעם הויז, וואו מ'האט אים אַוועקגעשטעלט. דאַן האט דוד באַשלאסן, אַז דער צאָרן פון יהוה האָט זיך אײַנגערוהיקט, און ער האט ווײַטער גענומען איבערצוטראָגן דעם אָרון. תּחילת האט ער געבראַכט אַ קרבן פאַר'ן אָרון: אַ רינד און אַ פעטע קאַלב, דאס איז געווען אַן אויסערגעווײַנטליכער קרבן, וועלכער וועט אַוודאי צופרידן שטעלן גאָט. נאָכדעם האט מען ווײַטער גענומען טראָגן דעם אָרון מיט די זעלבע טענץ, געזאַנג און מוזיק. דאס מאל איז אַלץ דורכגעגאַנגען בשלום; דעם אָרון האט מען געבראַכט אין דוד'ס שטאָט און אַוועקגעשטעלט אין געצעלט, וואס דוד האט ספּעצ־יעל פאַר אים אויפגעשלאָגן. אויף דעם נײַעם אָרט האט מען קודם כל ווידער געבראַכט אַ קרבן און געמאַכט אַ מאָלצײַט פאַר אַלע אָנטײלנעמער פון דער פּראָצעסיע. איצטער האט שוין דוד'ס שטאָט באַקומען אַ מעכטיקן באַשיצער; דוד האט געהאַט ניט נאָר אַן אפוד מיט אַ כּוהן צו אים — אַביתר'ן (דאס האט אײַגנטליך געהאַט יעדער האַר), נאָר ער האט אויך נאָך געהאַט אַזאַ הײליקײַט, וואס איר גלײַכן איז ניט געווען אינם גאַנצן לאַנד. פאַרן פאָלק איז ציון נאָכדעם געוואָרן אַ הײַליקער באַרג; מ'האט געזאָגט, אַז צוזאַמען מיטן ארון האָט זיך אויך יהוה איבערגעטראָגן קײַן ציון, און פאַר דוד'ן איז פון יענער צײַט אָן קײַן שום סכנה ניט שרעקליך געוועזן.

ניט קוקנדיק אפילו אויף די בנינים, וועלכע דוד האט אויפגעשטעלט אין זײַן שטאָט, האָט זי זיך דאָך נאָך גאַנץ ווײַניק אָפּגעשײַדט פון די איבעריקע שטעט. אמת, ציון האָט זיך געמעגט גרויס האַלטן מיטן קיניגס הויז, וואָס איז געווען געבויט פון צעדער־בוימער פון לבנון, און וואָס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן צווישן די אַרומיקע הײַזער פון דעם קיניגס קריגס־לײַט, וועלכע האָבן נאָך אַלץ געבויט זײערע הײַזער לויט דער אַלטער מאָדע. נאָר דערפאַר האָבן זיך די איבעריקע שטעט געמעגט גרויס האַלטן אַנטקעגן דער יונגער

הויפּט־שטאָט מיט זייערע „גאָטס הײַזער" (בתי אלהים). ווי מיר ווייסן שוין האָט יעדע פעסטונג געהאַט איר הײַליקייט, הינטער די מויערן פלעגט מען אויף אַ הויכן אָרט אײַנריכטן אַ „במה" און אויף איר אַ מזבח פאַרן אָרטיקן גאָט, און אויב אין שטאָט גופא אָדער ניט ווײַט פון איר פלעגט זײַן אַ הײַליקער בוים, אָדער אַ הײַליקער קוואַל, אָדער אַ הייליקער שטיין, פלעגט מען דאָרט מאַכן דעם מזבח. נאָר אייניקע שרים, הערשער פון פעסטונגען, פלעגן מאַכן פסלים, געשטאַלטן פון גאָט, פון מעטאַלן; אויב מע זאָל לאָזן אַזאַ טײַערן פסל אונטערן פרײַען הימל, וואָלט מען אים געקאָנט לײַכט צוגנב'ענען; דע־



א פעניקייאישער „בית־אלהים" פון לײם.

ריבער פלעגט מען פאַר אַזאַ מין אפוד בויען אַ טעמפּל, אַ הויז פון גאָט. אַזאַ הויז איז געווען אין עפרה באַ גדעונ'ען, אין דן באַ מיכה. אין נבה באַ אחימלכ'ן; דער אפוד פון נבה איז אַרײַנגעפאַלן, ווי מיר ווייסן, אין דוד'ס הענט, נאָכדעם ווי שאול האָט אויסגעהרגעט די גאַנצע משפחה אחימלכ'ס. דאָס הויז פון גאָט פלעגט געוויינטליך זײַן ניט קײַן גרויס: די סטאַטוע איז בכלל געווען אַ קליינע, און פאַרן כוהן, וועלכער פלעגט אָפּהיטן דעם אפוד און אים דינען, איז גענוג געווען איין צימער. די שכנים פון די בני־ישראל, די פעני־קיער, פלעגן אָפט מאַכן פאַר זייערע קלענערע געמער פיצינקע הייזלאַך פון

לײם, אָפּטמאָל ניט גרעסער װי אַ קלײנן קעסטל. אַ הױז פֿון גאָט איז אין יע=
נע צײַטן געװען זעהר אַ װיכטיקע אײַנריכטונג: דאָס איז געװען אַן אָרט ניט
נאָר פֿאַר גאָטס געשטאַלט, נאָר פֿאַר גאָט גופא, װײַל דאָן האָט מען געמײנט,
אַז גאָט אַלײן געפֿינט זיך אין אפֿוד און באַזעצט זיך מיט אים אין דעם הױז
דעריבער פֿלעגט מען זעהן װאָס רײַכער צו באַפּוצן דאָס הױז פֿון גאָט, כדי
פֿאַר גאָט זאל קײן שאַנד ניט זײַן צו געפֿינען זיך אין דעם הױז; מען פֿלעגט
אױך זעהן, אַז דינען זאָל דאָ גאָט אַ פּראָפֿעסיאָנעלער כוהן פֿון שבט לוי:
ברײַנגען אַ קרבן גאָט האָט געקענט איטליכער, װײַל דערינען האָט קײַן
גרױסע חכמה ניט געשטעקט; נאָר שטענדיק דינען גאָט, װעלכער האָט זיך באַ=
זעצט אין זײַן הױז, דערװיסן זיך זײַן רצון, אַרומגײַן אַרום זײַן געשטאַלט,—
דאָס זײַנען שױן ניט אַלע געװען ביכולת אױסצופֿירן. און ניט איטליכער האָט
זיך געקענט דאָס אױסלערנען, בפֿרט די פֿירשטן, װעלכע האָבן גוט געװאוסט,
װי זיך צו באַגײן מיט אַ שװערד, נאָר האָבן גאַנץ װײניק פֿאַרשטאַנען אַנדערע
חכמות. אַזאַ הױז פֿון גאָט מיט פּראָפֿעסיאָנעלע כוהנים איז אױך געװען פֿאַרן
ארון אין דער צײַט, װען ער האָט זיך געפֿונען אין שילה. געדינט האָבן דאָרט
כוהנים פֿון עלי'ס משפּחה; װען די דאָזיקע משפּחה איז אומגעקומען אין די
מלחמות מיט די פּלשתּים, איז אױך צושטערט געװאָרן דאָס הױז אין שילה
דוד, װעלכער האָט איבערגעטראָגן צו זיך דעם ארון, האָט ניט געקענט אױס=
בױען פֿאַר אים און פֿאַרן גאָט װאָס אין אים קײַן הױז; ס'קאָן זײַן, אַז ער
האָט געהאַט צו װײניק מיטלען דערצו, אָדער שטענדיק פֿאַרטאָן אין מלחמות,
האָט ער אפשר פּשוט קײן צײַט ניט געהאַט. און דער ארון איז געשטאַנען אין
דוד'ס שטאָט אין אַן אײַנפֿאַכן געצעלט, אין דער צײַט, װען קלענערע הײליק-
טימער, װי, למשל, אַלערלײ אפֿוד'ן, האָבן געהאַט פֿאַר זיך פֿעסטע הײַזער,
װעלכע האָבן זײ באַשיצט פֿון שלעכטע װעטערן, הן פֿון שלעכטע מענטשן.
מעגליך, אַז דוד האָט זיך ניט אײַנגעשטעלט צו בױען אַ הױז פֿאַר יהוה דער=
פֿאַר, װײַל ער האָט געװאָלט איבערשטײגן אַלע די, װאָס האָבן שױן געהאַט
הײַזער פֿאַר זײַערע געטער, און ער האָט מורא געהאַט, אַז אים װעט אױס=
פֿעלן מיטלען און צײַט, כדי אױסצובױען אַ הױז, װעלכעס זאל זײַן װי גע=
העריק איז צוגעפּאַסט פֿאַר אַזאַ גרױסע הײליקײַט. װי די מעשה איז, נאָר דוד
איז געשטאָרבן און האָט ניט אױסגעבױט קײַן הױז פֿאַר גאָט, אױסבױען אַ
בית-המקדש און פֿאַרגרעסערן ירושלים איז שױן אױסגעקומען זײַן זון
שלמה'ן.

שלמה האָט געקענט פאַרענדיקן דאָס, וואָס דוד'ן האָט זיך ניט איינגעגעבן אויפצוטאָן; זיין הערשאַפט האָט שוין קיין ווידערשטאַנד ניט באַגעגנט; ער האָט ניט געהאַט צו טאָן מיט קיין מרידות, ווי דוד, קעגן וועלכן ס'האָט אויפגעהויבן אַן אויפשטאַנד אפילו זיין אייגענער זון אבישלום. שלמה האָט אונטערטעניק געמאַכט די קליינע פירשטן. אייניקע פון זיי האָבן אים געמוזט צאָלן צינז, אַנדערע האָט ער פאַרביטן מיט זיינע פאַרוואַלטערס. ער האָט געוועלטיקט איבער גאַנץ ישראל, פון דן ביז באר־שבע, און ער האָט געהאַט די מעגליכקייט רוהיק צו באַקומען די גרויסע אָפּצאָלונגען, וועלכע ס'פלעגן אים צושיקן די פאַרוואַלטערס פון באַזונדערע געגנטן; דאָס גאַנצע רעגירן פונם קיניג איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער פלעגט צונויפקלייבן די אָפּצאָלונגען פון זיינע אונטערטאַנען און פלעגט משפטן דאָס פאָלק. יעדן טאָג פלעגט מען צושטעלן פאַרן קיניגס טיש קרוב צו צוויי פוד זעמל־מעל און קרוב צו פיר פוד גראָבע מעל. מען פלעגט פאַר אים ברייגנגען צו פירן צען רינדער איינגעפיטערטע און צוואַנציג רינדער פון דער פאַשע, הונדערט שעפסן און אַן אַ צאָל געווילד און געשטאָפּטע עופות. בײַ אַזאַ עשירות איז גאַנץ מעגליך געווען צו זאַמלען געבוג מיטלען אויף אויסצובויען אַ פּרעכטיקן בית-המקדש פאַר יהוה.

אין דער אייגנער אַלטער פעסטונג ציון האָט שלמה ניט געפונען קיין פּאַסיקן אָרט פאַר זיין בנין. אויך דאָס הויז, וואָס זיין פאָטער האָט אויסגעבויט, האָט אים אויסגעוויזן פאַר צו קליין און אייַנג. זיין פאָטער, וועלכער איז געוואוינט געווען צו פירן אַ וואַנדער-לעבן פון אַ קריגס־מאַן, האָט זיך באַנוגנט מיט אַ גאַנץ באַשיידענעם הויז: נאָר שלמה איז אויסגעוואַקסן ווי אַ קיניגס אַ זון, וועלכער האָט פון קיינע דאגות ניט געוואוסט, און דוד'ס הויז האָט אים אויסגעוויזן צו קליין פאַר זיך און פאַר זיין הויף. מ'מוז געפינען אַ פּאַסיקן אָרט פאַר דעם נייעם בנין. אַזאַ אָרט איז געווען גאַנץ נאָהענט אויפן צפון־טייל פון דעם מזרחדיקן היגל, וועלכער איז אָפּגעטיילט פון דוד'ס שטאָט נאָר מיט אַ שמאָלן קעסל־טאָל. דאָ איז נאָך פון לאַנגע צייטן אָן געלעגן אַ שוואַרצער שטיין, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון הימל, אַ מעטעאָריט, ווי מע רופט עס היינט; דעם שטיין האָט מען גערעכנט פאַר אַ הייליקן און אייניקע פלעגן אפילו אים ברייגנגען קרבנות. אין דוד'ס צייטן איז דאָס דאָזיקע אָרט לגמרי פאַרהייליקט געוואָרן. ס'האָט זיך געטראָפן דאַן אַ מגפה. יהוה איז פאַר עפּעס אַריין אין גרימצאָרן אויף זיין פאָלק און האָט געשיקט זיין מלאך, דעם

גייסט פון מגפה, באַשטראָפן דאָט זינדיקע פאָלק; אַז דער גײַסט פון דער מגפה איז צוגעגאַנגען ביז ירושלים און איז שוין געשטאַנען ביים שײַער פון ארונה, אויפן צפון-טייל פון מזרחדיקן היגל, האָט יהוה חרטה געהאַט און האָט געהייסן דעם מלאך אַראָפּלאָזן זײַן אויסגעשטרעקטע האַנט. די מגפה האָט געמיטן ירושלים און דאָס אָרט, וואו ס'איז געשטאַנען ארונה'ס שײַער, האָט מען אָנגעהויבן האַלטן פאַר אַ הייליקן. דוד האָט אים אָפּגעקויפט בא ארונה'ען, אויסגעבויט דאָ אַ מזבח און געבראַכט פיל קרבנות. דאָ אויף דעם אָרט האָט שלמה באַשלאָסן צו בויען דעם בית-המקדש; און נעבן דעם בית-המקדש איז באַ אים געבליבן צו בויען פאַר זיך אַ נײַעם פּאַלאַץ און די איבעריקע בנינים, אין וועלכע ס'נויטיקט זיך די קיניגליכע רעזידענץ. אַלע בנינים האָט שלמה באַשלאָסן בויען ניט אַזוי, ווי מע האָט געבויט אין די אַלטע צייטן, נאָר נאָך דער אויסלענדישער מאָדע. אַפילו זיין פאָטער דוד, האָט שוין אויך אויסגעבויט פאַר זיך אַ הילצערנעם בנין; און שלמה האָט נאָך מער גרונדן געהאַט נאָכצומאַכן די אויסלענדער. איינע פון זיינע פרויען איז געווען פרעה'ס אַ טאָכטער; די צווייטע האָט געשטאַמט פון דער פעניקיאישער שטאָט צידון; באַ זיך אין דער היים זיינען זיי צוגעוואוינט געווען צו לוקסוס, צו רײַך און קינסטלעריש באַפוצטע הייזער, צו דעם אויסגעאַרבעטן קולט פון די געטער. די פשוטע הײַזער אַפילו פון די רײַכע אידן פלעגן זײַן ווײַט ניט נאָך זײַער געשמאַק; דער אײַנפאַכע גאָטס עבודה, צוליב וועלכן ס'איז מער ניט נויטיק געווען, ווי אַ מזבח פון ניט אַרומגעהאַקטע שטײַנער, האָט זיי אויסגעוויזן פאַר צו פשוט און ווײַניק פאַסיק. און בשעת שלמה איז צוגעטראָטן אויפצושטעלן זײַנע בנינים, האָט ער זיך קודם כל געווענדעט צו חירמ'ען, דעם קיניג פון צור מיט אַ בקשה צו שיקן אים די נויטיקע צאָל צעדער- און קיפּאַריסן-בוימער און גוטע בוי-מײַסטערס און מעטאַל-גיסער; דערפאַר האָט שלמה גענומען אויף זיך צוצושטעלן יעדעס יאָר חירמ'ען ביז 15000 פוד אײַלבירט-בוימל. דעם דאָזיקן צינז האָט שלמה אַרויפגעלייגט אויף דאָס גאַנצע פאָלק און האָט געפאָדערט, אַז מע זאָל אים צושטעלן אויף די אַרבעט 30 טויזנט מאַן (לויט אַן אַנדער מײַנונג 70 טויזנט), די אַרבעטער האָבן געדאַרפט ברײַנגען צו פירן פון לבנון די בוימער, פון די אַרומיקע בערג גרויסע שטײַנער פאַרן פונדאַמענט און די ווענט, און נאָכדעם האָבן זיי אונטער דער אָנווײַזונג פון די פעניקיאישע מײַסטערס געבויט די בנינים גופא.

לאָמיר זיך אין אונזערע געדאַנקען איבערטראָגן אין די נײַע שטאָט, וואָס

די צעדער-ביימער פון לבנון.

שלמה האָט אויסגעבויט. ווען מיר גייען אַרויס פון דוד׳ס שטאָט און גייען דורך איבער אַ באַוועגליכן בריק, דורכן קעסל־טאָל. וועלכער טיילט אָפּ דוד׳ס שטאָט און שלמה׳ס שטאָט איינע פון דער אַנדערער קומען מיר דורך אַ טויער, וואָס אין דער נייער וואַנט, מיט וועלכער שלמה האָט אַרומגערינגלט זיין נייע שטאָט, צו אַ גרויסן בנין. דורכאויס צונויפגעשטעלט פון צעדער־האָלץ. ער איז ניט קלענער פאַר אַ מאָדערנעם פירגאָרנדיקן מויער : 100 איילן (25 קלאַפטער די לייַנג), 50 איילן (12 אַ האַלב קלאַפייער) די ברייט און 30 איילן (7 אַ האַלב קלאַפטער) די הויך, עטליכע טרעפּלאַך פירן צום אַריינגאַנג און מיר גייען אַריין אין אַ גרויסן זאַל, וועלכער האַלט זיך אויף דריי רייען פיינע זיילן פון צעדער־האָלץ צו פונפצן אין אַ ריי. די שיין גיסט זיך אריין אין זאַל אַחוץ די שמאָלינקע פענסטערלאַך אין די זייטיקע ווענט, פון פאָרנט און פון אונטן דורך דעם אַריינגאַנג, אין וועלכן מיר זיינען אַריין, און דורך דעם אַנטקעגנדיקן אַריינגאַנג, ווייל קיין טירן זיינען ניטאָ—אַנשטאָט טירן—אויך זיילן.—רייען. אין זאַל איז איצט קיינער ניטאָ, נאָר אין די טעג פון די קיניגליכע אויפנאַמען און גרויסע ימים־טובים אין בית־המקדש קלייבט זיך צונויף אין זאַל אַ גרויסער עולם : דאָ געפינען מיר די הויפלייט פון קיניג, די סריסים פון די קיניגינען, האַרן, אָנגעקומענע פון פאַרשיידענע געגנטן אין לאַנד און אויך אויסלענדישע שלוחים ; דער גאַנצער עולם טומלט און רוישט, מאַכט מיט די הענט און לאַכט. און איצטער איז אַלץ שטיל. אין זאַל איז קיינער ניטאָ, אַ חוץ די וועכטער, וועלכע שטייען ווי אומבאַוועגליכע סטאַטועס און קוקן אויפמערקזאַם אַרום איטליכן, וואָס קומט אריין אין זאַל. די וועכטער געפינען זיך דאָ שטענדיק. איבערן זאַל, אויפן צווייטן גאָרן, זיינען זייערע קאַזאַרמעס, און נעבן זיי דער אַרסענאַל, וואו ס׳געפינט זיך אַלערליי געווער, סיי אייגנס, סיי אָפּגענומענע בײַ די שונאים. דורך דעם אַרויסגאַנג, וואָס אין דער אַנטקעגנדיקער וואַנט גייען מיר ווידער אַרויס אויף אַ פּלאַץ, און פאַר אונזערע אויגן איז ווידער אַ בנין, נאָך אַ גרעסערער פאַרן ערשטן. דאָס איז דער טראָן־זאַל, וואו דער קיניג משפּט דאָס פאָלק. עטליכע טרעפּלאַך פירן אונז אריין אין אַ קליינעם זאַל (50 איילן די לייַנג און 30 די ב ייט), אין וועלכן ס׳וואַרט אָפּ די בעלי־דונים און די וואָס קומען צום קיניג מיט בקשות. פון דאַנען קומען מיר אריין אין טראָן־זאַל גופא. דאָס איז זעהר אַ גרויסער זאַל נאָך גרעסער פאַר דעם, וועלכן מיר האָבן געזעהן אין דעם ערשטן בנין. ער איז אינגאַנצן באַדעקט מיט געשניצטע ברעטער פון צעדער־האָלץ, די דיל איז אויך פון צעדער־ברעטער ; אין טיפעניש

פון זאל שטייט דער קיניגליכער טראָן, באַפּוצט מיט אינקרוסטאַציעס פון קופער און העלפאַנט־ביין. אויף דעם דאָזיקן טראָן זיצט דער קיניג און משפט. דאָ פלעגט שלמה אַרויסטראָגן זיינע פסק־דינים, וועלכע האָבן אים פאַרשאַפט אַ נאָמען פונם גרעסטן חכם. אַ גערעכטער און קלוגער שופט איז אין יענע צייטן געווען אַ זעלטנקייט בא ישראל. די קיניגליכע פאַרוואַלטערס פלעגן ביים משפטן נושא פנים זיין די שטאַרקע און דריקן די שוואכע. שלמה׳ס פסק־דינים האָבן געהאַט אַ שם פאַר זעהר קלוגע און גערעכטע; און דאָס פאָלק האָט געמיינט, אַז גאָט אליין האָט באַשיינקט דעם גוטן שופט מיט חכמה: „און גאָט האָט געגעבן שלמה׳ן פיל קלוגשאַפט, חכמה און פאַרשטאַנד, ווי זאַמד אויפן ברעג ים; און שלמה׳ס הכמה איז געווען גרעסער פון דער חכמה פון די מזרח־פעלקער (די כשדים) און פון דער גאַנצער חכמה פון מצרים, און ער איז געווען קליגער פאַר אַלע מענטשן, קליגער איידער איתן, דער זון פון אזרח. און הימן און כלכל און דרדע, און ער האָט געזאָגט דריי טויזנט משלים, און די צאָל פון זיינע שירים איז געווען טויזנט. און ער האָט גערעדט וועגן די ביימער, פון צעדער־בוים פון לבנון ביזן מאָך, וואָס וואַקסט אַרויס פון וואַנט. און ער האָט גערעדט וועגן פיה, וועגן פויגלען וועגן שרצים און וועגן פיש. און פון אַלע פעלקער פלעגט מען קומען הערן שלמה׳ס חכמה און ער פלעגט באַקומען מתנות פון אַלע קיניגן פון דער וועלט, וועלכע האָבן געהערט פון זיין חכמה“. און ווען אין די שפּעטערע צייטן האָבן די געלערנטע סופרים געזאַמלט אין גרויסע ביכער אַלע פאָלקס־משלים און שפּריכווערטער, האָבן זיי געזאָגט, אַז דאָס האָט אַלץ שלמה פאַרפאַסט. נאָר אַזאַ חכם, האָבן זיי געזאָגט, קאָן זיין דער מחבר פון אַזעלכע קלוגע משלים.

ווען מיר גייען אַרויס פון טראָן־זאַל, זעהען מיר פאַר זיך אַ הויז, אין וועלכן ס׳האָט געלעבט דער קלוגער קיניג מיט זיינע פרויען. דאָס הויז איז אַרומגערינגלט מיט אַ וואַנט, און דורכדרינגען דורך די וואַנט איז געווען אוממעגליך פאַר אַ פשוט׳ן מענטשן. גאָר ווייניק מענטשן האָבן געוואוסט, ווי אַזוי איז איינגעריכט דער קיניגליכער פּאַלאַץ; מע האָט דערציילט, אַז ער איז זעהר אַ גרויסער, גרעסער פאַר אַלע בנינים אין שלמה׳ס שטאָט. ער באַשטייט פון דריי טיילן: פון אַ זאַל מיט זיילן, אַזוי אַן ערך ווי דער טראָן־זאַל, פון די צימערן פונם קיניג און פון די צימערן פון דער קיניגין, פרעה׳ס טאָכטער, שלמה׳ס הויפּט־פרוי. אין דעם הינטערשטן טייל וואַנט, וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם פּאַלאַץ, איז געווען אַ טויער, וועלכער האָט געפירט אין אַ גרויסן הויף. אויף



1. דער אריינגאנג.



2. דער פראָפיל. דער בית-ראשון (רעקאָנסטרוקציע).

דעם הויף איז געשטאַנען דער בית-המקדש, דאָס הויז פון יהוה. דאָרן פאָלק איז געווען אַן אַנדער טויער אין מזרח-זייט פון וואַנט.

דער בית-המקדש איז געווען ניט קיין גרויסער; ער איז געווען קלענער פאַר אַלע בנינים אין שלמה'ס שטאָט. פון אינעווייניק האָט ער געהאַלטן סך-הכל 60 איילן (15 קלאַפטער) די לייַנג, 20 איילן (5 קלאַפטער) די ברייט און 30 איילן (7 אַ האַלב קלאַפטער) די הויך; נאָר יעדערער, וועמען ס'איז אויס געקומען צו זיין אינעווייניק, האָט באַשיימפערליך געזעהן, וואָס פאַר אַ חכם איז געווען שלמה. די בני ישראל האָבן נאָך אַזוינס, ווי דער בית-המקדש ניט געזעהן ניט אין עפרה, ניט אין נבה, ניט אין שילה, אַזוי ווי דעם בית-המקדש

חאָט מען געבויט פאַר די גרעסטע און חשובסטע הייליקייט, פאַרן אָרון פון יהוה, האָט מען אים ניט געקענט בויען פון האָלץ: האָלץ צינדט זיך לייכט אָן און דאָס איז ניט קיין מאַטעריאַל פאַר אַ הויז פון גאָט. חוץ דעם, געפעלט יהוה בכלל ניט האָלץ: מער פון אַלץ געפעלן אים שטיינער, פון וועלכע מען דאַרף פאַר אים בויען די מזבחות, און וועלכע געפינען זיך אַזוי פיל אויפן



3. אינדערליינג דורכשניט.

באַרג סיני, אויפן אַלטן וואוינאָרט פון גאָט. און דעריבער האָט שלמה געבויט דעם בית-המקדש פון שטיינער. נאָר די דיל איז געווען געמאַכט פון קיפּאַריסן-האָלץ און די אינעווייניקסטע ווענט זיינען געווען באַדעקט מיט צעדער-האָלץ. נאָר ווען מיר זאָלן אויפמערקזאַם באַטראַכטן דאָס הויז פון אינעווייניק, וועלן



4 אינדערברייט דורכשניט. דער בית-ראשון (רעקאָנסטרוקציע).

מיר זעהן, אַז בנוגע צו אַלע איבעריקע זאַכן האָט שלמה כלל ניט געשטערט די פעניקייאישע מייסטערס, וועלכע האָבן אויסגעפויט דאָס הויז פאַר דעם אידישן גאָט פונקט אויף אַזאַ אופן, ווי זיי וואָלטן געבויט אַ הויז פאַר זייערע היימישע געטער, — דעם האַר פון צור, מעלקאַרט, אָדער דער האַרין פון צידון עשתרת.

דער אריינגאַנג אין בית-המקדש איז געוועזן פון מזרח-זייט; פאַר דעם בית-המקדש איז געשטאַנען אַ גרויסער מזבח אויף צו ברענגען קרבנות אין די גרויסע ימים-טובים, ווייל דער בית-המקדש גופא איז אייגנטליך באשטימט געווען ניט פאַר דער עבודה, נאָר פאַרן וואוינאָרט פון יהוה, וועלכער רוט זיך אין ארון. דורך צען שטיינערנע טרעפלאַך קומען מיר אין אַ קליינעם פאַלעש (אולם) פון בית-המקדש. ביים אריינגאַנג אין פאַלעש זיינען בא די זייטן געשטאַנען צוויי קופערנע זיילן, וועלכע ס'האָט אויסגעגאָסן אַ מייסטער פון צור; דערזעלבער מייסטער האָט אויך געמאַכט די איבעריקע קופערנע כלים פון בית-המקדש. יעדער זייל איז געווען כמעט פיר קלאַפטער די הויך; יעדער זייל איז געשטאַנען אויף אַ פירקאַנטיקן שטיינערנעם פאסטאמענט. די דאָזיקע זיילן זיינען געווען איינע פון די מערקווירדיקסטע זאַכן אין בית-המקדש. פאר די בני-ישראל איז קודם כל געווען אַ חידוש די געקינצלטע פאָרם פון די זיילן. בפרט מערקווירדיק זיינען געווען די שפיצן פון די זיילן. יעדער שפיץ האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ קוגל, מיט אַ נעצפאָרמיקע אינקרוסטאַציע; אין דער הויך האָט ער זיך געעקט מיט אַ קרוין פון ליליענבלעטער, און אויפן קוגל גופא זיינען געהאַנגען ווי האַלדזבענדער צוויי קייטן פון מילגרוימען; אַלץ איז געווען אויסגעגאָסן פון קופער. פול מיט סודות זיינען אויך געווען די אויפשריפטן אויף די זיילן, אויפן רעכטן זייל — יכין, אויפן לינקן זייל — בעז אפילו אַ געלערטער איד האָט אויך ניט געקענט פאַרשטיין, וואָס די דאָזיקע אויפשריפטן באַטייטן, ווייל זיי זיינען געווען געשריבן ניט אין העברעאיש, נאָר אין פעניקייאיש; געבויט האָט די זיילן אַ מייסטער פון צור; און כדי זיי זאָלן זיך פעסט האלטן, האָט ער אויף זיי געמאכט טאַליסמאנישע אויפשריפטן, פאַרשטענדליכע נאָר פאַר אים אַליין. ס'קאָן זיין, אַז אין תנ"ך זיינען די אויפשריפטן איבערגעגעבן ניט ריכטיק, ווייל נאָך ביז היינטיקן טאָג קענען אפילו די בעסטע קענער פון דער פעניקייאישער שפראַך ניט פאַרשטיין, וואָס זיי באַטייטן. און מיר ווייסן נאר עד היום ניט, צו וואס האט מען געדאַרפט האבן די זיילן. ווען מען זאָל זיי געוועזן אויפשטעלן רק פון שיינקייט וועגן, וואָלט

מען דאַן אויך זיי ניט געמאַכט קיין סודותדיקע אויפשריפטן; נאָר כל זמן מיר פאַרשטייען ניט די אויפשריפטן, ווייסן מיר אויך ניט לשם מה זיינען זיי געמאַכט געוואָרן. ס׳קאָן זיין, אַז די זיילן האָבן געדינט במקום מצבות, וועלכע



דער קופּערנער ים (רעקאָנסטרוקציע).

מען פלעגט געוויינטליך שטעלן אויף די במות נעבן די מזבחות. און עס קאָן זיין, אַז דאָס האָט דער מייסטער דערפאַר געמאַכט די צוויי זיילן, ווייל דער טראָן פון זיין הוימישן גאָט מעלקארט פלעגט זיך האַלטן אויף צוויי יסודות, אמת און משפט, וועלכע באַגלייטן אים שטענדיק; און ביים מייסטער איז געבליבן אויך פאַר יהוה געבן אַזעלכע צוויי באַגלייטער און בתור סימבאָלן פון די דאָזיקע צוויי יסודות זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן די צוויי זיילן. דאָס איז אַלץ פרעמד געווען די בני-ישראל. נאָר איין זאַך האָט דער איד דאָ געפונען אַזעלכע, וועלכע האָט זיך נאָך פון לאַנג אָן גערעכנט בא אים פאַר אַ גרויסע הייליקייט: דאָס איז געווען דער קופּערנער נחש (שלאַנג), וועלכער האָט געהייסן נחשתן, מע דערציילט, אַז דאָס האָט נאָך משה אין מדבר געמאַכט דעם שלאַנג, ווען גאָט האָט אויף די בני-ישראל אָנגעשיקט גיפטיקע שלאַנגען ווער ס׳פלעגט אַ קוק טאָן אויף דעם קופּערנעם שלאַנג, פלעגט בלייבן לעבן. די דאָזיקע הייליקייט האָט שלמה אריינגעשטעלט אין זיין בית-המקדש.

פון פּאָלעש קומען מיר אין הויפט-זאַל פון בית-המקדש. אין דער טיפעניש איז אַ וואַנט פון צעדער-האָלץ; אין מיטן וואַנט איז אַ פינפעקיקע, צוויי-

פליגלדיקע טיר פון אוילבירט פוים-האָלץ, וועלכע פירט אין דביר, דעם מקום-
קדוש, וואו ס'געפינט זיך גאָט. פאַר דער טיר איז געשטאַנען אַ גרויסער טיש,
אויף וועלכן מע פלעגט יעדן טאָג אַוועקלייגן ברויט פאַר גאָט (לחם הפנים);
רעכטס און לינקס איז געווען צו פינף קופּערנע מנורות, וועלכע האָבן שטענדיק
געברענט סײַ באַטאָג סײַ באַנאַכט. ווײַטער זעהען מיר אַ גרויסן קו-
פּערנעם ים: דאָס איז אַ גרויסע שיסל, וועלכער שטייט אויף אַ פּאַסטאַמענט,
אין געשטאַלט פון צוועלף רינדער: דרײַ זײַנען געקערט צו צפון, דרײַ צו
דרום, דרײַ צו מזרח און דרײַ צו מערב. דער ים דינט פאַר אַ וואַסער-רע-
זערוואואַר, און פון אים פלעגט מען אָנשעפּן וואַסער אין באַוועגליכע קעסלען
(כיורות); אַזעלכע קעסלען זײַנען געווען צען, אויך קופּערנע, אַלע אויף רע-
דער, מע זאָל זיי קענען איבערפירן פון איין אָרט אויף דעם צווייטן. פאַר די
בני ישראל איז דאָס אַלץ ווײַטער געווען אַ זעלטענער חידוש; דערפאַר אָבער
איז דעם מייסטער פון צור, וועלכער האָט עס געמאַכט, אַלץ געווען גוט באַ-
קאַנט. אַזעלכע וואַש-בעקנס אויף רעדער פלעגט מען באַנוצן אין די פעניקיי-
אישע טעמפּלען; בּאַ די אויסגראָבונגען אויפן אינזל קיפּר האָט מען געפונען
אַ סך אַזעלכע באַוועגליכע בעקנס, זעהר ענליכע צו די בעקנס וואָס אין שלמה'ס
בית-המקדש. נאָר דער מייסטער האָט ניט גענומען אין אַכט דאָס, וואָס ד
כוהנים וועט זײַן שווער זיך אָנ-
צושטויסן, צו וואָס דאַרף מען די
בעקנס. אין די פעניקייִאישע טעמ-
פּלען איז דאָס וואַסער פון די
בעקנס געווען הייליק; דאָס איז
געווען אַ סימבאָל פון דעם מים-
חיים, וואָס זייער גאָט מעלקאַרט
האָט באַקומען באַ זײַן וואַנדערן
איבער דער וועלט. די כוהנים אָב
ער האָבן געמיינט, אַז דאָס זײַנען
פּשוטע וואַשבעקנס, אײַנגעריכ-
טעטע ספּעציעל פאַר זיי. דער קו-
פּערנער ים איז אויך געמאַכט גע-
ווען נאָך דעם מוסטער פון אַזאַ
מין ים, וועלכן מע פלעגט באַנוצן

אַ פעניקייאישער באַוועגליכער בעקן.

אין די בבלישע טעמפלען לכבוד דעם גאָט מאַרדוק. דאָרט איז דאָס געווען אַ סימבאַל פון דעם הימל-אָקעאַן, וועלכער האַלט זיך אויף צוועלף מזלות, אויף די הימלישע דאַמבע, וואָס איז דורכגעפירט איבערן האָרי-זאָנט און האַלט אונטער די הימלישע וואַסערן; צוועלף רינדער—צוועלף מזלות. נאָר די כוהנים האָבן ניט געוואוסט פון דעם סימבאַל און זיי האָבן באַנוצט דעם ים, ווי אַ פשוטן וואַסער-רעזערוואואַר פאַר די וואַש-בעקנס.

לסוף, זיינען מיר באַ דער טיר, וואָס פירט אונז שוין צום גאָט יהוה גופא. די טיר עפנט זיך, און מיר זיינען אין דביר, אין אַ לגמרי פינסטערן דורכגאַנג, וואו ס׳געפינט זיך דער אָרון פון יהוה, איבער אים פון ביידע זייטן האָבן פאַרשפרייט זייערע גרויסע פליגלען צוויי כרובים, מיטישע באַשעפע-נישן, אויף וועלכע יהוה זעלבסט שוועבט און וועלכע האַלטן אונטער זיין כסא הכבוד. דער פעניקיישער מייסטער האָט צוגעגעבן די כרובים אַזאַ געשטאַלט, וועלכע איז געווען אָנגענומען באַ די פעניקיער: באַשעפענישן מיט פליגלען, מיט אַ מענטשליכן קאָפּ און געוואַלטיק גרויסע: צוויי אַ האַלב קלאַפטער די הויך און די פליגלען—צו קלאַפטער, צווישן די צוויי קאָלאָסאַלע כרובים פון איילבירטבוים-האָלץ האָט דער אָרון, דאָס אַלטע, צעשעדיקטע אין מלחמות וואוינונג פון יהוה, אויסגעוויזן אַזוי קליין און נישטיק. נאָר שלמה און דאָס גאַנצע פאָלק זיינען געווען איבערצייגט, אַז אָט טאַקע אין דעם אָרון שטעקט די גאַנצע מעכטיקע און סודות׳דיקע קראַפט; און פאַר דעם אוממער-קליכן קאַסטן פון אַקאַציען-האָלץ האָט מען עס אויסגעבויט דאָס גרויסאַרטיקע הויז. און ווען מע האָט דעם אָרון פייערליך איבערגעטראָגן פון דוד׳ס געצעלט אין דאָס נייע פראַכטיקע הויז און אַוועקגעשטעלט אים אין דביר, האָט אַלעמען זיך אויסגעוויזן, אַז דער בית-המקדש האָט זיך אָנגעפילט מיט אַ וואָלקן, אַזוי אַז די כוהנים מיטן קיניג האָבן אַ לאַנגע צייט ניט געקענט צוטרעטן צו דער עבודה. דער קיניג, ווי ס׳דערציילט די לעגענדע, איז נשתומם געוואָרן און האָט זיך געווענדט צום אָרון מיט אָט דעם שיר, וועלכער איז פאַרשריבן אין דער זאַמלונג פון די אוראַלטע אידישע לידער:

גאָט האָט געוואָלט וואוינען אין געדיכטן וואָלקן—
געבויט האָב איך דיר אַ וואוינונגס-אָרט,
אַן אָרט פאַר דיין רוהן אויף אייביק.

און דערנאָך, דערציילט די לעגענדע, האָט שלמה געבראַכט אַן אַ צאָל קרבנות: 22 טויזנט רינדער און 120 טויזנט שעפּסן, און אין דעם קרבנות-

מאָלצייַט האט אן אָנטייַל גענומען דאָס גאַנצע פאָלק. אט אַזוי האָט די לעגענדע פאַרפּוצט דעם חנוכת=הבית, אין דער אמתן איז עס מסתמא פאָרגעקומען ניט אזוי פייַערליך.



כרובים פון דענדערע.

אָט אזא איז געווען דאָס נייַע הויז פון גאָט. כדי פירן די עבודה אין בית=המקדש האט שלמה באשטימט אַ גרויסע צאל כוהנים, ובתוכם אויך דוד'ס זין, זייַנע ברידער. נאר דער עלטסטער כוהן (כוהן גדול) איז שוין איצט געווען ניט אביתר, וועלכער האָט ניט נושא חן בא שלמה'ען פאר זייַן זעלבסטשטענדיקן כאַראַקטער, נאָר צדוק, אַ נייַער מענטש, וועלכן דוד האט באַשטימט פאר אַ כוהן. די כוהנים האבן זיך אויך געוויטיקט אין א הויז; פאַר זיי האט מען געמאַכט אַרום דעם בית=המקדש א שמאלן אין געשטאלט פון אַ גאַלערייַע, דרייַגארנדיקן ביי-בנין, אַ קלאַפּטער פיר די הויך. אין יעדן גאָרן זייַנען געווען צו דרייַסיג קלייַנע צימערלאַך. דער בנין האָט געהאט א באַזונדערן אריינגאנג פון דרום-זייַט. אויף אזאַ אופן זעהען מיר, אז דער בית-המקדש איז געווען אַ הויכער, שמאָלער און לאַנגער בנין, וועלכער איז געווען אַרומגעריגלט מיט אַ צוויי מאָל נידעריקערן פאַר אים ביי-בנין. די מויערן זייַנען מסתמא געווען, לויט די מנהגים פון יענער צייַט, מיט שפיצן, און דער דאַך אַ פלאכער.

דער בית-המקדש, וועלכן שלמה האָט געבויט, איז געווען אַ קיניגליכער טעמפּל. דער קיניג האָט זיך באַזעצט ניט ווייַט פון גאָט, זייַן באַשיצער, און

פאַר אַ פּשוטן מענטשן איז פּונקט אַזוי שווער געווען אַרײַנצודרינגען אין
הויז פון יהוה, ווי אין הויז פון קיניג. מע דאַרף מײַנען, אַז די ערשטע צײַט
האָט דאס פאָלק געקוקט אויפן בית־המקדש ווי אויף אַ מין חידוש, וואס
ווײַזט אַרויס שלמה׳ס גרויסע חכמה, נאר ער האָט אים אוודאי ניט געהאַלטן
פאַר מער הײַליק אײַדער זײַנע אַמאליקע אַלטע הײַליקע ערטער. אַלץ האָט
אים דאָ אויסגעוויזן פרעמד און אומגעוויינטליך; זײַנע אַלטע הײַליקײַטן,
וועלכע ער האָט, ווי א שוואַרצאַפּל פון אויג, אָפּגעהיט אין גלגל, באר־שבע
און אנדערע ערטער, זײַנען אים געווען אַ סך טײַערער און ליבער. די אלטע
אשרה־בוימער, די מצבות האבן שוין פיל מאל באַוויזן זײַער וואונדערליכע
קראַפט; און די נײַע קופּערנע זײַלן מיט אויפשריפטן אויף אן אומבאַקאנטער
שפּראך האָבן נאָך גאָרנישט ניט אויפגעטאָן. די אלטע דעמבעס און די הײַליקע
ברונעמס זײַנען געווען צוטרעטליך פאַר אַלעמען, יעדער האט געקענט צו זיי
קומען און פּרובן צרײַנגײַן אין באַציהונגען מיטן גאָט, וואס האָט זיך אין זיי
געפונען: זיך לייגן נעבן זיי שלאָפן אָדער צוהערן זיך צו דער שטים פון
גאט אין גערויש פון די בלעטער אדער אינם מורמלען פונם וואַסער. און צו
דעם ארון פון יהוה, וואס איז פאַרבאָרגן אין דער פינסטערניש פון דביר, איז
איצטער ניט צוצוקומען. דעריבער האָט די אויפשטעלונג פונם בית־המקדש
די ערשטע צײַט ווייניק וואָס געווירקט אויף די רעליגיעזע מנהגים פון פאָלק.
ס׳איז אפילו מעגליך, אז די ערשטע צײַט האָט זיך דאָס פאלק פײַנדליך בא=
ציגן צום נײַעם בית־המקדש; כדי אויסצובויען אים האט דאָך דאָס פאלק
געמוזט אויספירן אזא שווערע אַרבעט, וועלכע איז אויף לאַנגע יאָרן פאַר=
בליבן אין זײַן זיכרון, און ניט אומזיסט פלעגט מען נאך אין אַ משך פון א
לאנגע צייט דערמאנען ווי שלמה האט געפייניקט זײַנע אונטערטעניקע מיט
ריטער. ערשט מיט אַ צייט שפּעטער איז דער בית־המקדש באַרימט געוואָרן,
ווי דאָס איז פארגעקומען אויך מיט דער שטאָט ירושלים. ירושלים האָט גע-
מוזט פריהער פאַרוואנדלט ווערן אין אן אמת׳ע שטאָט, כדי ער זאָל קאָנען
ווערן דער צענטער פון אידישן לעבן, דערווײַל איז ירושלים געווען ניט מכּ׳,
ווי אַ קיניגליכער בורג, אַ שטארקע פעסטונג, וועלכע איז אָפּגעטײַלט פון דער
אַרומיקער וועלט מיט הויכע מויערן, דוד׳ס פעסטונג און שלמה׳ס הויפּט=
שטאט, וואס זײַנען געווען אויף די מזרח׳דיקע היגלען, זײַנען נאָך ניט געווען
פאראײַניקט אין איין גאַנצעס מיט דעם אָרימן דערפל פון די יבוסים אויפן
דרום־מערב׳דיקן היגל. דאָס דערפל איז געווען אָפּגעטײלט פון דעם קיניגליכן

שלאס מיט אַ טיפן באַרג-שפּאַלט, און בײַם אַרײַנגאַנג אין שלאָס זײַנען גע-שטאַנען אומברחמנות'דיקע וועכטער. ס'האָט געמוזט דורכגײן אַרום הונדערט יאָר, כדי דאס דערפל אויפן דרום-מערב'דיקן היגל זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין אַ שטאָט, זאָל זיך פאַרגרעסערן צו צפון און צו צפון-מזרח און זאָל אַרומ-רינגלען ציון מיט שלמה'ס הויפּט-שטאָט אַזוי, ווי די איצטיקע „קיטאַי-שטאָט" און די „ווײַסע שטאָט" אין מאָסקווע האָט אַרומגערינגלט דעם קרעמל,—די קדמוניות'דיקע מאָסקווע.

VIII.

דאס לעבן פון די בני-ישראל נאָך שלמה'ס טויט.

שלמה האט געוועלטיקט איבערן גרעסטן טײל אידישע שבטים, נאָר זײַן מאכט אבער איז געווען ניט זעהר קײַן פעסטע. נאָך זײַן טויט האָבן זיך אַלע שרים פון די בני-ישראל צונויפגעקליבן אין שכם. אַהין איז אויך גע-קומען רחבעם, שלמה'ס זון, וועלכן ס'האָט זיך זעהר געוואָלט, אַז מען זאָלן אים אויסוויילן פאר אַ קיניג. נאָר די שרים זײַנען זעהר ניט צופרידן געווען מיט שלמה'ס ממשלה. זיי האָבן נאָך גוט געדייגקט די גרויסע לאַסט, וואס דער קיניג האט אויף זיי אַרויפגעוואָרפן, כדי ער זאָל קאָנען פירן אַ לוקסוס-לעבן אין זײַנע פּאַלאַצן; זיי האָבן געמוזט אַרויפלייגן אויף זייערע אונטער-טעניקע שווערע אַרבעטן, כדי צו באַפרידיקן די קיניגליכע פאָדערונגען, און זיי האָבן געפילט, אַז דאָס פאָלק הויבט זיי אָן צו האַסן. און אגב האָט זי זיך אַליין געוואָלט לעבן אין לוקסוס און ניט אָפּזאָגן זיך אין אַלערליי תענוגים צוליב דעם קיניגס קאַפּריזן. און דעריבער האָבן זיי געזאָגט צו רחבעמ'ען: „דײַן פאָטער האָט אַרויפגעלייגט אויף אונז אַ שווערן יאָך; וועסטו אים גרינגער מאַכן, וועלן מיר דאַן דיר דינען". רחבעם האָט זיך אַן עצה געהאַלטן מיט זײַנע מקורבים; זיי זײַנען שוין צוגעוואוינט געווען צו לעבן אין לוקסוס און האָבן געמיינט, אַז מע דאַרף זיך ניט אָפּזאָגן פון שלמה'ס פאָדערונגען; בעסער אָנשרעקן די שרים — סיי ווי סיי האָבן זיי ניט וועמען אויסצואווײַלן פאר אַ קיניג, חוץ רחבעמ'ען. און רחבעם האָט געענטפערט: „אויב מײַן פאָטער האָט אויף אײַך אַרויפגעלייגט אַ שווערן יאָך, וועל איך אים מאַכן נאָך שווערער; מײַן פאָטער האָט אײַך געשטראָפט מיט ריטער, און איך וועל אײַך שלאָגן מיט דערנער". נאָך אַזאַ תשובה האָבן די שרים פון אַלע שבטים, חוץ שבט יהודה, געזאָגט: „דאַן איז גענוג פאַר דיר דײַן אייגענע

משפחה״,—און האָבן אויסגעקליבן פאַר א קיניג ירבעמ׳ען, דעם זון פון נבט פון שבט אפרים. אין שלמה׳ס צײַטן איז דער דאָזיקער ירבעם געווען אַ פאַר־וואַלטער אין אפרים און ער האָט נאָך דאַן געפרובט זיך אָפּטײַלן פון שלמה׳ן, נאָר ס׳האָט זיך אים דאַן ניט אײַנגעגעבן און ער האָט געמוזט אנטלויפן קײַן מצרים. איצטער האט ער זיך אומגעקערט און איז אויסגעקליבן געווארן פאר א קיניג פון אפרים. אויף אזא אופן איז בא די בני־ישראל געווארן צוויי קיניגן—אײנער אין דרום, אין יהודה, דער צווײטער — אין צפון, אין אפרים; צום שבט אפרים זיינען צוגעשטאַנען די איבעריקע שבטים, און דוד׳ס הויז איז פאַרבליבן קיניגן בלויז איבערן שבט יהודה. נאָר די צפון׳דיקע שרים פלעגן זיך אָפט קריגן אײנער מיט דעם צווײטן, און בא זיי פלעגן זיך אָפט בײַטן די קיניגן. אָפט פלעגן די קריגס־לייט פון קיניג מאַכן קעגן אים מרידות; אזוי האָט בעשא פון שבט יששכר, מורד געווען קעגן נדב׳ן, דעם זון פון ירבעם, און שפעטער האָט יהוא בוגד געווען קעגן יורמ׳ען, דעם זון פון אַחאב, פון הויז עמרי. אָפט פלעגן די שרים ניט מסכים זיין, אַז איבער זיי זאָל געוועלטיקן דער זון פונם פאַרשטאָרבענעם קיניג, און זיי פלעגן אויס־קלייבן אַ נייעם—אויף אַזאַ אופן איז געוואָרן א קיניג עמרי. נאָר זעהר זעלטן פלעגן זיך דער צפון׳דיקער און דרומ׳דיקער קיניגן פאַראייניקן, ווען זיי האבן געהאט צו טאָן מיט אַ שטארקן געמיינשאפטן שונא. צוזאַמען האָבן זיי זיך געמוזט פאַרטיידיקן קעגן קיניגרייך ארם (סיריען), וואָס האט אין די צייטן פון בן־הדד געשטרעבט צו מאַכן זיך אונטערטעניק די אידישע מלוכות; דערנאָך איז זיי אויסגעקומען איבאײנעם צו קעמפן מיט די אשורים. נאָר פאַראייניקן פלעגן זיי זיך זעלטן, אָפטער האבן זיי געפירט מלחמה אײנער מיט דעם צווײטן. יעדער פון זיי האט געוואָלט ווערן אַ קיניג פונם גאַנצן אידישן פאלק, און דאָס האט אַרויסגערופן א שטאַרקע שנאה צווישן זיי.

נאָר אויך איצט, ווי פריהער, האָבן די מלכים געהאַט די גרעסטע דעה נאר אין מלחמה־צייטן; אין א שלום־צייט האָבן זיי זיך אַליין געמוזט צו הערן צו דער מײנונג פון זײערע שרים, אויב ניט קענען די לעצטע זיך נאך אפזאגן אויף צו העלפן זיי אין שווערע צייטן. די דאזיקע שרים, די „גבורי חיל״, זיינען געווען די אמת׳ע האַרן בא ישראל. אײניקע פון זיי האבן זיך גרויס געהאַלטן מיט זייער אָפּשטאַמונג; זיי האבן געהאלטן, אז זיי שטאַמען פון דיזעלבע זקנים פון די שבטים, אונטער וועמעס אָנפירונג די בני־ישראל האבן אײַנגענומען פאַלעסטינע. נאָר אזעלכע איז געווען ניט קיין סך; דער

גרעסטער טייל פון זיי האָט געשטאַמט פון דעם קיניגס אָדער די שופטים'ס קריגסלייט. די דאָזיקע „גבורי חיל“ האָט זיך גאַנץ גוט געלעבט. די מלכים פלעגן אויסטיילן זייערע קריגסלייט די בעסטע פעלדער און וויינגערטנער און די פויערשע באַפעלקערונג פון די דאזיקע מאַיאָנטקעס האט געמוזט אַרבעטן פאר זיי און פאַרן קיניג. נאָר גאַנץ אפט איז נאָך דאס אלץ ווייניק געווען פאַר די שרים, זיי פלעגן אויסנוצן זייער מאכט און זייער פריווויליגירטע לאַגע און פלעגן אָפנעמען בא די פויערים די פעלדער, וועלכע פלעגן זיי געפעלן. די קיניגן פלעגן זיך אַמאָל אליין אזוי נוהג זיין. דעם קיניג פון ישראל, אחאב'ן, איז אַזוי שטארק געפעלן געוואָרן דאָס פעלד, וואס האט געהערט דעם פויער נבות, אז ער האָט טאג און נאַכט גאָר ניט געקענט טראכטן וועגן אנדערע זאכן. די קיניגין איזבל, זעהענדיק, אַז איר מאַן איז אַזוי באַטריבט, האט אים געפרעגט, וואס איז מיט אים. אחאב האָט איר דערציילט זיין באַגער. „אַזוי ווילסטו דאס קיניגן איבער ישראל?“, האָט זיך פארוואונדערט איזבל. זי האט גלייך אנגעשריבן בריף צו די שופטים, מע האָט נבות'ן פאלש באַשולדיקט, פאר'משפט אים צום טויט און זיין פעלד איז פארבליבן פארן קיניג. אַזוי ווי די פויערים פלעגן אויספירן פארן קיניג פארשיידענע אומזיסטע אַרבעטן און נאָך צאלן אים ציגז, האט דער קיניג און די שרים געקאנט לעבן אין גרויס לוקסוס. ס'זיינען געווען שרים, וועלכע האבן געבויט פאר זיך אזעלכע הייזער און אזוי רייך זיי פארפוצט, אז שלמה אליין האט געמעגט זיי מקנא זיין. דורכאויס—גאָלד און העלפאנט-ביין; זאפעס ביים טיש פון העלפאנט-ביין, בעטגעוואַנט—פון פוך, פון פריח=אָרגן ביז שפעט אין ער נאכט בריעכן זיך די טישן אונטער דער משא פון כלערליי שפייזן, און דווין פליסט ווי א טייך, און די שרים גופא זיצן אנגעלענט אַרום די טישן אויסגעפוצטע און איינפאמאדיזירטע, זייער קערפער איז אנגעריבן מיטן בעסטן דופטיקן אייל, וועלכן האבן צוריבן זיי דאָרף=מיידלאך, וואס מע האָט פון אלע עקן לאנד צונויפגעטריבן צוליב די דאָזיקע אַרבעט; אויף די הענט און די פיס—גאלדענע בראסלעטן, אין די האר — גאלדענע בענדער; בא די פרויען זיינען די ברעמען אונטערגעפירטע און די באַקן אנגעפארבט מיט דער בעסטער פארב, וועלכע מע ברייגנט צופירן גלייך פון בבל, וואס איז אין יענע צייטן געווען דער געזעצגעבער פון אַלערליי מאָדעס, ווי אין הייטיקע צייטן פאַריזש. די שרים האָבן ניט געדאגה'עט וועגן דעם, אַז דער דאָזיקער לוקסוס ווערט באַשאַפן דורך שווערע ארבעט און טרערן פון המון. „זיי זינגען אונטער

די קלאַגען פון אַרפן, טרינקען פון בעכער וויין און קימערן זיך ניט וועגן די צרות פון יוסף'ן״.



איצטיקע פרויען-צירונגען און פארפוצונגען אין פאלעסטינע.

דאָס פאָלק האט גוואַלטיק געליטן פון די דאזיקע דריקונגען. ס'זייַנען שוין פארביי די יאָרן, ווען אין די צייטן פון שאול'ן און דוד'ן האט זיך דער קיניג באנוגנט מיט א צענט-חלק פונם גערעטעניש און פונם וויין. און מער האבן די שרים אין יענע צייטן ניט גענאַרפט, און ניט נאר דערפאר, ווייל זיי האבן אליין געפירט אַ פשוטן לעבנס-שטייגער און זיך ניט געשעמט אליין זיך צו פארנעמען מיט כלערליי ארבעטן. אויב דער פירשט וואָלט אין יענע צייטן געשטעלט גרעסערע פאדערונגען, וואלט ער ניט געהאט וואו אַהינצוטאָן די אָפּצאָלונגען. דאָס ברויט וואָלט פוילן אין די שפּייכלערס און דער וויין — זייערן אין די פעסער. נאָר אין אַ יאָר זיבעציג אַרום נאָך שלמה'ס טויט האט זיך דאָס לעבן אין פאַלעסטינע שטאַרק געענדערט. אַרום די גרויסע פעסטונגען זייַנען אויסגעוואַקסן שטעטלאַך באַזעצטע מיט סוחרים און האנט-ווערקער; די שטעטלאך פלעגן זיך ווי שטראַלן פאַנאַנדערגיין פון די טויערן

פון דער פעסטונג, באַ וועלכע די פירשטן פלעגן משפט'ן דאָס פאָלק. אַהערצו, צו די דאזיקע טויערן פלעגן נאָך פון אמאָל אָן קומען פון אַלע זייטן פויערים אין די טעג, ווען ס'פלעגן פארקומען די משפטים, און אין די ימים-טובים— און אַהערצו איז געווען באַקוועם צו קומען די סוחרים מיט זייערע סחורות. דא אויפן אָרט פלעגן זיי מאַכן אַ מארק, און דא האבן זיך באַזעצט אויך די האנטווערקער, וועלכע פלעגן אין די טעג, ווען ס'פלעגט זיך פארזאַמלען דאס פאָלק דא אָננעמען און אַרויסגעבן באַשטעלונגען. פונקט ווי אין דער אור-אלטער מאסקווע אָדער ווי אין די אוראלטע מערב-אייראפייאישע שטעט, פלעגן זיך אויך דאָ די האנטווערקער און סוחרים באזעצן צוזאַמען לויט זייערע פאַכן. אין ירושלים איז געווען אַ „פיש-טויער“, אַ „שעפסן-טויער“, ס'איז געווען אַ „בעקער-גאַס“, א „געוואַנט=פעלד“, א „טשעסלער=טאָל“, אזוי ווי אין מאסקווע איז פאראן אַ „פערד-פלאץ“, אַ „היי-פלאץ“, א „קצבים=גאס“ (Мясницкая улица), א „שמידן=בריק“ (Кузнецкий мост), אזעלכע האנדלס-און האַנטווערקער-שטעטלאך זיינען געווים אויסגעוואַקסן אויך אַרום די איבעריקע פעסטונגען. די האנטווערקער און די סוחרים, וועלכע האבן זיך באזעצט אין די דאזיקע שטעטלאך, האָבן אליין ניט געאַקערט און ניט געזייט, און אין ברויט האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, זיך גענויטיקט. איצטער האט שוין די שרים געלוינט באַקומען פון די פויערים וואָס מער פראדוקטן; די מותרות קען מען פאַרקויפן אין שטאָט און פאַרן אויסגעלייזטן געלט באפוצן דאס הויז און פירן אַזאַ לעבן, ווי אין די דאַמאָלסדיקע וועלט הויפט=שטעט, צור און צידון, אָדער. גאָר ווי אין בבל. די פויערים איז איצט געווארן אַ סך שווערער צו לעבן. זייערע פעלדער פלעגן צונעמען די שרים פאר זיך און אויף זיי אליין פלעגן זיי אַרויפלייגן שווערע אַרבעט. ניט אלע האָבן געקענט אויס-האלטן דעם שווערן דרוק. אייניקע פלעגן אנטלויפן צו דרום צו, אין מדבר, אנדערע האבן געפרובט זיך אַנטקעגן שטעלן, נאר דאָס פלעגט זיך ניט איינ-געבן. נאר גאר אַ קליינע צאל פויערים, וועלכע האבן געהאט גוטע פרוכפע-ריקע ערד, האָבן געהאַט די מעגליכקייט פאַרקויפן אַפילו אַ טייל פון זייערע פראָדוקטן, צונויפקלייבן אַביסל געלט און זיך איבערפעקלען אינגאַנצן אין שטאָט אַריין. דאָ האָבן זיי שוין ניט געהאַט וואָס מורא צו האָבן, אַז זייער מעכטיקער שכן וועט זיי נויטן גיין מיט דער טאָרבע.

סיי די שטאָט-איינוואוינער, סיי די פויערים האָבן אין אַ גלייכער מאָס געהאַסט די אַריסטאָקראַטן, די מיוחסים, פאַר זייער אומגערעכטן משפט.

נעמשפּט האָט מען דאַן לויט די אוראַלטע מנהגים, און ווי ס׳קומט פאַר שטענדיק, זיינען די מנהגים ניט געווען פעסטגעשטעלט און זיינען אָפט סותר געווען איינער דעם צווייטן. יעדן ענין האָט מען געקענט פסקענען אי אזוי אי אַנדערש. אמת, די שופטים פלעגן שטענדיק אנווייזן, אז זיי פסקענען אזוי, ווי גאָט הייסט זיי, אַז זייער פסק-דין איז אַלץ איינס, ווי גאָטס תורה. נאר ווער האָט עס געקענט וויסן, צי זאָגן זיי אמת, צי ניין. האָבן זיי געפסקנט לויט די אַלטע מנהגים, פלעגן זיי זאָגן, אז אַזוי האָט גאָט געהייסן, אזא איז געווען זיין תורה און אַזוי פלעגן פסקענען די פריהערדיקע שופטים; און פאַרקערט, פלעגט זייער פסק-דין קומען אין אַ סתירה מיט די מנהגים, פלעגן זיי טענה׳ען, אז זיי האָבן ספּעציעל צוליב דעם ענין אויסגעבעטן באַ גאָט אַ געזעץ. פאַר אַ מתנה פון גאָלד אדער זילבער, אין אַפילו פאַר אַ פּאָר שיך פלעגט דער שופט אַרויסטראָגן זיין פסק-דין לטובת דעם שטאַרקן און רייכן, און דער פּשוטער אָרימער מענטש פלעגט אומשולדיק ליידן. ס׳איז זעהר לייכט געווען אונטערצוקויפן פאַלשע עדות, ווי ס׳האָט פּאַסירט אין דער מעשה מיט אחאב׳ן און נבות׳ן. די דאָזיקע אומגערעכטיקייט האָט שטאַרק באַדריקט סיי די פּויערים סיי די שטאָט-איינוואוינער; זיי זיינען געווען שטאַרק אומצופרידן דערמיט און האָבן געפאָדערט, אַז די שופטים זאָלן משפּט׳ן ניט לויט די מנהגים, נאָר לויט געשריבענע געזעצן; זיי האָבן געוואָלט, אַז גאָטס תורה זאָל פּינקטליך פאַרשריבן ווערן און זאָל אלעמען באַקאַנט זיין. באַר, דוכט זיך, אז נאָר יהושפט, דער קיניג פון יהודה, האָט נאָכגעגעבן די דאָזיקע פאָדערונגען. ווען אים ווייסן מיר (אפילו ניט אויף זיכער), אז אין זיינע צייטן איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן דער „ספר התורה“; דעם בוך האָט ער פאַנאַנדערגעשיקט אלע שופטים און געהייסן זיי אויף להבא משפּטן נאָר לויט דעם דאָזיקן בוך. צוזאַמענגעשטעלט דעם בוך האָבן די כוהנים, ווייל זיי זיינען מער ווי אַלע אַנדערע, באַקאַנט געווען מיט דער תורה, און ס׳פאַרשטייט זיך, אז דאָס זיינען געווען די כוהנים פון בית-המקדש אין ירושלים. דעריבער זיינען אין דעם ערשטן געשריבענעם געזעץ-בוך פאַרשריבן ניט נאָר געזעצן וועגן משפּט, נאָר די כוהנים האָבן נאָך אויך צוגעגעבן באַזונדערע רעליגיעזע דינים. זיי האָט זיך ניט געוואָלט, אז די במות און הייליקייטן פון אַנדערע ערטער זאָלן קענען זיך פּרובן פאַרגלייכן מיטן בית-המקדש אין ירושלים, אַז דאָס פאָלק זאָל דינען ניט נאָר יהוה, נאָר אויך אַנדערע אָרטיקע געטער. דעריבער האָבן זיי אָנגעהויבן דאָס בוך מיט

אָט דעם געבאָט: „איך בין יהוה, דיין גאָט, זאָלסט ניט האָבן קיין אנדערע געטער, חוץ מיר״, און האָבן אין פאַרשיידענע שטעלן פון בוך נאָך עטליכע מאָל איבערגעחזרט, אַז מע מוז דינען נאָר יהוה אַליין און ניט קיין אַנדערע געטער, אַז מע מוז געדיינקען וועגן די דריי גרויסע ימים-טובים און ברייינגען אין די טעג די געהעריקע קרבנות. אַז מע טאָר ניט פאַרשוועכן און אַרויס-ווייזן אומכבוד די שופטים (דאָס הייסט אויך די כוהנים) און די קריגס-אָנ-פירער. די געזעצן, פון וועלכע ס'רעדט זיך דאָ, געפינען זיך אין ספר „שמות״ קאַפּיטלאַך 20-24, נאָר דאָ זיינען זיי אין אַ שטאַרק פאַרענדערטער פאָרם. דאָרט ווערט דערציילט, אַז די געזעצן האָט געגעבן דעם פאָלק יהוה אַליין אין מדבר אויפן באַרג סיני, אין אַ שטורם און ערדציטערניש האָט ער זיך באַוויזן פאַר זיין פאָלק: אויפן באַרג איז צו אים אַרויף משה, האָט אויסגע-הערט און פאַרשריבן די דאָזיקע אַלע געזעצן. זיי הויבן זיך אָן מיט די צען געבאָטן (עשרת הדברות), וועלכע זיינען באַוואוסט דער גאַנצער וועלט. די צען געבאָטן זיינען צען באַזונדערע שפרוכן, וועלכע זיינען נאָך, מסתמא, פריהער צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון איינצלנע כוהנים און זיינען גוט באַ-קאַנט געווען דעם פאָלק. אָט די צען געבאָטן ווייזן אָן, וואָס דאַרף דער מענטש ניט טאָן, כדי ער זאָל בלייבן ערליך און אָרענטליך; יעדער, וואָס וועט טאָן דאָס, וואָס ס'איז פאַרבאָטן אין די עשרת הדברות, דער איז אַ פאַרברעכער, ער וועט געמשפט און באַשטראָפט ווערן. די עשרת הדברות זיינען געווען אָנגעשריבן אויף צוויי שטיינערנע לוחות און זיינען, מסתמא, געווען אויסגעשטעלט אויף דעם הויפט-פּלאַץ אין ירושלים. כדי זיי באַזונדער צו פאַרהייליקן, האָט מען דערציילט, אַז משה אַליין האָט עס אויסגעקריצט די לוחות. נאָך די עשרת הדברות גייען פאַרשיידענע פאַראָרדענונגען, צווישן וועלכע ס'טרעפן זיך סיי געזעצן וועגן משפט סיי רעליגיעזע דינים. נאָר מסתמא האָט דאָס פאָלק שלעכט אָפּגעהיט די דאָזיקע געזעצן. אין מלכות-אפרים האָט מען וועגן זיי גאָר ניט געוואוסט און ניט אָנגענומען זיי; און אין מלכות-יהודה זיינען אויך ניט אַלע געווען מיט זיי צופרידן, בפרט אומצופרידן זיינען געווען די לוים, וועלכע האָבן געדינט אויף די במות און אין פאַרשיי-דענע אָרטיקע הייליקע ערטער, ווייל דער געזעץ האָט געלויבט רק יהוה און האָט פאַרבאָטן צו דינען אַנדערע געטער. נאָר מחוץ לירושלים זיינען די אָרטיקע בעלים מער באַוואוסט געווען און זיינען מער אנגענומען געוואָרן ביים פאָלק, ווי יהוה; און דעריבער איז אין

די פּראָווינציעס פון מלכות-יהודה דער גענצע ווייניק פאַרשפּרייט געווען.

אויף אַזאַ אופן האט זיך אָנגעהויבן אַ צושפּאַלטונג און פיינדשאַפט צווישן פאָלק ישראל. די פריהערדיקע צייטן, ווען די געמיינע מענטשן זיינען ניט פאַרקנעכטעט געווען פון די גדולים, ווען ס'איז ניט געווען קיין גרויסער, שאַרפער אונטערשייד צווישן אָרים און רייך, זיינען שוין לאנג פאַרביי. די מיוחסים האבן זיך שטאַרק אָפּגעזונדערט פון דעם גאנצן איבעריקן פאלק, זיינען געוואָרן פיינדליך צו אים און האָבן אפילו אנגעהויבן צו דינען פאַר-שיידענע געטער. די קיניגן פון יהודה און ישראל האָבן געבויט פאַר זיך פּאלאצן און פלעגן איינפירן נייע רעליגיעזע מנהגים און נייע געטער. שלמה האט אויסגעבויט דעם בית-המקדש; ווען נאָך זיין טויט האט זיך דער שבט אפרים אויסגעקליבן אַ נייעם קיניג, ירבעמ'ען, האט ער אויסגעבויט אין בית-אל א הויז פאר דעם גאט פון בית-אל, ער האט דאָרט אַוועקגעשטעלט צוויי בילדער פון גאט אין געשטאלט פון אָקסן און האט גערופן אלע איינוואוינער פון זיין מלוכה קומען בעטן גאט אין דעם קיניגליכן מקום קדוש. דער קיניג האט געזאָגט, אַז דער גאָט פון בית-אל איז דערזעלבער גאט, וועלכער האט אויסגעלייזט די בני-ישראל פון מצרים. דער מעכטיקסטער קיניג פון עמרי'ס הויז, אחאב, האט אויסגעבויט פאר זיך אַ נייע פעסטונג שומרון אויפן בארג, וואו ס'איז נאָך פון אמאָליקע יארן געווען א הייליק וועלדל; אט אין דעם דאזיקן וועלדל האט ער אויסגעבויט זיין הייליקטום. גאר ניט קוקנדיק אויף אַלע באַמיהונגען פון די קיניגן, פלעגן דעם פאלק ניט געפעלן די קיניגליכע הייליקטימער. אמת טאָקע, די קיניגן פלעגן בויען הייליקטימער פאַר די גע-טער, וועלכע דאס פאָלק פלעגט אָפּגעבן כבוד. נאָר דאָס פאָלק האָט געזעהן, אַז צוזאַמען מיט די הייליקטימער פאַר די אוראלטע פאָלעסטינישע געטער בויען די קיניגן אויך גאָר אַפּיקורס'שע טעמפּלען לכבוד גאָר פרעמדע, באַסור-מאנישע, ווי מע וואָלט געזאגט אין רוסלאַנד אין זעכצעטן און זיבעצעטן יארהונדערט, געטער. די קיניגן און פירשטן האבן געהערט צו די מיוחסים, צו די חעכערע געזעלשאפטליכע קלאַסן, וועלכע זיינען געווען אויך די מער געבילדעטסטע; זיי פלעגן זיך מתחתן זיין מיט אויסלענדישע קיניגליכע פאַמיליעס און אויף אַזאַ אופן פלעגן זיי זיך באַקאָנען מיט פרעמדע גלויבונ-גען און מנהגים. די אויסלענדישע פּרינצעסינס, מיט וועלכע די קיניגן פון יהודה און ישראל פלעגן חתונה האָבן, פלעגן אויך אין ירושלים אָדער שומרון אָפּהיטן זייער פריהערדיקן גלויבן מיט זיינע מנהגים. און שלמה האט געבויט

אַ טעמפּל פאַר זיינע פרויען לכבוד דעם גאט פון צור, מעלקארט; נאך אַ טעמפל האט ער אויסגעבויט פאר דעם צווייטן פעניקייאישן גאט מולך אין דעם טאָל הינום, ניט ווייט פון ירושלים; אין אַ סכנה-צייט פלעגט מען ברייגגען פאַר א קרבן אַט דעם מולך קליינע קינדער; אַחאב האט אויסגעבויט אין שומרון אַ טעמפל לכבוד דעם גאַט פון צידון, בעל. די טעמפלען פלעגן בלייבן אויך נאך דעם טויט פון די, וואָס האבן זיי געבויט, און די שפּעטערדיקע קיניגן פלעגן אויך ברייגגען קרבנות זייערע געטער; די קיניגן האָבן באמונה שלמה געגלויבט אין די געטער און געזעהן מיט קרבנות נושא חן בא זיי און געווינען זייער לייטזעליקייט. חוץ דעם, האבן די קיניגן, ווי נאר זיי זיינען באקאנט געוואָרן מיט דער בבלישער טעאלאָגיע (די לערע וועגן גאט)

א פארצייטיקער שניט-מעסער
(פון לכיש אין יהודה)

געזעהן זי אויסצונוצן כדי באַרימט צו מאכן זייערע ארטיקע געטער. די קיניגן פון יהודה האבן געוואוסט, אז יהוה האט אַ חיל: ווען ער האלט מלחמה פאר זיין פאלק, באגלייט אים און העלפט אים זיין חיל. נאר ווער זיינען דאס זיינע זעלנער? די בבלים האבן געהאלטן, אַז דאס חיל פון די געטער—דאס זיינען די שטערן; די שטערן דאס זיינען דאס חיל פון הימל. די הויפט-שטערן זיינען די צוועלף מזלות, וועלכע בילדן דעם ברייטן פּאַס אויפן הימל, דורך וועלכן ס'מאַכן דורך זייער וועג די זון, די לבנה און די פּלאַנעטן, און די אידישע קיניגן האָבן אָן לאַנגן ישוב-הדעת באַשלאָסן, אַז דאָס חיל פון יהוה—דאָס זיינען טאַקע די שטערן, און האָבן געמאכט פּאַר זיי באַזונדערע מזבחות און באַשטימט באזונדערע כוהנים; מע האָט אויך געמאַכט מזבחות פּאַר די לבנה, די זון און די מזלות. די אלע גויטיקע כלים אויף צום דינען די נייע

געטער זיינען געווען באַהאַלטן אין בית-המקדש, און דער המון, וואָס פלעגט קומען אין בית-המקדש פלעגט דאָרט געפינען די אַלע „שקוצים". גאָר אנ-דערש האט מען אויך אָנגעהויבן דורכפירן די עבודה פאַר יהוה: מע פלעגט אים ניט נאָר ברייגנען אים קרבנות, נאָר אויך רויכערן קטורת (ווייראך) פאר אים — אט דער מנהג איז אויך א'בערגענומען געווארן פון צור. אָט די אלע נייסן האָבן אָפגעשטויסן דאָס פאלק, וואס האָט זיך פעסט געהאלטן אן זיין אלטן גלויבן.

און דער אַלטער גלויבן האט זיך כמעט ניט געענדערט פון די ערשטע צייטן, זינד די בני-ישראל האָבן זיך באַזעצט אין כנען. ער איז באַשטאַנען ווי פריהער, אין דעריינען, וואָס מע האט געגלויבט ניט נאָר אין יהוה, נאָר אויך אין די אָרטיקע בעלים, די געטער-באַשיצער. אָן די געטער דערמאָנט מען זיך דער עיקר דריי מאָל אין יאָר, ווען דער עיד-ארבעטער טוט אָפ די דריי וויכטיקסטע אַרבעטן פון זייןווירטשאַפט. צום ערשטן פלעג מען דער-מאָנען זיך אָן די געטער און ברייגנען זיי קרבנות גאָר אין אָנהויב שניט-צייט, ווען ס'ווערט צייטיק דער גערשטן; ער ווערט צייטיק פריהער פאר אלע אנדערע תבואה-געוויקסן, ווען ס'באוויייזט זיך צום ערשטן מאָל דער שניט-מעסער אויפן פעלד, טראגט מען אוועק דעם ערשטן געבונדענעם גאַרב (עומר) מיט א פייערליכער און פרייליכער פראָצעסיע צום כוהן. קליין און גרויס, אַלע דרייען זיך אין קארעהאָדן און זינגען לידער; דעריבער רופט מען אַלע ימים-טובים חגים, וואס איז דער טייטש קאָרעהאָדן. דער כוהן פלעגט מיט פאַראַד ברייגנען דעם עומר פאַר אַ קרבן גאט — דאס איז גאָטס חלק, א דאנק און אַ מתנה אים פאר די גערעטעניש. דער צווייטער טייל פון יום-טוב פלעגט באַשטיין אין דעם, וואס מע פלעגט ברייגנען פאַר א קרבן צו גאָט דעם ערשטן אין איילעניש אויסגעבאַקטן ברויט. די ערשטע קערנער, סיי געטריקנטע סיי רויע, האָט דער מענטש ניט געטאָרט עסן; זיי האָבן געהערט צו גאָט. די קערנער פלעגט מען צומאָלן דורך א האַנט-מיל, און פון דעם מעל באקן מצות. און דאס איז געווען דער הויפט-געריכט ביים קרבן-מאָל-צייט, וואָס מע פלעגט געוויינטליך מאַכן יעדן יום-טוב. אויף די מאָלצייטן פלעגן זיך אָנזעטיקן סיי די געטער סיי די מענטשן; אלע האָבן זיך משמח געווען, געגעסן און געטרונקען, און אַ סוף זיך נעדרייט אין קאָרעהאָדן. אט דער ערשטער יום-טוב האָט געהייסן חג-המצות; נאר אין דרום-פאַלעסטינע, ביים שבט יהודה, איז מער געווען אָנגענומען זיין אוראַלטער נאָמען, חג

הפסח. אין די דרומ'דיקע בערג האט זיך די באַפעלקערונג נאָך באַשעפטיקט מיט האָדעווען בהמות, און דער ערשטער יום-טוב פלעגט דאָרט געמאכט ווערן אין פריה=יאָר, ווען ס'קעלבן זיך די בהמות. דאָ פלעגט מען ברייַנגען פאַר א קרבן ניט די ערשטע פירות, נאר די בכורים פון פיה, און אויף דער יום-טוב'דיקער סעודה איז שוין דער הויפט-געריכט געווען ניט מצות, נאר דער זבח-פסח. דאָ איז דער יום-טוב אויך געווען אַ פרייליכער, אלע פלעגן זיך אויספוצן אין זייערע שענסטע קליידער, מע פלעגט זינגען לידער, און מע פלעגט שפילן אויף די הירטן-פלייטן; די קרבן=סעודה פלעגט אייַנגעאָרדנט ווערן באַ דער נאכט, ווען נאָך דעם פריהלינגס-מולד פלעגט זיך באַווייזן אויפן הימל דער יונגער סערפ פון דער לבנה. אין ירושלים פלעג דער חג-



א שטייַנערנע האנט-מיל (פון גזר אין יהודה).

המצות און דער חג-הפסק פארשטעלן איין יום-טוב, אויף דער סעודה פלעגן פיגורירן אי מצות אי דער זבח-פסח, און דער יום-טוב פלעגט הייסן אָדער חג=המצות אָדער חג-הפסח. דער צווייטער פרייליכער יום-טוב איז פאָרגעקומען צום סוף פון דער שניט=צייט, די שניט=צייט קומט שוין צום סוף, ס'איז שוין

צייטיק די ווייץ, ס'איז פארבליבן ניט מער ווי אראפצונעמען זי—שוין צייט ווידער זיך דערמאָנען אָן די געטער און ברייגגען זיי קרבנות. און ס'פלעגט זיך אנהויבן דער צווייטער יום-טוב, ווידער א צייט פון קארעהאָדן און לידער דער חג=הקציר. דא פלעגט שוין אויף דעם קרבן-מאָלצייט פיגורירן זויערע ווייצענע ברויטן, אויסגעבאקט פון די ערשטע קערנער פון דער צייטיק געווארענער ווייץ; דער יום=טוב פלעגט זיך געוויינטליך אָנהויבן אין זיבן וואָכן ארום נאָכן ערשטן, דעריבער פלעגט ער הייסן אויך חג-השבועות (שבוע איז דער טייטש וואָך). ווען די תבואה איז שוין צייטיק געווארן און אראָפּגענומען געווארן פון די פעלדער, הויבט זיך אָן דער מזל-ברכה'דיקער הארבסט: ס'ווערן צייטיק איילבירטן און ווייגטרויבן, דער ווייגשטאָק ברייגגט זיינע פירות וועלכע זיינען משמח גאט און מענטשן. ווי אזוי פייערט מען ניט ווידער, ווי דערמאָנט מען זיך ניט ווידער אָן די געטער? און אלט און יונג פלעגן זיך צונויפקלייבן אין די סעדער א'ן ווייגגערטנער, און ס'פלעגט זיך אָנהויבן דער יום-טוב פון צונויפקלייבן די פרוכטן (חג-האסיף); דער יום=טוב פלעגט דויערן אַ גאַנצע וואך, ביז וואנען ס'ווערן ניט צונויפגעקליבן אלע פרוכטן, און די גאנצע צייט פלעגן אלט און יונג וואוינען אין די ווייגגערטנער אין ביידלאך (סוכות); דעריבער הייסט אָט דער הארבסט-יום-טוב אויך חג-הסוכות. דער יום-טוב איז געווען גאָר אַ פריילּיכער; פאר א קרבן פלעגט מען ברייגגען וויין, און דער איד איז מלא שמחה געווען און ניט נאר פון וויין, נאר אויך פון דעם, וואָס ס'איז געקומען א סוף צו זיין ארבעט און ער קאָן איצט געניסן פון זירע רעזולטאטן. איצט קען מען מאכן א יום-טוב פאר דאס גאנצע פאלק: אלע אַרבעטן זיינען פאַרענדיקט. מע קען גיין קיין ירושלים אדער קיין בית=אל א קוק טאן, ווי ווערט דארט אין קיניגליכן מקום קדוש געפייערט דער דאָזיקער יום-טוב. אין ירושלים און אין בית-אל פלעגט מען אונטערן פרייען הימל, נעבן טעמפל גרייטן טישן מיט אלערליי געשמאקע שפייזן; זארגלאזע מיידלאך פלעגן זיך דרייען אין ווילדע טענץ, קלאפנדיק זיך אין ברוסט; צוזאמען מיט זיי פלעגן אויך טאנצן בחורים. א טומל און גערויש איז געשטאנען פון די אַרפן, פויקן און געזאנג; מע פלעגט עסן איבערן האַלז און טרינקען ביז שיכרות. צוזאמען מיט די מענטשן האבן זיך משמח געווען אויך די געטער, געניסנדיק פון די קרבנות פון וויין, בוימל און פלייש.

נאר אין די צייטן פון שלמה'ס יורשים אין מלכות יהודה און אין די צייטן פון די קיניגן פון עמרי'ס הויז אין מלכות-אפרים האט דאס פאלק

אנגעהויבן צו פילן, אז דער אַלטער גלויבן באַפרידיקט אים ניט אינגאנצן ניט קוקנדיק אויף די רייכע קרבנות, ניט קוקנדיק אויף די פרייליכע לידער און טענץ, ווערט פון יאָר צו יאָר אַלץ שווערער צו לעבן. דער געמיינער מענטש ווערט שרעקליך אונטערגעדריקט פון די שרים; נאָר חוץ דעם, האבן זיך נאך אָנגעהויבן אומגערעטעניש. אין אחאב׳ס צייטן איז געווען אזאַ מוראדיקער הונגער, אז מוטערס האבן געגעסן זייערע אייגענע קינדער, און



אַ פרעס אויף אויסצוקוועטשן דעם זאפט פון איילבירטן (פון תענך).

דער קיניג האָט קוים געפונען א פיטער-פלאץ פאַר זיינע פערד. ס׳איז קלאר געווארן, אז די אַלטע געטער קומען זעהר ווייניק צוהילף און הערן זיך לחלוטין ניט צו צו דעם, וואס קומט פאר בא די, וועלכע דינען צו זיי, ווייל זיי האבן געקענט צולאזן אזאַ חורבן און הונגער, אזא אומגערעכטיקייט און אַזעלכע גוואַלטטאַטן. און צווישן פאָלק הויבן זיך אָן צו באַווייַזן אַזעלכע מענטשן, וועלכע לייקענען אינגאַנצן אָפּ די אַלטע געטער און די אַלטע מיטלען אויף צו דינען זיי; די דאָזיקע מענטשן טרעטן אין דערזעלבער צייט אָפן אַרויס קעגן די קיניגן, שרים און כוהנים פאַר דאָס אומרעכט און עולות וואָס די

לעצטע באַגײַען בנוגע צום פאָלק, און האָבן זײ געוואָרנט, אז אויב זײ וועלן ניט בעסער ווערן, וועלן זײ באַשטראָפט ווערן פאר זײערע שלעכטע מעשים. די דאָזיקע מענטשן זײַנען באַקאַנט אונטערן נאָמען נ ב י א י ם.

IX.

די נביאים.

נאָך פון קדמונים אָן זײַנען ביים פאָלק ישראל געווען אַזעלכע מענטשן וועלכע פלעגן זיך ספעציעל פאַרנעמען מיט טרעפן און דערוויסן זיך דעם רצון פון גאָט; אָפט פלעגן דאס זיין די כוהנים גופא, אָבער ניט שטענדיק, ווייל ברײַנגען אַ קרבן האט געקענט איטלאַכער, און די חכמה פון טרעפן האָט ניט יעדערער געקענט, דאס איז געווען אַ שווערע חכמה און זי פלעגט איבערגעגעבן ווערן בסוד פון אײַנעם צום צווייטן. אַ זעלכע טרעפער האבן געהייסן רואה'ס אָדער נביאים. צו זײ פלעגט מען זיך ווענדן אין פאַרשײדענע שווערע לעבנס-פאַלן; זײ האבן געקענט זאָגן, וואו מ'קען צוריק געפינען פאַרלאָרענע אָדער גע'גנב'עטע זאַכן, פאָראויס זאָגן, מיט וואס ס'וועט זיך פאַרענדיקן דער אָנגעהויבענער ענין, זײ האבן אויך געקענט היילן דעם קראַנקן און אַרויסטרייבן פון אים דעם בייזן גייסט, וואס האט אַרויסגערופן די קראַנקייט. דעם רצון פון גאָט פלעגן זײ זיך דערוויסן אויף אַ ספעציעלן אופן. פאַרן בעסטן מיטל האבן זײ געהאַלטן זיך אַזוי צו פירן, אַז גאָט גופא זאָל זיך אַראָפּלאָזן אין זײ און ריידן מיט זײער מויל. צוליב דעם, פלעגן זײ זיך אויפרעגן דורכן שפּילן אויף צימבלען, דורך געזאַנג און טענץ; זײ פלעגן זיך דרײַען אין ווילדע טענץ, אָפט איינשניידן זיך די הויט ביז צום בלוט מיט מעסערס און שווערדן. אַרײַנפאַלנדיק אין העכסטן גראַד עקסטאַז, פלעגט דער נביא אָנהויבן אַרויסצולאָזן פון מויל אומקלאָרע אַפּאָריזמען און דוקא אין דער פאָרם פון שירים; די צוהערער פלעגן מיט התלהבות אונטערכאַפּן די דאָזיקע פראַזן און אָפט זײ פאַרשרייבן ווייל מען האט גערעכנט, אַז דאס רעדט גאָט אַליין, וועלכער האט זיך אַראָפּ געלאָזט אינם נביא. אַדאַנק דעם דאָזיקן אופן אויף צו דערגיין דעם רצון פון גאָט האבן זיך די נביאים אונטערגעשיידט פון די טרעפער-כוהנים און פון אַלע איבעריקע מענטשן. דער כוהן האט געוואוסט, ווי צו וואַרפן גורל פאַר'ן אורים ותומים ביים אפוד, ער האט געקענט זאָגן, צי איז דער געבראַכטער קרבן אָנ-

גענומען געוואָרן פון גאָט, צי ניין. יעדער מענטש האט געקענט באַקומען אַן אַנטפּלעקונג פון גאָט אין חלום; אָבער בלויז די נביאים האבן געוואוסט, ווי צוציהען גאט און מאַכן אַזוי, אַז ער זאל אַריין אין זיי און ריידן מיט זייער מויל. די קיניגן האבן זיך תחילת גאָר ניט אינטערעסירט מיט די דאָזיקע נביאים; נאָר ווען ס'איז אויסגעקומען פארצונעמען לאַנגדויערנדיקע מלחמות, האבן זיי אָנגעהויבן אײַנצולאַדן די נביאים צו זיך אויף דינסט. אַ זעלכע פּראָפעסיאָנעלע נביאים פלעגן אומעטום באַגלייטן דעם קיניג און לויט זיין באַפעל פלעגן זיי אָנפרעגן גאָט און איבערגעבן זיין תשובה. אַחאָב האט געהאַט נביאים, וועלכע פלעגן דינען דעם פעניקייאישן גאָט בעל, נאָר ער האט געהאַלטן באַ זיך אויך די נביאים פון יהוה. ס'פאַרשטייט זיך, אַז ניט שטענדיק פלעגן מקוים ווערן די נביאות פון די דאָזיקע נביאים; היות ווי די קיניגן און שרים איז שטענדיק אָנגענעם, אַז מען חנפ'עט זיי און מע זאָגט זיי צו גליקן, פלעגן די נביאים, וועלכע האבן געדינט ביים קיניג, זעהר אָפט פאָראויסזאָגן, אַז ס'וועט זיין שלום, נאָר אַנשטאָט שלום פלעגן אָפט פאָרקומען מלחמות. דאַן פלעגט מען זאָגן, אַז אין נביא איז אַריין דער גייסט פון שקר, וועלכער האט ליב חוזק צו מאַכן פון די מענטשן און אָפּנאַרן זיי; דעם נביא, אין וועלכן ס'פלעג געוועלטיקן דער גייסט פון שקר, האט מען אויפגעהערט צו גלויבן און אָפט פלעגט מען אים פאַרמשפּט'ן צום טויט-שטראָף. אין אַחאָב'ס צייטן איז אויף אַזאַ אופן אומגעקומען אַ גרויסע צאָל נביאים פון יהוה. פאַרנעמען די שטעל פון אַ נביא איז אויף אַזאַ אופן געווען זעהר געפערליך; נאָר אַ געשיקטער און געניטער מענטש, וועלכער האט גוט געוואוסט די באַציהונגען צווישן פאַרשיידענע קיניגן און זייערע כחות, האט געקענט, פאַרנעמענדיק אַ שטעל פון א נביא, מאכן גאנץ גוטע געשעפטן.

נאָר די קיניגליכע נביאים, וועלכע האבן געדינט די קיניגן און שרים און פלעגן באקומען דערפאר א גרויסן געהאלט, זיינען געווען ניט די איינציקע נביאים. ביים פאָלק פלעגן אָפט אויפשטיין זיינע אייגענע נביאים. פון די קיניגליכע נביאים פלעגן זיי זיך אונטערשיידן נאָר מיט זייער לעבנס-שטייגער, זיי פלעגן וואנדערן פון איין אָרט אין דעם צווייטן, ציהען זייער חיונה פון נדבות, נאָר זעלטן פלעגן זיי אויך האבן א וואסער ניט איז באשעפטיקונג, וועלכע פלעגט זיי געבן מיטלען צום לעבן. די תשובות פון גאט פלעגן זיי איבערגעבן אויף דעם זעלבן אופן, ווי די קיניגליכע נביאים; זיי האָבן געגלויבט, אז אויף זיי רוהט דער רוח פון יהוה, וועלכער רעדט מיט זייער מויל. נאָר זיי פלעגן זיך ניט צופאסן צו די באגערן פון זייערע צוהערער און פלעגן אפט האלטן מורא'-

דיקע אין טרויעריקע רעדעס, און וועלכע זיי פלעגן פאראויסזאָגן וועגן מלחמה און ניט וועגן שלום. זיי האבן געשטאמט פון פשוט'ן המון און די גויטן און באדערפעניש פון פאָלק זיינען פאר זיי געווען באקאנט און נאָהענט, און זיי פלעגן שטענדיק אין גרויס צאָרן אויפוואַרפן די קיניגן און די שרים, וואס זיי באדריקן דאס פאלק. מיט א יאָר 750-800 פאר קריסטוסעס געבוירן, ווען דעם פאָלק איז באזונדער שווער געווען צו לעבן איבער די באדריקונגען, ווען דער קיום גופא פון אפרים און יהודה איז געשטאנען אין געפאר מצד די אשורים און די בבלים, ווען, ניט זעהענדיק ארום זיך קיין אויסוועג, האט זיך דאס פאָלק איינגאנצן מיאש געווען אין די אלטע געטער און די אלטע מנהגים, דעמאָלט האבן זיך באוויזן עטליכע מערקווירדיקע פאָלקס-נביאים, דאס זיינען געווען זעלטן איבערגעגעבענע און טאלענטפולע פריידיקער; מיט לייב און זעלע איבער-געגעבן דער גערעכטיקייט און אמת, האבן זיי געפריידיקט א נייעם גלויבן, וועלכער איז גאָר ניט ענליך צו דעם אלטן; זיי האבן גערופן די שרים און דאס פאָלק צו טאָן תשובה און האבן צוגעזאגט דעם פאָלק אַ גליקליך לעבן ווי אַ שכר פאר זיין תשובה טאָן. דעם פשוט'ן עולם האבן זיי געהאָלפן ניט נאר מיט רייד, נאָר אויך מיט מעשים; וועגן אייניקע פון זיי דערציילט מען אז זיי האבן א סך ניסים באוויזן לטובת דעם פאָלק. אין תנ"ך געפינען מיר א סך וואונדער-ליכע דערציילונגען וועגן די ערשטע צוויי פון די דאָזיקע נביאים, אליהו און אלישע. אין באזונדערע ספרים זיינען צונויפגעקליבן די רעדעס פון די נביאים: עמוס, הושע, מיכה, ישעיה, ירמיה און אנדערע.

אליהו און זיין תלמיד אלישע זיינען געווען נביאים פון יהוה; זיי האבן געלעבט אין די צייטן פון אחאב, דעם קיניג פון אפרים. אליהו איז איינמאָל פלוצ-לונג געקומען צו אַחאָב'ן און געזאָגט: „עס לעבט יהוה, דער גאָט פון ישראל, צו וועמען איך דין; אין די יאָרן וועט ניט זיין קיין טוי, ניט קיין רעגן, ניי-ערט ווען איך וועל באַפעלן". און ס'האט זיך אָנגעהויבן דער דאָזיקער שרעק-ליכער הונגער אין מלכות אפרים, וועגן וועלכן איך האב שוין דערציילט. מענטשן און חיות פלעגן קראַנק ווערן און אויסגיין פון הונגער; נאָר אליהו, וועלכער איז אוועק אין מדבר, האט זיך דערנערט אויף א וואונדערליכן אופן: ער פלעגט האבן וואסער פון א וואונדערליכן טייכל, און פלייש און ברויט פלעגן אים יעדן פרימאָרגן און יעדן אָוונט ברענגען צו טראָגן ראָבן. פון מדבר איז ער אוועק אין די שטאָט צרפת; דאָרט האט אים אויפגענומען איינע א פרוי אן אלמנה און דערפאר האט אליהו באוויזן א נס; די מעל אין פעסל און דער בוימל אין קרוג

האָבן זיך ניט אויסגעשעפּט, ביז ס'האָט ניט אויפגעהערט די טריקעניש. אײנגיכן נאָך דעם ווי אליהו האָט זיך באַזעצט בא דער אלמנה, איז בא איר קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן איר זון — און אויך אין דעם פאַל איז אליהו גלייך געקומען צו הילף צו זײַן גאַסטפריינדליכער באַלעבאָסטע: ער האָט אוועקגעלייגט דאָס קינד צו זיך אויפ'ן בעט און אָנגעהויבן בעטן צו יהוה, ער זאָל אומקערן די נשמה פון קינד צוריק אין זײַן גוף; יהוה האָט פאַרנומען זײַן געבעט, די נשמה האָט זיך אומגעקערט און דאָס קינד איז געבליבן לעבן, נאָר פון אַלע אליהו'ס מעשים זײַנען ביחוד באַרימט זײַן שטרײַט מיט די קיניגליכע נביאים פון בעל אויפן באַרג כרמל, און דאָס וואָס ער האָט באַשטראָפט אַחאָב'ן דערפאַר וואָס יענער האָט געטויט נבות'ן. צום סוף פון דריטן יאָר פון דער טריקעניש האָט יהוה געהייסן אליהו'ן גיין צו אַחאָב'ן מאַכן צו שאַנד די נביאים פון בעל און אויפווייזן, אַז דער אמת'ער גאָט פון ישראל איז ניט דער פרעמדער בעל פון פעניקיען, נאָר דער אייגענער גאָט פון ישראל יהוה. אליהו האָט שוין דאַן געשמ'ט אין דעם גאַנצן לאַנד; מיט ליבשאַפט פלעגן אַלע פאַראומגליקליכטע דערמאָנען זײַן נאָמען און פלעגן פון אים ריידן, ווי פון אַ העלדישן קעמפער פאַרן פאָלק, אחאב האָט אויף קיין פאַל ניט געקענט וואַרטן, אַז אליהו זאָל אליין מיטן אייגענעם ווילן צו אים קומען; נאָר זײַענדיק איבערגעראַשט פון זײַן דרייסטקייט, האָט ער ניט געוואַגט אים צו פאַרהאַלטן. און אליהו האָט אײַנגעלאַדן אַלע 450 נביאים פון בעל און דאָס גאַנצע פאָלק ישראל אויפ'ן באַרג כרמל, כדי דאָרט אויסצופּרובן, ווער איז דער אמת'ער גאָט. די דאָזיקע אײַנלאַדונג גופא איז שוין געווען אַ משונה'דיקע זאַך; דער באַרג כרמל געפינט זיך אין צפון-עק פון פּאַלעסטינע, נאָך צפון'דיקער פון ירושלים; הייסט עס, אַז דאָס פאָלק און די נביאים פון בעל האָבן געמוזט דורכמאַכן אַ גאַנץ היפּשן מהלך, נאָר די פאָלקס-פאַנטאַזיע שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר אַזעלכע זאַכן, ווען עס האַנדלט זיך וועגן איר ליבלינג. מע האָט זיך צונויפגעקליבן ביים באַרג כרמל. דאָ האָט אליהו פאָרגעלייגט אָט וואָס: ער און די נביאים פון בעל פון זייער זייט זאָלן צוגרייטן האָלץ, אַוועקלייגן אויפן האָלץ אַן אָקס, נאָר ניט אונטערלייגן קיין פייער; די נביאים פון בעל וועלן רופן צו זייער גאָט און אליהו צו יהוה; דער גאָט, וועלכער וועט שיקן אַ פייער אויפן קרבן, דער איז עס דער אמת'ער גאָט פון ישראל. די נביאים פון בעל האָבן אײַנגעשטימט; אליהו האָט פאָרגעלייגט, אַז זיי זאָלן אָנהויבן. אַ גאַנצן טאָג, פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין דער נאַכט, האָבן זיי זיך געדרייט אַרום האָלץ אין אַ הייליקן טאַנץ, אויפן קול געשריען צום בעל, געשטאָכן זיך

מיט מעסערס ביז בלוט,— נאָר אלץ איז געווען אומזיסט; דער בעל איז ווײַט און הערט זיי ניט. אין אָוונט האט אליהו געמאַכט זיין מזבח פון שטיינער, ווי ס'געפעלט יהוה, אַרום די שטיינער האט ער געמאַכט אַ גרוב, אויסגעלייגט האָלץ, אַוועקגעלייגט דעם אָקס און האט נאך געהייסן אַלץ באַגיסן מיט וואַסער, ביז די גרוב איז פאַרפולט געוואָרן ביז די ברעגעס; דערנאָך האט ער זיך געווענדעט צו יהוה מיט אַ תפילה: „פאַרנעם מיין געבעט און דערוויי, אַז דו ביסט דער איינאיינציקער גאָט פון ישראל". און יהוה האט גלייך זיך צוגעהערט צו זיין נביא און האט געשיקט פון הימל אַ פייער, וועלכער האט פאַרצערט דעם קרבן מיט די האָלץ. אויף אַזאַ אופן זיינען געוואָרן צו שאַנד דער בעל און זיינע נביאים. גלייך נאכדעם האט זיך אָנגערוקט אַ וואָלקן און ס'האט אַ גאָס געטאָן דער אַזוי לאַנג געוואונשענער רעגן. נאָר ניט נאָר אויפן באַרג כרמל איז צושאַנד געמאַכט געווארן דער קיניג. באַלד נאָכדעם איז פאָרגעקומען די מעשה מיט נבות'ן, וועלכע מיר ווייסן שוין. ווען נאך נבות'ס טויט איז אַחאָב אַריין אין זיין ווייַנגאָרטן כדי אים צו פאַרנעמען, האט יהוה געזאָגט צו אליהו: „שטיי אויף, גיי אַרויס אַנטקעגן אַחאָב'ן, — ער איז איצט אין נבות'ס ווייַנגאָרטן, — און זאָג אים, אַזוי זאָגט יהוה: אויף דעם זעלבן אָרט,וואו הינט האבן געלעקט נבות'ס בלוט, וועלן הינט לעקן אויך דיין בלוט". נאָר אָט די נבואָה איז ניט מקוים געוואָרן, ווייל אַחאָב איז ווי אַ העלד געפאַלן אין אַ שלאַכט מיט די אַרמים און מע האט אים מקבר געווען אין זיין הויפּט=שטאָט שומרון; נאָר ביים־פאָלק איז אליהו פאַר= בליבן ווי אַ מליץ=יושר פאַר אַלע די, וואס ליידן פון די באַדריקונגען פון קיניג און די שרים. אַזאַ אויסערגעוויינטליכער מענטש מוז אויך זיין אומבאַרירבאַר; אים קען מען אַזוי פשוט ניט נעמען; מע האט דערציילט, אַז ווען אַחזיהו, אַחאָב'ס זון, האט געוואָלט נעמען אליהו'ן אין געפענקעניש, האט אליהו אַרויסגערופן אַ פייער וועלכער האט פאַרברענט די מיליטער=אָפּטיילונג, וועלכע איז געקומען נאָך אים. דאס פאָלק האט ניט געקענט דערלאזן, אַז אַזאַ וואונדערבאַרער מענטש זאל שטאַרבן, ווי אַ פשוטער מענטש; מע דערציילט, אַז אליהו איז ניט געשטאָרבן נאר לעבעדיקערהייט אַרויף אויפן הימל: אין אַ שטורעם=ווינט האט זיך באַוויזן, אַ פייערדיקער רייטוואָגן, אויף וועלכן אליהו איז אַרויף אויפן הימל

א קאפּ פון א אידן

(פון מלכות אפרים).

צו יהוה. נאך אים איז געבליבן זיין תלמיד אלישע, וועלכער האט אויך באַוויזן אַ זעלכע נסים, ווי אליהו, איז אויך שטאַרק אנגענומען געווען ביים פאלק און איז אויך געווען אַזאַ איבערגעגעבענער קעמפער פאַר יהוה קעגן בעל. די לעגענדעס וועגן אלישע זיינען אויף אַזוי פיל גלייך צו די לעגענדעס וועגן אליהו'ן, אַז ס'איז אַ ספק, צי איז גאר אינגאַנצן געווען אַזאַ אלישע, אָדער נאר די פאלקס-פאַנטאַזיע האט אים געשאַפן לויטן מוסטער פון אליהו'ן.

פון אליהו'ן און אלישע'ן האט מען דערציילט רק נסים, און מיר ווייסן גאַנץ ווייניק וועגן דעם, וואס פאַר אַ מענטשן זיינען זיי געווען אין דער ווירקליכקייט. נאר איין זאַך ווייסן מיר געווי: מיר ווייסן, אַז אליהו, אלישע, אַזוי ווי אויך די שפּעטערדיקע פאָלקס-נביאים זיינען געווען קעמפער פאַר די אינטערעסן פון פאלק, און זיי האבן געלערנט דאס פאָלק, אַז מע דאַרף דינען נאָר צו יהוה; יהוה — דאס איז דער איינציקער נאַציאָנאַלער גאָט פון ישראל, חוץ אים, טאר דאס פאלק קיין אַנדערע געטער ניט האבן, און נאָר יהוה וועט אויסלייזן זיין פאָלק פון אַלערליי צרות און אומגליקן. די איבעריקע פאלקס-נביאים האבן ניט באַוויזן אַ זעלכע נסים, ווי אליהו און אלישע, דערפאַר אבער האבן זיי זייער גאַנצע צייט אָפּגעגעבן אויף נביאות זאָגן צווישן פאָלק; מיר ווייסן ווייניק וועגן דעם, ווי אַזוי זיי האבן געלעבט, נאר אונז זיינען פאַרבליבן זייערע רעדעס. אין זייערע רעדעס האבן זיי אַרויסגעזאָגט די זעלבע מיינונגען וואס אליהו, נאר נאך בולט'ער, קלאָרער און טיפער.

אין 760-טן יאָר בערך האָט אפרים געפייערט אין בית-אל זיין הארבסט יום-טוב; אַן אומגעוויינטליכע פרייליכקייט און פייערליכקייט האָט געהערשט אויפן יום-טוב: נאָר וואָס האָט אפרים אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן נצחון איבער זיין בלוטיקסטן שונא, דאָס קיניגרייך דמשק, צווישן דעם אָנגעקומענעם עולם זיינען געווען אַ סך טרעפערס, רואה'ס און תחילת האָט קיינער קיין אַכט ניט געגעבן אויף איינעם פון זיי, אַ מענטשן, אָנגעטאָן ווי אַ פאַסטוך, מיט אַ שטעקן אין האַנט. פון ווייטן איז ער געקומען אַ הער, פון די בערג יהודה, פון מדבר, וואו ער האָט זיך אָפּט געטראָפן מיט די אַנטלאָפענע פון צפון, וועלכע פלעגן פאַרלאָזן זייער פאָטערלאַנד, מיט אַ קללה אויף זייער פינסטערן מזל. פון זיי האָט ער זיך ניט ווייניק אָנגעהערט וועגן דעם, וואָס ס'טוט זיך אין ד'עם צפונ'דיקן קיניגרייך, ער האָט זיך דערוואוסט פון זיי, אַז דאָרט הערשן אומגערעכטיקייט און אומגליקן, אַז די שופטים היטן דאָרט ווייניק וואָס אָפּ די געזעצן, אַז מען אָרגט דאָרט מער ניט ווי וועגן לוקסוס און מע קימערט זיך גאָר ניט וועגן

די אָרעמע לייט. אַז מען ברייננט דאָרט רייכע קרבנות און מען אָרדנט איין רייכע מאָלצייטן הן פֿאַר דעם גאָט פֿון בית-אל און הן פֿאַר יהוה און אַנדערע געטער און מען טראַכט גאָר ניט וועגן דעם, אַז פֿיל אָרעמע לייט שטאַרבן אויס פֿון הונגער. עמוס (אַזוי האָט געהייסן דער פּאַסטוך) איז געקומען אַ הער קיין בית-אל, ווייל ער האָט דערפֿילט, אַז גאָט שיקט אים, ער זאָל אָפֿן אַרויס טרעטן קעגן אומרעכט, וואָס ווערט געטאָן אין אפרים, און ער זאָל וואָרנען אים, אַז אויב ער וועט קיין תשובה ניט טאָן, וועט אַ שרעקליכע מפּלה קומען אויף די זינדיקע מלוכה, עמוס האָט זיך דאָ גענוג אָנגעקוקט אויף דעם אומגעהייערן לוקסוס און אויף די אומענדליכע שמחות און איז פֿלוצלונג אַרויסגעטראָטן און האָט אָנגעהויבן קלאָגן מיט אַ רעטשיטאַטיוו-טאָן, ווי ס'טוען געוויינטליך די באַוויינערס אויף אַ לויה:

געפֿאַלן איז און שטייט ניט אויף די בתולת ישראל,
זי ליגט אויסגעצויגן אויף איר ערד,
און קיינער הויבט זי ניט אויף!

די דאָזיקע ווילדע אויסגעשרייען האָבן אויפֿמערקזאַם געמאַכט דעם גאַנצן עולם אויף עמוס'ן, דער המון האָט אים אַרומגערינגלט און ער האָט אָנגעהויבן מיט גרויס צאָרן האַלטן אַזעלכע רעדעס, וועלכע ס'איז ביז אַ הער ניט אויסגעקומען צו הערן, ער האָט זיך געווענדעט צו די שרים און צום קיניג אין נאָמען פֿון יהוה מיט שטראָפֿרייד און קללות: „דעם משפּט האָט איר פֿאַרוואַנדלט אין אַ סם, און צדקה האָט איר געניִדערט צו דער ערד; דעם גערעכטן פֿאַרקויפֿט איר פֿאַר זילבער און דעם אָרעמאַן פֿאַר אַ פּאָר שיך; דורך רויבעריי און גזלה זאַמלט איר עשירות אין אייערע פּאַלאַצן! אייערע באַדריקונגען און עוולות זיינען באַוואוסט דער גאַנצער וועלט—אי אויף די דעכער פֿון אשדוד, אי אין דעם לאַנד מצרים,—נאָר נאָהענט איז דער טאָג פֿון גאָטס צאָרן! איר ליגט רוהיק אויף בעטן פֿון העלפֿאַנט-ביין, אויסגעצויגן אויף אייערע געלעגערס, איר עסט די בעסטע שאָף פֿון סטאַדע און קעלבער פֿון פֿעטער פּאַשע, איר זינגט און שפּילט אויף האַרפֿעס, טרינקט פֿון בעכערס וויין, שמירט זיך מיט די בעסטע אייל און מיינט אַז דער טאָג פֿון אומגליק איז נאָך ווייט, נאָר יהוה, דער גאָט פֿון צבאות, זאָגט אַזוי: ס'איז מיר נמאס געוואָרן דער שטאָלץ פֿון יעקב און איך פֿאַרהאַס זיינע פּאַלאַצן, דער שונא איז שוין אָנגעקומען, ער איז שוין בײַ זיין לאַנד! ער וועט צוברעכן דיין הערשאַפֿט און וועט צוריבן דיינע פּאַלאַצן; איר וועט געפֿאַנגען ווערן און גיין בראש פֿון די געפֿאַנגענע, און עס

וועלן אַנטשוויגן ווערן די שטימען פון די, וואָס פרייען זיך איצט". נאָך יד
רעדעס קעגן די שרים און שופטים האָט ער אַ זעלכע צאָרנדיקע רעדעס גע-
האַלטן אויך קעגן די ניטאָרנטליכע סוחרים, וועלכע פלעגן געבן אַ קלענערע
מאָס און ניט קיין ריכטיקע וואָג. דאָס פאָלק ישראל איז געגליכן צו אַ קארב
מיט צייטיקע פרוכטן—האָט געזאָגט עמוס; ס'איז געקומען זיין צייט און דאַן,
אין יענעם שרעקליכן טאָג, וועט די זון אונטערגיין אין האַלבן טאָג, און אין
מיטן העלן טאָג וועט ווערן נאַכט, אומעטום וועט זיין אַ יאָמער און אַ געוויין,
דורכאויס וועלן זיך וואַלגערן מתים, און ס'וועט ניט זיין, ווער עס זאָל זיי
מקבר זיין... ווען מע האָט נאָך די צאָרנדיקע רעדעס פון נביא, אָנגעהויבן
אים צו שרעקן און אויספרעגן באַ אים, ווער האָט אים געגעבן דאָס רעכט צו
ריידן אַזוי, האָט ער מיט שטאָלץ געענטפערט, ווער ס'האָט אים געשיקט: „דער,
וואָס האָט זיינע פאַלאַצן געמאַכט אין הימל און זייערע געוועלבן האָט ער איינ-
געפעסטיקט אויף דער ערד, דער וואָס האָט באַשאַפן דעם זיבן=שטערן! דער,
וואָס מאַכט פון פינסטערער נאַכט פרימאָרגן און דעם טאָג פאַרפינסטערט ער
מיט נאַכט, דער, וואָס האָט אַרויסגערופן די וואַסערן פון ים און זיי צעגאָסן איבער
דעם פנים פון דער ערד—יהוה איז זיין נאָמען!" דאָס איז געווען אַן אומגע-
הערטע רעדע: יהוה האָט באַשאַפן די גאַנצע וועלט, ער פאַרוואַלטעט מיט איר,—
הייסט עס, אַז ער איז העכער פון דער גאַנצער וועלט, הייסט עס, אַז אַלע
איבעריקע געטער זיינען גאָר ניט אין פאַרגלייך מיט אים און אויף זיי איז
ניטאָ וואָס צו האָפן, און עמוס האָט אויסגעלאַכט די באַליבטע הייליקייטן און
די געטער פון ישראל: בית=אל, גלגל און באר=שבע—אַלץ וועט פאַרניכטעט
ווערן, אַלץ וועט פאַרברענט ווערן. אויב די בני=אפרים ווילן זיך מציל זיין,
זאָגט ווייטער עמוס, איז דאָ דערצו נאָר איין מיטל: ניט נאָר פון אויסן זיין
פרום, ברייננען רייכע קרבנות און רויכערן קטורת. דאָס אַלץ דאַרף יהוה ניט
האָבן „זוכט גוטס און ניט קיין בייז, כדי איר זאָלט בלייבן לעבן, האָט פיינט
בייז און האָט ליב גוטס, שטעלט איין גערעכטיקייט און משפט, אפשר וועט
יהוה רחמנות האָבן אויפן רעשט פון יוסף'ן".

עמוס'עס רעדעס האָבן געמאַכט אַ געוואַלטיקן רושם. ביז איצט האָט מען
געהאַלטן, אַז יהוה איז אפילו אַ מעכטיקער גאָט, נאָר דאָך איז ער געראָטן אין
אַלע אַנדערע געטער; ער לעבט זיך אין ציון, באַשיצט אים און מישט זיך ניט
אין פרעמדע גרעניצן, וואו עס געוועלטיקן אונזערע געטער, יעדע געגנט האָט
זיך איר אייגענעם גאָט באַשיצער, צו וועמען ס'דאַרפן זיך בעיקר ווענדן די

איינוואוינער פון דער דאָזיקער געגנט. אייניקע, ווי, למשל, אליהו האָבן גע האַלטן, אַז יהוה איז שטאַרקער פאַר אַלע אָרטיקע געטער, אַז ער איז אַן אַלגעמיינער גאָט פאַר גאַנץ ישראל, נאָר זיי האָבן אים ניט דערהויבן אויף די הימלען, זיי האָבן ניט געהאַלטן, אַז ער געוועלטיקט איבער דער גאַנצער וועלט. עמוס אָבער האָט פאַרזיכערט, אַז יהוה געפינט זיך אויף די הימלען, אַז ער האָט באַשאַפן דעם הימל, די שטערן, די ערד און דעם ים, פאַרוואַלטעט מיט'ן טאָג און מיט דער נאַכט און געוועלטיקט ניט נאָר איבער ישראל, נאָר אויך איבער אַנדערע פעלקער — ער וועט אָנשיקן אויף דאָס פאָלק ישראל עפּעס אַ פרעמדן שונא, וועלכער וועט באַשטראָפן ישראל פאַר זיינע זינד, דאָס איז געווען גאָר אַ נייער, אומגעהערטער גלויבן, ווי אַזוי האָט געקענט עמוס, דער פשוט'ער פאַסטוך, קומען צו אַזאַ מין גלויבן? ווי אַזוי האָט ער געקענט אַזוי קלאָר און בולט און אַזוי פּאָעטיש אים באַשרייבן? עמוס'ן האָט אונטערגעזאָגט דעם נייעם גלויבן דאָס דאַמאָלסדיקע לעבן פון ישראל. מיר ווייסן שוין, אויף וויפל ס'האָט געהערשט אין לעבן אומגערעכ־טיקייט; מיר ווייסן שוין, אַז די אַלטע געטער, האָבן ווייניק וואָס געהאָלפן דעם געמיינעם מענטשן ניט געקוקט אויף די רייכע קרבנות, און עמוסן איז ניט שווער געווען צו פאַרשטיין, אַז דער אַלטער גלויבן נופא איז געוואָרן אַן אומגערעכטיקער, אויב ער דערלאָזט אַזאַ אומגערעכטיקייט, די אַלטע געטער און די אַלטע מיטלען אויף זיי צו דינען האָבן אויפגעהערט צו העלפן; הייסט עס, אַז מען דאַרף זוכן אַ נייעם גלויבן, דער נייער גלויבן דאַרף זיין אַזאַ, ער זאָל צוריק איינשטעלן דעם אמת אויף דער ערד. אמת קען זיין נאָר איינער, קיין צוויי אמת'ן קען ניט זיין, הייסט עס, אַז דער איינציקער גאָט איז דער גאָט פון אמת און קיין אַנדערע געטער חוץ אים טאָר ניט זיין; אַזוי ווי דער אמת איז אַן איינציקער, אַזוי מוז אויך גאָט זיין אַן איינאיינציקער. וואָס זשע איז עס פאַר אַ גאָט? עמוס האָט געשטאַמט פון דעם קיניגרייך יהודה, און, ווי אַלע פון דעם דאָזיקן קיניגרייך האָט ער מער פאַר אַלע געטער געהאַלטן פון יהוה, דעם אוראַלטן גאָט פון ישראל, וועלכער האָט מיט זיינע נסים געהאָלפן דעם פאָלק ישראל איינגעמען דאָס לאַנד כנען, אים זיינען שוין באַקאַנט געווען די עשרת הדברות, וועלכע האָבן אויסגעדריקט די גאַנצע דאַמאָלסדיקע פּראַקטישע וויסנ־שאַפט. און איינמאָל אין מדבר, אין אַן אויסגעשטערנטע נאַכט, ווען עמוס האָט זיך טיף פאַרטראַכט וועגן די צרות פון ישראל און וועגן די מיטלען, ווי אַזוי אים צו העלפן, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער זעהט, ווי יהוה האָט זיך

אַראָפּגעלאָזן צו אים פון הימל און האָט אים גערופן. ער איז אַוועק און האָט אָנגעהויבן צו פּריידיקן דעם אמת פון יהוה.

דער נייער גלויבן האָט געפאָדערט אויך נייע מעשים; יהוה האָט דורך עמוס׳ן געזאָגט: „איך האָב פיינט, מיר זיינען דערווידער אייערע ימים־טובים, און איך טו ניט שמעקן דעם ריח פון אַייערע קרבנות, איך וויל ניט הערן דאָס שפּילן פון אייערע אַרפּעס, נאָר זאָל ווי אַ וואַסער פליסן באַ אייך דער משפּט און די גערעכטיקייט, ווי אַ שטראָמיקער טייך״. אין מדבר, צווישן די אָרעמע פּאַסטוכער האָט עמוס ניט געזעהן אַזעלכע רייכע קרבנות און מאָל־צייטן, ווי אין בית-אל און שומרון, אין מדבר פלעגן אַלע ימים-טובים דורכגיין באַשיידן און עמוס׳ן האָט אויסגעדוכט, אַז אַ סך בעסער איז צו ברייגגען גאָט באַשיידענע קרבנות, ווי אין יענע צייטן, ווען די בני־ישראָל האָבן נאָך געוואַנדערט אין מדבר, נאָר אָפּהיטן דעם אמת פון גאָט. עמוס׳ן האָט זיך געדוכט, אַז אויב ס׳וועט אַלץ ווייטער גיין ווי ביז איצט, וועט ישראל ניט קענען בייקומען די שונאים און וועט געוויס אומקומען. דאָס פאָלק ווערט פאַראָרעמט און האַסט די מענטשן, וועלכע ס׳געהערט די מאַכט; די לעצטע זיינען צו פאַראיידלט געוואָרן און זיינען ניט פייהיק צו קעמפן מיט אַ שטאַרקן שונא. גאַנץ פּאַלעסטינע האָט געוואוסט, אַז די מלכים פון דמשק זיינען געוועזן אַן אמתער אומגליק פאַר דאָס קיניגרייך אפרים: דער מעכטיקסטער קיניג פון אפרים, אחאב, האָט קוים געראַטעוועט זיין לאַנד פון דעם אַרמישן קיניג בן-הדד, און מיט דרייסיג יאָר פאַר עמוס׳עס צייט האָט דער קיניג פון דמשק חזאל כמעט שוין געהאַט איינגענומען דאָס קיניגרייך אפרים, וועלכעס האָט אים איין צייט געמוזט צאָלן צינז; נאָר גראָד אין דער צייט איז פאַר דמשק געשטאַנען אַ גרויסע סכנה פון צפון מצד די אשורים, וועלכע זיינען שוין דערגאַנגען ביז לבנון, און נאָר אַ דאַנק דעם האָט דער קיניג יואָש ניט לאַנג פאַר עמוס׳עס אַרויסטרעטן אָפּגעהאַלטן אַ נצחון איבער דעם אַרמישן קיניג בן־הדד דעם צווייטן, נאָר דער דאָזיקער נצחון איז ניט געווען גאָר זיכער: דער געפערליכסטער שונא איז איצט שוין געווען ניט דמשק, נאָר אשור, און ניט היינט-מאָרגן האָבן די אשורים געקענט אַריינדרינגען אין פּאַלעסטינע, אָט די אשורים האָט עס עמוס געמיינט, ווען ער האָט פאַראויסגעזאָגט, אַז דאָס קיניגרייך ישראל וועט אומקומען דורך אויסוויניקסטע שונאים, וועלכע יהוה וועט אויף זיי אָנשיקן, נאָר די „שכורים די בני־אפרים״ האָבן נאָך זייער נצחון איבער בן-הדד דעם צווייטן גאָר ניט געטראַכט וועגן די אשורים.

דאס פאלק האט זעהר וואַרעם אויפגענומען עמוס'ן, נאָר גאָר אנדערש האָבן זיך צו אים באצויגן די כוהנים און די שרים. אמציה, דער כוהן פון בית-אל, האט געשיקט זאגן דעם קיניג ירבעם דעם צווייטן: „עמוס רעגט אויף קעגן דיר דאס פאָלק; די ערד קען ניט ליידן זיינע רייד, ווייל אזוי האט ער געזאגט: ירבעם וועט געטויט ווערן מיט א שווערד און ישראל וועט פאַר־טריבן ווערן פון זיין לאַנד". מסתמא האָט דער קיניג ניט געהאט קיין העזה צו פארהאלטן עמוס'ן דאָ אויף דעם יום־טוב אין די אויגן פון פאָלק, וואס האָט געהאלטן מיטן נביא; אמציה האט געמוזט זיך בעטן בײַ עמוסן, ער זאל אליין אַוועקגיין: „גיי, ווער אַנטרונען אין לאַנד יהודה, עס דארט דיין ברויט און זאג דארט נביאות, און אין בית-אל זאָלסטו מער קיין נביאות ניט זאגן ווייל דא איז די הייליקייט פון קיניג, דער טעמפל פון קיניגליכן הויף". דערויף האט עמוס געענטפערט, אז ער איז ניט קיין פראָפעסיאנעלער נביא און ניט קיין זון פון אַ נביא, דאָס הייסט, אַז ער האט ניט בדעה אפנעמען פרנסה בײַ די קיניגליכע נביאים. נאר ניט זאגן קיין נביאות קען ער ניט, ווייל גאט האט אים אָפגערופן פון די שאָף און געהייסן אים גיין זאגן נביאות. פאַר די דאזיקע רדיפות האָט עמוס פאַרשאָלטן אמציה'ן: „אזוי זאגט יהוה: דיין ווייב וועט פאַרשענדעט ווערן פאַר דער גאַנצער שטאָט, דיינע זין און טעכטער וועלן געטויט ווערן מיט אַ שווערד, דיין ערד וועט צעטיילט ווערן מיט א שטריק, און דו אַליין וועסט שטאַרבן אויף אַן אומריינער ערד". מיר ווייסן ניט, וואס פאַר אַ סוף האָט געהאט עמוס; ס'קאָן זעהר זיין, אז סוף כל סוף איז ער אומגעקומען פון די רדיפות פון קיניג.

נאָך עמוס'ן זיינען איינער נאָך דעם אנדערן אַרויסגעטראָטן נאָך נביאים מיט דיזעלבע רעדעס, מיט דיזעלבע דרשות וועגן א נייעם גלויבן, מיט דיזעלבע דראָהונגען דעם זינדיקן אפרים. דאָס פאלק האָט זיי מיטגעפילט, די קיניגן האבן ניט געוואַגט צו טאָן עפּעס קעגן זיי. די גרעסטע פון זיי זיינען — הושע, מיכה און ביחוד ישעיה. הושע איז דערהויפּט שטארק אָנגעפאַלן אויף די כוהנים: די כוהנים נאַרן אָפּ דאס פאָלק צוליב זייערע אייגענע נוצן, זיי לערנען אים דינען די בעל'ס, ברייגען אָן אַ צאָל קרבנות, נאר באהאלטן פון אים דעם געזעץ פון יהוה. יהוה פארלאַנגט חסדים, און ניט קיין קרבנות, און די כוהנים פאדערן, אז דאס פאלק זאָל נאר ברייגגען קרבנות; דאס איז א זינד, נאר אַדאנק דעם דאזיקן זינד האבן די כוהנים פרנסה, מזבחות איז דא א סך און דער געזעץ פון יהוה איז קורץ; נאר אויב אפילו יהוה וואלט

געגעבן זיינע געזעצן אפרים׳ען אין די טויזנטער, וואלט ער אויך געקוקט אויף זיי, ווי אויף געזעצן פֿין אַ פרעמדן. „בעת אפרים איז נאך יונג געווען, האב איך אים ליב געקראגן און אַרויסגערופן אים פון מצרים; נאר וואס מער איך האָב אים גערופן, אלץ מער האָט ער זיך דערווייטערט פון מיר: ער פלעגט שעכטן פאַר די בעלים און ברייגגען קרבנות די אפגעטער; ניט גע-וואוסט האט ער אַז דאָס בין איך, וועלכער גיט אים דאס ברויט, דעם וויין און אייל, פון וואס ער ברייגגט קרבנות די בעלים. דערפאר וועל איך אפ-נעמען צוריק מיין ברויט און מיין וויין, מיין וואלנס און מיין ליין, זיי האבן פארזייט א ווינט און וועלן שניידן א שטורמווינט, קיין תבואה וועלן זיי ניט האבן אויף די פעלדער, און די קערנער וועלן זיי קיין מעל ניט געבן, אפרים וועט זיך אומקערן צוריק אין מצרים, און אשור וועט זיין א קיניג איבער אים". הושע ווי אויך די איבעריקע גביאים, זיינען אזוי שטארק אנגעפאלן אויף די כוהנים און די אַלטע הייליקע ערטער, ווייל די כוהנים און די אַלטע הייליקע ערטער זיינען געווען אייגג צוזאַמענגעבונדן אייגער מיט דעם צווייטן, די כוהנים זייגען געווען באַלעבאַטים אין די הייליקע ערטער און דערפון פלעגן זיי האָבן אַ גאַנץ שייגע פונסה, ווייל די בעסטע חלקים פון די קרבנות פלעגן געהערן צו זיי, די הייליקע ערטער האָבן געהאַט זעהר גרויסע הכנסות, און זייערע באַלעבאַטים האָבן געהאט אין זייער רשות אַ גרויסע צאָל פויערים. די כוהנים זייגען שטענדיק געגאַנגען יד-אחת מיט די שרים, און דעריבער האט זיך די נביאים אויסגערוכט, אז דער גאַנצער שטייגער צו דינען גאט לויט די אַלטע מנהגים אין די אַלטע הייליקע ערטער, וועלכער איז אזוי שטרייגג אָפּגעהיט געוואָרן פון די כוהנים, איז פונקט אזוי זינדיק און פאַר-האַסט פון יהוה, ווי אַלע באַדריקער פון פאָלק.

מיכה איז שוין אַרויסגעטראָטן ניט נאָר קעגן שומרון, נאָר אויך קעגן ירושלים. ער האָט זיך געווענדעט צו די שרים און אָפן זיי ארויסגעזאגט, אז זיי איז אנגענעם נאר אַזאַ נביא, וועלכער זאגט נבואה וועגן גליק און פרידן, וועגן וויין און שכר *); נאר פאר די דאָזיקע קיניגליכע נביאים איז בעסער איגגאַנצן ניט זאָגן קיין נביאות, כדי ניט פאַרשעמט צו ווערן. יה׳ה וועט אינגיכן גאָר אויפהערן ענטפערן אזעלכע נביאים, און נאַכט וועט זיין פאר זיי אנשטאט זייערע זעהענישן, פינסטערניש—אנשטאָט זייערע נביאות. מיכה

---

*) אזא מין געטראנק, וואס ווערט געמאכט פון זאפט.

האט פֿאָרגעלייגט בעסער אויסהערן זיין רעדע: „הערט זשע אויס, איר עלטסטע פֿון דעם הויז יעקב און איר הארן פֿון דעם הויז ישראל, איר, וועלכע לייקנט אפּ דעם משפּט און אלץ, וואס איז גלייך, מאכט איר קרום; איר וועלכע בויען ציון, פֿארגיסנדיק בלוט, און ירושלים מיט אומרעכט! הערט אויס, וואס עס רעדט יהוה! הערט אויס איר, בערג, דעם משפּט פֿון גאט און פֿארנעמט איר, גרונט-פֿעסטן פֿון דער ערד! בא יהוה איז א משפּט מיט זיין פֿאלק, מיט ישראל וויל ער זיך מתוכח זיין". מיט וואָס זשע וועט קומען ישראל אויפֿן משפּט מיט גאט, מיט עולות, מיט יאָריקע קעלבלאך? צי קען מען דען געווינען דעם רצון פֿון גאט מיט טויזנטער שאפּבאקן און מיט אומסופֿיקע צאָל טייכן פֿון בוימל? אפֿשר זאל מען ברייננען פֿאר א קרבן יהוה דעם בכור, ער זאָל מכפּר זיין די זינד? נאָר יהוה וועט ניט אָננעמען די דאזיקע קרבנות און וועט מיט צאָרן ענטפֿערן: „ס'איז דאָך שוין דיר גע-זאָגט געוואָרן, בן אדם, וואָס הייסט פֿרום און וואס פֿארלאַנגט פֿון דיר יהוה: דו זאָלסט טאָן גערעכטיקייט, ליב האָבן צו טאָן חסדים און מיט הכנעה גיין פֿאר דיין גאָט". נאָר די בני-אפֿרים האָבן אנשטאָט גערעכטיקייט און ליבע, נאָר א פֿאַלשע שאָל און פֿאַלשע וואָג אין זייער בייטל. און דעריבער פֿאַר-משפּט זיי יהוה: זיי וועלן זייען און וועלן ניט שניידן, זיי וועלן טרעטן די איילבירטן און ניט שמירן זיך מיטן בוימאייל, זיי וועלן טרעטן די וויינ-טרויבן און ניט טרינקען דעם ווין, פֿאַר זייערע זינד וועט זייער לאנד ווערן צו א וויסטעניש. און די סכנה איז שוין טאַקע געווען נאָהענט.

און די סכנה איז געגאַנגען מצד דעמזעלבן קיניגרייך אשור, וועגן וועלכן ס'האבן שוין גערעדט די ערשטע נביאים. ווער זשע אזוינע זיינען עס געווען די אשורים? זיי זיינען פֿון איין אָפּשטאמונג מיט די בבלים; תחילת האבן זיי געלעבט אין בערגיקן לאנד אין דער אויבערשטער שטרעמונג פֿון די טייכן פּרת און חידקל, שפּעטער זיינען זיי אראָפּ נידעריקער אין טאָל פֿון דער מיטלסטער שטרעמונג פֿון די דאָזיקע צוויי גרויסע טייכן. דאָרט האבן זיי זיך אויסגעבויט א שטאָט נינוה און איין צייט זיינען זיי רוהיק געזעסן אין זייער לאנד, נאָר אינגיכן זיינען זיי ווייטער געוואָרן אומרוהיק: ס'איז זיי געוואָרן איינג און, ווי א לאָווינע, האָבן זיי זיך אַ רוק געטאָן קיין דרום אין געבענטשטן באַארבעטן בבל. מוראדיק האבן אויסגעזעהן די דאזיקע קריג-לייט. מיט לאַנגע בערד, אין קופּערנע קיווערס, מיט לאַנגע שפּיזן און שווערדן, זיינען זיי באמת געווען אומבאַזיגבאַר און קיינע מניעות איז פֿאַר

זיי ניט געווען. זיי האבן איינגענומען בבל און זיינען אוועק ווייטער צו דרום-מערב צו צום קיניגרייך דמשק; ווייטער איז שוין געגאנגען פאלעסטינע, און לסוף איז טאַקע אנגעקומען אויך איר צייט.

דאָס אשורישע הער

אין 745=טן יאר, ווען אין אפרים האט געקיניגט מנחם, איז דער אשורישער קיניג פול אָנגעפאַלן אויף אפרים. דער נביא פון יהוה ישעיה מאָלט אזוי דעם דאזיקן שרעקליכן אָנפאל: „יהוה האט גערופן אַ פאָלק פון עק וועלט; איילִיק און גיך גייט ער, ניטאָ באַ אים קיין איינגעמאַטערטע, און ניט קיין אָפגעשטאַנענע; קיינער באַ אים שלאָפט ניט, עס בינדט זיך ניט פאַנאַנדער דער גאַרטל אויף זיינע לענדן און עס רייסט זיך ניט דער רימען אויף זיינע שיך; זיינע פיילן זיינען אָנגעשליפט, זיינע בויגנס אָנגעצויגן, די קליען פון זיינע פערד זיינען ווי קיזלשטיין, די רעדער פון זיינע רייטוואגנס — ווי אַ שטורמווינט. ער ברומט, ווי א לייבין, און זיי ברילן, ווי יונגע לייבן, כאפן דעם רויב און טראָגן אים אוועק, ניטאָ פון זיי קיין רעטונג". אָן אימה איז אנגעפאַלן אויף מנחמ'ען, ווען ער האט דערזעהן דעם שרעקליכן שונא; ער האט זיך געראטעוועט פון אַ מפלה נאָר דורך דעם, וואָס ער האָט אפגעצאלט טויזנט צענטנער זילבער, אַרויפלייגנדיק דעם צינז אויף אלע

פארמעגליכע איינוואוינער. דער אשורישער קיניג איז אַוועק צוריק און איז ניט פאַרבליבן אין אפרים. נאר ניט לאַנג האט געדויערט די רוהיקע צייט. אין צען יאָר אַרום האָט דער קיניג פון אשור תגלת-פלאסר דער צווייטער פאַרנומען גאנץ צפון-פאַלעסטינע, אַוועקגעפירט אין געפענקעניש דעם גאנצן שבט נפתלי און דערנאָך האָט ער באַלאַגערט שומרון. די מויערברעכער האבן שוין אנגעהויבן ברעכן די ווענט פון קיניגליכן פאַלאַץ; געניטע מייסטערס האָבן שוין געגראָבן אַ מינע אונטער די פונדאַמענטן פון די ווענט. קיין רעטונג איז ניט געווען און מע האט געמוזט בעטן שלום. דאָס מאָל זיינען די תנאים פון שלום געווען נאָך שווערערע: תגלת-פלאסר האט געפאָדערט, אַז מע זאָל אים אויסצאָלן אַ גרויסן צינז און, חוץ דעם, ארויסגעבן א דער׳הרג׳עטן דעם קיניג פון שומרון פקח, און די קיניגן פון אפרים האבן געמוזט פון דאַן אָן אָנהויבן צאָלן צינז די אשורים. שווער איז זיי געווען צו צאָלן דעם דאָזיקן צינז און צוועהן, ווי זייער קיניגרייך ווערט אָפגעשוואַכט און פאַרקלענערט. און לסוף האָט דער קיניג הושע ניט אויסגעהאַלטן. ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דער קיניג פון דמשק האָט אויפגעהויבן אַן אויפשטאַנד קעגן אַשור, האָט ער אויך געפרובט אַראָפוואַרפן דעם אַשורישן יאָך, האָט אויפגעהערט צו צאָלן צינז און האָט אָנגעהויבן פירן אונטער-האַנדלונגען מיטן קיניג פון מצרים וועגן אַ בונד. די דאָזיקע בגידה האָט דער דאמאלסדיקער אשורישער קיניג שלמנאסר ניט מוחל געווען: ער האָט גלייַך באַלאַגערט שומרון און נאָך אַ דרייייאָריקער באַלאַגערונג האָט ער איינגענומען די שטאָט. דעם קיניג הושע האָט ער אַריינגעזעצט אין תפיסה און אַלע שרים און די האַרן האט ער פאַרטריבן ווייַט הינטער דעם טייַך חידקל אין חלח און חבור (אַרמעניען). אויף אַן אָרט זייַנען פאַרבליבן מער ניט ווי די אָרעמע פויערים, פאַר וועלכע ס׳פלעגן זיך אַזוי אָננעמען די נביאים, נאָר זייער לאַגע איז ניט פאַרבעסערט געוואָרן. אמת, יהוה האָט טאקע באַשטראָפט זייערע געוועזענע אכזריות׳דיקע האַרן, נאָר, אָנשטאט זיי, האָבן איבער זיי אָנגעהויבן געוועלטיקן נייע. די שטעט און די גיטער, וועלכע ער האט אָפגענומען באַ די שרים פון אפרים, האָט שלמנאסר צוטיילט צווישן זייַנע זעלנערס, וועלכע האָבן אָנגעהויבן הערשן און געוועלטיקן איבער די בני-אפרים, די נייַע האַרן האָבן מיט זיך געבראכט אויך נייע געטער, און נאָך א לאַנגע צייט האָט יהוה ניט געקענט ווערן דער איינאיינציקער גאָט אין אפרים.

אונטערגעגאַנגען איז דאָס קיניגרייך אפרים, פאַרבליבן איז נאָך מלכות-יהודה. די אַלע מפּלות וואָס אפרים האט געליטן און בפרט זיין ביטערער סוף האָבן געמאַכט אַ געוואַלטיקן רושם אויף די בני-יהודה. אין דער דאָזיקער צייט האָט אין ירושלים געלעבט דער באַרימטער נביא ישעיה; פון זיינע רעדעס איז קלאָר צו זעהן, אויף וויפל די בני-יהודה זיינען אויך געווען אומרוהיק פאַר זייער גורל און פון טאָג צו טאָג געוואַרט אויף דעם סוף פון זייער מלוכה. ישעיה האָט געזעהן, אַז אין יהודה הערשט דאָסזעלבע אומרעכט, ווי אין אפרים. דאָס קיניגרייך אפרים איז חרוב געוואָרן, זיינע שטעט פאַר-ברענט, אַלץ איז געוואָרן פאַרוויסט, געבליבן איז מער ניט ווי די טאָכטער

די בני-אפרים טראגן אַשור צינז.

פון ציון, נאָר זי גייט אויך אין די וועגן פון סדום און עמורה. אַזוי ווי פריהער זוכן אויך איצטער די שרים פון עמורה צו באַוויליקן יהוה מיט טוי-זנטער קרבנות, מיט וואָלקנס פון קטורת און מיט פייערליכע ימים-טובים; נאָר דאָס אַלץ פאַרהאַסט יהוה. ווען די שרים פון יהודה שטרעקן אויס צו אים זייערע הענט און זאָגן איין תפילה נאָך דער אַנדערער, פאַרמאַכט יהוה זיינע אויגן און הערט זיך צו זיי ניט צו, ווייל זייערע הענט זיינען פול מיט בלוט, ווייל די שרים פון ירושלים זיינען סוררים און גנבים; זיי אַלע האָבן ליב מתנות און יאָגן זיך נאָך שוחד, יתומים געפינען ניט בא זיי קיין משפט און זיי שטעלן זיך ניט איין פאַר די אַלמנות; און די לייטישע הויפּט-שטאָט גופא

איז געוואָרן צו אַ זונה, אַמאָל איז זי געווען אַן אָרט פון משפט און יושר, און איצטער וואוינען דאָרט רוצחים. פון אַזאַ אומגערעכטיקייט האט ישעיה'ן ווי געטאָן דאָס האַרץ, און ער האט געפילט, אַז יהודה קאָן זיך ניט האלטן. ער האָט דערציילט, אַז ער האט אויך געזעהן בנבואה דעם משפט, וועלכער רוקט זיך אָן איבער ישראל. אין בית־המקדש האָט זיך אים באַוויזן יהוה, זיצנדיק אויף אַ טראָן, וועלכער דערגרייכט ביזן סאַמע הימל; ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ וואונדערליכן חיל פון זעקס פליגלדיקע שרפים, וועלכע האָבן לכבוד גאט געזונגען אַזאַ מין שיר: „הייליק, הייליק, הייליק איז יהוה, דער גאט פון צבאות, די גאַנצע ערד איז פאַרפולט מיט זיין כבוד“. ישעיה האט שוין געמיינט, אַז דא קומט זיין סוף, נאָר איינער פון די שרפים האט גענומען פון מזבח אַ ברענעדיקן קויל, צוגעפלויגן צו ישעיה'ן, מיט דער קויל זיך אנגערירט אָן ישעיה'ס ליפן און דערמיט אָפּגערייניקט אים פון אַלע זיינע זינד. דאַן האט יהוה צו אים געזאגט: „גיי און זאג דעם דאזיקן פאָלק: איר וועט הערן, נאר איר וועט ניט פאַרשטיין, איר וועט קוקן, נאר איר וועט ניט דערקענען! מאַך האַרט דאס האַרץ פון דעם דאזיקן פאָלק, מאַך אים טויב די אויערן און פאַרבלענד אים די אויגן, ער זאָל ניט זעהן מיט זיינע אויגן און ניט הערן מיט זיינע אויערן, זיין האַרץ זאל אויפהערן צו פאַרשטיין און זאָל ניט קענען אויסגעהיילט ווערן. און אזוי זאל עס דויערן, ביז ס'וועלן ניט חרוב ווערן זיינע שטעט און בלייבן אָן איינוואוינער, און די הייזער אָן מענטשן, און די פעלדער וועלן ניט פאַרוואנדלט ווערן אין א וויסטעניש“.

די דאָזיקע שרעקליכע זעהעניש האָט געצוואונגען ישעיה'ן איבערגעבן פאַר אַלעמען וועגן דעם משפט, וואָס שטייט פאָר; און די בני־יהודה, וועלכע זיינען שוין אַזוי אויך געווען גענוג צעשראָקן און צומישט, האָבן אויסגעהערט פון אים אַזאַ רעדע: „די עשירות פון דמשק און דער רויב פון שומרון זיינען שוין אין די הענט פונם קיניג פון אשור; נאָר אויך אויף דאָס דאָזיקע פאָלק, דאָס פאָלק יהודה, וועט יהוה ברייגנען די מעכטיקע און גרויסע וואַסערן פון פרת, דעם קיניג פון אשור מיט זיין גאַנצער מאַכט, די וואַסערן וועלן זיך צוגיסן איבער יהודה און פאַרפלייצן אים. דאָס וועט זיין אַ טאָג פון משפט פון יהוה, דעם גאָט פון צבאות, אַ טאָג פון משפט איבער יעדן שטאָלץ און גדלות, איבער אַ'לע צעדערבוימער פין לבנון און איבער אַלע דעמבעס פון בשן, איבער אַלע הויכע בערג און איבעראַלע היגלען, וואָס באַ די בערג, איבער אַלע הויכע טורעמס און אַלע משופּעדיקע ווענט, איבער אַלע שיפן פון

תַּרשיש *) און איבער אַלע טײַערע צירונגען. ווײַ ווײַ וועט דאַן זײַן צו די שׂרים און פירשטן, וועלכע רוקן צו אַ פעלד צו אַ פעלד, נעמען אָפּ די פעלדער בײַ די אָרעמע לײַט, אַזוי ווי די גאַנצע ערד וואָלט געהערן צו זיי, ווײַ וועט זײַן צו די גאָט לעסטערעדיקע געוועלטיקער פון פאָלק; זיי מיינען, אַז זיי האָבן געשלאָסן אַ בונד מיטן טויט, און דער אָפּגרונט וועט זיי ניט אָנרירן; נאָר יהוה וועט אָנשיקן אויף זיי אַ האָגל מיט אַ פאַרפלייצונג, און זיי וועלן אומקומען פון זײַן צאָרן. ווײַ וועט זײַן צו דעם קיניג אַ פייער וועט זײַן צוגעגרייט פאַר אים הויך און ברייט וועט זיין אויסגעלייגט דאָס האָלץ, אַ פריי פעלד וועט זיין פאַרן פײַער, און דער אָטעם פון יהוה וועט ווי אַ שטראָם שוועבל, אָנצינדן דאָס פײַער! יעדע שטאָלץ וועט פאַרניכטעט ווערן, און יהוה וועט זײַן גרויס אין יענעם טאָג, און אַלע איבעריקע געטער וועלן אומקומען; מענטשן וועלן זיך באַהאַלטן אין היילן פון אימה פאַר יהוה און זײַן כבוד, נאָר זיי וועלן ניט קענען אויסמיידן זיין משפּט, בײַ די אָנגעזועהענע בתולות און פרויען וועט יהוה אַוועקנעמען זייערע בראָנזעלעטן און אויריינגלאַך, זייערע האַלזצירונגען און פאָכערס, זייערע אָרעמבענדער און גאַרטלען, די פלעשלאַך פאַרפומען און די קמיעות, די רינגען פון די פינגער און פון נאָז. זייערע יום-טובֿ׳דיקע מלבושים און זייערע דעקעס, די שפּיגלען און פיינע געוואַנטן, זייערע מענער וועלן אומקומען פון שווערד, זייערע בחורים וועלן פאַלן אין שלאַכט און די הויפּט=שטאָט וועט חרוב ווערן; דאָס פאָלק וועט אַוועקגיין אין געפענקעניש, זיינע האַרן וועלן הונגערן, און זיינע אויסבריינגער וועלן געפייניקט ווערן פון דורשט.

יאוש און אימה פלעגן אַרויסרופן די דאָזיקע רעדעס פון ישעיה; דער נביא אַליין האָט געליטן ניט ווייניקער פאַר זיינע צוהערער פון דערפון, ישעיה האָט הייס געליבט זיין לאַנד, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס עס איז פול מיט זינד און ער האָט זיך בשום אופן ניט געקענט אײַנלעבן מיטן געדאַנק, אַז נאָך דעם גערעכטן משפּט און נאָך דעם שטראָף, וועט עס שוין קיינמאָל ניט אויפ־לעבן. אים האָט זיך אָנגעהויבן צו דוכטן, אַז דער שטראָף וועט אָפּרייניקן יהודה פון זיינע זינד, און יהוה וועט אים צוריק אומקערן זײַן ליבע און זײַנע חסדים. און ישעיה האָט אָנגעהויבן האַלטן גאָר אַנדערע רעדעס, אין וועלכע ער האָט געזועהן צו טרייסטן און אויפמונטערן יהודה. ישעיה האָט געזאָגט, אַז אשור

*) דאָס הייסט, וואָס שווימען קיין תּרשיש—שפּאַניען.

איז מער ניט ווי אַ רוט אין די הענט פון יהוה; ס'וועט איבערגיין אַ קורצע צייט נאָך דעם משפּט, און דער צאָרן פון גאָט קעגן יהודה וועט איינגעשטילט ווערן, און יהוה וועט אַראָפּנעמען פון זיין האַלז דעם יאָך און וועט אים צוריק אומקערן זיין חסד. יהוה וועט דאַן שיקן זיין פאָלק אַ נייעם קיניג, וואָס וועט זיין גלייך צום קיניג דוד, וועמעס צייטן האָבן אין פאַרגלייך מיט די איצטיקע אויסגעוויזן ווי אַ גאָלדענע תקופה פון וואוילטאָג און יושר. אָט ווי אַזוי ישעיה שילדערט דעם קומענדיקן משיח: „דאַן וועט אַרויסגיין אַ שפּראָצונג פון ישי'ס בוים און ס'וועט אויסוואַקסן אַ געוויקסל פון זיינע וואָרצלען, אויף דעם וועט רוהען דער גייסט פון יהוה, אַ גייסט פון חכמה און פאַרשטאַנד, אַ גייסט פון עצה און גבורה, אַ גייסט פון קענען און מורא האָבן פאַר גאָט, ער וועט אָטעמען מיט מורא צו גאָט. ער וועט משפּטן ניט לויט דעם ווי ס'זעהען זיינע אויגן און הערן זיינע אויערן; ער וועט משפּטן מיט צדק אָרעמע לייט און די פאַראומגליקטע אין לאַנד וועט ער משפּט'ן מיט יושר, נאָר די פאַרברעכער וועט ער שטראָפן מיט'ן שטעקן פון זיינע לעפּצן און מיטן אָטעם פון זיינע ליפּן וועט ער טויטן די רשעים; מיט צדק וועט ער אָנגאַרטלען זיינע לענדן און טרייהייט וועט אים דינען פאַר אַ גאַרטל, און עס וועט וואוינען אַ וואָלף מיט אַ שעפּסעלע, אַ לעמפּערט מיט אַ ציגעלע וועלן זיך לאַגערן, אַ קעלבל מיט אַ לייב זיך פיטערן צוזאַמען. און אַ קליין אינגל, וועט זיי היטן, אַ קוה מיט אַ בער וועלן אינאיינעם זיך פיטערן, איינע נעבן די אַנדערע וועלן ליגן זייערע קינדער, אַ לייב וועט ווי אַ רינד עסן שטרוי, אַ זויג־קינד וועט זיך שפּילן בײַ דער לאָך פון אַ ברענשלאַנג און צום נעסט פון אַ וויפּער־שלאַנג וועט אַן אַנטוואוינט קינד זיין האַנט פירן, אויפן גאַנצן הייליקן באַרג מיינעם וועט ניט זיין ניט קיין פאַרברעכן, ניט קיין אומגערעכטיקייט".

די דאָזיקע נבואה וועגן דעם צוקונפטיקן קיניג האָט זיך טיף איינגעבאַקן אין הארצן פון אידישן פאָלק. ווען ער איז געווען אָפּגעריסן פון זיין אייגן לאַנד און איז אויף אייביק פאַרבליבן אונטער אַ פרעמדן יאָך, איטלאַך מאָל, ווען ס'פלעגן פאָרקומען גרויסע געשעהנישן, אָדער ס'פלעגט ווערן אוממעגליך איבערצוטראָגן דאָס שווערע לעבן, פלעגט מען זיך דערמאָנען אַן ישעיה'ס נבואָה און ס'פלעגן אויפלעבן די האָפענונגען, אַז אינגיכן וועט קומען דער צוגעזאָגטער קיניג פון דוד'ס הויז. ס'וועט קומען משיח, ווי מע האָט אים אָנגעהויבן רופן. פאַרשיידענע פאָרשטעלונגען זיינען געווען וועגן משיח'ן אין פאַרשיידענע צייטן לויט די נויטן און באַגערן, וועלכע האָבן געהערשט אין די צייטן, ווען

מע האָט באַזונדער לײַדנשאַפטליך אויף אים געהאָפט; נאָר שטענדיק האָט מען געהאַלטן, אז משיח וועט ניט נאָר אויסלייזן דאס פאָלק ישראל פון דעם פרעמדן יאָך, נאר ער וועט אויך מאַכן אַ סוף צו דער אומגערעכטיקייט און עוולות אויף דער וועלט. פאַר זיין נבואה וועגן משיח'ן איז ישעיה בארימטער און טײַערער ביים פאלק, מער ווי אַלע אַנדערע נביאים; זיינע פאָרגייער האָבן גערעדט נאָר וועגן דעם משפט און דעם אונטערגאַנג פונם פאָלק, און ישעיה האט אַרויסגעזאָגט די האָפענונג, אַז נאָך דעם משפט און נאָך דעם שטראָף וועט אנקומען אַ ניי לעבן.

ישעיה איז געוועזן זעהר געאַכטעט; די קיניגן פון יהודה, אחז און יחזקיהו, אין וועמעס צײַטן ישעיה האָט געלעבט, האָבן אים אמת ניט אַזוי ליב געהאט פאר זיינע דראָהעדיקע שטראָף-רעדעס, נאָר דאך פלעגן זיי זיך אָפט ווענדן צו אים נאָך עצות אין די צייטן פון אַ סכנה. אין אחז'עס צייטן האָבן די ארמים כמעט שוין געהאט אײַנגענומען ירושלים; אין אַזאַ פארצווייפלטער לאַגע האט שוין אחז געוואלט בעטן הילף בײַ זיינע שונאים די אַשורים, נאר ישעיה האט אים אָפּגעהאלטן פון צו מאַכן אזאַ פאַלשן טריט און האָט אים געראָטן האָבן און בעטן נאָר צו יהוה. אין יחזקיהו'ס צייטן איז שוין דאָס אַשורישע חיל געשטאַנען נעבן די מויערן פון ירושלים; יחזקיהו האָט זיך געווענדט נאָך הילף צו פרעה'ן, נאָר ישעיה האָט אויך דאָס מאָל געוואָרנט דעם קיניג: צו וואָס האָפן אויף מצרים, אָט דעם אָנגעבראָכענעם שטעקן? בעסער זיך ווענדן צו יהוה. צום גליק פון ירושלים האט זיך אין אשורישן חיל אָנגעהויבן אַ מגפה, און די אשורים האָבן געמוזט אָפּהאלטן די באַלאגערונג. ישעיה איז געוועזן העכסט צופרידן: הייסט עס, אז יהוה האָט נאך ניט אינגאנצן פאַרלאזן זיין פאָלק, אויב ער האט פאַרנומען זיין געבעט און אָנגעשיקט דעם גײַסט פון טויט אויף דאָס אשורישע חיל. נאר זעהענדיק, אז אין ירושלים און יהודה הערשט, ווי פריהער, אומגערעכטיקײַט, האָט זיך ישעיה מיאש געווען און האָט שוין מער ניט געהאפט, אז יהודה וועט אויסגעלײַזט ווערן פון דעם שווערד פון די אשורים. דער נביא האט זיך אָנגעהויבן גרייטן צום צוקונפטיקן באַנײַטן לעבן: ער האט צונויפגעקליבן אַרום זיך אַ קרײַז פון איבערגעגעבענע תלמידים און האט געטראַכט: אט דאָס וועט זיין דער ריכטיקער רעשט פון ישראל, וועלכער וועט איבערלעבן די מפלה און וועט דערלעבן ביז צו דעם צוקונפטיקן קיניג. זײַנע נבואות פלעגט ער דערציילן נאר פאַר זײַנע תלמידים און זיי פלעגט ער לערנען, ווי מע דאַרף זיך באַגײַן, כדי צו ניצל ווערן פון גאטס

צאָרן. די דאָזיקע תלמידים האָבן געזאָרגט וועגן דעם אַז די רעדעס פון דעם מערקווירדיקן נביא זאָלן צונויפגעקליבן ווערן און פאַרשריבן ווערן אין אַ בוך.

ישעיה איז געווען ניט דער לעצטער נביא; נאָך אים זיינען אויפגעשטאַנען נאָך אייניקע מערקווירדיקע נביאים, וועגן וועלכע איך וועל שפּעטער דערציילן, נאָר נאָכדעם, ווי מיר זיינען באַקאַנט געוואָרן מיט די נבואות פון עמוס'ן, מיכה, הושע און ישעיה, קענען מיר האָבן אַ קלאָרן באַגריף, וואָס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די פאָלקס-נביאים און מיט וואָס האָבן זיי זיך אונטערגעשיידעט פון די קיניגליכע נביאים, פּראָפעסיאָנאַלן. די קיניגליכע נביאים האָבן געדינט אויסשליסליך די קיניגן, זיינען געווען זייערע באַאַמטע, האָבן געזאָגט נבואות פאַר געלט. די פאָלקס-נביאים פלעגן אַרויסטרעטן ווי ליידנשאַפטליכע פאַרטיידיקער פון באַדריקטן פאָלק. זיי פלעגן אָפן אַרויסזאָגן דאָס, וואָס זיי פלעגט אונטערזאָגן זייער געוויסן, און פאַר זייערע נבואות פלעגן זיי גאָרנישט ניט באַקומען, חוץ רדיפות מצד דעם קיניג און די שרים. אנדערש איז אויך געווען דער אינהאַלט פון די נבואות באַ די פאָלקס-נביאים איידער באַ די קיניגליכע נביאים. די קיניגליכע נביאים האָבן געמוזט זאָגן דעם קיניג נבואות וועגן די פאָרקומעדיקע געשעענישן, פונקט ווי די שטערנזעהער, וועלכע די קיניגן פלעגן האַלטן באַ זיך. די פאָלקס-נביאים האָבן געזאָגט נביאות וועגן אַ נייעם גלויבן זיי האָבן גערעדט וועגן דעם, אַז מען האָט עובר געווען אויף דער ערד איבער'ן געטליכן געזעץ פון חסד און גערעכטיקייט, אַז אויף דער ערד געוועלטיקן גזלה און געוואַלט, און זיי האָבן גערופן צו די האַרן פון דער ערד אַז זיי זאָלן ענדערן זייער לעבנס-שטייגער און פּאָליטיק, אויב ניט וועלן זיי אומקומען פון דעם משפּט פון דעם איינאיינציקן גאָט יהוה, וועלכער הערשט איבער דער גאַנצער וועלט. גאָר אַ נייע פאָרשטעלונג האָבן זיי געגעבן וועגן יהוה. דאָס איז שוין ניט מער דער ספּעציעלער גאָט פון יהודה און ישראל, וועלכער לעבט אין הילצערנעם אָרון און לעבט זיך פרידליך איין מיט די צאָלרייכע אָרטיקע געטער. ניין—פלעגן זאָגן די נביאים—אמת איז נאָר איינער אויף דער וועלט, און גאָט איז אויך איינער. יהוה איז דער איינאיינציקער גאָט אין דער גאַנצער וועלט, אַלע איבעריקע געטער זיינען גאָר ניט קעגן אים, זיי מוזן ציטערן פאַר אים און פאַרשוואונדן ווערן; יהוה האָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד און געוועלטיקט מיט יושר איבער דער וועלט. אמת, יהודה און אפרים—דאָס זיינען זיינע ליבלינגס-קינדער, מיט זיין ליבליכער האַנט האָט ער זיי אויסגעלייזט פון קנעכטשאַפט פון מצרים און האָט זיי אָפּגעגעבן פאַר אַ

נחלה דאָס דאָזיקע געבענטשטע לאַנד. נאָר אַזוי ווי יהודה און ישראל האָבן עובר געווען איבער'ן געטליכן געזעץ פון חסד און גערעכטיקייט, און האָבן אפילו פאַרגעסן אינם קיום גופא פון יהוה, ווערט דאָס לאַנד בא זיי אָפּגענומען און איבערגעגעבן צו אַנדערע. יהוה וועט אָנשיקן אויף זיי דאָס געוועטער פון זיין משפט—אשור און בבל, און די דאָזיקע מלוכות וועלן אויספירן דעם טויט־שטראָף איבער די געפּעלשטע דינער פון יהוה. נאָר יהוה איז ניט נאָר אַ צעשטערער, ער וועט לגמרי פאַרניכטן די עוולות און אומגערעכטיקייט און נאָכדעם, וועט ער אויפן אָפּגערייניקטן פעלד איינאָרדענען אַזאַ מלוכה, אין וועלכער ס'וועט ניט זיין קיין בעל־גאוה'ניקעס און קיין פאַראומגליקליכטע „דער קיניג וועט געוועלטיקן לויט'ן געזעץ, און די שרים וועלן פאַרוואַלטן מיט יושר, איטלאכער וועט זיין כמו אַ באַהעלטעניש פון אַ שטורם, כמו אַ שוץ פון אַ שלעכטן וועטער, גלייך צו טייכלאַך וואַסער אין מדבר, כמו אַ שאָטן פון אַ מעכטיקן פעלד אין אַ פאַרשמאַכטן פון דורשט לאַנד". דער דאָזיקער אינהאַלט פון די נביאות פון די פאָלקס־נביאים האָט געמאַכט זייער נאָמען און זייערע געדאַנקען פאַר אומשטערבליכע. ווען די בני־יהודה זיינען צוזייט און צושפּרייט געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט, און צוגלייך מיט דעם האָט זיך איבער דער גאַנצער קולטורעלער וועלט



די אשורים באלאגערן א שטאָט.

אָנגעהויבן פֿאַרשפּרייטן דער קריסטליכער גלויבן, וועלכער האַלט דעם תּנך פֿאַר אַ הייליק בוך צוגלייך מיט דעם ברית החדשה (עוואַנגעליום), זיינען די געדאַנקען און רעדעס פֿון עמוס, ישעיה, ירמיה אויך פֿאַרשפּרייט געוואָרן אין פֿאַרשיידנסטע לענדער, צווישן פֿאַרשיידנסטע פֿעלקער. זיי האָבן באַגייסטערט די פֿייערדיקע פֿאָלקס-פֿריידיקער אין דייטשלאַנד בעת די גרויסע פֿאָלקס-באַוועגונגען פֿון 15-טן און 16-טן יאָרהונדערט, אויך אין ענגלאַנד בעת דער רעוואָלוציע פֿון 17-טן יאָרהונדערט; די דאָזיקע פֿריי-דיקער פֿלעגן זיך אויך אָנרופֿן מיט'ן נאָמען נביאים, פֿלעגן זיי נאָכמאַכן אין זייערע שטראָף-רעדעס קעגן די מאַכט האָבנדיקע, זיי פֿלעגן אויך פֿאָראויסזאָגן, אַז אינגיכן וועט גאָט רופֿן צום משפּט די תּקיפֿים, וועלכע האָבן פֿאַרגעסן דעם יושר פֿון גאָט, אַז נאָך דעם משפּט וועט איינגעאָרדנט ווערן אַ מלוכה פֿון וואוילטאָג און יושר, אַזעלכע נביאים-נאָכמאַכער זיינען געווען אין די אוראַלטע צייטן אויך אין מאָסקווע. אין 16-טן יאָרהונדערט אין די צייטן פֿון איוואַן דעם מוראדיקן פֿלעגט אַרויסטרעטן מיט שטראָף-רעדעס און גייסט פֿון די נביאים מאַקסים גרעק, און אין 17-טן יאָרהונדערט פֿלעגט אַרויסטרעטן מיט שטראָף-רעדעס קעגן די, וואָס האָבן פֿאַרפֿאָלגט דעם אַלטן גלויבן דער פֿאָלקס-פֿריי-דיגער און מאַרטירער, דער פּראָטאָפּאָפּ אַוואַקום, אויך אין אונזערע צייטן לעבן נאָך אַלץ די נבואות פֿון די נביאים און באַוועגן אונזערע געפֿילן און אונזער געדאַנק פּונקט אַזוי ווי מיט דריי טויזנט יאָר צוריק, און זיי וועלן ניט אָנווערן זייער קראַפֿט און ווירקונג, כּל זמן ס'וועט ניט פֿאַרשוואונדן ווערן פֿון דער ערד געוואַלט, שקר און אומגערעכטיקייט און ס'וועט ניט איינגעשטעלט ווערן אַ מלוכה פֿון סאָציאַלן שלום און גערעכטיקייט. ניט מיט ניסים וועט קומען אַזאַ מלוכה, נאָר דאָס בילד, וועלכן ס'האָט אונז אויסגעמאָלט ישעיה, וועט אויף אייביק פֿאַרבלייבן ווי אַ באַגייסטערטער אידעאַל פֿון אָט דער מלוכה.

X.

דער חורבן פֿון מלכות יהודה.

אין הונדערט יאָר אַרום נאָכן חורבן פֿון שומרון איז אויך דאָס קליינע קיניגרייך יהודה געווען גאָר נאָהענט צום אונטערגאַנג. פֿון צפֿון האָט עס געהאָט אַזאַ מעכטיקן שכן, ווי די מלוכה פֿון אַרם-נהרים (מעסאָפּאָטאַמיע) בראש פֿון

וועלכער ס'זיינען אין יענער צייט געשטאַנען די קיניגן פון בבל. צו דרום צו האָבן זיך די געגנטן געפונען אין די הענט פון פרעה. די מצריים האָבן זיך שוין לאַנג געקליבן אַרויסטרעטן קעגן די צפונ'דיקע שכנים פון יהודה, ווייל די אַשורים האָבן שוין לאַנג געהאַט איינגענומען דעם גאַנצן פעניקייאישן ברעג פון מיטל= לענדישן ים, און דער גאַנצער האַנדל פון מצרים איז געווען אין אַ גרויסער סכנה. אַ האַרט געקיקן קאַמף האָבן געמוזט אויסהאַלטן די מצריים, כדי אייַנצו- האַלטן זייער מאַכט און רייַכקייט. און אַט דאָס קלייַנע קיניגרייַך יהודה איז געווען צונויפגעדריקט צווישן די צוויי דאָזיקע ריזן. ניטאָ, דוכט זיך, פאַר אים קיין רעטונג: אָדער דער אָדער יענער שכן וועט אים איינגיכן מוזן אייַנשלינגען; אין אַזאַ שווערער צייט פון געדריקטער אַנגעשפּאַנטער שטימונג האָבן זיך פיל פון די בני=יהודה פאַרטראַכט וועגן דער שווערער לאַגע און געזוכט מיטלען. ווי אַזוי צו געפינען פון איר אַן אויסוועג. די כוהנים פון בית-המקדש האָבן געמיינט, אַז זיי האָבן געטראָפן די אמת'ע סיבה, אַז זיי זייַנען דערגאַנגען פאַר וואָס איז אומגעקומען אפרים, און וואָס דאַרף טאָן יהודה, כדי אויסצומייַדן דעם זעלבן אומגליקליכן גורל. זיי האָבן געזאָגט, אַז דער גאַנצער אומגליק איז אַנגעקומען אויף אפרים'ען דערפאַר, וואָס ער האָט ניט אַנערקענט יהוה פאַר דעם איינאיינציקן גאָט פון ישראל, און זייַן בית=המקדש אין ירושלים פאַר'ן עיקר מקום קדוש פון ישראל. זיי האָבן געזאָגט, אַז גאָט האָט כסדר אייַנגע- טענה'עט מיט די עקשנים, די בני=אפרים: דינט ניט קיין אַנדערע געטער, חוץ יהוה, וועלכער האָט אייַך אויסגעלייזט פון מצרים, — און זיי האָבן ניט געפאָלגט און געטאָן אַלץ לויט זייערע אַלטע געוויינהייַטן, זיי האָבן אָפּגעגעבן כבוד יהוה, אָבער געדינט אויך צו אַנדערע געטער, און אַזוי ווי זייערע אָבות האָבן געטאָן, אַזוי האָבן אויך געטאָן די קינדער. און פאַר דערפאַר, פלעגן זאָגן די כוהנים, איז יהוה אַרייַן אין גרויס צאָרן אויף ישראל און האָט אָפּגעקערט זייַן פנים פון אים, און ס'איז איצט מער ניט פאַרבליבן, ווי דער איינציקער שבט יהודה. אַזוי האָבן געדייַנקט די כוהנים פון ירושלים און אין איין פרט זייַנען זיי גערעכט געווען. וואָלט אפרים געהאַלטן פאַר דעם הויפּט-גאָט יהוה און פאַר דעם הויפּט מקום-קדוש, דעם בית-המקדש אין ירושלים, וואָלט, פאַרשטייט זיך, געקומען אַ סוף צו דער צוטיילונג פון די שבטים; די בני=אפרים וואָלטן זיך צוגעוואוינט גייַן קיין ירושלים דינען גאָט און זיי וואָלטן זיך גיך אייַנגעלעבט מיט'ן געדאַנק, אַז דער אמת'ער קיניג פון ישראל איז טאַקע דער קיניג פון יהודה, ווייל צו אים געהערט דער בית-המקדש און אין זייַן לאַנד איז דער וואוינאָרט פון יהוה.

און דאס גאַנצע פאָלק ישראל וואָלט זיך דעמאָלט פאַראייניקט אונטער דער מאַכט פון איין קיניג, זייער מלוכה וואָלט געוואָרן פיל שטאַרקער און וואָלט געקענט מיט מער זיכערקייט קעמפן קעגן די שונאים, און די כוהנים פון ירושלים וואָלטן אויך ניט צוגעלייגט צו דער צו: אַלע קרבנות וואָלט מען ברענגען אין בית-המקדש און דאס וואָלט געווען לטובת די כוהנים פון ירושלים, אַזוי האבן גע-טראַכט די כוהנים. איצטער, ווען מלכות יהודה איז שוין אויך געשטאַנען נאָ-הענט פאַר אַ געפאַר, האבן זיי געהאַט בדעה דורכצופירן אין מלכות יהודה אָט די וויכטיקע רעפאָרם וועלכע האט זיך ניט איינגעגעבן אין אפרים.

אין מלכות יהודה האבן די כוהנים פון ירושלים אויך געהאַט גאַנץ גענוג קעגנער. אין באר-שבע, חברון, גבעה, אין בית-לחם און אַנדערע שטעט זיינען נאָך פון אַמאָליקע יאָרן געווען אייגענע הייליקייטן; די כוהנים פון די דאָזיקע הייליקייטן האבן געהאַט אַ גאַנץ גרויסע מאַכט, האבן באַזיצט גרויסע נחלאות, זיינען קנאָפּ וואס געווען אונטערטעניק דעם קיניג פון יהודה און האבן געלעבט ווי זעלבסט-שטענדיקע שרים. אין ירושלים גופא האבן די כוהנים פון בית-המקדש אויך געהאַט אַ סך קעגנער: דאָס זיינען געווען די כוהנים פון פאַרשיידענע געטער, וועלכע די קיניגן פלעגן איינפירן באַ זיך, ווענדיק נאָכמאַכן זייערע אויסלענדישע שכנים. ס'זיינען געווען כוהנים פון פעניקיאישן בעל, מולך, עשתרות, און דער זון, און פון דער איבעריקער הימלישער אַרמיי. חוץ דעם, האט יעדע גאַס געהאַט איר מזבח לכבוד דעם גאָט-באַשיצער פון דער דאָ-זיקער גאַס אָדער קוואַרטאַל. די גרויסע צאָל כוהנים פון אָט די אַלע געטער האבן געהאַט



א קאָפּ פון א אידן (פון מלכות יהודה).

פרנסה פון דעמזעלבן מקור, ווי די כוהנים פון בית-המקדש, פון דעם קיניגס גענאַדן. די כוהנים פון נאַציאָנאַלן גאָט יהוה האט דאָס ניט געלוינט און זיי האבן זיך געפילט באַליידיקט דערמיט, וואס זיי מוזן זיך טיילן מיט די כוהנים פון פרעמדע געטער, מיט די חסדים פון קיניג. און איצטער, ווען מלכות יהודה האָט זיך באַ-זונדער געני־טיקט אין אייניקייט און אין אַ שטאַרקער קיניגליכער מאַכט, האבן די כוהנים פון יהוה געפרובט נאָך אַמאָל נויטן דעם קיניג איינצושטעלן, אַז

דינען מעג מען נאָר יהוה און ניט קיין אַנדערע געטער. אַזעלכע פּרובן זיינען שוין געמאַכט געוואָרן צוויי מאָל: ווען דער קיניג יהושפט האט פאַנאַנדערגע־שיקט דעם „ספר הברית“, אין וועלכן ס'איז געווען געשריבן, אַז יהוה איז דער איינאיינציקער גאָט פון ישראל און קיינע אַנדערע געטער טאָר ישראל ניט האָבן און דאס צווייטע מאָל, ווען דער קיניג חזקיהו, וועלכער איז געווען אָנגעשראָקן מיטן חורבן פון שומרון, האט געפּרובט פאַרניכטן אַלע אָרטיקע געצן־בילדער. נאָר דאָס ערשטע מאָל האבן זיך די אָרטיקע כוהנים פּשוט גאָר ניט גערעכנט מיט די געבאָטן פונם פאַנאַנדערגעשיקטן בוך, און דאס צווייטע מאָל האט מען גלייך נאָך דעם קיניגס באַפעל צו צושטערן די אַלטע הייליקייטן זיי באַלד אויפגעריכט צוריק.

אין 640־טן יאָר איז געוואָרן קיניג אין יהודה יאשיהו, וועלכער איז אַלט געווען אַכט יאָר. די כוהנים פון יהוה האבן פון אָנהויב אָן געוואָרגט וועגן דעם קינד און איינגעפלאַנצט אין אים דעם געפיל פון איבערגעגעבנקייט צו יהוה אַז יאשיהו איז עלטער געוואָרן און געוואָרן אַ דערוואַקסענער מאַן, האט ער זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַן איבערגעגעבנסטן דינער פון יהוה און האט באַשלאָסן. איבערצומאַכן און פאַרריכטן דעם בית־המקדש. בשעת ס'איז פאָרגעקומען די אַרבעט אין בית־המקדש, האט מען איבערגעגעבן דעם קיניג, אַז דער כוהן גדול חלקיהו האט געפונען אין בית־המקדש אַ ספר, וואס מען ווייס ניט. פון וואַנעט האט ער זיך דאָרט גענומען; ס'האט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער דאָזיקער ספר איז מיט אַ נס אַריינגעפאַלן אין בית־המקדש, אַז דאס איז אַ ספר־התורה פון יהוה. מע דאַרף מיינען, אַז די כוהנים אַליין האָבן טאַקע אנגעשרבן דעם בוך און דערנאָך האבן זיי געטאָן לויטן מנהג פון מצרים: דאָרט פלעגט מע יעדן נייעם געזעץ אַוועקלייגן אין טעמפּל פון גאָט פון משפט און אמת, טאָט צו די פיס פון זיין סטאַטוע, און דערנאָך פלעגט מען פייערליך דערקלערן דעם פאָלק, אַז צופוסנס באַ גאָט האט מען געפונען אַ נייעם בוך מיט געזעצן, אָנגעשריבן, געוויינטליך, פון גאָט אַליין. חילקיהו האט איבערגעגעבן דעם ספר דעם קיניגליכן סופר (סעקרעטאַר) שפן, און שפן האט אים פאָרגעלייענט פאַרן קיניג. ס'האט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דעם דאָזיקן ספר זיינען פאַרשריבן מצוות און דינים, וועלכע דאס פאָלק האט געדאַרפט אָפּהיטן אין דעם לאַנד, וואס יהוה האט אים אָפּגעגעבן. מע האט געדאַרפט צעשטערן די אַלע ערטער, וואו די פריהערדיקע איינוואוינער פון כנען האבן געדינט זייערע געטער, אַלע במות הייליקע וועלדלאַך, הייליקע מצבות, אַלע מזבחות, דינען דאַרף מען נאָר איין

יהוה און נאָר אין איין אָרט, דאָרט, וואו יהוה וועט אויסוויילן פאַר זיין וואוינאָרט. אין דעם אָרט מוז מען ברייננען אַלע קרבנות אין אַלע ימים-טובים, און אויב עמיצער וועט שעכטן אַ רינד אָדער אַ ציגנבאָק בײַ זיך אין דער היים און וועט אים אויפעסן, וועט עס שוין זיין ניט קיין קרבן, נאָר פשוט אַ סעודה פאַר זיך. מע דאַרף אומברייננען אַלע נביאים פון פרעמדע געטער, אַלע כּישוף-מאַכערס, אַלע שדים באַשווערערס. ס'דאַרפן פאַרבלייבן נאָר די כּוהנים פון יהוה

אין ספר-התורה איז אויך געווען אָנגעוויזן, ווי אַזוי מע דאַרף פייערן די ימים-טובים און ברייננען קרבנות; חוץ דעם, זיינען געווען איבערגע'חזר'ט—מיט קליינע ענדערונגען—די געזעצן וועגן משפט אין די ציוויל-חוקים פון ספר-הברית. דעם קיניג האט מען איינגערעדט, אַז ער זאָל זיך אָפּשרייבן דעם ספר פאַר זיך (דער ספר גופא דאַרף זיין בײַ די כּוהנים) און זאָל אים לייענען די גאַנצע טעג פון זיין לעבן און זאָל זיך ניט אָפּקערן פון דעם געזעץ ניט אויף רעכטס, ניט אויף לינקס. פאַר'ן אויספירן דעם געזעץ האט יהוה צוגעזאָגט דעם פאָלק אַל דאס גוטס: „איך וועל שיקן אויף דײַן ערד רעגן אין דער צייט, דעם פריה-רעגן (יורה) און דעם שפּעטיקן רעגן (מלקוש) און דו (ישראל) וועסט אַראָפּ-נעמען דיין ברויט, דיין וויין און דיין אייל. פאַר דיין פיה אין דיין פעלד וועלן איך געבן גראָז, און דו וועסט עסן דיינע פיה און זיך אָנזעטיקן... יהוה וועט צעשלאָגן די שונאים, וועלכע וועלן אויפשטיין קעגן דיר, מיט איין וועג וועלן זיי אַרויסטרעטן קעגן דיר און מיט זיבן וועגן וועלן זיי אַנטלויפן פאַר דיר; יהוה וועט פאַרטרייבן אַלע פעלקער פון דיין פנים און דו וועסט בייקומען פעל-קער גרעסערע און שטאַרקערע פאַר דיר; יעדעס אָרט, וואו ס'וועט טרעטן דיין פוס, וועט זיין דיינס, פון מדבר ביז לבנון, פון טייך פרת ביז'ן מערב-ים וועלן זיין דיינע גרעניצן". נאָר אויב די געזעצן פון דעם נייעם ספר וועלן ניט אויס-געפירט ווערן, דאַן שרעקט יהוה מיט אַלערליי קללות: „אָנקומען וועלן אויף דיר אָט די אַלע קללות: פאַרפלוכט וועסטו זיין אין שטאט און פאַרפלוכט וועסטו זיין אין פעלד. פאַרפלוכט וועלן זײַן דײַנע שפּײַכלערס און דײַנע שפּײַז-אַל-מערס; פאַרפלוכט איז די פרוכט פון דײַן לײַב און די פרוכט פון דײַן ערד, די פרוכט פון דיינע רינדער און שעפסן... יהוה וועט אָנשיקן אויף דיר שווינדזוכט היץ-קראַנקייטן, קדחת, בראנד-פיבער, טריקעניש, גליהענדיקע ווינטן און געלב-זוכט, די הימלען איבער דײַן קאָפּ וועלן ווערן ווי קופער און די ערד אונטער דיר, ווי אײַזן, אַנשטאָט רעגן וועט דיר גאָט שיקן שטויב, און זאַמד פון הימל וועט פאַלן אויף דיר, ביז דו וועסט ניט פאַרניכטעט ווערן. יהוה וועט אָנשיקן

אויף דיר אַ פאָלק פון דערווייטנס, פון עק וועלט, זיין שפראַך וועסטו ניט פאַר-שטיין, ער וועט דיר דריקן אין אַלע דיינע וואוינערטער, ביז ער וועט ניט צע-שטערן אין דיין גאַנץ לאַנד אַלע דיינע הויכע און פעסטע מויערן, אויף וועלכע דו האָפסט — און דו וועסט צושפרייט ווערן צווישן אַלע פעלקער פון דער ערד. און אַזוי ווי יהוה האט זיך געפרייט, ווען ער האט דיר גוטס געטאָן און געטאָן דיך פאַרמערן, אַזוי וועט זיך פרייען יהוה, ווען ער וועט דיך פאַרטיליקן און פאַרניכטן. פאַרטריבן וועסטו ווערן פון דעם לאַנד, וואס יהוה האט דיר אָפּגעגעבן".*)

אַז יאשיהו האט אויסגעהערט די ווערטער פון דעם נייעם ספר, האט ער פאַר שרעק, וואס ביז איצט האט מען ניט אָפּגעהיט דעם דאָזיקן געזעץ, צע-ריסן אויף זיך זיינע קליידער; ער האט גלייך געשיקט חלקיהו'ן, שפנ'ען מיט צוויי מקורבים צו דער נביאָה חולדה, דער פרוי פון קיניגליכן באַאַמטן שלם, פרעגן זי וועגן די ווערטער פון ספר: „גרויס איז דער צאָרן פון גאָט אויף אונז, ווייל אונזערע אָבות האבן זיך ניט צוגעהערט צו די רייד פונ'ם דאָזיקן ספר". חולדה האט געפרעגט יהוה און געגעבן אָט דעם ענטפער: „אַזוי זאָגט יהוה: איך וועל ברייגגען אַן אומגליק אויף אַלע איינוואוינער פון דעם דאָזיקן לאַנד, אַלע קללות פונם ספר, וואס דער קיניג פון יהודה האט געלייענט, וועל איך אויף זיי אָנשיקן, דערפאַר, וואס זיי האבן מיך פאַרלאָזט און געריכערט צו פרעמדע געטער. דערפאַר, אָבער וואס דער קיניג פון יהודה האט תשובה געטאָן פאַר יהוה און האט צעריסן זיינע קליידער, וועט ער בשלום אַוועק גיין צו זיינע אָבות, און זיינע אויגן וועלן ניט זעהען די צרות, וועלכע גאָט וועט אָנ-שיקן אויפן דאָזיקן אָרט". נאָך אָט דער תשובה איז דעם קיניג מער ניט גע-בליבן ווי באַווייזן יהוה און שטרייננג אָפּהיטן זיין רצון, וועלכער איז אויס-געדריקט אין דעם נייעם ספר. מע האט צונויפגערופן אַלע איינוואוינער פון ירושלים אין בית-המקדש, און דאָרט האט דער קיניג, אַרומגערינגלט פון זיינע הויפּס-לייט, די כוהנים און נביאים פון יהוה, איבערגעלייענט אויפן קול דעם ספר, וועלכן מע האט געפונען אין בית-המקדש. דערנאָך, שטעלנדיק זיך מיט'ן פנים צום אָרון, האט דער קיניג געשוואָרן אָפּהיטן דעם געזעץ, און דאס גאַנצע פאָלק האט נאָכגעזאָגט נאָכ'ן קיניג די שבועה. דערנאָך האט מען אָנגעהויבן אָפּ-רייניקן דעם בית-המקדש. מע האט פון היכל אַרויסגעטראָגן אַלע כלים, וואס

*) אָט דער ספר געפינט זיך אין „דברים" קאַפּיטלאַך 12-26; כדי דער נייער ספר זאָל אויך אַזוי געאַכטעט ווערן, ווי דער ספר-הברית און די עשרת הדברות, האָט מען דערנאָך צוגעשריבן, אַז דעם ספר האָט משה געגעבן דעם פאָלק ישראל פאַרן אַריינגיין אין דאָס לאַנד כנען.

זיינען געווען געמאַכט צו דינען דעם בעל, דער עשתרת און דעם הימלשן חיל, אַלע זייערע געשטאַלטן און הייליקע כלים, די פערד און דעם רייטוואָגן פון דעם גאָט פון דער זון; דאָס אַלץ האָט מען אַרויסגעטראָגן אויסער דער שטאָט ירושלים אין טאָל קדרון און דאָרט עס פאַרברענט; דער תּופת, דאָס הייליקייט פון מולך, וואָס האָט זיך געפונען אין טאָל בן-הנום, איז צעשטערט געוואָרן און מע האָט עס געמאַכט פאַר אַן אָרט, אויף אָפּצוואַרפן אַהין מיסט. דערנאָך איז אויך געקומען די צייט פון די במות, לכתחילה אין ירושלים, דערנאָך אויך אין דער פּראָווינץ: די מזבחות אויף די במות זיינען צעשטערט געוואָרן, די הייליקע בוימער פאַרברענט, די מצבות צעבראָכן, די הייליקע וועלדלאַך אויסגעהאַקט. די כהנים פון אַלע צערשטערטע הייליקייטן האָבן פאַרלאָרן זייערע שטעלעס און פרנסות, נאָר אייניקע כהנים פון די במות האָבן באַקומען שטעלעס ביים בית-המקדש. אַלע שדים-באַשווערער און אַנדערע כישוף-מאַכערס זיינען אויס-געהרג'עט געוואָרן. נאָכדעם ווי דאָס אַלץ איז אָפּגעטאָן געוואָרן, האָט מען גע-פייערט דעם חג-הפסח שטרייגג לויט'ן נייעם געזעץ, ווי ס'איז נאָך קיינמאָל ניט געפייערט געוואָרן ביז דעם טאָג.

די כהנים פון יהוה האָבן דערגרייכט זייער ציל: אויסער דעם בית-המקדש אין ירושלים איז מער קיין הייליקייטן ניט פאַרבליבן. זייערע פרנסות זיינען מיט אַמאָל אויסגעוואַקסן, נאָר ניט לאַנג האָט געדויערט זייער שמחה. אין פיל ערטער האָט דאָס פאָלק באַוויינט זיינע פריהערדיקע געטער, און ווי נאָר יאשיהו איז געשטאָרבן, זיינען אין אַ סך ערטער אין דער פּראָווינץ צוריק אויפגעריכט געוואָרן די במות. די מאַכט פון דעם קיניג פון יהודה איז אַדאַנק דער דורכ-געפירטער רעפאָרם ניט גרעסער געוואָרן, און די אומצופרידנקייט פון פאָלק איז געוואַקסן. באַ אַזעלכע אומשטאַנדן איז שווער געווען פאַר יהודה קעמפן קעגן זיינע שונאים, און דער אומגליקלעכע יאשיהו איז דערהרג'עט געוואָרן אין אַ שלאַכט מיט די מצריים; זיין יורש האָט פרעה גענומען אין געפענקעניש און אויף דאָס לאַנד יהודה האָט ער אַרויפגעלייגט צינז. די רעפאָרם האָט געבראַכט נוצן מער ניט ווי די כהנים, אָבער ניט דעם קיניג; ניט געהאָלפן האָט זי אויך דעם פאָלק.

גראַדע אין יאשיהו'ס צייטן האָט געלעבט דער פאָלקס-נביא צפניה. אין זיינע רעדעס האָט ער געשטראָפט ירושלים פאַר די זעלבע זינד, וועגן וועלכע ס'האָבן גערעדט אויך די פריהערדיקע נביאים. אין דער צייט, ווען יאשיהו האָט געזוכט צו געפינען חסד באַ יהוה און פלעגט פאַרניכטן די אַלטע הייליקייטן

מיט זייערע נביאים, האט אריינגעפירט א נייעם געזעץ, אז מע דארף דינען נאר איין יהוה, אין דער זעלבער צייט האט צפניה אלץ געטענה'ט, אז ירושלים איז שוין אלץ איינס פארפאלן, ווייל עס היט ניט אפ דעם אייביקן געזעץ פון געטליכן יושר. „ווי איז דער הארטנעקיקער, אומריינער, דער שטאט פון געוואלטטאטן! אירע שרים זיינען געגליכן צו ברומענדיקע לייבן, אירע שופטים — צו נאכט-וועלף; אירע נביאים זיינען לייכטזיניקע פאלשע מענטשן; אירע כוהנים פארשוועכן די הייליקייט און זינדיקן קעגן געזעץ!“. נאר דאס, וואס האט גערעדט צפניה, איז נאך גארנישט אין פארגלייך מיט די רעדעס פון דעם לעצטן גרויסן נביא פון יהודה, ירמיה.

ירמיה האט געשטאמט ניט פונם פשוטן פאלק; ער האט געהאט א קליינע נחלה אין ענתות ניט ווייט פון ירושלים; נאר מיט זיין גאנצן לייב און נשמה איז ער געווען איבערגעגעבן דעם פאלק. ער האט הייס געליבט זיין פאטערלאנד און איז גרייט געווען מקריב צו זיין זיין לעבן פאר אים, און אים איז אויסגעקומען איבערצולעבן די לעצטע פערציג יאר פונם קיום פון מלכות יהודה און מיט זיינע אויגן צוזעהן די אלע צרות, וואס דאס פאלק האט געליטן, און דעם ביטערן גלות, אין וועלכן ס'איז אויך אים אויסגעקומען צו גיין. ירמיה האט דאס אלץ געזעהן, ער האט געפילט, אז דער ביטערער גורל פון יהודה איז אומפארמיידליך, ער האט געפילט, אז ער מוז כסדר און שטענדיק ריידן וועגן דעם נאהענטן חורבן, און זיין הארץ האט זיך בא אים געריסן אויף שטיקער. דאס איז געווען א ווייכער, הארציקער מענטש, נאר ניט וועגן ליבע און שלום איז אים אויסגעקומען צו ריידן.

ירמיה איז געווארן א נביא נאך אין זיינע יונגע יארן. יהוה האט זיך באוויזן צו אים און האט אים געזאגט: „נאך איידער איך האב דיך באשאפן אין דיין מוטערס בויך, און נאך איידער דו ביסט געבארן געווארן, האב איך דיך אויסדערוויילט און באשטימט, אז דו זאלסט זיין מיין נביא. זאג ניט, אז דו ביסט נאך צו יונג, ווייל איך בין מיט דיר, כדי דיך צו ראטעווען. אט גיב איך מיינע רייד דיר אין מויל אריין און איך שטעל דיך קעגן פעלקער און מלוכות, פארניכטן און צערשטערן, חרוב מאכן און נידערווארפן, בויען און שאפן. דו וועסט זיין ווי א פעסטונג און א פעלז פאר דעם קיניג פון יהודה, פאר זיינע שרים און כוהנים, און פאר דאס פאלק פון זיין לאנד“. און ירמ'ח'ן איז אויסגעקומען צו ריידן וועגן דעם חורבן און אונטערגאנג פון זיין פאטערלאנד פאר די זינד פון קיניג און זיינע מקורבים. פאר זיינע שטראף-רייד פלעגט מען אים געוואל-

טיק רודפ'ן: צוויי מאָל האט מען אים אַריינגעזעצט אין אַ פּייכטע, פוילע תפיסה, און נאָר דער נאָמען פון אַ גאָטס-מאַן האט אים געראַטעוועט פון טויט-שטראָף. נאָר די יסורים, וועלכע ער האט געמוזט איבערטראָגן צוליב די רדיפות, זיינען געווען גאָרנישט אין פאַרגלייַך מיט די יסורים און ליידן, וועלכע ער האט גע-טראָגן אין האַרצן. ער האט פאָראויסגעזעהן דעם אומפאַרמיידליכן חורבן און דעם נאָהענטן טריאומף פון עולה און בייז, און אים האט זיך געוואָלט וויי-נען, נאָר ער האט קיין טרערן ניט געהאַט. אומזיסט האט ער געבעטן וועגן זיי, אויסרופנדיק: „אָ, ווען מיין קאָפּ וואָלט געוואָרן וואַסער און מיינע אויגן — אַ קוואַל פון טרערן — טאָג און נאַכט וואָלט איך געוויינט איבער די דער-הרג'עטע פון מיין פאָלק!" נאָר קיין טרערן איז ניט געווען, און דער נביא פלעגט כסדר אַלץ האַלטן איינע און די זעלבע שטראָף-רעדעס; ירמיה האט גע-מיינט, אַז ער געפינט זיך שוין אינגאַנצן אין רשות פון יהוה, און ער קען שוין מער ניט ריידן דאס, וואס אים ווילט זיך, נאָר דאס, וואס ס'וויל יהוה. און דע-מאָלט האָט ער פאַרשאָלטן דעם טאָג פון זיין געבורט: „פאַרפלוכט זאָל זיין דער טאָג, ווען איך בין געבאָרן געוואָרן, דער טאָג, ווען ס'האט מיך געבוירן מיין מוטער, זאָל ער ניט זיין געבענטשט! פאַרפלוכט זאָל זיין דער מענטש, וואָס האט געבראַכט מיין פאָטער די בשורה: אַ זון איז דיר געבאָרן געוואָרן — אָט האט ער אים דערפרייט! פאַר וואס בין איך ניט געשטאָרבן אין מיין מו-טערס בויך, און מיין מוטער זאָל געווען זיין מיין קבר! צו וואס בין איך אַרויס פון מיין מוטערס לייב, כדי צו זעהן די יסורים און ליידן און צו פאַרברייַנגען אין שאַנד מיינע טעג!" — אזוי האט זיך ירמיה געפייניקט זיין גאַנץ לעבן, גע-ברענט און געליטן, ביז ער איז אויסגעלאָשן געוואָרן, פאַרברענט פון יהוה'ס וואָרט.

די גאַנצע רעפאָרם, וואס יאשיהו האט אַריינגעבראַכט, איז דורכגעגאַנגען פאַר ירמיה'ס אויגן; ער האט זיך צוגעקוקט, ווען מע האט געפונען דעם ספר-התורה, געזעהן ווי אָנגעשראָקן איז געוואָרן דער קיניג, ווי מע האט געשיקט אָנפרעגן וועגן דעם געפונענעם ספר די נביאָה חלדה, ער איז געווען אין בית-המקדש, ווען דער קיניג האט פייערליך געשוואָרן טריי אָפּהיטן דעם נייעם גע-זעץ. „מוראדיקע און שרעקליכע מעשים ווערן אָפּגעטאָן אין אונזער לאַנד", האט ער געזאָגט, „די נבואים זאָגן פאַלשע נביאות, די כוהנים — זיי גייען פאַראייַנס מיט זיי, און מיין פאָלק — אים געפעלט עס". און ווען אין קיניגליכן פאַלאַץ און אין בית-המקדש זיינען נאָך אַלע מלא שמחה געווען, איז ירמיה געקומען אין בית-המקדש און איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ שטראָף-רעדע קעגן דעם נייעם גע-

זעץ. "פאַרלאָזט זיך ניט אויף די אילוזאָרישע רייד: אָט איז דער היכל פון יהוה, דער היכל פון יהוה, דער היכל פון יהוה! ניין, נאָר דאַן וועל איך אייך לאָזן אויף דעם אָרט, אין דעם דאַנד, וואס איך האב אָפּגעגעבן אייערע אורעלטערן-ווען איר וועט טאַקע טאָן גוטס און אַרויסווייזן אייערע גוטע מעשים, ווען איר וועט משפּט'ן מיט גערעכטיקייט, ניט באַדריקן קיין אָרעמאַן, קיין יתומים און אַלמנות, ניט פאַרגיסן קיין אומשולדיק בלוט. און אי'ר גנב'ט, גזל'ט, איר זייט מנאף, רויבערט דעם בעל און אַנדערע געטער, וועלכע איר קענט אַפילו ניט און נאָכדעם האט איר די העזה צו קומען אַהער, אין דאס הויז, וואס טראָגט מיין נאָמען, און זאָגן: מיר האבן שוין זיך געזיכערט — און איר נעמט זיך ווייטער טאָן די זעלבע שלעכטע מעשים! אָדער דאס הויז, וואס טראָגט מיין נאָמען, איז געוואָרן בא אייך אַ הייל פאַר רויבער? און אַזוי ווי איר טוט אָט די אַלע מעשים, טאָ הערט אויס די רייד פון יהוה: מיט דעם הויז, וואס טראָגט מיין נאָמען, וועל איך טאָן דאס זעלבע, וואס איך האב געטאָן מיט דעם הויז אין שילה, וואס איז געוואָרן צו חורבות, און פון אייך וועל איך אָפּווענדן מיין פּנים, אַזוי ווי איך האב אים אָפּגעווענדט פון אייערע ברידער, די קינדער פון אפרים". די דאָזיקע דרייסטע רייד האבן אַרויסגערופן אַ גרויסע אומצופרידנקייט, די כוהנים האבן זיך געוואָרפן אויף ירמיה'ן מיט צונויפגעדריקטע פויסטן; נאָר דעם נביא, אויף וועלכן ס'האט גערוהט דער רוח פון יהוה, האט קיין זאַך ניט געקענט אָפּהאַלטן! „די נבלות פון דעם פאָלק וועלן ווערן אַ רויב פאַר די פייגל פון הימל און פאַר דיווילדע חיות, און קיינער וועט זיי ניט אָפּטרייבן; און איך וועל איינשטי'לן אין די שטעט פון יהודה און אין די גאַסן פון ירושלים יעדע שמחה און פריילעכ-קייט, די שמחה פון חתן און די שמחה פון דער כלה, ווייל אַ וויסטעניש וועט ווערן פון דעם לאַנד!" — האט ווייטער געקלאָגט ירמיה. „אין יענע צייטן — אַזוי זיינען די רייד פון יהוה — וועט מען אַרויסוואַרפן פון די קברים די ביינער פון די קיניגן פון יהודה און די ביינער פון זייערע שרים, די ביינער פון די כוהנים און די ביינער פון די נביאים און פון די איינוואוינער פון ירושלים, און מע וועט זיי צעוואַרפן פאַר דער זון און דער לבנה און פאַרן גאַנצן חיל פון הימל — זיי האבן זיי ליב געהאַט און זיי האבן זיי געדינט; און צוריק וועט מען זייערע ביינער ניט צונויפקלייבן און מע וועט זיי ניט מקבר זיין, נאר זיי וועלן ליגן, ווי מיסט אויפן פעלד". אָפּגעזאָגט די שטראָף-רייד און קללות, איז ירמיה אַוועק, און דאָס מאָל האט קיינער ניט געוואַגט אים צו פאַרהאַלטן.

און די צייט איז אלץ געגאַנגען, און פון יאר צו יאר איז אלץ קלארער

געוואָרן, אז דער נביא איז געווען גערעכט. ניט בשלום איז יאשיהו געשטארבן; ווי ס'האט אים פאראויסגעזאָגט חלדה. נאָר ער איז געפאַלן אינם קאמף מיט די מצריים; די שרים האָבן אַוועקגעזעצט אויפן טראָן זיין זון, יהואחז'ן, נאָר ער איז אַריינגעפאַלן אין געפענקעניש צו די מצרים, און פרעה האט געמאכט פאַר אַ קיניג זיין ברודער אליקים (יהויקים). נאָר צו דער צייט האט זיך פאַרענדיקט דער לאַנגיאריקער שטרייט צווישן אשור-בבל און מצרים. אין 605-טן יאָר איז באַ כרכמיש פארגעקומען די ענדגילטיקע שלאַכט: די פאַראייניקטע כוחות פון די כשדים און מידיער אונטער דער אנפירונג פון נבוכדנאצר, האָבן בייגעקומען דאָס חיל פון פרעה נכה. נאָך דעם נצחון איז נבוכדנאצר אוועק צו ירושלים. ס'איז געקומען דער סוף,—האט געמיינט ירמיה און אזוי האָבן אויך געמיינט דער קיניג מיט די שרים. ירמיה האט פארשריבן אין אַ בוך זיינע נבואה'ת און האט געהייסן זיין תלמיד, ברוכ'ן, איבערלייענען זיי אין בית-המקדש פאַר די שרים און דאָס פאָלק. אפשר וועט דאָס פאָלק אויסהערנדיק די נבואות, קומען צום שכל, און יהוה וועט אויף אים רחמנות האָבן. אזוי ווי די געפאַר איז געווען גרויס, האט יהויקים גוזר תענית געווען, און אין בית-המקדש האט זיך צונויפגעקליבן צוליב דעם תענית א גרויסער עולם. ברוך איז געקומען אַהין מיטן בוך פון ירמיה'ס נבואות און האט עס אויפן קול איבערגעלייענט. דער בוך האָט זיך פאַרענדיקט מיט די דאָזיקע רייד: „דריי און צוואנציג יאָר האט ירמיה געזאָגט נבואות, פאַר אים האָבן פיל יארן געפריידיקט אנדערע נביאים,—נאר אלץ איז געווען אומזיסט. און איצט האט יהוה פאַרלאָזן זיין וואוינארט, ווי א לייב, כדי צו באַשטראָפן די זינדיקע ערד; יהוה שיקט אָן אויף דאָס לאַנד און זיינע איינוואוינער זיין קנעכט נבוכדנאצר, דעם קיניג פון בבל; און דאס גאַנצע לאַנד וועט חרוב און רואינירט ווערן, און די פעלקער, וואס לעבן דאָ, וועלן זיבעציג יאר דינען דעם קיניג פון בבל". דאס איבערגעלייענטע בוך האט אויפגערודערט אלע שרים און כוהנים; ווען מע האט וועגן דער גאַנצער מעשה דערציילט דעם קיניג, האט ער געהייסן ברייגנען דעם בוך, האט עס איבערגעלייענט אין גלייך מיט די אייגענע הענט פארברענט אין פייער און האָט געהייסן פארהאַלטן ירמיה'ן מיט ברוך'ן. נאָר זיי האָבן זיך באַצייטנס באַהאַלטן. ביים אַנטלויפן האָט ירמיה געהייסן איבערגעבן דעם קיניג די דאָזיקע נבואה וועגן אים: „דו זיצסט אין א הויז פון צעדער-בוימער און דעריבער מיינסטו, אז דו קיניגסט? דיין פאָטער האט דאָך אויך געגעסן און געטרונקען, נאָר ער האט

געטאָן גערעכטיקייט און חסד, און דײַנע אויגן און דיין הארץ זיינען געווענדט נאר אויף אומשולדיק בלוט צו פאַרגיסן, אויף צו רויבן און באַדריקן! דערי־בער זאָגט יהוה וועגן יהויקימ׳ען, דעם זון פון יאשיהו: ווײ איז צו דעם דאזיקן מענטשן! מע וועט אים ניט באַוויינען: אך, מיין ברודער, אך, מיין האַר, נאָר ווי אַן אייזל וועט מען אים מקבר זיין, מע וועט אים אַרויסשלעפּן הינטער די טויערן פון ירושלים און אַוועקוואַרפן אויף די היץ פון טאג און די קעלט פון נאכט און קיין יורש וועט פון אים ניט בלייבן אויף דוד׳ס שטול". און דאָס בוך האט ירמיה אָנגעשריבן אויף דאָס ניי און האט צוגע־געבן נאך פיל שרעקליכע נבואות.

אינגיכן איז נבוכדנאצר צוגעטראָטן צו ירושלים. און יהויקים האט געמוזט זיך ראַטעווען דורך אַ גרויסן צינז. ער האט אנערקענט די איבער־הערשאפט פון בבלישן קיניג און האט דריי יאר אים געצאלט צינז; דערנאך האָט ער געפּרובט פּטור ווערן פון דער איבערהערשאפט, דאַן האט זיך נאכאמאל בא די טויערן פון ירושלים באַוויזן נבוכדנאצר, און ירמיה׳ס נבואה איז טיילווייס מקוים געווארן. פאַר דער צייט פון דער באַלאַגערונג איז יהויקים געשטארבן, און זיין זון יהויכין האט זיך געמוזט אונטערגעבן נבוכדנאצר איז געווען אומ׳ברחמנותדיק: יהויכינ׳ען די שרים און די קריגס־לייט האט ער אַוועקגעפירט פון יהודה קיין בבל; אין יהודה איז פארבליבן נאר די אָרעמע פויערשע באַפעלקערונג, און דער בית־המקדש, אויף וועלכן די מחברים פונם נייעם געזעץ האבן געלייגט אַזוי פיל האָפענונגען, איז רואינירט און צעראַבירט געוואָרן: דאס גאנצע גאָלד און אַלע גאָלדענע כלים האט מען צוגענומען ווי אַ רויב פון דעם גרויסן קיניג. איבער דעם רעשט פון יהודה האט נבוכדנאצר געמאַכט פאַר אַ קיניג יהויכינ׳ס פעטער, צדקיהו, דעם זון פון יאשיהו. דאס איז געשעהען אין 597־טן יאר — דער ערשטער דונערקלאַפּ, וואָס האט געטראָפן יהודה.

ס׳זיינען פאַרבייגעגאנגען פינף יאר. פאַר דער צייט האט צדקיהו גע־פירט אונטערהאנדלונגען מיט פרעה׳ן, וועלכער האט אים צוגעזאָגט אַרויסטרעטן מיט א מלחמה קעגן נבוכדנאצר׳ן גלייך, ווי צדקיהו וועט מורד זיין קעגן בבל. מע האט געמוזט אויספּרובן דעם לעצטן מיטל און דאָ, אין דער צייט פונם אַנטשיידנסטן צוזאַמענשטויס מיט די בבלים, האבן דער קיניג מיט די שרים איינגעשטימט אויף דער גרעסטער הנחה: זיי האבן באַשלאָסן צו באַפרייען אלע זייערע אידישע קנעכט, כדי די פויערים זאָלן אויך פאַרטיידיקן דאס

לאנד קעגן דעם שונא, און זיי זאלן אויפהערן צו מאכן אומרוהען קעגן זייערע הארן. דער געזעץ וועגן באפרייען די קנעכט איז פייערליך דערקלערט געווארן פאר יהוה: מע האט געבראכט א קרבן, און אלע שרים זיינען דורכגעגאנגען צווישן די צעשניטענע חלקים פונם קרבן-רינד, אלס א צייכן, אז זיי וועלן טריי אפהיטן דעם נייעם געזעץ. דאס איז געווען דער ערשטער צופאל, ווען די קיניגן פון יהודה האבן געטאן אזוי, ווי ס׳האבן פארלאנגט די נביאים. דער קיניג האט געשיקט פרעגן ירמיה׳ן וואס וועט איצטער זאגן יהוה וועגן דעם גורל פון ירושלים און יהודה. נאר ירמיה האט שוין לחלוטין אויפגעהערט צו גלויבן, אז יהודה קען נאך געראטעוועט ווערן און ער האט אויך גאנץ ווייניק געגלויבט אין די אויפריכטיקייט פונם קיניג און פון די שרים. די רייד פון יהוה ווערן ניט געענדערט, האט ער געענטפערט, בעסער זיך אונטערגעבן די כשדים, ווייל דער, וואס וועט אויסמיידן זייער שווערד וועט סיי ווי סיי אומקומען פון הונגער און פייער. ארויסגעוויזן האט זיך, אז ירמיה איז געווען גערעכט, וואס ער האט ניט געגלויבט די שרים; נבוכדנאצר האט באלאגערט ירושלים; ווי נאר אבער ער האט אראפגענומען די באלאגערונג, ווען ער האט זיך דערוואוסט, אז קעגן אים איז ארויסגעטראטן מצרים, האבן זיך די שרים בארוהיקט און גלייך צוריק געמאכט פאר קנעכט די אקארשט באפרייטע פויערים. דאן האט ירמיה אליין דערקלערט דעם קיניג און די שרים אין נאמען פון יהוה: איר האט איצט תשובה געטאן און גערעכט געהאנדלט, וואס איר האט באפרייט אלע אייערע אידישע קנעכט, און פאר מיין פנים, אין בית-המקדש האט איר געשלאסן אן אפמאך וועגן דעם. נאר איצט האט איר ווידער פארשוועכט מיין נאמען, אומקערנדיק צו זיך אייערע קנעכט און שקלאפינס, און מיט געוואלט זיי גענויט ווערן צוריק אייערע קנעכט. דערפאר גיב איך פרייהייט איבער אייך דעם שווערד, דער מגפה און דעם הונגער אלע מלוכות פון דער ערד וועלן ציטערן פון שרעק קוקנדיק אויף אייך; אייך, שרים פון יהודה, הויפס-לייט און כוהנים און צדקיהו, דעם קיניג פון יהודה, און אלע זיינע מקורבים גיב איך איבער אין די הענט פון אייערע פיינד, אין די הענט פון בבלישן קיניגס חיל, וועלכער האט איצט אפגעטראטן פון אייך". פאר אזא נבואה האבן די שרים דערקלערט ירמיה׳ן פאר א פאררעטער און א בוגד, מע האט אים ארייגעווארפן אין א פייכטע שמוציקע גרוב, און נאר דאס, וואס פאר אים האט זיך אנגענומען דער קיניג, וועלכער האט מורא געהאט פארן נביא, האט אים געראטעוועט פון טויט

ירמיה׳ן איז געלונגען צו אַנטלויפן, און פון זיין נחלה אין ענתות האט ער זיך צוגעקוקט, ווי ס׳ווערט מקוים זיין נבואה.

נבוכדנאצר האָט גובר געווען די מצריים, האָט זיך גלייך אומגעקערט צו ירושלים און האט באלאגערט די שטאט. ניין חדשים האט געדויערט די באלאַגער:גג; כדי צו פארטיידיקן די שטאט, האָט מען צעבראָכן די הייזער פון די שרים און די קיניגליכע פאַלאַצן און פון זיי געמאכט נייע באַפעסטי-קונגען, מע האט זיך געשלאָגן טאָג און נאכט. נאר מע האָט זיך געמוזט אונטערגעבן. נבוכדנאצר האָט פאַרשאָטן די וואַסערלייטונגען, האָט ניט דורכ-געלאָזן אין שטאט קיין עסנווארג; מע האָט געפרובט זיך ארויסרייסן פון שטאט, נאָר ס׳האָט זיך ניט איינגעגעבן. דאָס גאַנצע חיל, וואָס איז אַרויס פון שטאָט, מיט צדקיהו און זיינע זין, זיינען אריינגעפאַלן אין געפענקעניש; צדקיהו׳ס זין האָט מען דער׳הרג׳עט פאַר אים אין די אויגן, אים אַליין האט מען אויסגעשטאָכן די אויגן און אַוועקגעפירט אין געפענקעניש קיין בבל. ירושלים האָט מען פאַרברענט, אין פייער איז אויך פאַרברענט געוואָרן דער בית-המקדש, די קיניגליכע פאַלאַצן און אַלע הייזער פון שטאָט; די גאנצע כלים פון בית-המקדש, וועלכע זיינען פאַרבליבן נאָך דעם ערשטן צעראַבעווען דעם בית-המקדש, האָט מען צוגענומען קיין בבל, אויך אַלע איינוואוינער פון ירושלים און די לעצטע רעשטלאַך פון דער אַריסטאָקראַטיע זיינען אַוועק-געפירט געוואָרן אין גלות; געבליבן זיינען מער ניט ווי די ערד-אַרבעטער און די אַרבעטער פון די וויינגאָרטנס. דאָס איז געווען דער סוף פון קיניג-רייך יהודה. פון ירושלים זיינען פאַרבליבן חורבות...

אה, ווי איינזאַם איז געוואָרן מיין שטאט, וואָס איז אַמאָל אַזוי פארפולט געווען מיט מענטשן!

אַן אלמנה, וואס בעפינט ניט קיין טרייסט, איז זי געוואָרן, און אַמאָל איז זי געווען אַזוי גרויס!

די קיניגין פון אַלע שטעט געפינט זיך איצטער אונטער אַ פרעמדן יאך,

זי וויינט און וויינט גאַנצע נעכט, טרערן רינען איר איבער די באַקן

גיטא קיינער, ווער זאָל זי טרייסטן, אלע וואס האבן זי ליב געהאט זיינען פארשוואונדן

אַלע טרייע פריינד האָבן בוגד געווען און זיינען געוואָרן
אירע פיינד,
דערשלאָגן איז יהודה, געשמידט אין שווערע קייטן,
פייניקט ער זיך אין דער פרעמד און געפינט ניט קיין מקום מנוחה,
אַראָפּגעריסן איז פון ציונס טאָכטער די קרוין פון איר שיינקייטן
אויסגעפירט האָט יהוה, וואָס ער האָט פאַרטראַכט, זיין וואָרט
האָט זיך אויסגעלאָזן מיט מעשים
און דיין שונא איז שטאָלץ מיט זיין זיג, ס'שטאָלצירן זיינע
הערשער...
רוף זשע צו יהוה, דו טאָכטער פון ציון, וואָס ליגט פאַרשמוצט
אויף דער ערד,
זאָלן טאָג און נאַכט זיך גיסן טרערן, ווי אַ טייך
פאַרזוך ניט קיין שלאָף און קיין רוה און מאַך ניט צו דיינע
מידע אויגן,
גיב אַ קוק, א יהוה, דער גאָט פון ציון, וואָס האָסטו אויפגעטאָן
אין דיין גרימצאָרן!
צי איז דאָס מעגליך, אַז מוטערס זאָלן זיך דערנערן מיט זייערע
אייגענע קינדער?
צי איז דאָס מעגליך, אַז אין דיין הייליק הויז זאָלן געטויט
ווערן כוהנים און נביאים?
אין די גאַסן וואַלגערן זיך מתים, אַלט און יונג ליגן דא צוזאַמען
מיידלאַך און בחורים—אַלע דער'הרג'עט פון שווערד
אויף קיינעם האָסטו קיין רחמנות ניט געהאַט אין דעם טאָג פון
דיין צאָרן
ווי אויף אַ יום-טוב האָסטו זיי צונויפגערופן פון אַרום און אַרום—
זיי זיינען געקומען—און קיינער האָט ניט אויסגעמיטן און זיך
ניט געראַטעוועט פון דיין צאָרן [1].
הערנדיק דעם יאָמער און געוויין, הערנדיק, ווי רחל באַווייגט אירע
זין און קען זיך ניט טרייסטן, ווייל זיי זיינען ניטא, האָט דאָ ערשט ירמיה
געפונען טרייסט-ווערטער. אזוי זאָגט יהוה, זאָגט ער: „האַלט אָפּ דיין שטים

---

1) אַ פרייע איבערזעצונג פון פּסוקים פון „איכה".

פון געווין, טריקן אויס דיינע אויגן פון טרערן: דו וועסט באַלוינט ווערן פאר דיינע ליידן, ס'איז דאָ אַ האָפענונג אין דער צוקונפט. צי איז דען ניט אפרים מיין טייערער זון, צי איז ער דען ניט מיין ליבלינגס-קינד? איך דערבארם זיך איבער אים. און איך מוז אויף אים רחמנות האָבן! קער זשע זיך אום, טאָכטער פון ציון, קער זיך אום אין דיינע שטעט צוריק. און אומקערן וועט זיך אַהיים יהודה און וועט זאָגן: זאָל דיך גאָט בענטשן, וואוינונג פון צדק, הייליקער באַרג. און איך וועל שליסן מיט יהודה א נייעם בונד, איך וועל אַריינלייגן מיין געזעץ אין זיין האַרצן, און ער וועט ווערן מיין פאָלק, און איך וועל זיין זיין גאָט. און דער גאַנצער טאָל, וועלכער איז באַדעקט מיט מתים און אַש, וועט ווערן אַ הייליק לאַנד פון יהוה, וועט קיינמאָל ניט חרוב און ניט צעפאַלן ווערן". די דאָזיקע רייד האָט יהוה גע-זאָגט אין חלום דעם נביא; נאָר דער חלום איז, ליידער, קיינמאָל ניט פאַר-ווירקליכט געוואָרן. אמת, די בני-יהודה האָבן זיך צוריקגעקערט פון גלות, נאָר די נייע געזעלשאפט, וועלכע זיי האָבן געגרינדעט, איז כלל ניט געווען ענליך צו דעם אידעאַל, וועלכן ס'האָבן זיך געמאָלט ישעיה און ירמיה. די טאָכטער פון ציון האָט שוין קיינמאָל ניט באַקומען צוריק די שיינקייט, וועלכע זי האָט געהאַט אין די טעג פון דוד און שלמה.

אַוועקגייענדיג אין גלות, האָבן די שרים און כוהנים ניט עגמת-נפש דערמאָנט זיך אָן די פאַרגאַנגענע טעג פון זייער גרויסקייט, און זיי זיינען אַלץ מער און מער געקומען צו דער איבערציַיגונג, אַז יהוה האָט זיי גע-שטראָפט פאַר זייערע מעשים: ער האָט זיי געגעבן אַ לאַנד, און זיי האָבן בוגד געווען אין אים און ניט געדינט אים. און איינטראַכטנדיק זיך אין דעם ספר התורה פון יאשיהו האבן זיי אין אים אָנגעהויבן צו געפינען אַ סך נבואה'שע רייד און נוצליכן מוסר. אַמאָל, ווען מיר וועלן זיך אומקערן צוריק, האָבן זיי געטראַכט, וועלן מיר אָפּהיטן דעם געזעץ, כדי נאָך אַמאָל ניט צו פאַרלירן דאָס שיינע לאַנד, וואָס יהוה נעמט איצטער אָפּ באַ אונז. און אין גלות איז פון די טרייסט-רעדעס, וועלכע געפינען זיך אין יאשיהו'ס געזעץ, פאַרפאַסט געוואָרן אַ תפילה, וועלכע מע זאָגט נאָך עד היום ביים דאַווענען אין די שולן און וועלכע וועקט נאָך עד היום באַ די צוהערער אַלטע געדאַנקען, ניט פאַרווירקליכטע האָפענונגען און אַ בענקעניש נאָך דעם הייליקן ציון. „שמע ישראל, הער אויס, ישראל; יהוה—איז דיין גאָט, יהוה איז איינ-איינציקער. האָב ליב דיין גאָט מיט דיין גאַנצן האַרצן, מיט דיין גאַנצן נפש

און מיט דיין גאנצער קראפט, און זאלן די ווערטער, וועלכע איך פארזאג דיר איצטער, זיין אין דיין הארץ און חזר זיי איבער פאר דיינע קינדער און זאג זיי די דאזיקע ווערטער בעת דו זיצסט אין דיין הויז, בעת דו גייסט אין וועג, בעת דו לייגסט זיך שלאפן און בעת דו שטייסט אויף. און ביגד זיי ארום דיין האנט, כדי דו זאלסט זיי געדיינקען, און זאלן זיי ווי א באנד זיין פאר דיינע אויגן; שרייב זיי אויך אויף די מזוזות פון דיינע טירן און טויערן... הער אויס, ישראל, שמע, ישראל...

XI.

די ליטעראטור און וויסנשאפט בא די אוראלטע בני-ישראל.

ווען די אידישע שבטים האבן איינגענומען דאס לאנד כנען, האבן די ארטיקע איינוואוינער שוין געקענט לייענען און שרייבן. אויף די ערטער, וואו ס'זיינען געשטאנען די אוראלטע פאלעסטינישע בורגן, האבן די איצטיקע געלערטע געפונען בא די אויסגראבונגען גרויסע זאמלונגען פון ליימענע טאוולען, פארשריבענע מיט'ן כתב, וואס הייסט Keilschrift. דער אינהאלט פון די טאוולען איז א גאנץ פארשיידנארטיקער: גרעסטנטיילס זיינען עס בריף און באריכטן, וועלכע די כנענישע פירשטן פלעגן שיקן זייער הערשער, דעם פרעה פון מצרים. נאר אויף אייניקע טאוולען האט מען געפונען גאר אן אנדער אינהאלט: מע האט געפונען אייניקע טאוולען מיט דער בבלישער דערציילונג וועגן דעם מבול, מע האט געפונען א בבלישע דערציילונג וועגן דעם ערשטן מענטשן, אדאם, און וועגן דעם, ווי אזוי ער האט, א דאנק זיין נארישקייט און אומפארשטענדליכקייט, פארלארן זיין אומשטערבליכקייט. אט דער ארט שרייבן אויף ליימענע טאוולען מיט דעם קליינעס-שריפט איז געווען איבערגענומען בא די בבלים: פאר בבל איז אזא ארט צו שרייבן געווען זעהר באקוועם; דארט איז ניט געווען אזא פאפירוס, ווי אין מצרים, קיין רער-שטעקלאך, פון וועלכע מע פלעגט אין מצרים אויסארבעטן א שרייב מאטעריאל,—ענליך צו אונזער פאפיר. נאר דערפאר איז דארט געווען זעהר פיל ליים, די ליים פלעגט מען אויסנוצן אויף בנינים, פון אים פלעגט מען מאכן ציגל אויף צו בויען די קאלאסאלע קיניגליכע פאלאצן און טעמפלען; פון דעם זעלבן ליים פלעגט מען אויך מאכן טאוולען צום שרייבן, די טאוולען זיינען געווען גלייכעקיקע פון פארשיידענער גרויס, פון סאמע קליינע, גרויס ווי א היינטיקע וויזיט-קארטע פון א קליינעם פארמאט,

ביז גרויסע ווי א בויגן שרייב-פּאפּיר. שרייבן אויף אזעלכע טאוולען האָט מען געמוזט אויף אזא אופן, וועלכער איז כלל ניט ענליך צו דעם, ווי מע שרייבט אויף פּאפּירוס אָדער פּאפּיר: מע האָט ניט באנוצט ניט קיין פעדער, ניט קיין טינט אדער פארבן, נאר מע האט באנוצט שטעקלאך מיט עקן מיט קיילפארמיקע צייכנס, דער שרייבער פלעגט נעמען אַ פּייכטן, אקערשט געמאכטן טאוול, צוערשט פלעגט ער דורכפירן אויף אים גלייכע ליניעס, אויף א גלייכן מרחק איינע פון דער צווייטער, און דערנאָך פלעגט ער נעמען די גויטיקע שטעקלאך און אויסקוועטשן מיט זיי קיילפארמיקע צייכנס; נאר צווישן די גאָר אַלטע בבל׳שע שרייב-צייכנס זיינען געווען ניט נאָר קייל (קלינעס)-צייכנס, נאָר אויך קײַלעכדיקע, אָוואלע, האַלב-קיילעכדיקע און צלמ׳פאָרמיקע. נאָכדעם פלעגט מען די טאָוולען מיט אָנגעשריבענע צייכנס אויסטריקענען און ברענען; נאָך די דאָזיקע אָפּעראַציעס פלעגט די ליים ווערן האַרט ווי שטיין, און צענדליקער טויזנטער אַזעלכע טאָוולען האָבן געקענט אָפּליגן אין אַ משך פון טויזנטער יאָרן, ביז הײַנטיקע צײַטן; פיל פון זיי האבן זיך אַזוי גוט דער-האַלטן פונקט ווי זיי וואָלטן ערשט געמאַכט געוואָרן.

דער בבל׳שער שריפט האָט געהאַט די מעלה, וואָס מ׳האָט געקענט מיט אים שרײַבן אויף פאַרשיידענע שפּראַכן; ער האָט פאַרמאָגט אַ סך אַזעלכע צייכנס, וועלכע באַטײַטן גאַנצע ווערטער און גאַנצע טראָפּן, דעריבער איז מיט די דאָזיקע צײַכנס זעהר לײַכט געווען צו שרײַבן אויף יערער שפּראַך און פאַר-שטײַן די אויפשריפטן, וועלכע זײַנען געמאַכט געוואָרן ערגעץ ווײַט אין דער פרעמד. אונז וועט לײַכט זײַן צו פאַרשטיין די באַקוועמליכקײַט פון אַזאַ מעלה, ווען מיר וועלן זיך פאָרשטעלן, אַז די איצטערדיקע אייראָפּייאישע פעלקער האָבן צוגעטראַכט אַזעלכע צייכנס, וועלכע באַטײַטן גאַנצע ווערטער; אויב, למשל, דעם צײַכן, וואָס באַטײַט דאָס וואָרט „הויז" וועט דערזעהן אַ פראַנצויז, וועט ער אים גלײַך פאַרשטײַן און איבערלײַענען La maison, דער דײַטש וועט איבערלײַענען Das Haus, דער איינגלענדער the house און אַ. וו. דער צײַכן איז איינער און דער זעלבער, די באַטײַטונג איז אויך איינע און די זעלבע, פאַרשיידן איז מער ניט ווי די אויסשפּראַך. דאָס איז די סיבה, אַז פאַר וואָס אַלע פעלקער האָבן אַזוי לײַכט איבערגענומען דעם קלינעס-שריפט: אי די אײַנוואוינער פון פּאַלעסטינע, אי די אשורים, די ארמים, די מידיער און פּערסער. אַזאַ באַטײַטונג האָבן אויך געהאַט די צײַכנס אינם עגיפּטישן שריפט, נאָר דאָרט זײַנען געווען זעהר אָריגינעלע צײַכנס, וועלכע מע

האָט געמוזט ניט אַנדערש, ווי מאָלן, דעריבער איז דער עגיפּטישער שריפט ניט פאַרשפרייט געווען, און אפילו די פרעה'ס פון מצרים האָבן אין זייערע באַציהונגען מיט פרעמדע לענדער באַנוצט מיטן מער באַקוועמען און מער פאַרשפרייטן קלינעס-שריפט.

דעם דאָזיקן קלינעס-שריפט האָבן איבערגענומען אויך די בני-ישראל. כמעט ביזן סאַמע נייַנטן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטליכער צייַט איז דער דאָזיקער שריפט געווען דער איינציקער שרייַב אופן, וועלכן מע האָט באַנוצט אין פאַלעסטינע. מיט דעם שריפט פלעגט מען שרייַבן די קיניגליכע פאַראָרדענונגען, קיניגליכע כראָניקעס, אָפּמאַכן און קאָנטראַקטן. אין גזר האָט מען געפונען צוויי קאָנטראַקטן אָנגעשריבן מיט דעם קלינעס-שריפט; מע דאַרף, הייסט עס, רעכענען, אַז אויך אַלע אַנדערע דאָקומענטן, וועלכע האָבן געהאַט אַ היסטאָרישע און אָפיציעלע באַטייַטונג, זייַנען געשריבן געווען אויף ליימענע טאָוולען מיט דעם קלינעס-שריפט. נאָר פון נייַנטן יאָרהונדערט האָט זיך דער דאָזיקער שרייַב אופן אין פיל צופאַלן אָנגעהויבן אַרויסצואווייַזן זיך פאַר אומבאַקוועם. די אומבאַקוועמליכקייט איז באַשטאַנען דערייַן, וואָס דער קלינעס-שריפט האָט געהאַט זעהר פיל צייַכנס, און מע האָט געמוזט אַ לאַנגע צייַט זיך לערנען, כדי צו באַהערשן די קענטעניש צו שרייַבן מיט דעם קלינעס-שריפט. יעדע שפּראַך האָט דאָך זעהר פיל טראָפּן און נאָך מער ווערטער; און ווי מע האָט זיך ניט באַמיהעט פּשוט'ער צו מאַכן דעם קלינעס-שריפט, מאַכנדיק קלענער די צאָל פון די צייַכנס, איז נאָך אַלץ פאַרבליבן זעהר פיל צייַכנס. נאָך אַ שווערייקייט איז באַשטאַנען דערייַן, וואָס איינער און דער זעלבער צייַכן האָט געהאַט אָפטמאָל פאַרשיידענע באַטייַטונגען: אַמאָל פלעגט ער באַטייַטן אַ וואָרט און אַ מאָל אַ טראָף. דער לייענער האָט געמוזט זייַן אַ גרויסער בקי און זעהר געניט, כדי גלייַך צו פאַרשטייַן די באַטייַטונג פון יעדן צייַכן. די דאָזיקע אומבאַקוועמליכקייַטן האָבן די ערשטע דערפילט די פעניקיער; ווי האַנדלס-לייט, האָבן זיי געוואוסט, אַז צייַט איז געלט, און זיי האָבן ניט געהאַט אַזוי פיל פרייע צייַט, ווי די כוהנים אָדער שרים, וועלכע האָבן פון קיינע דרינגענדיקע ענינים בכלל ניט געוואוסט, וועלכע האָבן געלעבט אויף אַלן פאַרטיקן און געהאַט די מעגליכקייט יאָרנלאַנג צו גריבלען זיך אין די ווערטערביכער און צייַכנס פון דעם קלינעס-שריפט. דעריבער האָט זיך אין פעניקיען באַוויזן אַן אַנדער אופן אויף צו שרייַבן, דער אופן וועלכן ס'האָבן בּאַ די פעניקער נאָכדעם איבערגענומען די גריכן און די איטאַליקער און וועלכער האט זיך

פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. די פעניקיער האָבן אָנגעהויבן צו באַנוצן אן אלף-בית, דאָס הייסט, שרייבן מיט צייכנס, וועלכע באַטייטן קלאַנגען, קלאַנגען האָט די שפּראַך ווייניק, דעריבער דאַרף מען אויך ווייניק צייכנס, נאָר דערפאַר קען מען פון די דאָזיקע צייכנס צוזאַמענשטעלן וואָס פאַר ווערטער



אַ קאָנטראַקט, אָנגעשריבן מיטן קליינעס-שריפט, פון גזר.

מע וויל, אמת, דער פעניקיישער שרייב-אופן איז אויך ניט געווען אן חסרונות; אין אלף-בית האָט אויסגעפעלט וואָקאלן, וועלכע דער לעזער האָט שוין געמוזט אַליין אַריינשטעלן ביים לייענען; חוץ דעם, הגם מיט דעם אלף-בית האָט מען געקענט שרייבן ווערטער פון יעדער שפּראַך, נאָר דאָס אָנגעשריבענע האָט שוין געקענט פאַרשטיין מער ניט ווי אַזאַ מענטש, וועלכער קען די שפּראַך, אויף וועלכער ס'איז אָנגעשריבן, דאָך האָט זיך דער אַרט שרייבן אַרויסגעוויזן פאַר אַזאַ באַקוועמען, אַז ער האָט זיך אינגיכן פאַרשפּרייט אין גאַנץ פאַלעסטינע און איז אַריינגעדרונגען אפילו אין סיריען. ס'זיינען פאַרבליבן אַ סך דיינקמעלער אָנגעשריבענע מיט דעם דאָזיקן שריפט. פון די אידישע

דיינקמעלער איז דער אינטערעסאַנטער די אַזוי גערופענע אויפשריפט פון שילוח *) (כתיבת השילוח) די אויפשריפט איז געמאַכט געווען ביים קוואַל שילוח ניט ווייט פון ירושלים, פון דעם דאָזיקן קוואַל האָט יחזקיהו דורכגעפירט וואַסער קיין ירושלים. ביים אָנהויב פון דער וואַסערלייטונג, אויף דער וואַנט פון טונעל איז געמאַכט געוואָרן די דאָזיקע אויפשריפט, ביזן 1880-טן יאָר האָט מען פון איר קיין אנונג ניט געהאַט; נאָר אין דעם יאָר האָט זי אַ אינגל צופעליק אנטדעקט בעת'ן באָדן זיך, די אויפשריפט איז אויסגעקריצט אויף אַ שטיין און צום באַדויערן זיינען אַ סך ווערטער און אותיות אָפגעריבן דורכן וואַסער, און אינגאַנצן רעסטאַווירן דעם טעקסט האָט זיך ניט איינגעגעבן. דאָרט איז אָנגעשריבן בערך אָט וואָס (די ווערטער, וועלכע מע דאַרף צוגעבן לויטן אינהאַלט, זיינען גענומען אין קלאַמערן): „אַ דורכגעבויערטער קאַנאַל. און דאָס איז געווען דער אַריינגאַנג אין קאַנאַל... דער ברעך-אייזן פון איינעמ'ס (אַרבעטער איז געווען אַנטקעגן (דעם ברעך-אייזן) פון די אַנדערע, און אַז ס'איז געבליבן דורכבויערן



דער אָנהויב פון שילוח-טונעל.

*) געפינט זיך אין מוזיי אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

נאָך דריי איילן (האָט מען דערהערט), די שטים פון איינעם, וועלכער האָט גערופן צום צווייטן, ווייל ס'איז (דורכגעהאַקט געווען א דורכגאַנג) פון דרום און פון צפון; און אינם טאָג (ווען ס'איז פאַרענדיקט געוואָרן) דאָס בויערן האָבן די שטיינהאַקער אַ קלאַפּ געטאָן איינער אַנטקעגן דעם צווייטן, אַ ברעך-אייזן אַנטקעגן אַ ברעך-אַייזן; דאַן האָט זיך אַ גאָס געטאָן דאָס וואַסער פון קוואַל אין אַ וואַסער האַלטער פון 1200 איילן די ברייט. און דער פעלז איז געווען אויף 100 איילן הויך איבערן קאָפּ פון די שטיינהאַקערס". ווי דער לייענער קען זעהן, זיינען די צייכנס פון דער דאָזיקער אויפשריפט ניט גלייך צו די איצטיקע פירקאַנטיקע אידישע אותיות. די לעצטע פאָרם האָט זיך אויסגעאַרבעט שפּעטער, נאָך גלות-בבל דורך דער מאָדיפיצירונג פונם אוראַלטן שריפט. מיט דעם זעלבן שריפט ווי די אויפשריפט פון שילוח זיינען געמאַכט געוואָרן די אויפשריפטן אויף אייניקע שטעמפּלען פון ישראל און יהודה, למשל די שטעמפלען פון ירבעם דעם צווייטנס צייטן און אויך אַנדערע. פון די נאָהענטסטע שכנים פון די בני-ישראל האָבן מיט דעם זעלבן שריפט געשריבן די בני-מואב. זייער קיניג מישע, וועלכער האָט געלעבט אין איין צייט מיט אחאב'ן (אין דער ערשטער העלפט פון 8-טן יאָרהונדערט) האָט אויף אַ שטיינערנע



די אויפשריפט פון שילוח.

ברעט געמאַכט אן אויפשריפט, וועלכע האָט זיך דערהאַלטן עד היום און וועלכע רעכנט זיך פאַר דעם אוראַלטסטן דיינקמאל פון פאַלעסטינישן אותיות-שריפט *). דער אינהאַלט פון דער אויפשריפט איז זעהר אינטערעסאַנט פאַר אַלע, וואָס אינטערעסירן זיך מיט דער אידישער געשיכטע, מיר געפינען דאָרט

*) געפינט זיך אין פאַריז, אין לובר.

דערציילונגען וועגן די זעלבע קיניגן, וועגן וועלכע ס׳דערציילט אויף דער תנך: וועגן עמרי און זיין זון אחאב, וועגן דעם ווי מישע האָט געקעמפט מיט זיי, און זיין גאָט כמוש האָט געקעמפט מיט יהוה, דעם גאָט פון ישראל, ער האָט אָפּגעדאַנקט דעם גאָט כמוש׳ן פאַר די הילף און האָט אים געבויט אַ טעמפּל, און ישראל איז אויף אייביק אומגעקומען (!), וועגן דעם, ווי אַזוי מישע און אחאב האָבן געבויט איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן פעסטונגען און שטעט און אַ. וו...

מישע׳ס אויפשריפט שטעלט מיט זיך פאַר אַ מוסטער פון די כראָניקעס (דברי-הימים) וועלכע ס׳האָבן דאַן געפירט די פּאַלעסטינישע שרים און קיניגן. יעדער פון זיי האָט געהאַט זיין געלערטן מזכיר, וועלכער האָט געקענט שרייבן מיט דעם קלינעס-שריפט און מיט אותיות; אט דער מזכיר פלעגט שרייבן די בריוו און פלעגט פירן די כראָניקעס פון די מעשים פונם קיניג, וועלכן ער האָט געדינט; וועגן אַזעלכע כראָניקעס רעדט שטענדיק דער ספר „מלכים״ פון תנ״ך. נאָר צום באַדויערן ווערן דאָרט זעהר זעלטן געבראַכט פראַגמענטן פון די דאָזיקע כראָניקעס. אנשטאָט דעם, ווערט פשוט געזאָגט: און דאָס איבעריקע, וואָס דער און דער קיניג האָט אויפגעטאָן, איז פאַרשריבן אין די כראָניקעס פון יהודה אָדער ישראל. די מחברים פון „מלכים״ האָבן שטענדיק געהאַט פאַר זייערע אויגן די דאָזיקע כראָניקעס און געקענט זיי אויסנוצן, און מיר איצטער קענען מער ניט ווי מאַכן השערות וועגן זייער פאָרם און אינהאַלט. די מעשה וועגן די גבורות פון קיניג האָבן זיך אַוודאי אָנגעהויבן אויף אַזאַ אופן, ווי ס׳הויבט זיך מיט שפּאַלן אַן די גדלות׳דיקע מישע׳ס אויפשריפט: איך, מישע, דער זון פון כמושגד, דער קיניג פון מואב, פון דיבון. מיין פאטער האט געקיניגט איבער מואב דרייסיג יאָר, און איך האב געקיניגט נאך מיין פאָטער און האב געבויט דעם דאָזיקן טעמפּל פאַר כמוש אין כרכה, א טעמפּל פאר די הילף א״ן צ. וו. אַזעלכע קיניגליכע כראָניקעס האט מען מסתמא געשריבן ניט אויף שטיינערנע אָדער ליימענע טאָוולען, נאָר גיכער פאַר אַלץ אויף פּאַפּירוס, וועלכן מע פלעגט ברייגנען צופירן פון מצרים, זינט ס׳האָט זיך אַנטוויקלט דער האנדל אין פּאַלעסטינע, ט וואלטן זיי געווען פאַרשריבן אויף שטיין אָדער ליים, וואלטן וואָסערע ניט איז פראגמענטן פון זיי זיך דערהאַלטן ביז אונזערע טעג; נאר אויב זיי זייגען געווען אנגעשריבן אויף פּאַפּירוס, זיינען זיי מסתמא פאַרברענט געוואָרן ביים חורבן פון שומרון און ירושלים, ווען די אשורים און די בבלים האבן איינ-

גענומען די דאָזיקע שטעט. ס'קאָן זיין, אַז זיי זיינען ניט פאַרפאַלן געגאַנגען ביים אייננעמען די שטעט, נאָר זיינען שפּעטער אין גלות פאַרניכטעט געוואָרן פון די כּוהנים, וועלכע האָבן צונויפגעשטעלט די ספרים „שמואל“ און „מלכים“. אַז די ספרים זיינען געוואָרן צונויפגעשטעלט, האָבן זייערע מחברים געקענט מיינען, אַז די כראָניקעס זיינען שוין מער ניט נויטיק און זיי האָבן אויפגעהערט צו זאָרגן וועגן זיי, און פאַרן לייענער איז דאָך פיל באַקוועמער און אנגענעמער געווען צו לייענען גאַנצע ליטעראַטור-ווערק, איידער איינצלנע כראָניקעס.



א שטעמפּל פון חנניה בן עכבר פון ירושלים.

דעם קלינעס-שריפט האָט מען באַנוצט אין די אָפיציעלע דאָקומענטן; אים האָבן גוט גע-קענט די קיניגליכע סופרים און אפשר אויך די כּוהנים, וועלכע האָבן אָפּט צוזאַמענגעשטעלט די געזעצן, נאָר די סופרים, וועלכע האָבן צונויפגעשטעלט די ערשטע ליטעראַטור ווערק, האָבן זיך באַנוצט מיט אותיות-שריפט, הגם זיי האָבן, ווי געבילדעטע מענטשן פון זייער צייט, אוודאי אויך געקענט לייענען דעם קלינעס-שריפט און גוט באַקאַנט געווען מיט דעם אינ-האַלט פון די בבלישע לעגענדעס און מסורות. ווער זיינען געווען די ערשטע סופרים, ווייסן מיר ניט; מיר ווייסן נאָר, וועלכע ביכער זיי האָבן אָנגע-שריבן. דאָס זיינען „דאָס בוך פון די מלחמות פון יהוה“ (ספר מלחמות יהוה) און „דאָס בוך פון דעם גערעכטיקן“ (ספר הישר). אין די דאָזיקע ביכער זיינען געזאַמלט די לעגענדעס וועגן די אוראַלטע אידישע גבורים און העלדן. די דאָזיקע לעגענדעס פלעגן געשאַפן ווערן פון די פאָלקס-מאַסן גופא, אַזוי ווי ס'זיינען געשאַפן געוואָרן די לעגענדעס וועגן איליאַ מוראָמעץ און אַנדערע העלדן אָדער די גריכישע לעגענדעס וועגן די העלדן פונם טראָיאַנישן קריג און וועגן די פאַסירונגען פון אדיסיי. אַ גרויסער שאָדן, וואָס די דאָזיקע ביכער זיינען ניט דערגאַנגען צו אונז; פון די פראַגמענטן זייערע, וועלכע געפינען זיך אין פאַרשיידענע ספרים פון תנ"ך, קען מען זעהן, אַז לויט דער רייכקייט פון די פאַסירונגען און לויט זייער פּאָעטישן גייסט שטייען זיי ניט נידעריקער פאַר די רוסישע און גריכישע לעגענדעס. דאָס ערשטע אָרט, דאַרף מען מיינען, פאַרנעמען די לעגענדעס וועגן די ערשטע אַנטדעקער פונם קופּערנעם און

אייזערנעם געווער. דאָס זײַנען געװען מעכטיקע העלדן, די אָפּשטאַמער פון קין׳ען. קין האט זיך דער ערשטער אויסגעבויט אַ שלאָס, און זײַנע קינדס־קינדער האבן די ערשטע אַנטדעקט דאס, וואָס איז אַזוי טײַער און ליב געװען דעם הארץ פון דעם אידישן פירשט און קריג־מאַן. יובל האָט געשאַפן די מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, די ציטרע און דאָס פייפל, און איז געװען דער שטאַמפאַטער פון אַלע מוזיקאַנטן, װעמענס שפּיל ס׳האָבן אַזוי ליב געהאַט צו הערן די אידישע קיניגן און פירשטן; תובל־קין האָט געפינען די קונסט צו שמידן שווערדן און אַנדערע געווער פון קופּער און איז געװען דער שטאַמפאַטער פון אַלע שמידן און געווער־מאַכערס; און נאָך איינער פון קין׳ס אָפּשטאַמער למך, האָט דער ערשטער אָנגעהויבן מיט געווער אין די הענט פאַרטיידיקן זיך און זײַן כבוד און האָט דער ערשטער אײַנגעפירט דעם מנהג פון בלוטיקער נקמה, צוליב װעלכן ס׳איז געפירט געװאָרן אין די אוראַלטע צײַטן אַזוי פיל בלוטיקע מלחמות. די אידישע פירשטן האָבן ליב געהאַט איבערצו׳חזר׳ן זײַן ליד, וואָס איז פאַרשריבן אין חומש.

עדה און צלה, הערט אויס מײַנע רייד
איר, פרויען פון למך, פאַרנעמט מײַן װאָרט:
אַ דערוואַקסענעם טויט איך פאַר אַ וואונד
און אַ קינד פאַר אַ שראַם!
זיבן מאָל װערט גענומען נקמה פאַר קין׳ען
און זיבן און זיבעציג מאָל פאַר למך׳ן.

דערנאָך זײַנען געגאַנגען לעגענדעס װעגן די העלדן־גבורים, אונטער װעמענס אָנפירונג די בני־ישראל האָבן אײַנגענומען דאס לאַנד כנען. יעדער שבט האָט געהאַט זײַנע גבורים און זײַנע לעגענדעס, נאָר לויט אַלע לעגענדעס איז דער אָנפירער און דער העלפער פון אַלע גבורים איינער און דער זעלבער גאָט יהוה. די גבורים קעמפן מיט די כנענישע פירשטן, די שלאַכטן צווישן די בני־ישראל און די כנענים קומען פאָר אויף דער ערד. אין דער זעלבער צײַט פירט דער אידישער גאָט יהוה מלחמה מיט די כנענישע געטער, און די שלאַכטן פון די געטער קומען פאָר אויפן הימל, איר געדײַנקט ווי עס שטייט געשריבן אין דבורה׳ס שיר.

געקומען זײַנען מלכים, מלחמה געהאַלטן,
דאַמאָלס געשלאָגן האָבן זיך די מלכים פון כנען —
אין רויב אָבער זילבער האָבן זיי ניט באַקומען!

פון הימל געשלאָגן האָבן זיך די שטערן
פון זייערע שטעגן געשלאָגן זיך מיט סיסראַ'ן.

אין דעם ספר זיינען געווען לעגענדעס וועגן יהושע, דעם זון פון נון דעם ערשטן אָנפירער פון די אידן ביים איינגעמען דאָס לאַנד כנען, ס'זיינען געווען לידער וועגן דבורה'ן, גדעונ'ען, יפתח'ן. נאָך די לעגענדעס וועגן די גבורים און שופטים זיינען געווען לידער וועגן די ערשטע קיניגן. די לעגענ-דעס האָבן געשילדערט די גבורות פון שאול'ן און דערנאָך די רויבערישע און קריגערישע גבורות פון דוד'ן. דער „ספר הישר" האָט זיך מסתמא פאַרענדיקט מיט דוד'ס ליד אויפן טויט פון שאול'ן און יהונתנ'ען, וועלכעס איז שוין אויך באַקאַנט די לעזער. דער „ספר מלחמות יהוה" איז אַפנים צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אין די קיניגליכע קרייזן. די קיניגן און שרים האָט פאַרשאַפט פאַרגניגן צו זאַמלען די לידער וועגן די גבורות פון זייערע אורעלטערן און נאָך מער פאַרגניגן האָבן זיי געהאַט פון אויסהערן, ווי מע זינגט די לעגענדעס אונטערן אַקאָמפּאַנימענט פון אַ אַרפע. פאַר שאול'ן איז דוד'ס זינגען און שפּילן געווען דער בעסטער מיטל פון דער גייסטיקער קראַנקהייט, וועלכע האָט אים גע-פּייניקט. דער „ספר הישר" האָט אַוודאי געהאַט דעמזעלבן אינהאַלט, נאָר אונטער אַן אַנדער נאָמען און אפשר האָט ער זיך אַביסל אָפּגעשיידט לויט זיין צוזאַמענשטעלונג; די אַלע ציטאַטן, וועלכע ווערן געבראַכט אין תנ"ך פון „ספר הישר" זיינען, לכל הפחות, אויך אַזוי קריגעריש לויט זייער אינהאַלט ווי די ציטאַטן פון „ספר מלחמות יהוה".

אויסער די לעגענדעס, האָבן די קיניגן פון דוד'ס הויז זיך באַמיהעט צו זאַמלען אויף וויפל ס'איז נאָר געווען מעגליך אלע פאָלקס-דערציילונגען וועגן די קיניגן פון דוד'ס הויז, וועגן דוד'ן גופא און וועגן שלמה'ן. אַזעלכע פאָלקס-דערציילונגען איז געווען זעהר אַ סך, און פיל פון זיי זיינען תחילת אויך מסתמא געווען פאָלקס-לידער. פון די אַלע דערציילונגען זיינען אין ירושלים צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן דריי גרויסע ביכער. אין דעם ערשטן בוך ווערט דערציילט די געשיכטע פון דוד'ן ביז ער איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַר אַ קיניג, דאָס צווייטע בוך דערציילט וועגן דעם, ווי אַזוי דוד האָט גע-קיניגט, און דאָס דריטע בוך שילדערט די צייט פון שלמה'ס מלוכה, דער-ציילט וועגן זיינע בנינים, זיין גדולה און זיין אויסערגעוויינטליכער חכמה. וועגן דעם אינהאַלט פון די דאָזיקע דריי ביכער ווייסן מיר אַ סך מער, ווי וועגן דעם אינהאַלט פון „ספר מלחמות יהוה" און דעם „ספר הישר", ווייל

די מחברים פון די ספרים „שמואל” און „מלכים” האָבן איבערגעשריבן פון די דאָזיקע ביכער גאַנצע שטיקער. אין יענע צײַטן האָט מען צוזאַמענגעשטעלט די ביכער, ניט אַזוי ווי אין היינטיקע צייטן; מע האָט גאָר ניט געהאַלטן פאַר קיין בזיון בוכשטעבלין איבערצושרײַבן אַלטע ביכער אריינטראָגנדיק נאָר קלײַנע ענדערונגען און הוספות; אַזוי פלעגן אויך טאָן אין די אוראַלטע צייטן אַפילו די באַרימטעסטע גריכישע און רוימישע שרײַבער, למשל, די היסטאָריקער טיט ליווי און דיאָניסי פון האליקארנאס. אדאַנק דעם האָבן די מאָדערנע געלערטע געהאַט די מעגליכקײַט צו צעגלידערן די היסטאָרישע ספרים פון תנ״ך.



שמע׳ס, ירבעם דעם צווייטנס קנעכט, א שטעמפל.

ווען ס׳זײַנען צונויפגעזאַמלט געוואָרן די לעגענדעס און פאָלקס-דערציילונגען, האָבן זיך די געבילדעטע מענטשן אין יהודה און אפרים פאַרטראַכט וועגן אָט דער פראַגע: און וואס איז געשעהען מיט דעם פאָלק, איידער ער האָט זיך באַזעצט אין לאַנד כנען, פון וואַנען שטאַמט ער, ווער זײַנען זײַנע שטאַמפאָטערס, וואָס האט ער איבערגעלעבט און ווי אזוי האָט ער אויסגעקליבן דאָס לאַנד כנען פאַר זײַן וואוינאָרט? ענטפערן אויף די פראַגן איז געווען אַ גאַנץ שווערע זאך, ווייל בײַ די אידישע שבטים, ווי אויך בײַ איטליכן פאָלק, איז פאַרבליבן זעהר ווייניק זכרונות פון זייער לעבן אין די אוראַלטע צייטן. דאס, וואס ס׳איז געלונגען צו זאַמלען, איז זעהר ווינציק געווען, און קיין געשיכטע מיט אַ סדר קען מען דערפון ניט מאַכן, וואָס טאָרט טוט מען?

די אידישע שרייבער האָבן געטאָן דאָס זעלבע, וואס ס'פלעגן טאָן די שרייַ-
בער פון אַנדערע פעלקער, ווען זיי פלעגן דאַרפן שרייַבן די געשיכטע פון
אַזעלכע צייטן, פון וועלכע זייַ האָבן ווייַניק וואס געוואוסט. דאָס, וועגן וואס
מע ווייס ניט, קען מען דאָך ממלא זיין מיט אייגענע איינפאלן און השערות
און עפעס קען מען דאָך אויך גנבענען פון די בבלישע און עגיפטישע לעגענ-
דעס, און אויף אַזאַ אופן איז צום סוף פון אַכטן אדער אָנהויב פון זיבעטן
יאָרהונדערט שוין באַ ישראל געווען צווייַ ביכער, וועלכע האָבן דערציילט,
ווי אזוי און פון וואַנען האָט זיך גענומען דאָס אידישע פאלק, וועגן די
ערשטע צייַטן פון זיין לעבן, איידער ער האָט זיך באַזעצט אין כנען. איין
בוך איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אין דרום-פּאַלעסטינע, אין ירושלים, דאס
צווייטע בוך אין צפון-פּאַלעסטינע, אין אפרים. די ביכער זייַנען צוזאַמענ-
געשטעלט געווארן פון די כוהנים; די מחברים האָבן זיך באַמיהט צו דער-
ווייזן, אַז דער גורל פון ישראל איז נאָך פון לאַנג אָן באַשטימט געווען
דורכן רצון פון גאָט. אין חומש געפינען מיר אַ סך פראגמענטן פון דעם
בוך, וואס איז צוזאַמענגעשטעלט געווארן אַין יהודה, און פיל ווייניקער
פראַגמענטן פון דעם, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט געווארן אין אפרים; דעריבער
קען מען פעסטשטעלן כמעט דעם גאַנצן אינהאַלט פון דעם בוך פון יהודה.

דער מחבר פונם יהודה'ישן בוך וועגן דער אָפּשטאַמונג פון די בני-
ישראל איז געווען אַ איבערגעגעבענער אָנהייַנגער פון יהוה, און ער האט,
אַזוי ווי די נביאים, געהאלטן, אז יהוה האָט באַשאַפן די ערד און דעם הימל;
די היינטיקע געלערטע רופן אים דעריבער אָן „יהוה'סט". זיין בוך האט ער
אנגעהויבן מיט דער מעשה, ווי אַזוי גאט האָט באַשאפן דעם הימל, די ערד
און דעם מענטשן, ווי ער האָט באַזעצט דעם מענטשן אין אַ וואונדערבאַרן
גאָרטן, און ווי דער מענטש האט געזינדיקט קעגן יהוה און זייענדיק אנגע-
רעדט פון דעם שלאַנג, האט ער פאַרזוכט פון די פאַרבאָטענע פרוכט פון
עץ-הדעת. דערפאר האט יהוה פאַרטריבן דעם ערשטן מענטשן, אָדמ'ען, מיט
זיין פרוי חוה פון דעם וואונדערבאַרן גאָרטן, האט אפּגענומען באַ זייַ די
אומשטערבליכקייט און זייַ האָבן אין שוויס געמוזט באַארבעטן די ערד.
דערפאַר, וואס די מענטשן האבן ווייטער געזינדיקט, האט יהוה אנגעשיקט
אויף זיי אַ מבול; געראַטעוועט זיך פון דעם מבול האט נאר דער פרומער נח
מיט זיינע דרייַ זין, שם, חם און יפת; און זיי זיינען געווארן די שטאַמפאַ-
טערס פון אַלע פעלקער פון דער ערד. אַלע מענטשן האָבן תחילת גערעדט

אויף איין שפראך, גאר דערפאר, וואס זיי האבן געוואלט בויען א טורעם ביזן הימל די הויך און אראפווארפן די געטער פון די הימלען, האט יהוה צעמישט זייערע לשונות, זיי האבן אויפגעהערט צו פארשטיין איינער דעם צווייטן און זיינען זיך פונאנדערגעגאנגען אין פארשיידענע לענדער. די אפשטאמער פון שם האבן פארנומען פאלעסטינע, סיריען און מעסאפאטאמיע; הייסט עס, אז אלע פעלקער, וואס לעבן אין די דאזיקע לענדער, זיינען קרובים איינער מיט דעם צווייטן. אט אזוי שטעלט זיך פאר דער יהוה'יסט די אור-אלטע געשיכטע פון דער מענטשהייט. ער האט צונויפגעשטעלט זיין געשיכטע דערהויפט לויט די בבלישע לעגענדעס. צום ביישפיל, די בבלישע מעשה וועגן דעם מבול האט ער מער ניט ווי פארקירצט און איבערגעביטן די נעמען, די דערציילונג וועגן בויען דעם טורעם פון בבל האט ער איבערגע'חזר'ט כמעט בוכשטעבליך, און די אידישע לעגענדעס וועגן דעם וואונדערבארן פאטערלאנד פון די מענטשן האט ער פארפוצט מיט פארשיידענע בבלישע מאטיוון. עפעס האט ער אויך ארויסגענומען פון דעם „ספר מלחמות יהוה“, צום ביישפיל די מעשה מיט קין'ען און זיינע אפשטאמער.

נאך דער אוראלטער געשיכטע פון דער מענטשהייט, גייט דער יהוה'יסט איבער צו דער געשיכטע פון דעם אידישן פאלק און פון זיינע ערשטע אבות. ער זאגט, אז ישראל און די קליינע און קרובה'שע פעלקער, מואב, עמון, אדום האבן געהאט אן אלגעמיינעם שטאמפאטער תרח, אברהם'ס פאטער — און דעריבער זיינען די אלע פעלקער קרובים איינער מיטן אנדערן. דאס לאנד כנען איז געווען דאס אנפאנגליך וואוינארט פון אברהם'ען, אים האט גאט אליין אנגעוויזן דאס דאזיקע לאנד. אברהם, זיין זון יצחק און זיין איניקל יעקב אדער ישראל האבן נאך פון אוראלטע צייטן געוואנדערט איבער כנען. אין פארשיידענע ערטער, וואו זיי פלעגן זיך אפשטעלן רוהען, פלעגט זיך פאר זיי אנטפלעקן יהוה; אויף די דאזיקע ערטער פלעגן די אבות בויען מזבחות און די ערטער פלעגן פארהייליקט ווערן — אויף אזא אופן דערקלערט דער יהוה'יסט, פון וואנען עס נעמען זיך די אוראלטע הייליקייטן פון ישראל. יעקב-ישראל איז געווען דער שטאמפאטער פון אלע אידישע שבטים; ער האט געהאט צוועלף זין, וועלכע דער יהוה'יסט האט אנגערופן מיט די נעמען פון די אידישע שבטים: ראובן, גד, שמעון, יהודה, בנימין און א. וו.; יעדער זון איז געווען דער שטאמפאטער פון א געהעריקן שבט. נאר ווי אזוי איז עס געשעהען, אז די בני-ישראל האבן געמוזט איינגעמען דאס לאנד כנען, אויב אין דעם לאנד האבן נאך פון

אוראַלטע צײַטן געלעבט זייערע אָבות? דאָ האט זיך דער יהוה'יסט דערמאָנט, אַז ס'איז געווען עפּעס אַן אומקלאָרע לעגענדע וועגן דעם, אַז די בני-ישראל פלעגן בײַם וואַנדערווען אַרײַנקומען אין מצרים. מצרים איז געווען באַרימט מיט זײַן וואונדערבאַרער פּרוכפּעריקייט, און פּאַלעסטינע איז געווען אַן אָרעם לאַנד און דאָרט פלעגן אָפט זיך טרעפן אומגערעטעניש. און דער יהוה'יסט האט זיך פאָרגעשטעלט, אַז די מעשה איז אַוודאי פאָרגעקומען אַזוי: אין כנען איז געווען אַ הונגער, און יעקב מיט זײַן הויזגעזינד האט צײַטווײַליק איבערגעוואַנדערט קיין מצרים. און דאָרט האבן די פּרעה'ס פון מצרים זיי געפּייניקט מיט שווערע אַרבעט; יהוה האט דערהערט דאס קרעכצן פון די בני-ישראל און האט זיי געשיקט אַן אויסלייזער, דעם נביא משה. ביז דער צייט האט דער יהוה'יסט געקענט שעפּן גענוג מאַטעריאַל פון פאַרשיידענע פאָלקס-גלויבונגען און לעגענדעס, נאר וועגן משה, וועלכער האט אויסגעלייזט די בני-ישראל פון מצרים, איז זעהר ווייניק באַוואוסט געווען; מע האט מער ניט ווי דערציילט, אַז אין די גאָר אוראַלטע צייטן איז געווען אַזאַ חכם און נביא; כדי צו דערציילן גענוי פון משה'ס לעבן האט דער יהוה'יסט אויסגענוצט די וואונדערבאַרע מעשיות וועגן דעם עגיפּטישן גאָט אָזיריס. פונקט ווי דעם גאָט אָזיריס האט געוואָלט טויטן זײַן שונא, דער גאָט סעט, אַזוי האט אויך משה'ן, ווען ער איז נאָך געווען אַ וויג-קינד, געוואָלט טויטן זײַן שונא, דער פּרעה פון מצרים; פונקט ווי סעט, מײַנענדיק אַז ער האט געהרג'עט אָזיריסן, האט אײַנגעבאַלזאַמירט זײַן קערפּער, אַרײַנגעלייגט אין אַ קאַסטן און האט אים אַרײַנגעוואָרפן אין טייך נילוס, אַזוי האט אויך משה'ס מוטער, וועלכע האט מורא געהאַט פאַר פּרעה'ס רדיפות, געמוזט אַרײַנלייגן דעם אָקאָרשט געבאָרענעם משה'ן אין אַ קערבל, פאַרגיסן מיט פּעך און אַספּאַלט און אַרײַנוואַרפן אין נילוס; אָזיריסן, אויף צו להכעיס סעטן, האט געפונען די געטין איזידאַ, האט אים אַרויסגענומען פון קבר, געמאכט אים ווידער לעבעדיק און חתונה געהאַט מיט אים; משה'ן, אויף צו להכעיס פּרעה'ן, האט געפונען זײַן אײגענע טאָכטער, האט געראַטעוועט דאס קינד פון אומפאַרמײַדליכן טויט, האט אים גענומען צו זיך אין פּאַלאַץ און האט אים אויסגעלערנט אַלע מצרישע חכמות. אַזוי איז משה אויסגעוואַקסן; און ווען יהוה האט, באַווײַזנדיק זיך צו משה'ן אין אַ ברענעדיקן דאָרן, אים גערופן אויסצולייזן דאס פאָלק ישראל, האט משה אָנגעשיקט אויף מצרים אומגעהערטע ביז אַהער מכות דערפאַר, וואָס פּרעה האט ניט געוואָלט אַרויסלאָזן די בני-ישראל. ער האט פאַרוואַנדלט דאָס וואַסער פון נילוס אין בלוט, ער האט אָנגעשיקט פרעש, וועלכע האבן אויפגע-

געסן דאס גאנצע גראָז און האָבן אָנגעפילט די הײַזער פון די מצרים. דערנאָך האָט ער אָנגעשיקט כינים (אינסעקטן), אַ פעסט אויף חיה, דערנאָך אַ האָגל, אַ הײַשעריק. דאָס זײַנען אָבער ניט קיין אויסגעטראַכטע מכות: מצרים האָט שטענדיק געליטן פון אַזעלכע אומגליקן. נאָר פרעה האָט אַלץ ניט געוואָלט נאָכגעבן; ערשט דאַן, ווען ס'איז אָנגעקומען די זיבעטע (צענטע?) מכה, ווען גאָט האָט אַרויסגעשיקט איבער מצרים דעם גייסט פון אַ מגפה, וועלכער פלעגט טויטן אַלע בכורים אין מצרים, ערשט דאַן האָט זיך פרעה דערשראָקן און האָט אַרויסגעלאָזן די בני-ישראל. פערציג יאָר האָבן זיי געוואַנדערט איבער'ן מדבר צווישן מצרים און פאַלעסטינע אונטער דער אָנפירונג פון משה'ן; בײַם באַרג סיני זײַנען זיי אַ לאַנגע צײַט געשטאַנען, אויף דעם דאָזיקן באַרג, דעם אורזאַלטן וואוינאָרט פון יהוה, איז משה אַרויף און האָט באַקומען פון יהוה די עשרת הדברות, וועלכע יהוה האָט אַליין אויסגעקריצט אויף צוויי שטיינערנע לוחות, און דאָס בוך פונם בונד (ספר הברית). נאָך פערציג יאָר וואַנדערן איז משה געשטאָרבן, אויף זײַן אָרט האָט יהוה באַשטימט יהושע, דעם זון פון נון, און אונטער זײַן אָנפירונג האָבן די בני-ישראל אָנגעהויבן אײַננעמען דאָס לאַנד כנען, מיט דער דערציילונג וועגן יהושע דעם זון פון נון ענדיקט זיך דאָס בוך פון דעם יהוה'יסט.

דער אינהאַלט פון דעם בוך, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אין אפרים, איז אונז ניט אַזוי באַקאַנט, ווײַל דער חומש האָט פון אים גאָר ווייניק דערציילונגען גענומען, דאָרט ווערט דערציילט בערך דאָס זעלבע, וואָס אין דעם בוך פון דעם יהוה'יסט, נאָר דער מחבר ענדערט פיל אויף זײַן שטייגער. אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט ווענדעט ער אויף די געשיכטע פון יוסף'ס אָפּשטאַמונג. אפרים און מנשה, ווערט דערציילט אין דעם דאָזיקן בוך, זײַנען געווען זין פון יוסף דעם שיינעם, יעקב'ס זון; יוסף'ס ברידער האָבן אים ניט ליב געהאַט דערפאַר, וואָס ער איז געווען באַליבט פון גאָט און האָט געזען נבואה'שע חלומות. ער האָט געזען אין חלום, אַז די זון, די לבנה און די שטערן, דאָס הייסט, זײַן פאָטער, מוטער און ברידער בוקן זיך צו אים; און דער חלום האָט באַטייט, אַז יוסף וועט זײַן דער ערשטער בײַ ישראל. די ברידער האָבן אים פון קנאה פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט קיין מצרים. נאָר אַדאַנק דעם, וואָס ער האָט געקאָנט פאַרשטיין אַ חלום און אים פותר צו זײַן, איז ער אין מצרים דערהויבן געוואָרן: ער האָט פותר חלום געווען פרעה'ן זײַנע פאַרבאָרגענע חלומות, וועלכע ס'האָבן ניט געקענט דערקלערן די חכמים פון מצרים, דערמיט האָט ער

מציל געווען מצרים פון א הונגער און האט באקומען פון פרעה׳ן גרויסע מתנות און איז עולה לגדולה געוואָרן אין פרעה׳ס הויף. זיין פאָטער און ברידער האבן זיך געמוזט בוקן צו יוספ׳ן, ווען געיאָגטע פון הונגער זיינען זיי געקומען קיין מצרים און געבעטן דאָרט ברויט. מיט אַזעלכע דערציילונגען האבן זיך די בני-אפרים, וועלכע האבן געפילט, אַז זיי שטייען העכער פאַר די אָרעמע און אומ-אַנטוויקלטע בני-יהודה, באַמיהעט צו דערוויזן זייער יחוס און זייער רעכט צו פאַרנעמען דאָס ערשטע אָרט בּאַ ישראל. נאָר אויך דער מחבר פון דער מעשה מיט יוספ׳ן האט זיך ניט געקענט באַגיין אָן דעם, ער זאָל עפּעס ניט נעמען פון דער עגיפּטישער ליטעראַטור, כדי צוזאַמענצושטעלן זיין מעשה מיט יוספ׳ס פאַסירונגען אין מצרים, האט ער אויסגענוצט דעם אינטערעסאַנטן עגיפּטישן ראָמאַן וועגן דעם העלד-האלבגאט באַט.

אָט אַזעלכע זיינען געווען די פּאָעטישע און די ערציילערישע ליטעראַטור בּאַ די אוראַלטע בני-ישראל; אָט די גאַנצע ליטעראַטור קען מען אָנרופן וועלטליכע; נאָר חוץ דעם, איז נאָך געווען אַ רעליגיעזע ליטעראַטור. מיט אייניקע ווערק פון דער רעליגיעזער ליטעראַטור זיינען מיר שוין באַקאַנט; דאס זיינען די ספרים פון די נביאים און די מעשיות וועגן זיי, נאָר אויסער דער ליטעראַטור פון די נביאים איז געווען נאָך אַ ליטעראַטור פון די כוהנים. די כוהנים פון בית-המקדש פלעגן פאַרפאַסן מזמורים און תפילות צו יהוה; איצטער טראָגן די מזמורים און תפילות דעם נאָמען פּסאַלמען (קאַפּיטלאַך תהלים). זאַמלען די פּסאַלמען אין איין ספר, וואס הייסט איצט „תהילים”, האט מען אָנגעהויבן ערשט נאָכדעם, ווי מע האט זיך צוריק געקערט פון גלות-בבל; דעמאָלט אָבער זיינען מער אָנגעגאַנגען מזמורים, און דעריבער האט זיך ביז אונזערע טעג דערהאַלטן גאַנץ ווייניק אַלטע מזמורים;(* ס׳האט זיך דערהאַלטן, למשל, דער מזמור, וועל-כער איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן לכבוד דעם, וואס ירושלים איז אין 701-טן יאָר ניצול געוואָרן פון סנחריב׳ס חיילות. „לאָז זיך פרייען דער באַרג ציון, און לאָזן זיך פרייען די טעכטער פון יהודה צוליב דעם משפט פון יהוה, רינגלט אַרום ציון, ציילט זיינע טורעמס, קוקט אויף זיינע מויערן, גייט זיך דורך איבער זיינע פּאַלאַצן — איר וועט דערציילן דעם צוקונפטיקן דור, אַז אונז האט גע-האָלפן יהוה, אונזער גאָט! אייביק וועט ער זיין אונזער פירער!” (תהלים קאַפּ. מח”). ס׳איז פאַרבליבן אַ מזמור, פאַרפאַסט לכבוד דער חתונה פון עפּעס אַ קיניג — דאָס

*) ווער סוויל זיך געגויער באַקאַנען מיט די פּסאַלמען, קען איבערלייענען מיין בראָשור, „דער קיניג דוד און די פּסאַלמען” אויסגאַבע פון פאַרלאַג „פּיראַמידא”.

איז דער קאַפּיטל מה״, — און נאָך אייניקע. אַט די אַלע ספרים, סיי רעליגיעזע, סיי וועלטליכע, זיינען געווען אָנגעשריבן אויף לאַנגע בלעטער פּאַפּירוס: די בלעטער פלעגט מען אַנוויקלען אויף צוויי וואַלצן און ביים לייענען פלעגט מען אָפּוויקלען פון איין וואַלץ אויף דעם צווייטן. דעריבער האָבן די ביכער געהייסן מגילות.

די אַלע ליטעראַרישע ווערק דריקן אויס די פּאָעטישע גאוני׳שקייט פון דעם אוראַלטן פאָלק ישראל אין איר גאַנצער שיינקייט. הגם מיר קענען איצט באַקאַנט ווערן נאָר מיט פראגמענטן פון די דאָזיקע ווערק, און דאָס אויך פאַר־דאָרבענע און פאַרדרייטע דורך די מחברים פון די ספרים פון תנ״ך און דורך די שפּעטערדיקע מפרשים, דאָך קענען מיר מיט דער גאַנצער רעכט זאָגן, אַז די פּאָעטן און שרייבער פון ישראל זיינען אין פיל פּרטים טאַלענטפולער און גרעסער פון זייערע רביים, די בבלים אַפילו, און שטייען ניט נידעריקער פאַר די בעסטע פּאָעטן און שרייבער פון אוראַלטן גריכנלאַנד, דערפאַר אָבער האָבן די בני־ישראל גאָרנישט־ניט געשאַפן קיין אָריגינעלעס אויפן געביט פון וויסנ־שאַפט און קונסט. אין יענע צייטן איז געווען נאָר איין וויסנשאַפט — חכמת בבל, ווי זי האָט דאָן געהייסן; די גאַנצע דאַמאָלסדיקע קולטורעלע וועלט האָט גע־שטודירט די דאָזיקע וויסנשאַפט, געשטודירט האָבן זי אויך די בני־ישראל.

די בבלישע וויסנשאַפט איז געשאַפן געוואָרן אין אַ משך פון טויזנטער יאָרן. נאָך מיט 3 טויזנט יאָר פאַר דער קריסטליכער צייט, ווען בא די טייכן טיגער און יעופראט האָבן נאָך געלעבט די סומערן, וועלכע די בבלים האָבן שפּעטער אונטערטעניק געמאַכט, האָט זיך שוין דאָרט אָנגעהויבן די אַרבעט פונם שעפערישן געדאַנק. נאָך פון אוראַלטע צייטן האָט אין טאָל צווישן טיגער און יעופראט געבליהט די ערד אַרבעט; דער ערד־אַרבעטער נויטיקט זיך אין אַ לוח מער ווי אַ מענטש, וואָס פאַרנעמט זיך מיט אַ וואָסער גיט איז אנדער אַר־בעט, למשל, מיט יאָגד אָדער מיט פיה־האָדעווען. דער ערד־אַרבעטער מוז אויס־מערקזאַם זיך צוקוקן צו דעם, ווי ס'בייט זיך דער וועטער אין די צייטן פון יאָר, ער זאָל קענען אויסקלייבן די פּאַסיקסטע צייט צום זייען, צום אַראָפּנעמען דאָס ברויט און דאָס היי. די גרעסטע גוט־באַזיצער אין דעם אוראַלטן בבל זיינען געווען די כוהנים; אין זייער רשות האָבן זיך געפונען געוואַלטיק גרויסע גיטער, וועלכע האָבן געהערט צו די טעמפּלען פון די געטער, מיט טויזנטער לייבקנעכט. דעריבער האָבן די כוהנים אָנגעהויבן צו באַטראַכטן דעם הימל, די זון און די שטערן, ווייל זיי האָבן באַמערקט, אַז די צייט פון יאָר הייגנט אָפּ פון דער

באוועגונג פון דער זון, און דעם ,וועטער קען מען פאָראויסזאָגן נאָך דער פאָרם פון די וואָלקנס און נאָך דעם שימערן פון דער לבנה און די שטערן. די כוהנים, וועלכע האָבן זיך אין א משך פון יאָרן און הונדערטער יאָרן צוגעקוקט צום הימל, האָבן צונויפגעשטעלט לכתחילה א לוח. דערנאָך אגאנצע ספּעציעלע הייליקע וויסנשאַפט. די וויסנשאַפט האָט גערעט וועגן דעם, אז אַלע באוועגונגען פון די הימלשע ליכט האָבן זעהר א וויכטיקע באַטייטונג פאר די איינוואוינער פון דער ערד, די זון, די לבנה און די פינף פּלאַנעטן, וועלכע מ'קען זעהן מיט אן אומבאוואָפנטן אויג (ווי מיר רופן זיי מערקור-נאָבו, ווענוס-עשתּרת, מאַרס-נערגאל, יופּיטער-מארדוק, סאַטורן-ניניב) — דאָס זיינען די אויסדריקער פון דעם געטליכן רצון. אויף די הימלען לעבן די געטער, זיי באוועגן די פּלאַנעטן, די זון און די לבנה און נאָך דער באוועגונג און דער צווישן-שטעלונג פון די דאָזיקע פּלאַנעטן קען דער מענטש דערקענען דעם רצון פון די געטער. אויב מע זאָל זיך צוקוקן צו דעם אַלץ, וואָס אויפן הימל קומט פאָר, אויך צו דער באוועגונג פון די וואָלקנס און צום בלאָזן פונ'ם ווינט — די וואָלקנס און דער ווינט געפינען זיך אויך אין רשות פון די געטער — קען מען גאַנץ ריכטיק פאָראויס זאָגן די צוקונפט. די בבלישע כוהנים פלעגן טאַקע צונויפשטעלן אַזעלכע פאָראויסזאָגונגען. נאָך די שטערן פלעגן זיי טרעפן, ווי אַזוי וועט זיך פאַרענדיקן די שלאַכט, די מלחמה, אָדער וואס פאר א גורל וועט האָבן דער אָדער יענער מענטש; זייערע פאָראויסזאָגונגען פלעגן זיי פארשרייבן אויף ליימענע טאָוולען, און טויזנטער אַזעלכע טאָוולען האָבן זיך דערהאַלטן ביזן היינטיקן טאָג. חוץ דעם האָבן די כוהנים געהאַלטן פאר הייליקע די צאָלן, וועלכע זיי פלעגן באַקומען ביים נאָכמערקן דעם הימל; די דאָזיקע צאָלן האָבן זיי געהאַלטן פאַר סודות'דיקע, וועלכע זיינען אײַנגעשטעלט פון די געטער; די ערשטע הייליקע צאָל איז צוויי, ווייל ס'איז פאַראַן צוויי גרויסע ליכט אין הימל, די זון און די לבנה, דאָס ליכט פון טאָג און דאָס ליכט פון דער נאַכט. ווייטער איז אַ הייליקע צאָל דריי, ווייל די זון און די לבנה ווערן שטענדיק באַגלייט פון אַ דריטן ליכט, פונם סאַמע העלן שטערן, — די פּלאַנעט ווענוס-עשתּורת, דער פריהמאָרגן שטערן און אָוונט-שטערן. ווייטער איז אַ הייליקע צאָל — זיבן, ווייל ס'איז פאַראַן זיבן גרויסע ליכט-פּלאַנעטן אויפן הימל. דערנאָך גייט די צאָל צוועלף, ווייל אין משך פון יאָר ווערט די לבנה צוועלף מאָל געבאָרן, ס'איז פאַראַן צוועלף חדשים. די צאָלן,* וואס טיילן זיך אויף די דאָזיקע צאָלן, זיינען אויך הייליק; אין יאָר איז דורכשניטליך 360 טעג — דאָס

איז אויך אַ הייליקע צאָל, 360 טיילט זיך אויף 5, 10 און 12, הייסט עס, אַז פינף און צען זיינען אויך הייליקע צאָלן. דעריבער האָבן די בבלישע געלערטע גע׳חשבונ׳ט ניט אַזוי ווי מיר; זיי האָבן געציילט ניט אויף צענדליגער, נאָר צו זעכציג, דאָס הייסט, ביז זעכציג און דערנאָך צו זעכציג. די בבלישע געלערטע האָבן געמיינט, אַז אַט די דאָזיקע הייליקע ליכטער און די הייליקע צאָלן פאַרוואַלטן מיט׳ן גאַנצן לעבן פון דער וועלט, און זיי האָבן זיך באַמיהעט צו דערקלערן אַלץ וואָס זיי זעהען און דערוויסן זיך אויף דער ערד מיט דער הילף פון זייער וויסנשאַפט, און אין באַשרייבונגען, לעגענדעס און דערציילונגען באַנוצן די דאָזיקע הייליקע צאָלן. די דאָזיקע הייליקע וויסנשאַפט פון די בבלים קען מען אָנרופן אַסטראָלאָגיע, דער נאָמען, אונטער וועלכן זי איז באַקאַנט געווען די אוראַלטע גריכן און דערנאָך דער מיטלאַלטערישער אייראָפּע.

די דאָזיקע אַסטראָלאָגישע וויסנשאַפט האָט שוין געהאַט אַ לאַנגן קיום אין בבל, ווען באַ די בני-ישראל האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן געלערטע און שרייבער. די לעצטע האָבן געהאַט אַ באַגריף וועגן איר, און זי האָט געהאַט אויף זיי אַ גרויסע ווירקונג. די מחברים פון די ספרים פון תנ״ך האָבן זעהר ליב געהאַט די הייליקע צאָלן; אָפטער און מער פאַר אַלע אַנדערע צאָלן באַנוצן זיי די צאָלן זיבן און צוועלף, ווייל דאָס זיינען געווען די איינפאַכסטע און צום מיינסטן פאַרשטענדליכע צאָלן; אין אַ וואָך איז זיבן טעג, אין אַ יאָר צוועלף חדשים. די באַליבטעסטע צאַל איז געווען זיבן; די צאָל זיבן, פלעגן זאָגן די חכמים, איז פאַראייביקט אויפן הימל און אין דער גאַנצער וועלט, און די גאַנצע נאַטור לויבט די דאָזיקע צאָל. זיבן, זיבן מאָל זיבן (49), זיבעציג — ווערן שטענדיק באַנוצט אין תנ״ך ביים רעכענען די צייט; אין ערגעץ איז ניט געווען פאַרשריבן, וויפיל ס׳האָבן געלעבט די אבות, די שופטים און די קיניגן, וויפיל זיי האָבן געהאַט קינדער — און דער יהוה׳יסט און אַנדערע שרייבער האָבן אַליין אויסגעטראַכט די צאָלן, אויסנוצנדיק די צאָלן זיבן און צוועלף און די צאָלן, וואָס טיילן זיך אויף זיי. מע האָט אַפילו געפירט אַזאַ צייטרעכענונג: פון בריאַת העולם ביז׳ן מבול איז פאַרבייגעגאַנגען 480 יאָר, 480 יאָר — פונ׳ם מבול ביז יציאַת מצרים, 480 יאָר — פון יציאַת מצרים ביז ס׳איז אויסגעבויט געוואָרן דער בית-המקדש און א. וו. די צאָל צוועלף גופא ווער אויך זעהר אָפט באַנוצט. ווען מע פלעגט רעכענען, וויפל אידישע שבטים איז געווען, פלעגט מען זעהען אָנרעכענען ניט אַנדערש ווי צוועלף; דער מחבר פון „שופטים" ציילט-אָן צוועלף שופטים, אַ מזבח פלעגט מען מאַכן ניט אַנדערש ווי פון צוועלף שטיינער

ס׳זיינען אויך געווען ספעציאַליסטן-שטערנזעהער (אסטראָלאָגן); זיי פלעגן ווערן אויסגעהאַלטן בײַ די קיניגליכע הויפן, נאָר מיר ווייסן ניט, צו זיינען זיי געווען פון אידישע אָפּשטאַמונג, אדער געלערטע אײַנגעלאַדענע פון בבל. די אסטראָ-לאָגן האָבן געהייסן שטערנזעהער; די פאָלקס-נביאים האָבן ניט ליב געהאַט די דאָזיקע שטערנזעהערס און פלעגן זיי שטראָפן אין זייערע רעדעס, פונקט ווי די איבעריקע קיניגליכע נביאים און טרעפער. נאָר דער לוח בײַ די בני-ישראל איז געווען ניט קיין בבלישער. אז די בני-ישראל האָבן איינגענומען כנען, האָבן שוין די ערד-אַרבעטער כנענים געהאַט זייער אייגענעם לוח און דעם דאָזיקן לוח האָבן די בני-ישראל מסתמא איבערגענומען בא די כנענים. דער אנהויב יאָר אין בבל פלעגט זיין אין פרילינג. ווען ס׳פלעגן זיך פאַנאַנ-גיסן די טייכן טיגער און יעופראַט און מיט זייערע וואסערן באַפייכטן און פרוכפעריק מאכן דאס לאַנד; די בבלים פלעגן זאגן, אז דאס האט אויפגעלעבט נאָך דעם ווינטער-שלאָף דער גאָט פון דער זון, און מיט זיין אויפלעבונג הויבט זיך אָן א ניי יאָר. דאס יאָר אין בבל פלעגט זיך רעכענען נאָך דער באוועגונג פון דער זון און ניט פון דער לבנה ווי אין כנען (א לבנה-חדש האלט 28 מיט פערטל טעג און צוועלף אזעלכע חדשים איז ווייניקער ווי אַ זון יאָר). און אין פאַלעסטינע פלעגט זיך דאס יאָר פאַרענדיקן מיטן סוף פון די ערדווירטשאַפטליכע אַרבעטן; דער לעצטער הארבסט יום טוב, דער חג האסיף, איז געווען א יום טוב לכבוד דעם אָנהויב פון א נייעם יאָר. פאר דעם אנ-הויב פון דעם נייעם יאָר פלעגט מען האלטן די צייט פון דער פולער לבנה אין הארבסט, און צו דער צייט איז געווען צוגעפאסט דער חג-הסוכות. ערשט נאָך גלות-בבל האָבן די בני-ישראל איבערגענומען דעם בבלישן לוח און אנגעהויבן רעכענען דעם בירגער-יאָר פון פרילינג פון דעם ערשטן פרי-לינגס-מולד. אויך דאַן זיינען די אוראַלטע נעמען פון די חדשים: אביב, זיו בול, איתנים פארביטן געווארן מיט נייע וועלכע זיינען געווען איבערגענו-מענע פון די בבלים.

ניט נאָר אַסטראָלאָגיע אַליין האָבן די בני-ישראל איבערגענומען בא די בבלים. די בבלים זיינען געווען אַ האַנדלס-פאָלק; זיי זיינען פיל אַרומגעפאָרן איבער דער וועלט און האָבן שוין געהאַט אייניקע פאָרשטעלונגען וועגן דער קאָנסטרוקציע פון דער ערד; די כוהנים האָבן זיך באַמיהעט אויסצופאָרשן, ווי אַזוי ס׳איז קאָנסטרואירט דער הימל און אויף אַזאַ אופן האָבן זיי אויסגעאַרבעט אַ פלאַן פון דעם וועלטגעבוי. אויב מע זאָל פון בבל פאָרן צו דרום, מערב

אָדער צפון מוז מען קומען צו אַ ים; נאָר צו מזרח זיינען געווען הויכע בערג, איבער וועלכע די בבלים האָבן זיך ניט געקענט איינשטעלן איבערצוגיין. נאָר זיי האָבן באַמערקט, אַז די זון גייט אונטער אין מערב-זייט, אין ים; באַ זיי איז געבליבן, אַז אויפגיין מוז די זון אין ים, הייסט עס, אַז הינטער די בערג צו מזרח איז ווידער אַ ים, און באַ זיי איז געבליבן, אַז די ערד שטעלט מיט זיך פאָר אַ באַרג, און אויפן מערב-זייט פון דעם דאָזיקן באַרג געפינט זיך בבל; דער באַרג איז אַ קיילעכדיקער און ער איז אַרומגערינגלט מיט אַ ים, און פון אויבן, ווי אַן אומגעקערטער שאָל, שפּאַרט זיך אָן אויף דעם באַרג דער הימל, די הימלישע וועלט, און די הימלישע וואַסערן גייען זיך צונויף מיט די ערדישע וואַסערן. די ערד איז געבויט אַזוי, ווי דער הימל: אויף דער ערד איז פאַראַן יבשה, וואַסער און לופט, דאָס איז דערפאַר, ווייל אויפן הימל איז אויך דאָ יבשה, וואַסער און לופט, דער הימלישער אָקעאַן—דאָס איז דער אונטערשטער טייל פון הימל אויפן האָריזאָנט, וועלכער גיסט זיך צונויף מיט דעם ערדישן אָקעאַן; די הימל-יבשה—דאָס איז דער פּאַס פון די מזלות, וועלכער ציהט זיך ווי אַ ראַמבע איבער דעם הימלישן אָקעאַן; אויף דעם פּאַס באַוועגן זיך די זון, די לבנה און די פינף פּלאַנעטן. און ווייטער גייט שוין די הימלישע לופט. אונטער דעם ערדישן באַרג געפינט זיך אַן אָפּגרונט, דער גיהנום, וואו סיפּאַלן אַריין די נשמות פון די פאַרשטאָרבענע. דורך דער דאָזיקער אונטערערדישער הייל גייט דורך די זון יעדע נאַכט פון מערב-עק פון דער ערד ביז איר מזרח עק, כדי אויף דאָס ניי אָנצוהויבן איר באַשטענדיקן מהלך איבערן הימל. אָט די אַלע באַגריפן פון די בבלים זיינען אויך באַקאַנט געווען די געלערנטע בני-ישראל; די בני-ישראל האָבן אַליין וויינציק וואָס געטראַכט און קיין אייגענע פאַרשטעלונג וועגן דעם וועלטגעבוי האָבן זיי ניט געקענט האָבן. די פאַרשטעלונג פון די בבלים איז געווען זעהר צוגעפּאַסט צו זייערע באַגריפן, נאָר זיי האָבן אַריינגעטראָגן אין איר גאַנץ וויכטיקע שינויים. זיי האָבן גע- האַלטן, אַז די ערד איז ניט קיין באַרג, נאָר אַ פלייך, אויף וועלכן ס'דערהויבן זיך אין אייניקע ערטער בערג. אַזוי האָבן זיי געמיינט, ווייל אין פּאַלעסטינע איז ניטאָ קיין אומדורכגייגליכע בערג (A H' C). ווייטער, פאַר פּאַלעסטינע האָבן אַ גרויסע באַטייטונג די ווינטן, וועלכע ברייגגען מיט זיך אָדער טריקעניש אָדער רעגן; אין בבל האָבן די ווינטן ניט געהאַט אַזאַ גרויסע באַטייטונג, ווייל דאָס לאַנד פלעגט דאָרט באַוואַסערט ווערן פון די פאַרפלייצונגען פון טיגער און יעופראט. דעריבער האָבן די בני-ישראל געזעהן צו געפינען ספּעציעלע

ערטער, וואו ס׳דאַרפֿן זיך געפֿינען די ווינטן, די ווינטן געפֿינען זיך, נאָך זייער מיינונג, אין דעם אונטערשטן גאַרטל פֿון הימל (K. K.) און טיילן אָפּ די ערד פֿון די הימלישע וואַסער־האַלטערס, שניי און האָגל (ŁHŁ). די דאָזיקע וואַסער־האַלטערס געפֿינען זיך העכער פֿאַר דער לופֿט (M), און איבער זיי געפֿינט זיך דער צווייטער—דער אויבערשטער הימל (B) וואו ס׳לעבן די געטער, אונטער דער ערד געפֿינט זיך ניט נאָר די מלוכה פֿון די טויטע (PQP); איבער אים, צווישן דער מלוכה פֿון די טויטע און דעם אויבנאויף פֿון דער ערד, געפֿינען זיך די קוואַלן פֿון ערדישן וואַסער (Ń Ń) פֿון וועלכע ס׳ציהען זיך אין דער הויך קאַנאַלן (X), וועלכע דערנערן די ימים, טײַכן, אָזערעס און קוואַלן (R S).

אָט דאָס זײַנען געווען די התחלות פֿון וויסנשאַפֿט בּאַ די אוראַלטע בני־ישראל, אין די איבעריקע היגזיכטן זײַנען די בני־ישראל געווען היבשע עמי־הארצים, בפרט אומוויסנד זײַנען זיי געווען אין מעדיצין, זיי האָבן שלעכט געוואוסט דעם בוי פֿון מענטשליכן קערפּער, און וועגן לעבן, קראַנקהײַטן און



דער וועלטגעבוי לויט די פֿאָרשטעלונגען פֿון די בני ישרא (נאָך סקאַפּאַרעלי).

טויט זייַנען בײַ זיי פאַרשפּרייט געווען די זעלבע מיינונגען, ווי בײַ די ווייניק אנטוויקלטע ווילדע פעלקער, זיי האָבן געמיינט, אַז דער מענטש באַשטייט פון אַ גוף און אַ נשמה, נאָר זיי האָבן די נשמה אויך געהאַלטן פאַר אַ מאַטעריעלן וועזן, די נשמה—זי איז פונקט ווי דאָס בלוט; רינט אויס דאָס בלוט—גייט אַרויס די נשמה, דעריבער איז געווען פאַרבאָטן צו עסן מיט בלוט: נאָכן טויט קען דאָך די נשמה פון מענטשן אַרייַן אין אַ חיה, און צוזאַמען מיטן בלוט קען מען נאָך אויף אַזאַ אופן אַראָפּשלינגען אַזאַ נשמה, וועלכע וועט אַרויסרופן אַ חולאת אָדער אפילו דעם טויט. חולאתן נעמען זיך דערפון, וואָס אין מענטשן גייט איבער אַזאַ בייזע נשמה אָדער אַ בייזער רוח; כדי אויסצוהיילן זיך פון אַ קראַנקהייַט, איז דאָ נאָר איין מיטל: פאַרטרייַבן דעם בייזן רוח אָדער טראָגן אויף זיך אַזעלכע קמיעות, פאַר וועלכע דער רוח האָט מורא. נאָר די קראַנקהייַטן, וועלכע זייַנען אַרויסגערופן פון אַ דייַטליכער סיבה, קען מען היילן ניט מיט כישוף-מאַכערייַ, נאָר מיט אַנדערע מיטלען, אויב אַ קריגס-מאַן איז פאַרוואונדעט אין אַ שלאַכט אָדער איינער האָט זיך צופעליק אַליין פאַרוואונדעט בײַ דער אַרבעט—דאָ איז די זאַך קלאָר: שולדיק איז ניט קיין גייַסט, נאָר אַ לעבעדיקער מענטש. אַזעלכע קראַנקהייַטן פלעגן היילן געוויינטליכע דאָקטוירים, וועלכע פלעגן צולייגן צו די וואונדן ספּעציעלע גראָזן, פלעגן מאַכן הייל-באַלזאַמען און א. וו. די עגיפּטישע מעדיצין, וועלכע איז געווען געבויט אויפן יסוד פון גרינדליכער אויספאָרשונג פון דעם מענטשליכן קערפּער, איז געווען פאַר די בני-ישראל פונקט ווי פאַר די אַנדערע מזרח-פעלקער אַן אומדערגרייכבאַרער אידעאַל.

XII.

אויף די טייכן פון בבל.

דער גלות-בבל האָט שפּעטער אויסגעוויזן די בני-יהודה ווי אַ שווערע און טרויעריקע צייט. דערמאָנענדיק זיך אָן ציון האָבן זיי געוויינט, ניט געקענט זינגען, פרייליך זיין און אפילו תפילה טאָן צו גאָט אין אַ פרעמדן לאַנד. יהוה איז פאַרבליבן דאָרט, אין דעם ווייטן פאָטערלאַנד; דער כוהן יחזקאל, איינער פון די, וועלכע זייַנען פאַרטריבן געוואָרן אין געפענקעניש, האָט פאַרזיכערט, אַז ער האָט געזעהן, ווי יהוה האָט זיך פאַר דעם חורבן פון ירושלים געזעצט אויף די כרובים, וועלכע זייַנען געווען איבער זיין ארון, און איז

איבערגעפלויגן אויפן שכנישן באַרג, און דאָרט איז ער פאַרבליבן, ביז זיינע דינער וועלן זיך ניט אומקערן פון גלות און וועלן ניט אָפּבויען צוריק זיין וואוינאָרט, אַהין איז אויך אויף אַ וואונדערליכן אופן איבערגעטראָגן געוואָרן דער ארון פון יהוה, וועלכער איז על פּי נס פאַרשוואונדן געוואָרן בשעת ירושלים האָט געברענט; דער ארון איז פאַרבאָרגן אין דעם דאָזיקן באַרג, און ווען ס'וועלן אָנקומען די לעצטע טעג פון דער וועלט, וועט ער זיך צוריק אַנטפּלעקן אינאיינעם מיט יהוה כדי צו משפּט'ן אַלע פעלקער. יעדן טאָג פלעגן די פאַרטריבענע מתפּלל זיין צו יהוה: „האָב רחמנות אויף מיר, יהוה, מיט דיין גרויסן גנאָד, און ריייניק אָפּ מיינע זינד צוליב דיינע גרויסע חסדים“. און מיט אַ ביטחון אויף די קומענדיקע אויסלייזונג פון געפענקעניש האָבן די פאַרטריבענע באַמיהעט זיך צוצופּאַסן זיך צו דער נייער סביבה, אין וועלכער ס'איז זיי אויסגעקומען צו לעבן.

די ערשטע האָבן זיך צוגעוואוינט צו דער נייער לאַגע די ירושלימער סוחרים. בבל איז געווען אַ גרויסע מלוכה, אין אַלע עקן פון דער מלוכה פלעגן אַרומפאָרן האַנדל=קאַראַוואַנען, וועלכע פלעגן זיך, ווי אין אַ קניפּל, צוזאַמענגיין אין בבל, דער דאַמאָלסדיקער הויפּט-שטאָט פון דער וועלט. נאָך פאַר נבוכדנאצרן איז שוין בבל געווען אַ רייכע שטאָט, נאָר אין זיינע צייטן האָט ער זיך פאַרבויט און פאַרפּוצט מיט גאָר אַ באַזונדער פּראַכט, די דאָזיקע הויפּט=שטאָט פלעגט צוציהען צו זיך סחורות פון אַלע לענדער, און אין בבל גופא פלעגט אויך אויסגעאַרבעט ווערן אַ גאַנץ היפּשע צאָל טייערע חפצים, וועלכע פלעגן זיך דערנאָך פאַרשפּרייטן איבער דער גאַנצער וועלט. די פאַרטריבענע פון יהודה סוחרים איז נאָר געווען פאַרבאָטן זיך אומצוקערן קיין יהודה, נאָר זיי האָבן געמעגט פריי אַרומפאָרן און האַנדלען איבערן גאַנצן שטח פון דער קאָלאָסאַלער מלוכה און זיי האָבן עס טאַקע געטאָן. אייניקע זיינען פאַרבליבן אין בבל; אַנדערע האָבן איבערגעוואַנדערט קיין נינוה, עקבאטאַנע, שושן, מצרים, סיי אין בבל, סיי אין די איבעריקע שטעט, אין וועלכע זיי האָבן זיך באַזעצט, האָבן זיי געזעהן זיך האַלטן אינאיינעם, העלפן איינער דעם צווייטן אין זייערע געשעפטן און זיך צונויפקלייבן צוזאַמען תפילה טאָן צו גאָט. די דאָזיקע קאָלאָניעס פון די אידישע סוחרים זיינען דאָס געווען די התחלה פון דער אידישער צעזייהונג, פון דער „דיאַספּאָרע“ ווי ס'האָבן געהייסן אין גריכיש די אידישע קאָלאָניעס, צעשפּרייטע איבער דער גאַנצער וועלט.

נאָך סוחרים זיינען צווישן די פאַרטריבענע געווען לפי ערך ווייניק. דעם גאַנצן עול פון גלות איז אויסגעקומען צו ליידן די „גבורי חיל“ און די כוהנים,— דעם גרעסטן טייל פון די בני-יהודה, וועלכע זיינען פאַרטריבן געוואָרן קיין בבל, ווייל זיי זיינען דאָך געווען די האַרן און פירער פון דער אומגעקומענער מלוכה. די שרים און הויפּט-לייט פון מלכות יהודה האָבן זיך גיך צוגעפּאַסט צו דער נייער סביבה. איינציקע פון זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט פאַר דעם קיניג פון בבל און האָבן באַקומען דערפאַר וויכטיקע שטעלעס; אַנדערע, וועמען ס'האָט זיך איינגעגעבן מציל זיין פון חורבן נאָר אַ טייל אפילו פון זייער פאַרמעגן האָבן זיך צוזאַמען מיט די סוחרים גענומען האַנדלען. נאָר שווערער פון אַלעמען איז געווען די לאַגע פון די כוהנים. פאַרטריבן פון ירושלים האָבן זיי מער ניט געקענט פאַרנעמען זיך מיט זייער פריהערדיקער באַשעפטיקונג, פאַרנעמען זיך מיט אַ נייער אַרבעט האָט זיך זיי ניט געוואָלט, און דער גרעסטער טייל פון די כוהנים האָט רק געטרוימט וועגן דעם, ווי אַזוי זיך צוריק אומקערן אין דער אַלטער היים, אויף דאָס ניי אויפבויען דעם בית-המקדש פון יהוה, איינפירן צוריק די עבודה, נאָר אַזוי, אַז זיי זאָלן שוין מער ניט האָבן קיין קעגנער.

האָפנדיק, אַז ווען ס'גיט אין ווערט דאָך מקוים ווערן די נבואה פון ירמיה'ן, האָבן די כוהנים צווישן זיך געלעבט אין אַן איינגן קרייז און האָבן זיך פאַרנומען מיט דעם, וואָס זיי פלעגן ברענגען אין אָרדנונג, אַריינטראָגן תיקונים און ממלא זיין די אַלע צערעמאָניעס און מנהגים, וועלכע זיינען געווען אָנגענומען בײַ דער עבודה אין בית-המקדש אין ירושלים. צווישן זיך בנוגע האָבן זיי ניט אַלע כוהנים געהאַלטן פאַר גלייכע: זיי האָבן געזאָגט, אַז אמתע הויפּט-כוהנים וועלן זיין אין דער צוקונפט נאָר די, וואָס שטאַמען פון דעם ערשטן כוהן פון בית-המקדש, פון צדוק'ן, ווייל נאָר די כוהנים זיינען געבליבן די גאַנצע צייט טריי צו יהוה. און די איבעריקע כוהנים פון שבט לוי, וועלכע האָבן געדינט אַנדערע געטער אָדער אויף די במות, די וועלן דאַרפן מער ניט העלפן די אמת'ע כוהנים. דעם געדאַנק האָט אַרויסגעזאָגט איינער פון די ירושלים'ער כוהנים, יחזקאל. ער פלעגט זיך אַרויסשטעלן פאַר אַ נביא, דערציילנדיק, אַז אים באַווייזט זיך שטענדיק יהוה אין אַן אויסערגעוויינטלעכער סביבה, זיצנדיק אויף וואונדערלעכע באַשעפענישן — האַלב-מענטשן, האַלב-חיות, און אַרומגערינגלט מיט אַ וואונדערבאַרן חיל; ער האָט אָנגעשריבן אַ ספר, אין וועלכן ער דערציילט וועגן זיינע זעהונגען. יהוה האָט

אים אזוי דערקלערט, פאר וואס ער האָט חרוב געמאכט ירושלים, יהודה און ישראל. זיי זיינען חרוב געוואָרן דערפאר, וואס זיי האָבן ניט געהיט דעם געזעץ, לויט וועלכן מע דאַרף דינען רק יהוה אליין און נאר אין ירושלים. איצטער זיינען יהודה און ישראל געגליכן צו טויטע ווייסע ביינער, נאָר יהוה וועט זיי לעבעדיק מאַכן, און דאַן וועלן זיי זיך צוריק אומקערן אין לאַנד, וואס איז זיי צוגעזאָגט געוואָרן, און אויב זיי וועלן דאָרט איינאָרדענען זייער לעבן אזוי ווי ס'ווייזט אָן יהוה דורך יחזקאל'ן, וועלן זיי מער קיינמאָל ניט אומקומען און זיי וועלן אונטערטעניק מאַכן אַלע פעלקער פון דער ערד. און צום סוף פון זיין ספר באַשרייבט יחזקאל, ווי אַזוי עס דאַרף איינגעאָרדנט זיין דאָס קיניגרייך יהודה; דאָס האָט אים אָנגעוויזן גאָט אַליין, וועלכער האָט אים איבערגעטראָגן אין זיין פאַנטאַזיע, אַוועקגעשטעלט אויף אַ הויכן באַרג און פון דעם באַרג האָט ער געזעהן דעם נייעם ירושלים, גאַנץ מלכות יהודה און די נייע אָרדענונגען אינעם לאַנד. אין מיטן דער צוקונפטיקער מלכות יהודה וועט זיך געפינען דער בית-המקדש, אַ פראַכטפולער טעמפל צו וועלכן ס'קען זיך ניט גלייכן דער בית-המקדש, וועלכן ס'האָט געבויט שלמה. נעבן בית-המקדש גייען די נחלות פון די כוהנים און די לוים; ווייטער צו מזרח צו און צו מערב צו פון די נחלות פון די כלי-קדש גייען די נחלות פונם פירשט, און צו דרום און צפון צו די נחלות פון די שבטים. דערנאָך האָט אים יהוה דערציילט, ווי אַזוי ס'דאַרף רעגירט ווערן די נייע מלוכה די הויפט-מאַכט דאַרף געהערן די כוהנים; אָן זיי טאָר דער פירשט גאָרנישט ניט טאָן, די כוהנים משפטן דאָס פאָלק און ברייגען קרבנות; אויף אויסצו-האַלטן די כוהנים און דעם פירשט מוז דאָס פאָלק ברייגען אַ צענט-חלק פונם אייל, אַ זעקסט-חלק פונם גערשטן און ווייצן און צו איין שעפס פון יעדע צווייהונדערט שאָף. אויב יהודה און ישראל וועלן זיך אזוי איינאָר-דענען נאָכדעם, ווי זיי וועלן זיך צוריקקערן פון גלות, וועלן זיי אייביק לעבן אין גדולה און וואוילטאג. ווי גרויס איז דער אונטערשייד צווישן דעם דאָזיקן בילד פון דעם קומענדיקן ישראל און דעם בילד, וועלכן ס'האָבן געמאָלט ישעיה און ירמיה! אָט די צוויי נביאים האָבן געזאָרגט וועגן דאָס גאַנצע פאָלק, זיי האָבן געטרוימט, אַז די קומענדיקע מלוכה פון ישראל וועט זיין שטאַרק ניט מיט אירע כוהנים און קרבנות, נאָר מיט חסד, יושר און גלייכהייט. יחזקאל האָט געזאָרגט נאָר וועגן די כוהנים און האָט געמיינט, אַז אויב נאָר די כוהנים וועלן לעבן אין וואוילטאָג אין דעם

באַנייטן ישראל, וועט שוין במילא אויך דעם גאַנצן פאָלק זיין גוט.

דעם געדאַנק, אַז בעתן אויפלעבונג פון יהודה וועט מען מוזן איינ־אָרדענען אַ מלוכה פון כוהנים, האָבן די כוהנים געזוכט איינצופלאַנצן אין פאָלק אויך דורך אַנדערע ספרים. פון די לעגענדעס וועגן די שופטים און די ערשטע קיניגן און פון די כראָניקעס, וואָס זיינען געפירט געוואָרן פון די קיניגן פון יהודה און ישראל, האָבן זיי געשאַפן דריי גרויסע ספרים פון תנ״ך: „שופטים“, „שמואל“ און „מלכים“. אין די דאָזיקע ספרים פירן זיי דורך דעם געדאַנק, אַז אַלע אומגליקן האָבן געטראָפן די בני־ישראל דער־פאַר, וואָס זיי פלעגן פאַרלאָזן יהוה. ווי נאָר די בני־ישראל פלעגן פאַרגעסן, אַז מע־מוז דינען נאָר יהוה און נאָר אין ירושלים, פלעגט יהוה גלייך אויף זיי אָנשיקן שונאים, וועלכע פלעגן צרויפאַלייגן אויף זיי אַ שווערן יאָך; ווען די בני־ישראל פלעגן אָדאַנק דעם דרוק פון דער שווערער שטראָף, תשובה טאָן, פלעגט זיי יהוה גלייך שיקן אַ גואל, אַ שופט אָדער אַ קיניג. נאָר אַזוי ווי די בני־ישראל פלעגן גיך פאַרגעסן די צרות און פלעגן ווידער פאַרלאָזן יהוה, פלעגט זיי ווידער טרעפן דערזעלבער אומגליק. נאָר לסוף האָט זיך די מאָס פון גאָטס געדולד איבערגעפולט. יהוה איז צאָרן אין גרויס צאָרן אויף יהודה און אפרים, האָט איבערגעגעבן אפרים׳ען אין די הענט פון די אשורים און יהודה׳ן אין די הענט פון די בבלים. לייענענדיק די דאָזיקע ספרים, האָבן די בני־יהודה אין גלות ניט ווילנדיק אָנגעהויבן דיינקען, אַז כדי אויסצומיידן אין דער צוקונפט גאָטס שטראָף איז דאָ רק איין תרופה: תפילה טאָן נאָר צו יהוה און ברייגען אים קרבנות רק אין בית־המקדש אין ירושלים. די כוהנים האָבן צוגעטראַכט נאָך אַ מיטל, ווי אַזוי צו אַנטוויקלען אין די אידן דעם געפיל פון איבערגעגעבנקייט צו יהוה און צו זיינע דינער. זיי האָבן אָנגעהויבן צונויפקלייבן די אידן אויף תפילות־פאַרזאַמלונגען; אויף די פאַר־זאַמלונגען פלעגן זיי פאָרלייענען פאַר די פאַרזאַמלטע די תורה, שטיקלאָך פון דער געשיכטע, מיט דערקלערונגען און זינגען מזמורים פון תהלים. אַזעלכע פאַרזאַמלונגען האָט מען איינגיכן אָנגעהויבן מאַכן ניט נאָר אין בבל נאָר אויך אין די איבעריקע שטעט, אין וועלכע ס׳זיינען געווען אידישע קאָלאָניעס. זיי פלעגן אפילו פאָרקומען אין ספּעציעלע הייזער, וועלכע האָבן געהייסן כנסת, פאַרזאַמלונג, אין גריכיש סינאַגאָגן. ביסלאַכווייז האָבן זיך די דאָזיקע בתי־הכנסת פון אַן אָרט פאַר פאַרזאַמלונגען, שמועסן און דרשות פאַרוואַנדלט אין אַ בית־תפילה, וואו ס׳פלעגן זיך צונויפקלייבן די אידן,

וועלכע האָבן געלעבט אין דער פרעמד און האָבן ניט געהאַט קיין מעגליכקייט צו קומען אין בית-המקדש אין ירושלים.

און דער טאָג פון באַפרייאונג האָט זיך אַלץ דערנעהענטערט; שוין ניט ווייט איז געווען דער טאָג, ווען ס'האָט געזאָלט מקוים ווערן דער אַכזריות'דיקער וואונש: „פאַרפלוכטע טאָכטער פון בבל! וואויל איז צו דעם, וועמ'ס'וועט נעמען דיינע קליינע קינדער און וועט זיי צעקלאַפן אָן אַ שטיין!" די מידיער, וואָס זיינען נאָך ניט לאַנג געווען פאַראייניגט מיט די בבלים און האָבן געהאָלפן נבוכדנאצר'ן פאַרניכטן די מאַכט פון די אַשורישע קיניגן, זיינען איצט געוואָרן שונאים פון די בבלים (כשדים). בא די פּערסן, אַ ברידערליך פאָלק פון די מידיער, איז אויפגעשטאַנען אַ טאַלענטפולער פירער, כורש, וועלכער האָט זיך אָפּגעטיילט פון בבל, האָט איינגענומען כמעט גאַנץ קליין-אַזיען און האָט זיך געגרייט צו אַן אַנטשיידענעם קאַמף מיט בבל. די אידן האָבן געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף כורש'ן און האָבן אים געהאָלפן מיט וואָס נאָר ס'איז מעגליך געווען, ווי ט'האָבן אים אויך געהאָלפן די איבעריקע פעלקער, וועלכע זיינען געווען ניט צופרידן מיט דער ממשלה פון בבל. די קלאַנגען וועגן די אויסערגעוויינטליכע גבורות פון כורש'ן האָבן באַגייסטערט א נביא, וועמעס נאָמען איז פאַרבליבן אומבאַוואוסט, וועלכער האָט אָנגעשריבן די קאַפּיטלאַך 40—55 פון ספר „ישעיה". צוהערנדיק זיך צו די ידיעות וועגן כורש'עס נצחונות, האָט ער אָנגעשריבן: „טרייסט, טרייסט מיין פאָלק, זאָגט אייער גאָט! רעדט צום האַרץ פון ירושלים און רופט צו אים: אויסגעדינט האָט ער זיין שווערן דינסט, פאַרגעבן איז זיין זינד, ווייל ער האָט באַקומען פון גאָטס האַנט כפלים פאַר זיינע זינד. אַ שטים רופט אין מדבר: גרייט צו א וועג פאַר יהוה, אין די סטעפּעס מאַכט א גלייכן וועג פאַר אונזער גאָט—דער כבוד פון יהוה וועט אַנפּלעקט ווערן, און יעדע באַשעפעניש וועט אים דערזעהן!" אזוי ווי אַלע אידן, וועלכע האָבן געהאָפט אויף בעסערע צייטן, האָט דער נביא אויך געהאַלטן כורש'ן פאַר אַ קנעכט פון יהוה, פאַר זיין געזאַלבטן: יהוה פירט אָן מיט זיין רעכטער האַנט, נעמט פאַר אים אַראָפּ די גאַרטלען פון די קיניגס לענדן, ברעכט איין פאַר אים בערג, טירן פון קופּער און טויערן פון אייזן. און הגם ס'איז ניטאָ קיין אנדער גאָט חוץ יהוה, נאָר יהוה טוט דאָס אַלץ ניט פון ליבשאַפט צו כורש'ן, נאר פון ליבשאַפט צו ישראל. די אידן אין יענע צייטן, צעשפּרייטע איבער דער גאַנצער וועלט, האָבן געלעבט אין וואוילטאָג און האָבן מצליח געווען

אין אַלע זײַערע געשעפטן; זיי האָבן געהאַלטן, אַז דאָס העלפט זיי יהוה און דעריבער האָבן זיי געמיינט, אַז ער איז מיט זיי אין דער גאַנצער וועלט און פאַרוואַלטעט, הייסט עס, מיט דער גאַנצער וועלט. און איצטער, ווען נאָהענט איז שוין געווען די צייט פון באַפרײַאונג, האָט די גאַנצע פאַרגאַנגענע געשיכטע מיט אירע לײַדן אָנגעהויבן אויסווײַזן זיי ווי אַ שרעקליכער חלום. ישראל האָט געליטן און זיך געפּײַניקט, נאָר איצטער וועט ער באַלױנט ווערן, ער וועט ניט נאָר אַליין געהאָלפן ווערן, נאָר ער וועט ברײַנגען דערצו, אַז אַלע פעלקער וועלן אויך אָנהויבן גלויבן אין יהוה, און וועט געוועלטיקן איבער זיי. נאָר די גרעסטע שמחה האָט פאַרשאַפט די בני-יהודה דער קומענדיקער חורבן פון בבל: „נידער אַראָפּ און זעץ זיך אין שטויב, דו טאָכטער פון בבל! זיץ אויף דער ערד, ניטאָ שוין מער קיין טראָן, דו טאָכטער פון די כשדים; מע וועט דיך שוין ניט רופן צאַרטע און אויסגעאײַדלטע, נעם מילשטיינער און מאָל מעל!“, שרייבט דער זעלבער נביא. און צו דער דאָזיקער אַרבעט — מאָלן מיט מילשטיינער מעל — פלעגט מען אין אַלטערטום צווינגען די קנעכט. מע פלעגט זיי שמידן אין קייטן צו עטליכע מענטשן אינאיינעם, באַקעטע אָן אונטערשייד פון געשלעכט און עלטער און אונטערטרײַבנדיק מיט אַ בײַטש, האָט מען זיי געצוואונגען צו דרייען אַ שווערן גרויסן מילשטיין. אָט וואָס פאַר אַ גורל ס'איז באַשערט געווען דער שטאָלצער און זאָרגלאָזער טאָכטער פון בבל, ניט קוקנדיק אויף איר גאַנץ חכמה, ניט קוקנדיק אויף אַלע אירע שטערנזעהערס און אַלע צויבערייען, און אין דער צײַט, ווען די טאָכטער פון בבל וועט אַזוי דערנידערט ווערן, וועלן ישראל און יהודה מיט שמחה און פרייד גיין צוריק אין זייער היים, הימלען און בערג וועלן פאַר זיי זינגען, און ביימער וועלן אונטערכאַפּן; וועלן זיי טרעפן אויפן וועג אַ דערנער-קוסט, וועט ער גלייך פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קיפּאַריסן-בוים, וועט זיך טרעפן קראָפּעווע-וועט אויף איר אָרט אויסוואַקסן אַ דופטעדיקער מירטן-בוים; און אַזוי וועט עס זײַן, ווייל פאַרטריקנט ווערט גראָז, פאַרוועלקט—בלומען, אָבער דאָס וואָרט פון יהוה ענדערט זיך ניט אויף אייביק!

אין 539-טן זײַנען די חיילות פון כורש׳ן אונטער דער אָנפירונג פון זיין גענעראַל גאַברי איבערגעגאַנגען די גרעניצן פון בבל. אַ גרויסער טומל האָט זיך אויפגעהויבן אין בבל. ס'איז באַשטימט געוואָרן אַ טאָג אויף תפילה טאָן צו די געטער אין אַלע שטעט. ניט פאַרלאָזנדיק זיך אויף די געפּלײַגלטע

פיגורן, די וועכטער פון די טויערן, האָט מען אין בבל אַרויסגעטראָגן פון אַלע טעמפּלען אויפן פּלאַץ די געטער מארדוק, דעם באַשיצער פון בבל, און נאבו (נבו), דעם באַשיצער פון די סוחרים און רייַזנדע, און דאָס גאַנצע פאלק פלעגט תפילה טאָן פאַר זייַערע באַגילדעטע סטאַטועס. דאָס זעלבע האָבן געטאָן די איינוואוינער פון אַנדערע שטעט: איטליכע שטאט האָט געהאט איר גאָט-באַשיצער, צו וועלכן מע פלעגט זיך איצט ווענדן מיט הייסע תפילות און וועלכן מע פלעגט ברייַנגען אָן אַ צאָל קרבנות אויף די פלעצער און גאסן, וואו ס'פלעגן זיך צונויפקלייַבן גרויסע מאַסן מענטשן. די איינוואוינער פון ערידו האָבן געבעטן צו זייַער גאָט עאַ, די אייַנוואוינער פון אור—זייער



א געפליגלטער געני, דער שומר פון די טויערן.

גאָט סין, פון סיפאר—שמש און א. וו. דער שונא האָט געשייַנט צו זייַן א ווילדער און אומבאַזיגבאַרער; מע האָט מורא געהאט, אז ער וועט מאַכן אַ תל פון דער גאַנצער קולטור, וועט צעשטערן די טעמפּלען, צעטרייַבן די כוהנים, בדלות שטעלן די סוחרים. מע האָט גערעכנט, אז די פערסן זייַנען גלייך צו די ווילדע מידיער, וועלכע האָבן נאָך מיט אַ קורצער צייט צוריק

געהאָלפן נבוכדנאצר'ן קעגן די אשורים. נאָר אין דער זעלבער צייט, ווען די בבלים האָבן זיך געפונען אין א. טויט-שרעקעניש, האָבן זיך אַלע פאַר-שקלאַפטע און אונטערטעניקע פעלקער געפרייט, און מער פון אַלעמען האָבן זיך געפרייט די אידן. נאבאנעד, דער לעצטער קיניג פון בבל, איז מיט זיין חיל ארויסגעטראָטן קעגן גאברי; נאָר די אידישע אָנהייגער פון כורש'ן האָבן מער ניט ווי געלאַכט אין זיך. זיי זיינען געווען זיכער, אז נאַבאָנעד וועט ניט קענען בייקומען די פערסן. און זיי האָבן זיך ניט אָפּגענאַרט: נאבאנעד האָט געהאט א מפלה, ער איז אַריינגעפאַלן אין געפענקעניש און אין קייטן האט מען אים אַוועקגעשיקט צו כורש'ן, בבל איז געבליבן אָן א קיניג און אן חיל; אַלע תפילות און קרבנות האָבן ניט געהאָלפן. איצטער איז שוין געווען אומזיסט יעדער פרוב זיך צו פאַרטיידיקן, אין אַז גאַבריס חיל האָט זיך באַוויזן פאר די מויערן פון דער גרויסער שטאָט, האָבן די איינוואוינער ניט געוואגט זיך צו פאַרשפאַרן אין שטאָט און באלאגערט ווערן. אמת, בבל איז געווען ארומגערינגלט מיט דיקע מויערן, אויף אזוי פיל דיקע, אז אויף דעם אויבערשטן אויבנאויף פון דעם מויער זיינען געווען אויסגעבויט הייזלאך, וואו ס'האָבן געלעבט די וועכטער; אַזעלכע דיקע מויערן איז שווער געווען דורכצוברעכן און אריינדרינגען אין שטאָט. גאר די צרה איז באַשטאנען אין דעם, וואָס אין בבל איז געבליבן צו ווייניק חיל צו פאַרטיידיקן די מויערן, און די קליינע צאָל זעלנערס, וואס זיינען פארבליבן, האָט ניט געקענט שטערן איינצונעמען די שטאָט. און די בבלים האָבן באשלאָסן זיך אונטערגעבן דעם זיגער, און ניט אריינברייגען אים אין צאָרן מיט זייער אומנוצליכן ווידער-שטאנד. מע האט מורא געהאט, אז אויב מע וועט אַרויסווייזן א ווידערשטאנד, וועלן די זיגער גאכן איינגעמען די שטאט דורך שטורמען אָדער דורך אַ באלאגערונג מאַכן א שחיטה אין שטאט און זי פארברענגען; און מיט אונטער-טעניקייט קען מען אפשר באַוויליקן דעם שרעקליכן שונא. און די גרויסע שטאט האט געעפנט אירע טויערן פאַר גאַברי. דער פערסישער קריגס-אָנפי-רער איז אריינגעטראָטן אין בבל, און אים האָבן באגריסט דיזעלבע כוהנים און זקנים פון שטאָט, וועלכע האָבן אקאָרשט צוליב אים אויפגעהויבן אזאַ מהומה צווישן די געטער.

נאָר אַלע שרעקן האבן זיך אויסגעלאָזן פאַר אומזיסטע. אינגיכן איז אין בבל געקומען צופאָרן כורש און האט דערקלערט, אַז אָט די גרויסע שטאָט וועט זיַין זיין הויפט-שטאָט און די געטער פון בבל — זיינע געטער.

די בבלים האָבן ניט געהאט מער וואס מורא צו האָבן; נאָר צי זיינען מקוים געוואָרן די האָפענונגען פון די בני-יהודה? די אידישע קאָלאָניסטן, וועלכע האָבן אויסגענוצט יעדע מעגליכקייט ארויסצואווייזן זייער איבערגעגעבנקייט

כורש אין דער געשטאלט פון א געטליגלטן געני.

די פערסן זיינען איצטער געוואָרן זעהר אומרוהיג: צי וועט זיי כורש באלוינען פאַר די שטיצע און פאַר דעם לויב-געזאַנג, מיט וועלכן ס'האָבן אים געחנפעט די דאמאלסדיקע נביאים, אדער ניין? כורש'ן האָט שטאַרק געלוינט אומצוקערן אין זייערע פריהערדיקע לענדער די אַלע פאַרטריבענע, וועלכע ס'האָבן פאַרטריבן די אשורישע און בבלישע קיניגן. זיין מלוכה איז נאָך געווען אַ יונגע, אין דער אויפריכטיקייט פון די בבלים האָט ער ניט זעהר געטרויט, און פאַר אים איז זעהר וויכטיק געווען צו האָבן אויף זיין צד אַלע גרויסע און קליינע פעלקער, וועלכע האָבן געליטן פון דער אַשורישער און בבלישער מלוכה. ער האָט געקענט זיין זיכער, אז אַט די אַלע פעלקער וועלן אים געוויס העלפן, אויב נאָר די בבלים וועלן פרובן אַראָפּוואַרפן זיין הערשאַפט. דעריבער האָט ער גלייך נאָכדעם, ווי ער האָט איינגענומען בבל, אָנגעהויבן דערלויבן די אויסוואַנדערער פון פאַרשיידענע לענדער זיך אומצוקערן צוריק אין זייער אַלטער היים. אויך פאַר די אידן איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַזאַ פאַראָרדענונג. שפּעטער אין אַ יאָר 150—100 ארום, ווען די פרומע אידן האָבן געשריבן די געשיכטע, ווי אזוי די בני-יהודה האָבן זיך צוריקגעקערט פון גלות און האָבן באַנייט ירושלים און דעם בית-המקדש, האָבן זיי געשריבן, אז דאָס האָט יהוה געגעבן כורש'ן דעם געדאַנק אַרויסצוגעבן די דאזיקע פאַראָרדענונג. „כדי מקים צו זיין זיין וואָרט וואָס ער האָט געזאָגט דורך ירמיה'ן, האָט גאָט דערוועקט דעם גייסט פון כורש, דעם קיניג פון פרס, און ער האָט אָנגעשריבן און געהייסן אויסרופן אין זיין גאַנצער מלוכה: אזוי זאָגט כורש, דער קיניג פון פרס: אַלע מלוכות פון דער ערד האָט מיר איבערגעגעבן יהוה, דער גאָט פון הימל, און ער האָט מיר באַפוילן אויס-צובויען פאַר אים אַ הויז אין ירושלים, וואָס אין לאַנד יאודה. ווער איז דאָ פון אייך, פון זיין גאַנץ פאָלק, זאָל יהוה, זיין גאָט, זיין מיט אים און זאָל ער גיין אַהין". די דערלויבעניש האָבן ניט אַלע אויסגענוצט. אויסגענוצט האָבן זי קודם כל די כוהנים און לוים; זיי האָבן אויסגעבעטן בא כורש'ן א דערלויבעניש מיטצונעמען אַ טייל פון די הייליקע כלים, וועלכע נבוכדנאצר האָט אַרויסגעפירט פון בית-המקדש, און זיי האָבן גענומען אויף זיך אָנצו-פירן מיט דער איבערוואַנדערונג. אחוץ די כוהנים און לוים, האָבן זיך אום-געקערט אייניקע פירשטליכע משפחות פון יהודה און בנימין, כדי צו באַנייען ירושלים און דעם בית-המקדש, האָט מען זיך גענייטיקט אין גרויסע געלט-מיטלען; די מיטלען האָבן זיך גענומען פון די נדבות, וואָס האָבן געגעבן די

אידן, וועלכע זיינען געפאָרן קיין ירושלים; [נאָר חוץ דעב, האָבן אויך צאָלע איבעריקע אידן, וואָס האָבן ניט געוואָלט וואַרפן זייערע געשעפטן און פאָרן אין א לאַנד, וואו דאָס לעבן איז זיי אינגאַנצן אומבאקאַנט געווען, האבן דאך געשיקט געלט און חפצים פאַר די איבערוואַנדערער; פון די נדבות האָט זיך צונויפגעקליבן איבער 61.000 דרכמונים גאָלד (קרוב 115.000 רובל) און 5.000 ליטרות זילבער (קרוב 265.000 רובל) סך הכל קרוב 380.000 רובל (אַ קאָלאָסאַלע פאַר יענע צייטן סומע.) אונטער דער אָנפירונג פונם פירשט זרבבל פון דוד'ס משפחה און פון כוהן יהושע, וואָס האָט געשטאַמט פון דעם כוהן גדול צדוק, און דעם קיניגליכן באַפולמעכטיקטן ששבצר האָבן זיך ד' איבערוואַנדערער געלאָזן אין זייער ווייטן וועג. זיי זיינען געגאַנגען טיילנווייס; קאַראוואַנעס פון קעמלען, פערד, אייזלען און מוילאייזלען זייגען איינער נאך דעם אנדערן געגאַנגען קיין פאַלעסטינע. אינגאַנצן זיינען אוועק, ווי ס'ווערט אויסגערעכנט אין תנ"ך, 42.360 פרייע מענטשן; נאר אזוי ווי דאס זיינען אַלץ געווען מיוחסים און פאַרמעגליכע מענטשן, האָבן זיי אויך מיטגענומען זייערע קנעכט אין אַ צאָל פון 7.337. די מענטשן זיינען געפאָרן אויף קעמלען אין פערד; אויף די אייזלען און מוילאייזלען האָט מען געפירט די הויז-חפצים און עסנוואַרג. דאס איז געווען אן אמת'ע פעלקער-איבערוואַנדערונג. די איבערוואַנדערער האָבן אויפן וועג געזונגען לכבוד יהוה מזמורים, וועלכע מיר קענען נאָך איצט געפינען אין תהלים (קאפיטלאך 98 און 99). „זינגט צו גאָט א נייעם געזאנג", ווערט געזאָגט אין איין קאפיטל: „ווייל ער האָט געטאן וואונדער. גאָט האט שוין מודיע געווען וועגן זיין הילף, פאַר די אויגן פון די פעלקער האָט ער אַנטפלעקט זיין גערעכטיקייט, ער האט זיך דערמאנט אָן זיין חסד צו יעקב'ן און אָן זיין טרייהייט צו דעם הויז ישראל; אַלע עקן פון דער וועלט האבן געזעהן די הילף פון יהוה, אונזער גאָט; לויבט יהוה אַלע לענדער, שאַלט און זינגט אים אַ לויב-געזאנג! זאל שטורעמען דער ים און אַלץ, וואָז פילט אים אן, זאָל די ערד, די טייכן און די בערג אים אונטערהעלפן!" אין דעם צווייטן קאפיטל ווערט געזאגט, אז יהוה איז געוואָרן קיניג איבער דער גאַנצער ערד; זאָלן אלע פעלקער און די ערד ציטערן פאר אים: „לויבט יהוה, אונזער גאט, און בוקט זיך פאר זיין פוסבענקל, ווייל הייליק איז ער!" מיט יעדן טריט זייגען אַלץ ווייטער אהינטער פארבליבן די טייכן פון בבל און קלא נעהענטער פלעגן זיי אנקומען צום אומפארגעסליכן ציון, וואו

ס'האָט גערוהט דער גרויסער יהוה, וועלכער איז גרויס געוואָרן פאר אַלע פעלקער.

XII.

עזרא און נחמיה.

די פריילִיכע חלומות פון די איבערוואַנדערער זיינען צעשטרויט געוואָרן, ווי א רויך, ווי נאר די רייזענדע זיינען געקומען צו זייער ענדציל. פאר די פופציג יאָר, וואס זיי האָבן פארבראַכט אין גלות, זיינען פארגעקומען פיל ענדערונגען אין זייער אַלטן פאטערלאַנד. די איבערוואנדערער האָבן געטראָפן גאר אומבאקאנטע פנימ'ער, וועלכע האבן גערעדט אויף אן אומבאַקאנטער שפּראַך. אויף דעם ארט, וואו ס'איז אַמאליקע יאָרן געשטאַנען דאס שיינע שומרון, זיינען שוין לאַנג פארשוואונדן געוואָרן די ווירקליכע בני-אפרים; אנשטאָט זיי האט דאָ געלעבט עפּעס אַ געמישטעס פאָלק פון די רעשטן פון אפרים און די אשורישע אויסוואנדערער. אין פריהערדיקער מלכות-יהודה איז די לאגע נאָך ערגער געווען. דער רעשט פון די אידן ערד-ארבעטער, וועלכער האט איבערגעלעבט דעם חורבן, האט זיך געטוליעט ארום די חורבות פון ירושלים; נאר די אָנגעקומענע האבן קוים געקענט פאַרשטיין די שפראך פון זייערע ברידער אין זיי האבן באמערקט, אז אויך זיי, אזוי ווי די שומרונים, האָבן שוין אויפגעהערט צו זיין עכטע בני-יהודה: איינער האט געהאַט אַ פרוי פון די בני-אדום, וועלכע האבן איצט פאַרנומען דעם גאנצן דרום-טייל פון יהודה, דאָס באַרגיקע לאַנד, וואו ס'האט אַמאל אַזוי געשמ'ט דוד מיט זיינע גבורות; דער צווייטער האט געהאט א פרוי פון די בני-עמון, וועלכע האבן פאר דער צייט דערלאנגט אַריבערצוגיין דעם ירדן און זיך באזעצן אין מזרח-טייל פון יהודה, אַרום די חורבות פון אוראַלטן יריחו, אויך די שפראך, אויף וועלכער ס'האבן גערעדט די ברידער פון די איבערוואנדערער, איז ווייניק וואָס ענליך געווען צו דער אמאַליקער שפראך פון ישראל, צו דער שפראך פון די נביאים און פּאָעטן פון דער גאָלדענער תקופה פון אידישן לעבן און ליטעראטור. דער פשוטער המון האט גערעדט אויף אַ געמישטער שפראך: צוזאמען מיט העברעאישע ווערטער פלעגט ער באנוצן אויך אַראבישע און אמאָל גאר ארמישע ווערטער. און די רייכערע און געבילדעטערע שיכטן האבן גערעדט אויף דער ארמישער

שפראך, וועלכע איז אריינגעדרונגען אהער פון דמשק; אמת, די דאזיקע שפראך איז זעהר ענליך צו העברעאיש, נאר די איבערוואנדערער האט ווי געטאן דאס הארץ, ווען זיי האבן געזעהן, אז אין זייער פאטערלאנד איז אינגאנצן פארשוואונדן געווארן זייער מוטער-שפראך, וועלכע זיי האבן אזוי געזעהן איינצוהאלטן אין דער פרעמד.

גייע פנימ׳ער, נייע שפראכן, נאר דאך נאך ניט אינגאנצן האט מען דא פארגעסן דעם אלטן גאט. וועגן יהוה האט מען נאך געדיינקט און מע פלעגט אים ברייגגען קרבנות, לויט די אלטע מנהגים, נאר מע האט זיך ניט אפ-געזאגט פון אנדערע געטער אויך. נאר דאס איז שוין אויך געווען א טרייסט פאר די כוהנים, און ווען מע האט אפגערייניקט פון אונטער די חורבות פון בית-המקדש, פון אונטער דעם מיסט און גראז דעם אלטן הייליקן שטיין און אויסגעבויט אויף אים א צייטוויי׳ליקן מזבח, האט זיך צום ערשטן מאל ברייגגען דעם קרבן צוגויפגעקליבן א גרויסער עולם, נאר פאר די כוהנים איז קלאר געווען, אז מע וועט דארפן אפגעבן א סך מיה און האבן פיל געדולד, כדי צו גרינדן אזא רעליגיעזע עדה, וועגן וועלכער זיי האבן גע-טרוימט פון יחזקאל׳ס צייטן, אזא עדה, אין וועלכער זיי זאלן האבן די אויבערהאנט, און וואו זיי זאלן קענען לעבן אן זארגן און דאגות וועגן דעם מארגעדיקן טאג.

די כוהנים האבן זיך באזעצט אין ירושלים, וואו זיי האבן אויסגעבויט פאר זיך נייע הייזער. די איבערוואנדערער פון די וועלטליכע משפחות האבן זיך צעשפרייט איבער פארשיידענע טיילן פון געוועזענער מלכות-יהודה, דערהויפט צו צפון צו פון ירושלים. פרייע ערד איז געווען דורכאויס א סך, ווייל נאך דעם חורבן פון נבוכדנאצר׳ן איז דאס לאנד פארוויסטעט געווארן, און די באפעלקערונג האט זיך נאך ניט פארמערט אויף אזוי פיל, אז זי זאל דערגיין ביז איר פריהערדיקער צאל. די איבערוואנדערער האבן זיך פאר-כאפט גרויסע נחלאות און האבן זיך אנגעהויבן גרויס האלטן מיט די פאר-בליבענע פון יהודה; זיי פלעגן זאגן, אז נאר די פארטריבענע, די בני-הגולה, בילדן די עדה פון יהוה, און דער וואס קען ניט דערוויזן, אז ער שטאמט פון די פארטריבענע, דעם פלעגט מען ניט אריינטראגן אין די צעטלען פון דער נייער עדה; ווען די ארטיקע איינוואוינער האבן פארגעלייגט זייער הילף ביים בויען דעם בית-המקדש, האט זיי זרבבל מיט שטאלץ געענטפערט: „מיר וועלן אליין בויען דאס הויז פון יהוה, דעם גאט פון ישראל“. נאר דאס האט

פונדעסטוועגן נים געשטערט די אָנגעקומענע זיך מתחתן זיין מיט אַזעלכע מיוחסים און היגע באַמטע, ווי זיי אַליין, וועלכע האָבן געלעבט אין שומרון און טיילווייס אין יהודה.

די כוהנים איז דאָס שטאַרק ניט געפעלן געווען; נאָך מער איז זיי ניט געפעלן דאָס, וואָס דער וועלטליכער טייל פון די איבערוואַנדערער, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין פאַרשיידענע טיילן פון יהודה, האָבן זיך גאָר ניט געאיילט צו בויען דעם בית־המקדש. ניט קוקנדיק דערויף, וואָס דער פּערסישער קיניג האָט באַפוילן זיינע פאַרוואַלטער פון מעבר־לנהר געגנט, ווי ס'האָט דאַן געהייסן דאָס גאַנצע לאַנד הינטער די טייכן פרת און חידקל, אַרויסגעבן די כוהנים פון די קיניגליכע הכנסות און גיטער אַלע נויטיקע מיטלען און מאַטעריאַלן צום בנין, איז די אַרבעט געגאַנגען זייער לאַנגזאַם און איין צייט האָט זי זיך גאָר געהאַט אָפּגעשטעלט. דאָס איז פאָרגעקומען צוליב אַ טריקעניש, וועלכע האָט געדויערט עטליכע יאָר נאָכאַנאַנד; די טריקעניש האָט אַרויסגערופן אומגערעטענישן, און די דאָזיקע צרה האָט גאָר אינגאַנצן אָפּגעקיהלט דעם עולם. די דאָזיקע אָפּהאַלטעניש איז שטאַרק ניט געפעלן געווען די כוהנים. אָן דעם בית־המקדש איז זיי שווער געווען צו קעמפן פאַר די רעליגיע פון אייגאַיינציקן יהוה, און ס'איז אויך שווער געווען צו לעבן, ווייל זיי זיינען געוואוינט געווען צו לעבן פון די קרבנות: ניטאָ קיין בית־המקדש, ברייגגט מען ווייניק קרבנות, און די הכנסות זיינען קליין. פאַראיינט מיט די כוהנים איז געווען זרבבל. ער האָט געחלום'ט וועגן איינשטעלן צוריק דעם טראָן פון זיינע אורעלטערן און האָט געהאָפט, אַז די כוהנים וועלן אים שטיצן. און זרבבל מיטן כוהן גדול יהושע האָבן זיך צונויפגערעדט צוזאַמען אָנהויבן אַן אַגיטאַציע, אַז מע זאָל וואָס גיכער בויען דעם בית־המקדש. כדי צו ווירקן אויפן פאָלק האָבן זיי אַרויסגעשטעלט צוויי נביאים, חגי און זכריה, וועלכע האָבן געהאַלטן מוסר־רעדעס. חגי האָט גע-זאגט: „איר זאָגט: ס'איז נאָך ניט געקומען די צייט צו בויען דאָס הויז פון יהוה! און פאַר אייך איז שוין געקומען די צייט צו זיצן אין באַפּוצטע הייזער אין דער צייט ווען מיין הויז איז נאָך חרוב? אָט איר זייעט און זאַמלט ווייניק, איר עסט און זעטיקט זיך ניט אָן, איר טרינקט און טרינקט זיך ניט אָן, איר וואַרט אויף אַ סך און באַקומט ווייניק און דאָס וואָס איר ברענגט אַהיים, וועל איך צעווייען מיטן ווינט. פאַרוואָס איז עס? דערפאַר, זאָגט יהוה, דער גאָט פון צבאות, וואָס מיין הויז איז חרוב, און איר לויפט

איטליכער צו זיין הויז. וועגדעט אייער הארץ, גייט ארויף אויפן הייליק בארג, טראגט בוימער און בויט דעם בית־המקדש". חגי האט גערעדט פשוט גאר אן חכמות; זכריה איז געווען ניט אזוי. ער איז געווען זעהר א געלערנ־טער מאן פאר יענע צייטן. ער איז גוט באקאנט געווען מיט דער חכמת בבל און האט זי אויסגענוצט כדי צו מאכן א גרעסערן רושם. ער פלעגט דערציילן, אז גאט האט אים באוויזן וואונדערבארע מופתים, אזעלכע פאר־שפיצטע, אז ער אליין האט ניט געקענט פארשטיין, וואס זיי באטייטן; דאן האט אים גאט געשיקט א מלאך, וואס זאל אים ערקלערן די מופתים. ווען זרבבל און יהושע האבן סוף כל סוף געמאכט אן אנהויב פונם בויען דעם בית-המקדש און ס'האט זיך אנגעהויבן א רעגלמעסיקע ארבעט, דאן האט עס זכריה אנגעהויבן צו דערציילן זיינע זעהונגען. געזעהען האט זכריה פיר רייטער — איינעמס רייטוואגן איז מיט שווארצע פערד, דעם צווייטנס—מיט ווייסע, דעם דריטנס—מיט רויטע און דעם פערטנס—מיט געפלעקטע; ס'האט זיך אויסגעלאזן אז די פיר רייטער זיינען די פיר גייסטער פונם ווינט וועלכע גאט שיקט ארומגיין איבער דער ערד. זיי גייען ארום די גאנצע ערד און דערציילן גאט, וואס זיי האבן געזעהען. און זיי האבן איבערגעגעבן, אז די גאנצע ערד איז באזעצט און איז רוהיק, און נאר ירושלים און די שטעט פון יהודה זיינען נאך אלץ חרוב און פארארימט. דאן האט יהוה געזאגט „אין ירושלים וועט אויסגעבויט ווערן א הויז פאר מיר און דאן וועל איך אים אומקערן מיין חסד; די פעלדער און וויינגערטנער וועלן געבן זייערע פירות, די ערד וועט געבן אירע פרוכט, און דער הימל זיין טוי, די שטעט פון יהודה וועלן פארפולט ווערן מיט אל דאס גוטס; יהוה וועט טרייסטן ציון און וועט ווידער פארפוצן ירושלים, וועט אים ארומרינגלען מיט א שטיינערנער וואנט און וועט צונויפקלייבן אין אים אלע איבער די פיר ווינטן צעשפרייטע בני-יהודה". אין אן אנדער זעהונג האט זכריה געזעהען דעם כוהן גדול יהושע, יהושע איז געשטאנען פאר יהוה'ס קיניגס-שטול אין אלטע פארשמוצטע קליידער, געדריקט פון זיינע שונאים. יהוה האט געהייסן דעם שטן, דעם פירער פון יהושע'ס שונאים, אויפהערן צו שטעלן זיך אנטקעגן גאטס זאך און האט געהייסן די מלאכים אראפנעמען פון יהושע'ן די שמוציקע קליידער און אנטאן אים יום-טוב'דיקע קליידער און אויפן קאפ א נייע הויב. ווען די מלאכים האבן עס געטאן, האט איין מלאך איבערגעגעבן יהושע'ן אזא הבטחה פון יהוה: „אויב דו וועסט היטן מיינע געזעצן און וועסט גיין

אין מיינע וועגן, וועסטו פאַרוואַלטן מיט מיין הויז און וועסט משגיח זיין איבער מיינע הויפן. הער אויס, כוהן גדול יהושע, און דיינע חברים, וואָס זיצן געבן דיר, דען איר זייט די אויספירער פון מיינע מופתים. פאַר יהושע׳ן לייג איך אַ שטיין, אויף אים איז זיבן אויגן און איך שרייב אָן מיין וואָרט און וועל אָפּרייניקן אַלע זינד פון דער דאָזיקער ערד אין יענעם טאָג (ווען ס׳וועט געהייליקט ווערן דער בית-המקדש)". נאָך אַ זעהונג האָט ער געזעהן וועגן זרבבל׳ן, זיבן מנורות פון גאָלד צווישן צוויי איילבירטן-ביימער האָט דער מלאך פון יהוה געוויזן זכריה׳ן און האָט אים דערקלערט, וואָס דאָס באַטייט: די זיבן מנורות — דאָס זיינען די זיבן אויגן פון יהוה, מיט וועלכע ער באַקוקט די גאַנצע וועלט, און די צוויי איילבירטן-ביימער — דאָס זיינען צוויי געזאַלבטע, וואָס שטייען פאַר דעם הערשער פון דער גאַנצער ערד: איינער — יהושע, דער צווייטער — זרבבל. און יהוה האָט אַזוי געזאָגט צו זכריה׳ן וועגן זרבבל׳ן: די הענט פון זרבבל האָבן געמאַכט אַן אָנהויב פון מיין הויז און זיי וועלן עס אויך פאַרענדיקן; צו דער צייט וועט אין בבל פאַרטיק ווערן אַ קרוין פאַר זרבבל׳ן, און ווען דאָס הויז פון יהוה וועט אויסגעבויט ווערן, וועט זרבבל זיך זעצן אויף זיין קיניגס-שטול און וועט קיניגן, און דער כוהן גדול יהושע וועט שטיין צו זיין רעכטער האַנט, און שלום און איינקייט וועלן הערשן צווישן זיי, און זרבבל׳ס מלוכה וועט זיין, ווי די מלוכה פון משיח׳ן: ס׳וועלן פאַרשוואונדן ווערן שקר און אומרעכט, און ירושלים און יהודה וועלן ווערן דער מיטלפונקט פון דער גאַנצער וועלט, ס׳וועלן קומען פיל גרויסע און שטאַרקע פעלקער צו זוכן דעם גאָט פון צבאות אין ירושלים און טאָן תפילה צו אים: „און עס וועט זיין אין יענע טעג וועלן זיך צען מענער פון אַלע שפּראַכן און פעלקער אָנכאַפּן פאַר דעם עק קלייד פון דעם מאַן פון יהודה און וועלן זאָגן: מיר ווילן גיין מיט אייך, וויל מיר האָבן געהערט, אַז מיט אייך איז גאָט". דאָס זעלבע, וואָס זכריה, האָט אויך צוגעזאָגט חגי: יהוה וועט מאַכן ציטערן דעם הימל און די ערד, וועט אומוואַרפן טראָנען און וועט צעשטערן די מאַכט פון די היידנישע מלוכות, וועט נעמען זרבבל׳ן און וועט אים מאַכן פאַר זיין פאַרטרעטער אויף דער ערד, און אין בית-המקדש וועט ער זאַמלען גאָר די אוצרות פון דער וועלט, און דער נאָמען פון צווייטן בית-המקדש וועט זיין נאָך גרעסער פון דעם ערשטן.

אויף אַזאַ אופן האָבן די דאָזיקע נביאים צוגעגרייט אַ באָדן פאַר זרבבל׳ן,

ער זאָל קענען ווערן א קיניג. הגם מע האט איצט אָנגעהויבן אַ סך שנעלער צו בויען דעם בית-המקדש, נאר זרבבל׳ס טרוימערייען און האָפענונגען זיינען דאָך ניט מקוים געוואָרן. מע האט געבויט ניט נאָר דעם בית-המקדש, ארום אים האָט מען אויך אָנגעהויבן בויען אַ וואנט. דאס האָט באַמערקט דער פערסישער פארוואַלטער מיט דעם געגנט, האט געגעבן צו וויסן פון דעם דעם קיניג און האָט מיט געוואַלט צייטווייליק אָפּגעהאַלטן די ארבעט. מע האָט אויף דאָס ניי אָנגעהויבן זיך משתדל זיין ביים קיניג דריוש, מע האט אויס-געזוכט כורש׳עס פאַראָרדענונג, אין וועלכער ער דערלויבט צו בויען דעם בית-המקדש, און דריוש האָט דערלויבט צו פאַרענדיקן דעם בית-המקדש. נאר זרבבל האט זיך שוין געמוזט אפזאָגן פון זיין פרוב ווידער אויפצושטעלן דאס קיניגרייך פון דוד׳ן. העכסט צופרידן זיינען מער ניט געווען ווי יהושע און זיינע חברים. אין 516-טן יאר איז דער צווייטער בית-המקדש פאַר-ענדיקט און פייערליך געהייליקט געוואָרן; די כוהנים האָבן צום חנוכת בית-המקדש פאַרפאַסט אַ פייערליכן לויב-געזאַנג, וועלכער שילדערט דעם פייער-ליכן אַריינטריט פון יהוה אין זיין באַנייטן וואוינאָרט: „הויבט זיך אין דער הויך, די טויערן פון דער אייביקייט, עס זאָל קענען אַריינגיין דער קיניג פון כבוד! נאר ווער איז עס דער קיניג פון כבוד? דאָס איז דער גאָט פון צבאות, דער מעכטיקער גבור, ער איז עס דער קיניג פון כבוד!" מיט גע-זאַנג פון לויב-לידער, ביים שפילן אין טרומייטן, צימבלען און פויקן האָט מען געבראַכט א גרויסע צאָל קרבנות. הונדערט רינדער, צוויי הונדערט שאָפּבעקן, פיר הונדערט שעפסן און צוועלף ציגנבעק, לויט דער צאָל פון די שבטים, האָט מען געבראַכט פאַר אַ קרבן חטאת; נאָכן חנוכת בית-המקדש זיינען די כוהנים איינגעטיילט געוואָרן אין משמורים און ס׳איז איינגעשטעלט געוואָרן א באַשטימטער סדר, ווי סע שטייט געשריבן אין געזעץ.

נאר די זקנים, וועלכע האָבן נאָך געזעהן דעם ערשטן בית, האָבן איצטער געשאָקלט מיט די קעפּ. דער גייער בית אין פאַרגלייך מיטן ערשטן האט אויסגעוויזן אַזוי אָרים און ניט היימליך, און אויף דעם אָרט פון ארון אין היגטערשטן סודותפולן טייל פון בית-המקדש איז איצט געווען פוסט. מע האָט געהאָפט, אַז מיט אַ נס וועט דער אָרון צוריק אַהער קומען, נאָר אַזאַ נס איז, פאַרשטייט זיך, ניט געשעהן. די כוהנים האָבן דערקלערט דאָס, וואס דער אָרון קומט ניט צוריק, דערמיט, וואָס יהוה איז געוואָרן אומדערגרייכבאַר גרויס פאַר זיין זינדיק פאָלק. ניט נאָר דאָס פאָלק, נאָר אפילו די נביאים



די חורבות פון יריחו.

זייַנען ניט מסוגל אים צו זעהן; זכריה איז אַריינגעדרונגען אין אלע סודות פונם הימל, און יהוה האָט ער אויך ניט געזעהן און האָט גערעדט נאָר מיט א מלאך, און דעריבער שיקט מער ניט יהוה זיין אָרון, און די מענטשן זעהען אים מער נישט, נאָר דער כוהן גדול מעג איין מאָל אין יאָר אַרייַנגייַן אין דעם אָרט, וואו ס'דאַרף זיך געפינען דער אָרון; דער אָרון וועט זיך צוריק באַווייזן דאָרט נאָר פאַרן טאג פון לעצטן משפט, און ווען דער כוהן גדול וועט אים דערזעהן וועט עס הייַסן, אז אַלע זינד פונם פאָלק זייַנען פאַר-געבן. און דעם נאָמען פון יהוה, האָבן געזאָגט די כוהנים, טאָר מען מער ניט אַרויסריידן: די זינדיקע ליפּן טאָרן ניט דערמאָנען זיין נאָמען. און פון דער צייט אן האָט מען אָנגעהויבן פאַרבייטן בייַם לייענען דאָס וואָרט „יהוה" מיטן וואָרט „אדני".

דער בית-המקדש איז געווען געבויט ווי דער אַלטער. פאַרן בית-המקדש איז איצט, ווי אויך פריהער, געווען אַ גרויסער הויף, וואו ס'איז

מיט א פייקל, מיט א צימבל, מיט טרומייטן, מוזיקאנטן (פון אן אשורישן רעליעף).

געשטאנען אַ מזבח פאַר די עולות. אויף דעם הויף פלעגט מען אַריינלאָזן אלעמען, וואס פלעגן קומען אין בית-המקדש תפילה טאָן און ברייַנגען אַ קרבן. ווייטער, אין בית-המקדש גופא זייַנען געווען צוויי העלפטן, אויך אזוי ווי פריהער; די ערשטע העלפט, וועלכע מע האָט אנגעהויבן רופן קדש, איז געווען פאַרמאכט פאר פשוטע מענטשן, אהין האָבן געהאַט א צוטריט נאָר די כוהנים און לוים. דאָ זייַנען געווען כמעט דיזעלבע כלים, ווי אין שלמה'ס בית-המקדש, נאר זיי זייַנען געווען אַ סך קלענערע און פשוטערע, ס'זיינע

נאָר ניט געווען די קופּערנע זײַלן מיט די סודותדיקע אויפשריפטן, מיט וועלכע די פעניקייאישע מײַסטערס האבן פארפּוצט שלמה'ס בית-המקדש; אנשטאט צען מנורות איז געווען נאָר ניט ווי אײַנע מיט זיבן לעמפּלאך־לויט דער צאָל פון גאטס אויגן, מיט וועלכע ער קוקט ארום די וועלט; אזוי ווי זכריה, אזוי האָבן אויך די כוהנים, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיטן בויען דעם בית-המקדש, פאַרשטאַנען אונטער די זיבן אויגן די זיבן גרויסע הימלישע ליכטער. אנשטאָט דעם קופּערנעם ים איז געווען אַ קלײַנער וואַשבעקן. נאר דער טיש מיטן לחם הפנים איז געווען אַזא ווי אין ערשטן בית-המקדש, נאָך דעם קדש איז געגאַנגען דער ק ד ש ק ד ש י ם, ווי ס'האָט איצט געהייסן דער אַמאָליקער דביר, נאָר איצט איז דאָרט, לײַדער, געווען פּוסט.

דער בית-המקדש האָט אויסגעוויזן אָרימער און חשכ'דיקער פאַרן ערשטן, אָבער די אָרדענונג איז דאָ געווען אַ שטרײַנגערע. שלמה'ס בית-המקדש איז געווען אַ קיניגליכע הײַליקייט; דער באַלעבאָס איז געווען דער קיניג, און די כוהנים זיינען געווען זיינע געהאָרכזאַמע באַדינער. דער קיניג פלעגט זיי באַשטימען און אָפּשאפן, דער קיניג פלעגט באַשטימען ווער פון זיי זאָל זיין דער כוהן גדול. דער קיניג פלעגט זיין שטענדיק אין בית-המקדש, אין אַלע זיינע טײַלן, אים פלעגט שטענדיק באַגלײַטן זיין פּראַכט-פולע סוויטע; אין די ימים-טובים פלעגן זיך דאָרט צונויפקלייבן טויזנטער מענטשן. אין בית-המקדש פלעגט מען אַריינלאָזן סיי מענער סײַ פרויען: ס'זיינען פאראַן אַפילו אָנווייזונגען, אז אין בית-המקדש זיינען אפילו געווען פרויען-כוהנים; יעדער, ווער ס'האָט געוואָלט באקומען אַ דירעקטע אנטפּלע-קונג פון יהוה, האָט געקענט פארבלייבן נעכטיקן אין בית-המקדש, און דעם חלום, וואס ער פלעגט דא געזען, פלעגט ער האַלטן פאַר אַ נבואה פון גאָט. גאָר אַנדערש איז געווען איצטער. די באַלעבאַטים זיינען געווען די כוהנים, די קינדס-קינדער פון די כוהנים פונם ערשטן בית-המקדש, זײַ האָבן גע-האַלטן, אַז זיי שטאַמען אַלע פון איין משפחה און געפירט זייער אָפּשטאַמונג, פון צדוק'ן, דעם ערשטן כוהן גדול אין בית-המקדש אין ירושלים. דער ער-שטער צווישן זיי איז געווען דער כוהן גדול יהושע. נאָך זכריה'ס מעהונג האָט ער געהאַלטן, אַז גאָט אַליין האָט אים באַשטימט פאַר אַ כוהן גדול, און נאָך אים פלעגט זיין שטעל און חשיבות איבערגיין בירושה צו זיינע זין און אוראײַניקלאך. די איבעריקע משפחות פון די כוהנים, וועלכע זיינען גאנץ

געבליבן פאַר דער צייט פון גלות, האָט מען אויך צוגעלאָזן צו דער עבודה
אין בית-המקדש, נאָר זיי האָבן שוין געמוזט זיין אונטער די הויפט-כוהנים,
צדוק'ס אָפּשטאַמער, וועלכע זיי האָבן געמוזט אָפּגעבן אַ צענטחלק פון זיי-
ערע הכנסות. זיי האָבן באַקומען זייער אַמאָליקן נאָמען לוים, ווי ס'האָבן
געהייסן פאַרן גלות די כוהנים פון די במות און פון אַנדערע פּראָווינציעלע
הייליקייטן. די כוהנים און די לוים האבן איצט געבילדעט א באַזונדערן
שטאַנד פון גייסטליכע, וועלכער האָט זיך אָפּגעטיילט פון די איבעריקע
וועלטליכע מענטשן. זיי פלעגן זאָגן, אַז זיי, די דינער פון גאָט, וואס טוען
תפילה פאַרן גאנצן פאָלק, דאַרף מען אָפּגעבן באַזונדער גרויס כבוד, און
אויף אויסצוהאלטן זיי און דעם בית-המקדש דאַרף דאָס פאָלק צאָלן אַ צענט
חלק פון זיינע הכנסות. די כלי-קדש האָבן אָנגעהויבן שטאַרק אַכטונג געבן,
אַז די וועלטליכע מענטשן זאָלן זיך ניט מישן אין די ענינים פון בית-המקדש.
וואס שטרייַנגער ס'וועט זיין פאַרבאָטן דער אַרייַנגאַנג אין בית-המקדש, אלץ
מער אַכטונג און מורא פאַרן בית-המקדש און פאַר יהוה. און ווי ס'איז אויס-
געבויט געוואָרן דער נייער בית-המקדש האבן די כוהנים טאקע פאַרנומען
גאָר אַ באַזונדערע לאגע אין ירושלים און יהודה.

נאר דאס לעבן איז ניט מיט אמאָל אוועק אזוי, ווי ס'האט זיך געוואלט
די כוהנים, און די וועלטליכע באפעלקערונג, סיי די אָרימע און סיי די מיוחסים,
איז נאָכגעגאנגען נאך די כוהנים אָן חשק. ניט קוקנדיק אויף די נבואות פון חגי
און זכריה איז די דחקות ניט קלענער געוואָרן. אזוי ווי פריער פלעגט זיך אין
לאנד אָפּט טרעפן א הונגער און, חוץ דעם, זיינען די קיניגליכע אָפּצאָלונגען
פון יאָר צו יאָר אלץ גרעסער געוואָרן. די אָרימע לייט האבן אויך איצטער, ווי
אין די אמאליקע יארן, זיך געמוזט ווענדן נאך הילף צו די רייכע, לייען בא זי
און פארזעצן בא זיי זייערע פעלדער און ווייַנגערטנער, כדי ניט צו שטארבן פון
הונגער און ניט רואינירט ווערן פון די קיניגליכע מוכסים, מיט וואס צו באצאָלן
איז ניט געווען, פאר די חובות האט מען געמוזט ווערן קנעכט פון די מלוה'ס,
דאס פאלק האט זיך באקלאגט: „אונזער פלייש איז דאך דאס זעלבע, ווי דאס
פלייש פון אונזערע ברידער, און אונזערע זין זיינען דאך אויך אזוינע, ווי זיי-
ערע זין, און היינט מוזן מיר אפּגעבן אונזערע זין און טעכטער פאר קנעכט,
ווייל מיר האבן ניט קיין מיטלען אויסצוקויפן זיי; און אונזערע פעלדער און וויינ-
גערטנער געהערן אויך צו פרעמדע". און ווען די כוהנים פלעגן זיי דערמאנען
אן יהוה און געעצה'ט אפּהיטן זיין תורה און טאן צו אים תפילה, פלעגן די פאר-

שקלאפטע פויערים ענטפערן: „וואס טויג אונז אפהיטן די תורה פון יהוה, אז די וואס טוען אומגעזעצליכקייט, לעבן אין וואוילטאג און הגם זיי פרובן גאט, בלייבן דאך זיי גאנץ". און די כוהנים האבן ניט געהאט, וואס זיי צו ענטפערן; ווייל די רייכע לייט און די מיוחסים האבן טאקע ניט אפגעהיט די תורה און ווייניק וואס געטראכט וועגן יהוה. פון אמאליקע יארן איז נאך געווען א געזעץ, וועלכער איז איינגעשטעלט געווארן אין די צייטן פון ירמיה, אז מע זאל אויפן זיבעטן יאר באפרייען די באצאלן-אומפייהיקע בעלי-חובות; נאר די רייכע און די מיוחסים האבן ניט אפגעהיט דעם דאזיקן געזעץ, ענטפערנדיק: וואו איז ער, דער געזעץ? איצטער זייגען גילטיק די קיניגליכע געזעצן, און די אלטע האבן פארלארן זייער קראפט. ווען די כוהנים פלעגן פאדערן מעשר, פלעגן די מיוחסים זעהר ניט גערן עס געבן אדער פלעגן גארנישט ניט געבן; די כוהנים פלעגן זאגן, אז זיי באגנב'ענען דערמיט יהוה, אז גאט וועט זיי דערפאר שטראפן, אז ער וועט זיי פארברענען ווי שטרוי און ניט איבערלאזן פון זיי ניט קיין ווארצלען ניט קיין צווייגן, נאר דאס האט קנאפ וואס געווירקט. די גוטס-באזיצער פלעגן זיך מתקרב און מתחתן זיין מיט פרעמדע און אנדערש גלויביקע שרים פון די בני-עמון, בני-אדום און פון די ארמים; די דאזיקע התקרבות איז שטארק ניט געפעלן געווען די כוהנים, ווייל די, וואס פלעגן זיך מתחתן זיין מיט מענטשן פון אן אנדער גלויבן, פלעגן איינגאנצן פארגעסן אן בית-המקדש און פלעגן אפילו אנהויבן דינען די געטער פון זייערע פרויען. און די כוהנים האבן ווידער אנגעהויבן זוכן מיטלען, ווי אזוי צו צווינגען די בני-יהודה, אז זיי זאלן זיך אונטערווארפן אונטערן געזעץ פון יהוה.

די כוהנים האבן זיך קודם כל בארעכנט, אז ס'איז טאקע נישטא איצט אזא געשריבענער געזעץ, וועלכן אלע בני-יהודה זאלן זיין מחויב אפצוהיטן, אמת, די כוהנים האבן געהאט די תורה פון יאשיהו, זיי האבן אויך געהאט אנדערע ספרים, אין וועלכע ס'זיינען פאר דער צייט פון גלות פארשריבן געווארן פיל חוקים. נאר צו די אלע געזעצן האבן ניט געהאט קיין קראפט אן א קיניגליכער פארארדענונג: ס'האט אפגעהיינגט בלויז פון גוטן ווילן פון פאלק פאלגן אדער ניט פאלגן די כוהנים; דאס ניט פאלגן האט זיך פאר קיין פארברעכן ניט גערעכנט. אויסער דעם, זייגען די אלע געזעצן צעווארפן אין פארשיידענע ספרים, זיי זייגען ניט געבראכט געווארן אין קיין סדר און זייגען ניט אלעמען באקאנט געווען. די כוהנים פון ירושלים האבן געפילט, אז מע מוז צוציען אויף זייער צד דעם קיניג, ער זאל זיי העלפן, ער זאל מיט זיין

מאכט באשטעטיקן דעם געזעץ, וועלכן די כוהנים וועלן צוזאמענשטעלן און וועלן באשליסן איינצופירן, נאכדעם האבן זיי אנגעהויבן צו טראכטן, וואס פאר א געזעץ דארף עס זיין. זיי האט זיך געוואלט, אז דער געזעץ זאל באשטימען ניט נאר דעם סדר פון דער עבודה, זאל געבן ניט נאר תקונים אין אמונה=זאכן און זאל באשטימען די חיוב-גאבן פאר די כוהנים; זיי האט זיך געוואלט, אז דער געזעץ זאל איבערגעבן אין זייערע הענט גאר די מאכט. זיי זאלן משפט'ן און פארוואלטן מיט גאנץ יהודה; זיי האבן געדיינקט אויף אזא אופן: אויף דער ערד האט מער יהודה קיין קיניג ניט, פארבליבן איז נאר זייער קיניג אין הימל, יהוה; און מיר, כוהנים, זיינען דאך, אזוי צו זאגן, די שלוחים פון דעם דאזיקן הימלישן קיניג, ווייל יהוה אליין האט באשטימט יהושע'ן פאר א כוהן גדול. זיי האט זיך געוואלט, אז דער קומענדיקער געזעץ זאל זיין אזוי הייליק און אלטערטימליך, ווי דער ספר הברית אדער ספר התורה פון יאשיהו'ן, וועגן וועלכע מע האט דערציילט, אז זיי האט יהוה אליין געגעבן דורך משה'ן, ווען די בני=ישראל האבן געוואנדערט איבער'ן מדבר, הייסט עס, אז ס'איז ניט קיין גרינגע זאך געווען, צונויפשטעלן אזא מין געזעץ האט ניט איטליכער געקענט. צווישן די כוהנים פון ירושלים, וועלכע זיינען געווען פארנומען מיט פראקטישע ענינים, מיט פארוואלטן מיט'ן בית-המקדש און מיט דער עבודה, איז געווען ווייניק געלערטע מענטשן. די געלערטע אידן זיינען געווען צעשפרייט אין בבל, מצרים, דארט, וואו ס'זיינען געווען גרויסע ביבליאטעקן, וואו מע האט געקענט זיך פארנעמען מיט אויספארשונגען.

אין בבל האט גראדע געלעבט דאן אזא מענטש, אין וועלכן ס'האבן זיך גענויטיקט די כוהנים פון ירושלים. דאס איז געווען עזרא, וועלכער האט געפירט זיין אפשטאמונג פון דעם כוהן גדול צדוק. פארוואס איז ער פארבליבן אין בבל און האט זיך נאך ביז איצט ניט אומגעקערט פון גלות, ווייסן מיר ניט; מסתמא האט ער פארנומען עפעס א גרויסע שטעלע ביים הויף פון פערסישן קיניג, אזוי ווי זיין פריינד און מיטארבעטער נחמיה. עזרא איז געווען א סופר, דאס הייסט, א מענטש, וואס האט געוואוסט די ספרים, א געלערטער; ער האט געוואוסט אלע געזעצן פון ישראל, און עזרא האט מיט דער הילף פון די כוהנים און אנדערע סופרים צוזאמענגעשטעלט די תורת משה, דעם ספר התורה, ווי ער הייסט בא די אידן, דאס הייסט, די ערשטע פינף ספרים פונ'ם תנ"ך, דעם חומש. צוזאמענגעשטעלט האט ער דעם ספר לויט די פריהערדיקע געזעצן פון ישראל און לויט די געזעצן, וואס זיינען פארשריבן געווארן אין גלות, ס'פארשטייט זיך,

מיט אַ סך שינוים, אַ סך האָט ער דורכגעלאָזן און אַ סך מוסיף געווען; ער האָט אויך אויסגענוצט די ספרים, אין וועלכע ס'ווערט דערציילט די אוראַלטע געשיכטע פון דער וועלט-באַשאַפונג און פון דעם פאָלק ישראל, כדי צו דערציילן, ווען און ווי אַזוי זיינען געגעבן געוואָרן די דאָזיקע געזעצן. דערנאָך האָט עזרא בעקראָגן ביים קיניג ארטחשסתא (אַרטאַקסערקס) אַ דערלויבעניש אָפצופאָרן קיין יהודה מיט אַלע כוהנים, לויים און פשוטע מענטשן, וועלכע וועלן מסכים זיין צו פאָרן מיט אים, און האָט אויך זיך דערשלאָגן אַזאַ פאַראָרדענונג: עזרא ווערט געשיקט פון קיניג און פון זיינע זיבן ראַטספירער מיט קיניגלעכער באַפולמעכטיקטער כדי צו מאַכן אַ רעוויזיע איבערן לאַנד יהודה אויפן גרונט פון געזעץ פון זיין גאָט און כדי צו באַשטימען שופטים און פאַרוואַלטערס אין יהודה, וועלכע זאָלן קענען דעם געזעץ פון גאָט פון די בני-יהודה; איטלעכער וואָס וועט ניט פאָלגן די געזעצן פון עזרא'ס גאָט און פון קיניג, מוז געמשפט ווערן און באַשטראָפט ווערן מיט טויט אָדער פאַרטריבן ווערן, אָדער שטראָפירט ווערן אָדער אַריינגעזעצט אין תפיסה; און די פערסישע פאַרוואַלטערס מוזן גלייך אַרויסגעבן אַלץ, וואָס עזרא וועט פאָדערן, און העלפן אים מיט וואָס נאָר ס'וועט זיין מעגליך, און זיי טאָרן פון היינטיקן טאָג אָן ניט פאָדערן קיינע קיניגליכע אָפצאָלונגען פון די כוהנים, לויים און אַלע איבעריקע, וואָס דינען ביים בית-המקדש. אויסער דעם האָט דער קיניג אַליין געגעבן מתנות אויף צו באַפוצן דעם בית-המקדש און צוגעגעבן אים אַ שענערן און פרעכטיקערן אויסזעהן.

מיט דער דאָזיקער פאַראָרדענונג איז עזרא, וועלכער האָט מיטגענומען מיט זיך דעם ספר התורה פון משה, אַוועקגעפאָרן קיין ירושלים; מיט אים איז מיטגעפאָרן אַ נייע פאַרטיע איבערוואַנדערער, וועלכע איז באַשטאַנען כמעט אויסשליסליך פון כוהנים און לויים. אָנגעקומען קיין יהודה, האָט עזרא איבערגעגעבן די קיניגליכע פאַרוואַלטערס די קיניגליכע פאַראָרדענונג און איז גלייך צוגעטראָטן צום איינפירן דעם נייעם געזעץ. דאָס איז געווען אין 458-טן יאָר.

קודם כל האָט עזרא אָנגעהויבן פאָדערן, אַז די בני-יהודה זאָלן זיך פולשטענדיק אָפזונדערן פון אַלע איבעריקע פעלקער. אַז ער האָט זיך דערוואוסט, אַז ביז איצט פלעגן גאַנץ פריי געשלאָסן ווערן געמישטע שידוכים, האָט ער געפאָדערט, אַז ס'זאָלן זיך גלייך אויפהערן אָט די פאַרברעכנס קעגן געזעץ. מע

האט צונויפגערופן די גאנצע עדה אויף א פארזאמלונג, אלע, אויב זיי ווילן נאר ניט אויסגעשלאסן ווערן פון דער עדה פון די בני-ישראל, האבן געמוזט קומען. אז דאס גאנצע פאלק האט זיך פארזאמלט, איז עזרא אויפגעשטאנען און האט געזאגט: „איר האט געפעלשט אין גאט, דערמיט, וואס איר האט זיך גענומען פרעמדע פרויען און מיט דעם האט איר פארמערט די זינד פון ישראל; טוט תשובה צו יהוה, אייער גאט, טוט זיין ווילן און שיידט זיך אפ פון די פעל-קער פון לאנד און פון די היידנישע פרויען". די פארזאמלטע האבן זיך געמוזט אונטערגעבן; ניט קוקנדיק אויף די רעגנדיקע הארבסט-צייט, האבן זיי געמוזט פיל מאל גיין און פארן קיין ירושלים, ביז ס'האט זיך ניט פארענדיקט די אויס-פארשונג, ווער ס'האט חתונה געהאט מיט א גיט אידישער-פרוי; די דאזיקע אלע זווגים זיינען בטל געווארן; די מענער האבן געמוזט אוועקווארפן זייערע פרויען און קינדער און אויף להבא מיט זיי קיין מגע און משא ניט האבן. און כדי בע-סער איינצוהיטן די בני יהודה פון יעדן נסיון, האט עזרא ארומגעצוימט ירושלים מיט א הויכער וואנט און האט פארבאטן פרעמדע אריינצודרינגען אין שטאט; איצט האט מען אויסגעבויט א מויער איך אין דרום-זייט, אין דער לייגנ פון דעם טאל הינום, וואו ס'איז פארן גלות ניט געווען קיין קאמפאקטער מויער.

עזרא'ס שטרייגנע איינפירונגען האבן גלייך ארויסגערופן אומרוהען. פאר פיל מענטשן איז דאך ניט אזוי לייכט געווען זיך צעשיידן מיט זייערע פרויען און קינדער, צעשטערן זייער גאנצן פאמיליען-לעבן; בא פיל איז געבליבן בעסער צו ליידן פון עזרא.ס און דעם קיניגס צארן, איידער אפצוטאן אזא אכזריות'דיקע זאך. און די אנדערשגלויביקע זיינען אויך געווארן אויפגערעגט. זיי האבן ניט נאר רחמנות געהאט אויף זייערע טעכטער, וועלכע האבן געליטן פון עזרא'ס געזעץ. דער פארבאט אריינצודרינגען אין ירושלים האט געקענט זיי איינגאנצן רואינירן, ווייל פיל פון זיי האבן געהאט מיט די איינוואוינער פון ירושלים כלערליי געשעפטן, און עזרא האט זיך גלייך איבערגעצייגט, אז די זאך איז ניט אזוי פשוט, ווי ער האט געמיינט. אין מויער האט מען דורכגעבראכן לעכער, דורך וועלכע מ'האט געקענט אריינ-דרינגען אין שטאט, אויסמיידנדיק די וועכטער, וועלכע זיינען געשטאנען בא די טויערן. אין א שיינעם פריהמארגן האט מען זיך ארומגעזעהן, אז די טויערן פון ירושלים זיינען גאר פארברענט: בא דער נאכט האט ווי אימיצער אונטערגעצונדן און דעם שולדיקן האט מען ניט געפונען. פיל מענער האבן זיך

אָפּגעזאָגט צו שיידן זיך מיט זייערע פרויען און קינדער; די קיניגליכע פאַרוואַלטערס האָבן עזרא'ן ניט מיטגעשפּילט און אים ניט געשטיצט, מע האָט געמוזט צום צווייטן מאָל זיך ווענדן צום קיניג.

דער קיניג האָט געהאַט אַ שר-המשקים פון די בני-יהודה, נחמיה. מע האָט זיך געווענדט צו אים און געבעטן, ער זאָל אויסנוצן זיין גאַנצע ווירקונג אויפן קיניג לטובת עזרא'ס ענין. נחמיה האָט אָנגעהויבן זיך משתדל צו זיין און האָט געקראָגן ביים קיניג אַ פאַראָרדענונג, אין וועלכער ס'ווערט באַפוילן נחמיה'ן אויסצובויען מויערן אַרום דעם בית-המקדש, און נחמיה גופא ווערט באַשטימט פאַר אַ פאַרוואַלטער פון געגנט יהודה. אַז נחמיה איז געקומען צופאָרן קיין ירושלים, האָט ער גערופן אויף מוז-אַרבעט די גאַנצע באַפעלקערונג פון יהודה כדי צוריק אויסצובויען די מויערן און טויערן; אַז פיל האָבן זיך אָפּגעזאָגט, אַנטשולדיקנדיק, אַז זיי זיינען געוואָרן קנעכט פאַר זייערע חובות און קענען ניט אויסקויפן פון זייערע הערן, האָט נחמיה באַפוילן צו באַפרייען אַלע קנעכט, וועלכע האָבן אָפּגעדינט זיבן יאָר, אַזוי ווי ס'האָט געדאַרפט זיין לויט דער תורה; לסוף האָט ער געמאַכט אַ ציילונג פון אַלע בני-יהודה, כדי צו וויסן, וועמער ס'איז מחויב זיך אונטערצוואַרפן די כוהנים פון בית-המקדש און ברענגען זיי גאָבן. נחמיה'ס דאָזיקע טעטיקייט האָט אויך אויפגערעגט קעגן אים פיל פון די מיוחס'דיקע בני-יהודה און פון די פרעמדע פעלקער; מע האָט אַפילו געמסר'ט אים צום קיניג, אַז ער וויל זיך דערקלערן פאַר אַ קיניג. נאָר נחמיה'ן האָט זיך איינגעגעבן צו באַרעכטיקן זיך פאַרן קיניג און האָט ווייטער געטאָן זיין אַרבעט. איצטער איז שוין קלאָר געוואָרן, אַז ס'איז נישט צו מאַכן און מע מוז זיך אונטערגעבן. עזרא און נחמיה האָבן מער קיין ווידערשטאַנד ניט באַגעגנט און זיי האָבן באַשלאָסן פאַרענדיקן די זאַך מיט אַ פייערליכער פאַרעפנטליכונג פון דעם ספר-התורה און מיט אַ שבועה צום נייעם געזעץ.

דער טערמין צו פאַרעפנטליכן דעם געזעץ און צו ברייגען די שבועה איז באַשטימט געוואָרן אין 444-טן יאָר צום האַרבסט יום-טוב סוכות, צו וועלכן ס'קלייבט זיך געוויינטליך צונויף אין ירושלים אַ גרויסע צאָל מענטשן. די שלוחים, וועלכע עזרא און נחמיה האָבן פאַנאַנדערגעשיקט, האָבן נאָך באַצייטנס, מיט עטליכע טעג פאַרן יום-טוב, צונויפגעקליבן דאָס פאָלק קיין ירושלים כדי צו פאַרעפנטליכן די תורה. דער ספר התורה, וואָס עזרא האָט מיטגעבראַכט פון בבל, איז געווען זעהר אַ גרויסער; מע האָט אים ניט געקענט פאַרעפנטליכן אויפן געוויינטליכן אופן, ווי מע פלעגט טאָן אַמאָל, דאָס הייסט אויסקריצן די געזעצן



דער טאל הינום.

אויף שטיינערנע טאָוולען און אויסשטעלן די טאָוולען אויפן הויפּט-פּלאַץ פון ירושלים. דעריבער האט מען צונויפגערופן אַ ספּעציעלע פאָלקס-פאַרזאַמלונג קיין ירושלים בײַ די וואַסער-טויערן (שער-המים). דאס פאָלק האט זיך צונויפגעקליבן באַגינען; אויפן פּלאַץ איז געווען אײַנגעאָרדנט אַ בימה, אויף וועלכע ס'האט זיך געשטעלט דער סופר עזרא, האט פאַנאַנדערגעוויקלט די מגילה, וועלכע ער האט מיטגעבראַכט און האט אָנגעהויבן לייענען. געלייענט האט ער פון באַגינען ביז האַלבן טאָג און נאָכדעם ווי ער האט פאַרענדיקט דאָס לייענען, האט ער אויפגעהויבן די מגילה און האט געבענטשט מיר איר דאס פאָלק; אַלע זײַנען געפאַלן צו דער ערד פאַר דער תורה פון יהוה און האבן געוויינט. נאָכדעם ווי עזרא האט איבערגעלייענט די תורה, האט מען זי ווידער אַמאָל געלייענט. די לויים האבן צעטיילט דאָס פאָלק אויף קליינע גרופּן און האבן פאַר זיי געלייענט די וויכטיקסטע פראגמענטן פון דער תורה, דערקלערט זיי, כדי אַלע זאָלן פאַרשטיין, וואס מע האט געלייענט. דערנאָך האט מען געפּײַערט דעם יום-טוב סוכות לויטן נײַעם געזעץ אַזוי, ווי מע האט אים נאָך קיינמאל ביז איצט ניט געפּײַערט, דורכאויס האט מען געמאַכט סוכות פון צווייגן פון אײַלבירטן-ביימער, אויף די דעכער פון די הײַזער, אין די הויפן, אויף די פּלעצער; דאס איז גאר אַן אויסערגעוויינטלעכער יום-טוב, וועלכער האט פאַרשאַפט גרויס שמחה דעם פאָלק. דער יום-טוב האט זיך געענדיקט און מע האט ווידער צונויפגערופן אַ פאָלקס-פאַרזאַמלונג צוליב דעם סאַמע פייערלעכן אַקט: צו שווערן צו דער תורה. מע האט נאָך אַמאָל איבערגעלייענט די תורה פון אנהויב ביזן סוף, און דאס פאָלק האט געוויינט און האט געטאָן תשובה, נאָכדעם האט עזרא געהאַלטן אַ לאַנגע תשובה-רעדע, ער האט דערמאָנט, ווי יהוה האט אויסדערוויילט דאס פאָלק ישראל, ווי ער האט אים אויסגעלייזט פון מצרים, ווי ער האט אים געגעבן דאס צוגעזאָגטע לאַנד כנען, מיט וואס פאַר אַ נצחונות און גדולה ער האט אַרומגערינגלט דאס פאָלק, פאַרלאַנגנדיק פון אים נאָר איין זאַך, ער זאָל אָפּהיטן זײַן געזעץ; זײַן רעדע האט ער פאַרענדיקט אַזוי: „אונזערע קיניגן, אונזערע שרים, כוהנים און פאָטערס האבן ניט געהיט דײַן תורה, ניט געהיט דײַנע מצות און האבן ניט פאַרנומען די התראות, וואס די האסט זיי געמאַכט; געלעבט האבן זיי אין דײַן מלוכה, אין פון דיר געבענטשטן גרויסן און פרוכטבאַריקן לאַנד, וואס דו האסט זיי געגעבן, און זיי האבן דיך ניט געדינט און ניט אויפגעהערט צו טאָן קיין שלעכטע מעשים. און איצט זײַנען מיר קנעכט, און וואו? אין דעמזעלבן לאַנד, וואס דו האסט אָפּגעגעבן אונזערע אָבות, כדי צו געניסן

זײַנע געבענטשטע פרוכט. די רײַכע פרוכט פון דעם לאַנד קומען אָן צו האַרן, וועלכע די האסט געשטעלט איבער אונז, און זיי טוען וואס נאָר זײַ ווילן מיט אונז, און אויך מיט אונזער פיה. און מיר ווערן שווער אונטערדריקט. און איבער דעם אַלץ זײַנען מיר זיך מתחיב פאַר דער תורה און שרײַבן זיך אונטער, מיר, אונזערע האַרן, אונזערע לויים, אונזערע כוהנים און לייגן צו אונזערע חתימות". נאָך דער רעדע האבן אַלע דערבײַ זײַענדיקע האַרן, לויים און כוהנים אונטערגעשריבן פאַר זיך און פאַרן פאלק די התחיבות אָפּצוהיטן די תורה. דאס פאָלק האט געשוואָרן מונדליך, ער האט געשוואָרן, אַז אויף להבא וועט עס קיין מגע ומשא ניט האבן מיט די געצנדינער, וועלכע האבן אַמאָל פאַרפירט זײַנע אבות, ווי ס'שטײַט געשריבן אין דער תורה; מהיום והלאה וועט זיך קײַן זון און קיין טאָכטער פון יהודה ניט מתחתן זײַן מיט זײַ, דאס פאָלק האט געשוואָרן, אַז עס וועט הייליק אָפּהיטן די שבתים און ימים-טובים׳ אַז עס וועט הייליק היטן דעם געזעץ וועגן דעם זיבעטן יאָר (שמיטה), ווען מע דאַרף באַפרייען אַלע אידישע קנעכט. דאָס פאָלק האט געשוואָרן ברייגען אין דער צייט אַלע קרבנות, וואס מע מוז מקריב זײַן יעדן טאָג, שבת, ראש חדש און יום-טוב, אַלע עולות און דעם קרבן תמיד, און צאָלן אין בית-המקדש פאַר די קרבנות און צאָלן אויף אויסצוהאַלטן דעם בית-המקדש אַ דריטל שקל אַ יאָר פון יעדן מענטשן. לסוף האט דאס פאלק געשוואָרן, אַז פון הײַנט אָן וועט עס שטרייגג אָפּהיטן דעם געזעץ וועגן ברייגגען פאַר גאָט די ביכורים פונ׳ם ברויט, ווײַן און אייל, די בכורים פון פיה און פון די מענטשן, אַז עס וועט פונקטליך צאָלן מעשר די לויים. ס'איז פאַרבליבן אָפּטאָן נאָך איין זאַך. ירושלים איז נאָך ביז איצט געווען ווייניק פאַרבויט און באַפעלקערט; די כוהנים איז אויסגעקומען צו לעבן אין אַ ליידיקער שטאָט, וואס איז געווען שטאַרק ניט היימליך און וואס האבן געגעבן ווייניק אינטערעס. עזרא און נחמיה האבן געהייסן וואַרפן גורל, אַז אַ צענט'חלק פונ׳ם פאלק זאָל זיך באַזעצן אויף שטענדיק אין ירושלים. מע האט אַזוי געטאָן, אין ירושלים איז געוואָרן מער מענטשן, און זי איז טאַקע געוואָרן די אמת'ע הויפּט-שטאט פון יהודה.

נאָך סוכות 444-טן יאָר האבן די בני-יהודה אָנגעהויבן לעבן לויט'ן נייעם געזעץ, הגם ניט מיט אַמאל האט מען אים גלייך דורכאויס אָנגעהויבן שטריינג אָפּהיטן, ניט קוקנדיק אויף די געגעבענע שבועה. נחמיה'ן איז נאָך אַ לאַנגע צייט אויסגעקומען צו קעמפן מיט דעם, וואס מע האט אָפּט עובר געווען דעם געזעץ וועגן אָפּזונדערן זיך פון די געצנדינער, וועגן שבת-רוה, וועגן דעם אַז

מע זאָל אַקוראַט און צו דער צייט ברייַנגען די אָפּצאָלונגען אויף אויסצוהאַלטן די כוהנים, לוים און דעם בית-המקדש. נאָר דאָך האט איצט די עדה אין יהודה באַקומען אירע גרונט-געזעצן, איר הייליקע קאָנסטיטוציע. פריהער האָבּן די בני-יהודה געבילדעט אַ מלוכה, איצטער אַ כ ו ה נ ' י ש ע ע ד ה. דער אויבּער האַר איז געוועזן דער פּערסישער קיניג, וועלכן זיי האָבּן געמוזט צאָלן צינז. נאָר אין די אינעווייניקסטע ענינים האָבּן פאַרוואַלטעט די כוהנים פון בית-המקדש אין ירושלים. די כוהנים האָבּן איצט גע'משפּט און באַשטראַפט דאָס פאָלק אין נאָמען פון משה'ס תורה, וועלכע איז געגעבּן געוואָרן פון גאָט אַליין; זיי פלעגן זאָגן, אַז דורך זיי געוועלטיקט יהוה אַליין, און זייער רעגירונג איז אין תוך אַריין די רעגירונג פון יהוה אַליין, אַ ט ע אָ ק ר אַ ט י ע. לאָמיר זשע זיך באַקאַנען, וואָס איז עס געוועזן פאַר אַ תורה און צו איז לייכט געוועזן צו לעבּן לויט דער דאָזיקער תורה.

XIV.

די תורה און דאָס לעבּן.

„די תורה פון גאָט איז פולקום, זי דערפרישט דעם נפש. די עדות פון גאָט איז אמת, מאַכט קלוג דעם נאַר. די געבּאָטן פון גאָט זייַנען ריכטיקע, דערפרייען דאָס האַרץ, די בּאַפעלן פון גאָט זייַנען קלאָר, באַלייכטן די אויגן. די יראה פאַר יהוה איז ריין, און אייביק. גאָטס משפּטים זייַנען אמת, זייַנען שטענדיק גערעכט; זיי זייַנען געלוסטיקער פאַר גאָלד און פאַר גינגאָלד, זיי זייַנען זיסער פאַרן זיסטן האָניק". מיט אַזעלכע ווערטער ווערט געלויבּט גאָטס תורה אין דעם נייַנצעטן קאַפּיטל פון תהילים, וועלכער איז פאַרפאַסט געוואָרן לכבוד יהוה און זיין תורה. דער דאָזיקער מזמור באַגייסטערט די אידן צו ליבּן און שטרייַנג אָפּצוהיטן די תורה. און אין משה'ס תורה ווערט דערציילט די וואונדערליכע מעשה וועגן דעם, ווי אַזוי מע האט באַקומען די תורה, און לייַענענדיק דעם ספר התורה האָבּן זיך די אידן געדאַרפט איבּערצייגן אַז די תורה איז געגעבּן פון גאָט און איז כלו אמת.

די תורה האט זיך אָנגעהויבּן, דערציילט דער ספר התורה, אינאיינעם מיטן אָנהויב פון דער וועלט; ווען ס'האט אָנגעהויבּן עקסיסטירן די וועלט, האט אָנגעהויבּן עקסיסטירן די תורה. גאָט האט בּאַשאַפן די וועלט, דעם הימל און די

ערד; אין אָנהויב איז געווען נאר אַ תוהו ובוהו, אַ וואַסער-אָפּגרונט, ביסלאַכ-ווייז איז אין דעם תוהו ובוהו אַריינגעטראגן געוואָרן אַ סדר: די וואסערן פון הימל זיינען אָפּגעטײלט געוואָרן פון די וואסערן פון דער ערד, דער הימל-פעסט האט זיך אָפּגעטײלט פון דער ערד-יבשה דערנאָך איז באַשאַפו געוואָרן תחילת אַלץ, וואס אויפן הימל, די זון, דאס ליכט פונ׳ם טאג, די לבנה, דאס ליכט פון דער נאַכט, און די שטערן; דערנאָך איז די יבשה אין דאס וואַסער באלעבט געווארן מיט בעלי-חיים׳ס און געוויקסן, זיי האט גאָט געבענטשט און געהייסן זיךפרוכפערן און פארמערן זיך, דער לעצטער אקט פון שאַפונג איז געווען דאָס באשאפן פון די מענטשן: גאָט האָט באשאפן גלייכצייטיק דעם מאן און די פרוי, האָט זיי געבענטשט און געזאָגט: „פרוכפערט זיך, פאַרמערט זיך, באַפעלקערט די ערד און געוועלטיקט איבער איר״. דאס אַלץ איז באַשאַפן געוואָרן אין זעקס טעג; אויפן זיבעטן טאָג האט גאָט באַטראַכט אַלץ, וואס ער האט באַשאַפן, און האט געפונען, אַז אַלץ איז גוט; גאָט האט גערוהט פון זײַן אַרבעט. „און גאט האט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג און האט אים געהײליקט, ווײַל אין דעם טאָג האט ער גערוהט פון זײַן גאַנצער אַרבעט״. דעם דאזיקן בײַשפיל און באפעל פון גאָט דארפן אָפּהיטן אויך די מענטשן; אַזוי ווי גאָט האט אויפן זיבעטן טאָג אויפגעהערט צו ארבעטן, אזוי דארפן אויך די מענטשן רוהען דעם זיבעטן טאָג. דער געזעץ וועגן שבת, אָט דער וויכטיקסטער געזעץ פון גאַך די גלות-צייטן, איז אויף אזא אופן, ווי ס׳דערציילט דער נייער ספר התורה, איינגעשטעלט געווארן אײַנצייטיק מיט דער וועלט-באשאפונג. פריהער, פארן גלות, האט מען אויך געפייערט דעם שבת׳דיקן טאָג, נאר דאן האט מען אים געהאלטן פאר א יום-טוב לכבוד דער לבנה, יעדן חודש פלעגט מען פייערן דעם מולד, און אויך יעדע פאזע פון דער לבנה פלעגט פארצײַכנט ווערן מיט א יום-טוב; דעם ערשטן שבת פון יעדן חודש איז געווען א יום-טוב פונם מולד און דערנאך פלעגט מען יעדע זיבן טעג פייערן נאך דריי שבתים. אָט די דאָזיקע שבתים זיינען געווען, ווי אלע ימים-טובים אין יענע צייטן, טעג פון שמחה און פרײַליכקייט; ס׳פארשטײַט זיך, אז די אלטעגליכע ארבעט פלעגט ניט געטאָן ווערן אין די טעג. די כוהנים האבן איצט נאָכן גלות אינגאנצן געענדערט דעם כאראקטער פון דעם שבת׳דיקן יום-טוב. אינגאנצן אָפּשאפן אָט דעם פאָלקס-יום-טוב האבן זיי ניט געקענט; די בני-יהודה זיינען צו אים צוגעוואוינט געווען און אויך אין בבל האבן זיי זיך פון אים ניט אָפּגעוואוינט, ווייל אויך בא די בבלים איז געווען א מנהג צו פייערן שבת. דעריבער האבן די כוהנים געזעהן

אויף אן אנדער אופן צו דערקלערן, פארוואס דארף מען פייערן דעם שבת־דיקן טאג. ניט לכבוד דער לבנה מיט אירע פאזן זיינען איינגעשטעלט די שבתים נאָר דאס האט גאט אליין איינגעשטעלט דעם שבת־רוה, ווייל ער אליין האט אין זעקס טעג באשאפן די וועלט און האט גערוהט דעם זיבעטן טאג. און כו־ דער נייער שבת זאל שוין לחלוטין ניט זיין ענליך צו דעם פריהערדיקן שבת, האט דער געזעץ פון די כוהנים איינגעפירט אזעלכע מנהגים, וועלכע האבן געמאכט דעם שבת, ניט פאר א טאָג פון תענוג, נאר פא" א טאָג, אין וועלכ ס'דארפן אויסגעפירט ווערן א סך שווערע מצות. שבת טאָר מען גאָרנישט ניט פארקויפן און קויפן, מע טאָר גאָרנישט ניט קאכן און בראָטן, מע טאר אפילו קיין פייער ניט אָנצינדן, מע טאָר קיין אלטעגליכע ארבעט ניט טאָן, אלץ מוז מען צוגרייטן ערב שבת און אויב מע האט עפעס פארגעסן און געטאן עס אום שבת, באגייט מען א שווערן זינד און מע מוז ברייגען א קרבן און צאָלן קנס

דאס צווייטע מאָל האט גאָט געגעבן זיין געזעץ נח'ן נאכן מבול. דאסמאָל האט גאָט פייערליך דערקלערט, אז ער וועט מער ניט פארניכטן דעם מענטשליכן דור און אַלע באַשעפענישן דורך אַ מבול, און ווי אַ מופת פון אָט דעם צוזאָג האט ער אַוועקגעשטעלט דעם רעגנבויגן. דערפאַר דאַרפן די מענטשן און די חיות אָפהיטן דעם געבאָט „לא תרצח". מע טאָר ניט הרג'ענען קיין מענטשן און מע טאָר ניט עסן קיין בלוט, ווייל אין דעם בלוט געפינט זיך די נשמה פון דעם מענטשן און פון דעם בעל־חי. דאס איז שוין אויך אַן אוראַלטער געזעץ; און אויך דאס, דאס באַטראַכטן דאס בלוט, ווי אַ רעזידענץ פון דער נשמה, איז שוין זעהר אַלט; אַזאַ מיינונג האבן אַלע אוראַלטע פעלקער און זי האַלט זיך זעהר לאַנג איין, נאָר אויך וועגן דעם געזעץ, ווי וועגן דעם געזעץ פון שבת, האט מען איצט געזאָגט, אַז ער איז איינגעשטעלט געוואָרן צייט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, צייט ס'איז געווען דער מבול.

די דאָזיקע צוויי געזעצן, וועגן שבת און וועגן בלוט, האט גאָט געגעבן פאַר אַלע מענטשן, ניט נאָר פאַר די אידן, נאָר צייט גאָט האט געשלאָסן דעם דריטן בונד, מיט אברהמ'ען, ווען ער האט אויסגעוויילט דאס פאָלק ישראל פאַר זיין פאָלק, האבן די אידן געמוזט באַזונדער היילק אָפהיטן די דאָזיקע געזעצן, וועגן דעם דריטן געזעץ ווערט אין ספר התורה אַזוי דערציילט: גאָט האט זיך באַוויזן אברהמ'ען און האט אים געזאָגט, אַז ער וועט אים מאַכן פאַר אַ שטאַמפאַטער פון פיל פעלקער, און אז ער שליסט אַן אייביקן בונד מיט אברהמ'ען און זיינע אָפשטאַמער. יהוה וועט זיין זייער גאָט און זי — זיין פאָלק. יהו-

וועט זיי אָפּגעבן אויף אייביק דאס לאַנד כנען, און זיי, ווי אַ צייכן פון דעם געשלאָסענעם בונד, דאַרפן מל זיין אויפן אַכטן טאָג אַלע זייערע זכרים. ניט קיין גע'מהל'טער טאָר ניט געהערן צו גאָטס פאָלק. דער מנהג פון מילה איז אויך אַן אוראַלטער, ער איז אַמאָליקע יאָרן געווען אָנגענומען ניט נאָר באַ די בני־ישראל, נאָר אויך באַ די בני־אדום, די מצרים און אייניקע אַנדערע שבטים. נאָר מיט דער צייט האט דער מנהג אָנגעהויבן פאַרשוואונדן צו ווערן, און אין פינפטן יאָרהונדערט איז ער פאַרבליבן מער ניט ווי באַ די אידן. משה'ס ספר התורה פאַרהייליקט דעם דאָזיקן מנהג און פאַרזאָגט אים הייליק אָפּצוהיטן—דאָס איז אַ צייכן פון בונד צווישן גאָט און זיין אויסדערוויילט פאָלק; ניט שעמען דאַרף מען זיך מיט דעם מנהג, נאָר אָפּגעבן אים כבוד — ווייל דאָס האָט גאָט אַליין אים איינגעשטעלט נאך אין גרויען אַלטערטום.

די דאָזיקע דריי געזעצן אָדער בונדן זיינען געווען מער ניט ווי פאָרבאַרייטונגס־ געזעצן. זיי האט גאָט געגעבן, ווען זיין פאָלק איז נאָך אויף דער וועלט ניט געווען, ווען ס'האבן געלעבט מער ניט ווי זיינע שטאַמפאָטערס. נאר גאָט, דערציילט דער ספר התורה, האבן די הבטחות פון גאָט אָנגעהויבן ביסלאַכווייז מקוים צו ווערן. נאך לאַנגע מאטערנישן, נאך דער קנעכטשאַפט אין מצרים, קערן זיך די בני־ישראל אום אין דאס צוגעזאגטע לאַנד אונטער דער אָנפירונג פון גאָט אַליין. און דאָ פאַרן אריינגיין אין לאַנד כנען, ביים באַרג סיני, גיט גאָט דורך משה'ן אויספירליכע געזעצן, לויט וועלכע די אידן דאַרפן איינאָרדענען זייער לעבן אין כנען. דאס איז דער פערטער בונד, דער הויפּט־בונד; ער איז געשלאָסן געוואָרן מיטן גאנצן פאָלק ישראל, און אויב דאס פאָלק וועט אים אָפּהיטן, וועט עס אייביק איינהאַלטן דאס צוגעזאָגטע לאַנד, אויב ניט — וועט עס פון אים פאַרטריבן ווערן.

אין אָנהויב פון דעם פערטן געזעץ ווערן איבערגע'חזר'ט די עשרת הדברות און דער ספר הברית; נאָר דערנאָך גייען אויספירליכע כיהנ'ישע געזעצן. די כוהנים האט זיך געוואָלט דערוויזן, אַז די אָרדענונגען פון בית־המקדש, און פון דער עבודה, פון פאַרוואַלטונג און משפט, וועלכע מע האט איינגעפירט אין די צייטן, ווען מע האט דורכגעפירט אין לעבן דעם ספר התורה פון משהן, זיינען אויך איינגעשטעלט געוואָרן פון גאָט אַליין. און אין ספר התורה ווערט דערציילט, אז גאָט האט געהייסן משה'ן מאַכן צייטווייליק אַ באַוועגליכן טעמפל, אַ געצעלט (אַ משכן, ווי סע הייסט אין חומש); דער משכן האט געזאָלט זיין דאָס איינציק אָרט. וואו מ'זאל דינען גאָט, ביז ס'וועט ניט

אויסגעבויט ווערן אַ שטענדיקער בית-המקדש. אויף צו בויען דעם משכן האט משה געמוזט זאַמלען צווישן פאָלק פרייוויליקע מתנות: גאָלד, זילבער, קופּערן טייער וואָלנס, וואָלענע געוואַנטן פון די בעסטע מינים, פעלן, קאָסטבאַרע מינים האָלץ, טייערע שטיינער, אייל און שמעקעדיקע שטאָפן. די פרומע בני-ישראל האבן גלייך געבראכט גאָלד אויף העכער ניין און צוואַנציק טאלאנטן, דאס הייסט כמעט אויף צוויי מיליאָן רובל, און זילבער — הונדערט טאלאנטן, דאס הייסט כמעט אויף אַ מיליאָן רובל, און אַן אַ צאל אַלערליי אַנדערע מאַטעריאַלן! נאר איין זאך האבן די כוהנים, די פאַרפאַסער פון ספר התורה, ניט געגומען אַכט: ווי אַזוי האט געקענט אין מדבר אַזא ארים פאָלק, וואס איז נאך דא ניט לאַנג געווען פאַרקנעכטעט אין מצרים, צונויפקלייבן אַזוי פיל גאָלד און זילבער, אין דער צייט, ווען די בני-יהודה וואס האבן זיך צוריקגעקערט פון גלות-בבל, רייכע מענטשן, האבן צונויפגעקליבן סך הכל א האלב מיליאָן! אז משה האט צונויפגעקליבן דעם גאנצן מאטעריאל, האט ער געטאָן אלץ אזוי, ווי גאט האט אים געהייסן. קודם כל האט מען געמאַכט דעם ארון פון דעם טייערסטן אַקאַ-ציען-האָלץ (עצי שטים) און מע האט אים באַדעקט מים ריינעם גאָלד; איבערן אָרון האט מען געמאַכט צוויי כרובים פון ריינעם גאָלד; די רינגען ביים ארון און דעם גאַנצן גאַרניטור צו אים זיינען אויך געמאַכט געווען פון ריינעם גאָלד. דעם טיש פאַר'ן לחם הפנים איז אויך באַדעקט געווען מיט ריינעם גאָלד; אַלע כלים צום טיש זיינען אויך געמאַכט געווען פון ריינעם גאָלד; פון ריינעם גאָלד איז אויך געמאַכט געווען די מנורה מיט זיבן לאָמפּן. דער מזבח צו רויכערן (מזבח הקטורת) איז געמאַכט געווען פון האלץ, נאָר אויך באַדעקט מיט ריינעם גאָלד, דער משכן גופא איז געמאַכט געווען פון הילצערנע ברעטער פון אַקאַ-ציען-האלץ; די ברעטער זיינען געווען מיט שפּוגטן אויף די עקן און די איינ-שניטן פאַר די צאַפּנס זיינען געווען פון זילבער; פון אויבן זיינען די ברעטער אויך באַדעקט געווען מיט ריינעם גאָלד. דער הילצערנער משכן איז באַדעקט געווען מיט אַ הימלבלויען פאַרהאַנג פון וואָלנס און פעל; די העקלאַך און די שלייפן פון פאָרהאַנג זיינען אויך געווען פון גאָלד, דעם קופּער האט מען אויס-גענוצט צו מאַכן שטאַנגען, אויף וועלכע מע פלעגט איבערטראָגן דעם משכן; די שטאַנגען זיינען געווען הילצערנע באַדעקט מיט קופּער. איבעוויייניק איז דער משכן געווען איינגעאָרדנט אַזוי ווי דער צווייטער בית-המקדש; פאר דעם משכן האט מען געדאַרפט מאַכן אַ הויף פאַרן פאָלק און אַ מזבח פאַר די עולות, און דער משכן האט זיך געדאַרפט טיילן אויף קדש און קדש קדשים.

דער משכן האט געדאַרפט מיט זיך פאָרשטעלן אַ בית-המקדש, וועלכן מ׳זאָל קענען איבערטראָגן; ווער זשע זאָל דינען ביים משכן? פאַר אַ כוהן גדול האט גאָט אויסדערוויילט משה׳ס ברודער, אהרנ׳ען, און פאַר כוהנים זיינע זין; אויסער זיי האט קיינער ניט געטאָרט אָפּריכטן די עבודה און די כהונה האָט געדאַרפט איבערגיין בירושה. ווי אַ הוספה צום דאָזיקן געזעץ איז שפּעטער אָפילו צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אַ יחוס-בריף, וועלכער האָט אויפגעוויזן, אַז צדוק שטאַמט דירעקט פון אהרנ׳ען. איבערצוטראָגן דעם משכן, העלפן די כוהנים און אָפּהיטן די אָרדענונג האט יהוה באַשטימט דעם גאַנצן שבט לוי; דער דאָזיקער שבט איז אין דער אמת׳ן כמעט אינגאַנצן פאַרניכטעט געוואָרן ביים איינעמען כנען; ס׳זיינען פאַרבליבן נאָר איינצעלנע לוים, וועלכע האבן זיך צעשפּרייט צווישן די איבעריקע שבטים. ס׳איז אויך ניט געווען קיין נחלה, וועלכע זאָל געהערן דעם דאָזיקן שבט, און דעריבער ווערט דערציילט, אַז גאָט האט באַשטימט ניט צו געבן דעם שבט לוי קיין באַזונדער נחלה, נאָר די לוים האבן געדאַרפט לעבן אויף מעשר, וועלכן דאָס גאַנצע פאָלק ישראל האט געדאַרפט צאָלן לטובת די לוים. פאַר אהרנ׳ען און זיינע זין האָט גאָט געהייסן מאַכן באַזונדערע כוהנ׳ישע קליידער פון גאָלד, זיידנס און פורפור. אהרנ׳ס בגדים האבן געזאָלט זיין באַפּוצט מיט טייערע שטיינער — רובין, טאפּאז, סמאראגד, גארפונקל, סאפּירשטיין, אקאטשטיין, דיאמאנט, אפאל, אמעטיסט, כריזאליט, אניקס-שטיין, און יאספּיס — צוועלף מינים שטיינער לויט דער צאָל פון די אידישע שבטים; אויף יעדן שטיין האט געדאַרפט זיין אויסגעקריצט דער נאָמען פון איינעם פון די שבטים. און כדי צו הייליקן אהרנ׳ען מיט זיינע זין פאַר כוהנים איז געווען אָנגעוויזן אַ ספּעציעלע צערעמאָניע; דאס ברענגען קרבנות און די איבעריקע צערעמאָניעס האבן געדאַרפט דויערן גאַנצע זיבן טעג, און מיט די זעלבע צערעמאָניעס האט מען געדאַרפט שטענדיק הייליקן די אָפּשטאַמער און די יורשים פון אהרנ׳ען אויף צו דינען יהוה. דער כוהן גדול און די כוהנים האבן געזאָלט ניט נאָר אָפּריכטן די עבודה: זיי האבן געזאָלט זיין די איינציקע שופטים און האַרן פון פאָלק.

אָט אַזוי איז אין משה׳ס תורה באַשריבן געוועזן. ווי אַזוי אין מדבר איז געגרינדעט געוואָרן די הייליקע קאָנסטיטוציע, וועלכע האט געזאָלט פאַרבלייבן אויף אייביק. די צרה איז געווען נאָר אין דעם, וואס אין די ספרים „שמואל" און „מלכים", וועלכע זיינען שוין דאַן געווען, און אין וועלכע ס׳ווערט דערציילט די געשיכטע פונ׳ם פאָלק ישראל ביז׳ן גלות, איז גאָר ניט געזאָגט גע-

ווארן וועגן דער דאָזיקער קאָנסטיטוציע, ווייל די מחברים פון אַט די ספרים האָבן פון איר קיינמאָל ניט געהערט. אינגיכן נאָך עזראַ'ס טויט האָט מען געפונען אַזאַ אויסוועג פון דער דאָזיקער צרה: מע האָט פאַרפאַסט דריי נייע ספרים, אין וועלכע ס'ווערט כסדר דערציילט די געשיכטע פון מלכות-יהודה פון דוד'ס צייטן אָן, די געשיכטע, ווי אַזוי מ'האָט זיך אומגעקערט פון גלות און די געשיכטע פון עזראַ'ס און נחמיה'ס רעפאָרמען — דאָס זיינען די ספרים „דברי-הימים", „עזרא" און „נחמיה". אין „דברי הימים" גיט מען צו דורכאויס, וואו ס'איז נויטיק, די מעשה וועגן משכן און דעם כהן גדול, און די גאַנצע געשיכטע פון מלכות-יהודה ווערט פאָרגעשטעלט אויף אַזאַ אופן, ווי די הייליקע קאָנסטיטוציע וואָלט געווען און געגילט פון שטענדיק אָן און די פרומע קיניגן זיינען שטענדיק געווען אונטערטעניקע דינער פון די כהנים. אין די זעלבע ספרים איז אויך אַריינגעשטעלט דער יחוס-בריף פון צדוק'ן, וועלכער מאַכט אים פאַר אַן אָפּשטאַמער פון אהרנ'ען. דער מחבר פון „דברי הימים" האָט אַליין אָנגעשריבן מער ניט ווי די נויטיקע הוספות, דאָס איבעריקע האָט ער בוכשטעבליך איבערגעשריבן פון „מלכים"; אויב ס'וואָלטן זיך ניט אָפּגעהיט ביז אונזערע צייטן די ספרים „שמואל" און „מלכים", וואָלטן מיר טאַקע ניט געוואוסט די אמת'ע געשיכטע פון ישראל.

משה'ס תורה האָט אינגאַנצן געענדערט אַלע פריערדיקע מנהגים בנוגע צו די קרבנות און די ימים-טובים. מיר ווייסן, אַז אין די אוראַלטע צייטן האָט יעדער מענטש געמעגט ברענגען אַ קרבן, אין אַ יום-טוב, אָדער ווען ער האָט פשוט געהאַט אַ סבה צו ברענגען אַ קרבן: ווען מ'האָט געמוזט באַווייליקן גאָט, וואָס איז אין כעס געוואָרן, אָדער דאַנקען אים פאַר זיין חסד, אָדער בעטן אים, ס'זאָל זיך איינגעבן דער פאַרטראַכטער ענין. אין אַ יום-טוב פלעגט מען מוזן ברענגען פאַר אַ קרבן די ביכורים פון די פרוכט, וועלכע ווערן צייטיק צו דעם דאָזיקן יום-טוב. די קרבנות זיינען דאַן געווען אייניג צוזאַמענגעבונדן מיט דעם גאַנצן פאָלקס-לעבן, מיט זיינע נויטן און באַדערפענישן. דער געזעץ פון די כהנים הייסט ברענגען קרבנות גאָר אויף אַן אַנדער אופן. די ביכורים פון די פרוכט און די בכורים פון די בהמות גייען שוין ניט מער צו קרבן יהוה; דאָס דאַרף מען פשוט אָפּגעבן די כהנים. דער געזעץ שטעלט איין צוויי-ערליי קרבנות: געוויינטליכע און יום-טוב'דיקע. סיי די, סיי יענע מעגן איצט ברענגען נאָר די כהנים און נאָר אין בית-המקדש, און די כהנים דאַרף מען צאָלן פאַר'ן ברענגען די קרבנות. די געוויינטליכע קרבנות — דאָס זיינען אַלץ אַזעלכע,

פון וועלכע מ'האט גאר ניט געוואוסט אין די אַמאָליקע יאָרן. דער ווייכטיקסטער קרבן — דאס איז דער אַלטעגליכער קרבן פון צוויי יאָריקע שעפסעלאך, איינעם אין דערפריה, דעם צווייטן אויף דער נאַכט, דער דאָזיקער קרבן הייסט דער קרבן תמיד. מסתמא איז דער מנהג צו ברייִנגען דעם קרבן תמיד געווען אויך אין שלמה'ס בית־המקדש, גאר איצטער האט דער דאָזיקער קרבן באַקומען גאָר אַן אַנדער באַטייַטונג: מע האט געזאָגט, אַז אויב מע הערט אויף צו ברייִנגען דעם קרבן־תמיד, שטעלט זיך אָפּ די גאַנצע עבודה; דער קרבן תמיד האט, הייסט עס, געהאט די זעלבע באַטייַטונג, ווי ס'האט בא די קריסטן די ליטורגיע. געוויינטליכע קרבנות זיינען געווען אויך יענע, וועלכע מע פלעגט ברייִנגען צוליב אַ זינד אָדער אַ שולד. אויב אַ איד האט עובר געווען אַ וואסער ניט איז געזעץ אָדער האט געטאָן עפּעס אַ פאַרברעכן, פלעגט ער גלייך מוזן קומען צו די כוהנים און ברייִנגען דעם איינגעשטעלטן קרבן. די צאָל פון אַזעלכע קרבנות איז געווען זעהר גרויס, ווייל צוליב יעדער קלייִניקייט פלעגט מען מוזן ברייִנגען אַ קרבן. אין אַ גרויסער צאָל זיינען אויך איינגעשטעלט געוואָרן די יום־טוב'דיקע קרבנות. אין די וואָך פון פסח און שבועות פלעגט מען מוזן ברייִנגען אויסער דער עולת התמיד, יעדן טאָג פאַר אַ קרבן צוויי רינדער, איין שאָפּבאָק, זיבן שעפּעלאך און איין ציגנבאָק. און אין די וואָך פון סוכות יעדן טאָג צוויי שאָפּבעק, פערצן שעפּעלאַך, איין ציגנבאָק און פון 13 ביז 7 רינדער; דאס זייַנען אַלץ געווען חיוב־קרבנות פאַר די יום־טוב'דיקע טעג. אָט די אַלע קרבנות זייַנען געווען אַ שווערע לאַסט פאַר דער עדה. גאָר דאָס פאָלק פלעגט זיי געהעריק אָפּהיטן, ווייַל די כוהנים פלעגן זיי שטענדיק דערמאָנען, אַז ישראל איז שטאַרק זינדיק פאַר יהוה. און אַז מע מוז אַ סך קרבנות ברייִנגען, כדי גאָט זאָל מכפּר זייַן די זינד.

אפילו די ימים־טובים זיינען אין נייעם געזעץ פון טעג פון שמחה און פרייליכקייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טעג פון תשובה און אויסלייזונג פון די זינד. אין די אוראַלטע צייטן פלעגן די ימים־טובים בא די אידן, אַזוי ווי איצטער בא די קריסטן, זיין טעג פון שמחה, ס'פלעגן אייִנגעאָרדנט ווערן גרויסע קרבנות מאלצייטן, אויף וועלכע ס'פלעגט פאַרבאָרגענערהייט צוזאַמען מיט די מענטשן זיך משמח זיין אויך גאָט. איצטער האָט זיך געביטן דער כאַראַקטער פון די ימים־טובים, זייער צאָל איז גרעסער געוואָרן, און זיי זיינען געוואָרן אומעטיקע און איינאַרטיקע. די דריי אַלטע ימים־טובים זיינען פאַרבליבן אויך אויף ווייטער און פלעגן געפייערט ווערן אין דער זעלבער צייט, ווי אַמאָל,

נאָך די כוהנים האָבן שוין נאָך אַן אַנדער פּירוש געמאַכט אויף זיי. פּסח דאַרף מען פייערן ווי אַ זכר פון יציאת מצרים, שבועות—ווי אַ זכר פון מתן תורה אויפן באַרג סיני, סוכות—ווי אַ זכר וועגן דעם פערציק יאָריקן וואַנדערן איבערן מדבר. נאָך דער היפּט יום-טוב איז איצט געוואָרן אַ נייער יום-טוב, דער יום-הכיפּורים, ער ווערט געפּייערט דעם צענטן טאָג פון זיבעטן חודש. דאָס איז דער הייליקסטער טאָג אין יאָר; אַלע אידן מוזן דעם טאָג פאַסטן און דער כוהן גדול דאַרף אָפּריכטן די עבודה—אַ צערעמאָניע אויף צו מכפּר זיין די זינד פון גאַנצן פאָלק. דער כוהן גדול דאַרף ברייננען פאַר אַ קרבן צוויי ציגנבעק: איין ציגנבאָק ברייננט ער פאַר אַ קרבן פאַר די זינד פונם פאָלק, גייט אַריין (דאָס איינציק מאָל אין יאָר) אין קדש-קדשים, באַשפּריצט מיטן בלוט פון קרבן דעם אָרון אין דעם מזבח. און דערנאָך לייגט ער אַרויף זיינע הענט אויפן קאָפּ פון דעם צווייטן ציגנבאָק און שיקט דעם ציגנבאָק אין מדבר צו עזאזל, דאָ איז אויך איבערגעמאַכט און איבערגעאַנדערשט דער אוראַלטער מנהג פון ברייננען אַ קרבן די שדים פון מדבר; די כוהנים האָבן פון אים געמאַכט אַ גרויסן טאָג פון זינד פאַרגעבונג, חוץ דעם תענית פון יום-הכיפּורים, האָט דער געזעץ איינגעשטעלט נאָך אייניקע תעניתים. די אידן האָבן געמוזט שטענדיק ברייננען קרבנות, פאַסטן און תפילה טאָן. פריהער פלעגן זיי זיך משמח זיין און הוליען פאַר יהוה, איצטער האָבן זיי געמוזט וויינען און פייניקן זיך. „אייערע אבות האָבן געזינדיקט פאַר גאָט", פלעגן זאָגן די כוהנים.

אָט די אַלע דינים האָבן מער פאַר אַלעמען געבראַכט נוצן די כוהנים, חוץ מעשר, אַ דריטל שקל פון יעדער קאָפּ, די בכורים און די בכורים, האָבן צו זיי געהערט אויך אַלע קרבנות וואָס מע האָט געבראַכט פאַר אַ זינד און אַ שולד, דער גרעסטער טייל פונם ברויט, ווין און אייל, וואָס מע פלעגט ברייננען, די פעל, שיינקל און די ברוסט פון יעדן קרבן. אָט דאָס אַלץ פלעגט זיי געבן אַ גאַנץ שיינע פּרנסה און זיי האָבן געלעבט אָן דאגות. דעריבער האָבן זיי אַכטונג געגעבן, אַז מע זאָל שטרייננג אָפּהיטן די אַלע געזעצן און פלעגן מבטיח זיין שכר און וואוילטאָג פאַר די, וואָס וועלן היטן די געזעצן. אין „דברי הימים" ווערט דערציילט, ווי גליקליך זיינען געווען די קיניגן, וואָס האָבן געהיט די געזעצן; אין די מזמורים פון „תהלים", וועלכע זיינען פאַרפאַסט געוואָרן, כדי זיי צו זינגען אין בית-המקדש, ווערט געזאָגט: „וואויל איז צו יעדערן, וואָס האָט מורא פאַר גאָט און גייט אין זיינע וועגן; די וועסט געניסן די פרוכט פון דיין אַרבעט, דיר וועט זיין וואויל, און דיין אַרבעט וועט-

שטענדיק האָבן אַ פּעולה, דיין פּרוי וועט זיין ווי אַ פּרוכפּעריקע צווייג און אַ ווייַנשטאָק, אין דיין הויז, דיינע זין ווי יונגע איילבירט-בוימער אַרום דיין טיש, געבענטשט איז דער מענטש, וואָס האָט מורא פאַר גאָט. זאָל דיך בענטשן דער גאָט פון ציון און זאָל ער דיך היטן די גאַנצע טעג פון דיין לעבן אין דעם גליקליכן ירושלים; דו זאָלסט דערלעבן צו זעהן דיינע אייניקלאָך!" און אין אַן אַנדער מזמור ווערט געזאָגט: „יהוה פאַרהיט די פרומע, וועט זיי געבן ירשענען די ערד און וועט אויף אייביק פאַרהיטן זייערע נחלות; אין שווערע צייטן וועלן זיי ניט פאַרשעמט ווערן, אין אַ הונגער-צייט וועלן זיי זאַט זיין. און די רשעים וועלן אומקומען, ווי דאָס גראָז פון די לאָנקעס, וועלן פאַרשוואונדן ווערן, ווי אַ רויך" „איך בין געווען יונג און בין אַלט געוואָרן, און איך האָב ניט געזעהן, אַז אַ צדיק זאָל פאַרלאָזן ווערן, און זיינע קינדער זאָלן זוכן ברויט. איך האָב געזעהן איינעם אַ רשע, אַ עקשן און אַ שטאָלצן, ווי אַ צעדער-בוים פון לבנון, איך בין פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי אים, אַ קוק געטאָן—און ער איז שוין ניטאָ, ער איז פאַרשוואונדן געוואָרן, און ס'איז אים ניט צו געפינען" די כוהנים האָבן איינגערעדט, אַז די פרומע אידן דאַרפן אויף קיין איין רגע ניט פאַרגעסן וועגן דעם הוב, וואָס ליגט אויף זיי, און וועגן די מצות, וועלכע זיי דאַרפן אָפּהיטן, און ווי א זכרון פון דעם האָבן זיי געהייסן טראָגן תפלין: שיידלאַך פון פאַרמעט, אין וועלכע ס'געפינען זיך פסוקים פון דער שוין אונז באַקאַנטער תפלה „שמע". די תפלין דאַרף מען מיט רצועות צובינדן צום שטערן און צו דער לינקער האַנט, די זעלבע פסוקים דאַרף מען אויך צושלאָגן צו די מזוזות פון די טירן און די טויערן, דריי מאָל אין טאָג דאַרף יעדער איד זאָגן די דאָזיקע תפלה און צוגעבן נאָך אַ לויב צו יהוה. מע האָט געזאָגט, אַז די מזוזות באַשיצן פון אומגליק און ברייַנגען פיל רייכקייט און קינדער, און גאָר די פרומע אידן, וועלכע האָבן שטרייַנג אָפּגעהיט דעם געזעץ, זייַנען געווען טיף איבערגעצייגט, אַז ס'וועט טאַקע קומען אַ צייט, ווען אַלע פעלקער וועלן זיך אָנכאַפּן פאַר דעם עק קלייד פון אַ אידן און וועלן זיך בעטן בּאַ זיי געבן זיי אַ חלק אין דער מלוכה פון משיח'ן.

די געזעצן זייַנען געווען רייַן צערעמאָניאַלע, זיי זייַנען כלל ניט גלייַך געווען צו דעם געזעץ, וועגן וועלכן ס'האָבן גערעדט די נביאים פאַרן גלות. דער איד האָט איצט געמעגט זייַן שלעכט און אומברחמניתדיק, ער האָט געמעגט זייַן אַ זינדיקער און אַ פאַרברעכער; אָפּרייַניקן זיך פון זינד איז געווען ניט שווער; דערצו איז גענוג בּרייַנגען נאָר דעם געהעריקן

קרבן. די גאַנצע קראַפט ליגט רק אין דער צערעמאָניע; ס'איז ניט גײַסטיק, ניט קײן חסד, ניט קײן ליבע. נאָר שווער איז געווען פאַר די אָרעמע לײַט שטרײַנג אָפּצוהיטן דעם געזעץ, ווײַל צו פיל האָט מען לויט אים געמוזט אָפּגעבן די כוהנים. די רײַכע מענטשן האָבן זיך געקענט ערלויבן עובר צו זײַן דעם געזעץ, באַצאָלנדיק דערפאַר מיט קרבנות; די רײַכע מענטשן האָבן געקענט אפילו גאָר ניט היטן דעם געזעץ, און אַ דאַנק זײער מאַכט פלעגן זײ דאָך שטענדיק בלײַבן אומבאַשטראָפט. פאַר אָרעמע מענטשן איז דאָס אַלץ שווער געווען, בפרט שווער איז געווען אָפּצוהיטן אַלע דינים וועגן שבת, וועגן רײנע און אומרײנע שפּײַזן און וועגן אָפּזונדערן זיך פון די אַנדערשגלויביקע; איז מען נאָר עובר אויף אײנעם פון די דאָזיקע געבאָטן, מוז מען גלײַך ברענגען אַ קרבן, אויב ניט—איז שלעכט—מע וועט פאַרטרײַבן פון דער עדה און מע וועט נאָך באַשטראָפן; די כוהנים האָבן דאָך אַ גרויסע מאַכט, און זײ העלפט דאָך דער קיניג אַלײן מיט זײַנע פאַרוואַלטערס. און אָפט פלעגט זיך טרעפן, אַז דער אָרעמאַן פלעגט מקריב זײַן דאָס לעצטע, וואָס ער פאַרמאָגט מיט דער האָפע-נונג אַז ער וועט באַלױנט ווערן—וועט ווערן רײַך און לעבן אין וואוילטאָג—און אויסלאָזן פלעגט זיך עס דערמיט, וואָס ער איז אינגאַנצן בדלות געוואָרן. פיל האָבן אָנגעהויבן צו באַקלאָגן זיך אויף די כוהנים און אויסדריקן זײער אומצופרידנקײט מיט זײ, אַנדערע פלעגן האַלטן, אַז די כוהנים זײַנען דאָ ניט שולדיק, זײ טוען זיך זײער זאַך, נאָר יהוה ווײל עפּעס ניט מקיים זײַן זײַנע הבטחות. ס'האָבן זיך וועגן דעם אָנגעהויבן אַלערלײ חקירות און שמועסן; אַ לעבעדיקן אָנטײל אין דערינען האָבן גענומען די מער געבילדעטע און געלערנטע מענטשן, און געראַדע אין דער צײַט, האָט זיך באַוויזן ווי אַן ענטפער אויף די אַלע טענות און אופפרעגענישן, אַ מערקווירדיקער חבור, אײנער פון די בעסטע ספרים פון דער ביבל—איוב. אין וועלכן ס'ווערט דערצײלט די גע-שיכטע פון איוב'ס לײדן, זײַנע טענות און די טרײסט-רײדעס, וועלכע ס'האָבן געהאַלטן פאַר אים זײַנע פרײַנד.

ס'איז געווען אַ מאַן,—דערצײלט דער דאָזיקער ספר,—מיטן נאָמען איוב. געווען איז ער אַ גערעכטיקער, אומשולדיקער און גאָטספאָרכטיקער מאַן, וועל-כער האָט שטרײַנג אָפּגעהיט אַלע געזעצן און האָט זיך אָפּגעקערט פון יעדער זינד. ער איז געווען רײַך: ער האָט געהאַט זיבן טויזנט שעפּסן, דרײַ טויזנט קעמלען, פינף הונדערט פּאָר רינדער, פינף הונדערט אײזלינען און פיל קנעכט; ער האָט געהאַט זיבן זין און דרײַ טעכטער; און ער איז געווען גרעסער פון

אַלע מזרח-קינדער. און אַט אויף דעם מענטשן האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אַלערליי צרות און נסיונות, וועלכע גאָט האָט אָנגעשיקט אויף אים דורך דעם שטן. דער דאָזיקער שטן, איינער פון די בני-אלוהים (גאָטס קינדער), פלעגט זיך מתוכח זיין מיט יהוה מכח איוב'ן, ער פלעגט זאָגן, אַז איוב איז ניט אומזיסט אַזוי גאָטספאָרכטיק, יהוה האָט אים דאָך באַשיצט מיט זיין האַנט, האָט געבענטשט אים און די אַרבעט זיינע; נאָר זאָל יהוה בײַ אים אַלץ אָפּנעמען—צי וועט איוב אויך דאַן לויבן יהוה? יהוה האָט דערלויבט דעם שטן אויספּרובן איב'ן: אָפּנעמען בײַ אים אַלץ, וואָס ער פאַרמאָגט, נאָר אים אַליין ניט אָנרירן. און אַט האָבן זיך מיט אַמאָל אויף. איוב'ן אַ שאָט געטאָן אומגליקן איינס נאָך דעם אַנדערן: די שונאים האָבן אַוועקגעטריבן זיין פיה און אויסגעהרג'עט זיינע יונגען, פון אַ שטורעמווינט איז איינגעפאַלן דאָס הויז, אין וועלכן ס'האָבן זיך משמח געווען איוב'ס זין, און זיי אַלע זיינען דערהרג'עט געוואָרן אונטער די חורבות. נאָר איוב האָט ניט פאַרלאָרן דעם מוט: ער האָט צעריסן זיינע קליידער, געפליקט זיין קאָפּ און האָט געזאָגט: „נאַקעט בין איך אַרויס פון מיין מוטערס לייב און נאַקעט וועל איך זיך אַהין צוריק קערן; גאָט האָט געגעבן און גאָט האָט צוגענומען, געבענטשט זאָל זיין דער נאָמען פון גאָט“. דער שטן מיט די איבעריקע קינדער פון גאָט זיינען ווידער געקומען צו גאָט, און ס'האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דער וויכוח. יהוה האָט געזאָגט צום שטן: „דו האָסט אומזיסט אָנגערעדט אויף איוב'ן, דו האָסט מיך אָנגעהעצט קעגן אים צו פאַרדאַרבן אים“. נאָר דער שטן האָט געענטפערט: „אַלץ, וואָס אַ מענטש פאַרמאָגט, וועט ער אַוועקגעבן פאַר זיין לעבן; דו שטרעק נאָר אויס דיין האַנט און ריר אָן זיין פלייש און זיין ביין, וועט ער געוויס דאַן לעסטערן דיר אין פנים אַריין“. יהוה האָט דערלויבט אויך דעם נסיון, ער האָט נאָר פאַרבאָטן בײַ אים אַוועקצונעמען דעם נפש (דאָס הייסט, דאָס לעבן). דער שטן האָט געפלאָגט איוב'ן מיט אַ קרעץ פון די פיס ביזן קאָפּ. איוב האָט געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט און זעצן זיך אין פעלד אויף אַ קופּע אַש; און מיט אַ שערבל זיך געקראַצט די קרעץ. זיין פרוי איז געקומען צו אים און האָט געזאָגט „האַלסט זיך נאָך אַלץ אָן דיין פרומקייט? אַליין זיצט דו אין מיסט, צווישן ווערים, ניט האָבנדיק קיין דאַך איבערן קאָפּ; דיינע זין און דיינע טעכטער, די פרוכט פון מיין לייב, זיינען אומגעקומען פון דער ערד, און איך מוז וואַנדרעווען און דינען, איבערגיין פון איין הויז אין דאָס צווייטע, פון איין שטעלע אויף די צווייטע אין שווערער אַרבעט און קראַנקהייטן, לעסטער גאָט און

שטאַרב״. גלייך נאָך דער פרוי זיינען געקומען אים באַזוכן דריי זיינע פריינד אליפז, בלדד, און צופר; פון דערווייטנס האָבן זיי געקוקט אויף אים און ניט דערקענט; אַז זיי האָבן דערזעהן, אין וואָס פאַר אַ שרעקליכע לאַגע ער געפינט זיך, האָבן זיי געוויינט, צעריסן זייערע קליידער און באַשאָטן מיט אַש זייערע קעפּ; זיבן טעג און זיבן נעכט זיינען זיי געזעסן נעבן אים, ניט רעדנדיק קיין איין וואָרט, ווייל זיי האָבן געזעהן זיין שרעקליכע פּיין און ניט געפונען קיין ווערטער אים צו טרייסטן. לסוף האָט איוב אויפגעעפנט זיין מויל און האָט אָנגעהויבן אַ שמועס מיט זיינע פריינד. אָט דער דאָזיקער שמועס - דאָס איז דער הויפּט-טייל פון ספר איוב. איוב דיספּוטירט מיט זיינע פריינד וועגן יהוה, וועלכער האָט אַזוי אומגערעכטיק אים באַליידיקט. די פריינד ענטפערן אים; אין זיינע רעדעס גיט איוב איבער די אומצופרידנקייט און די פּראָטעסטן, וועלכע פלעגן אַרויסגעזאָגט ווערן אין הונדערט יאָר אַרום נאָך עזרא'ס טויט קעגן די כהנים און קעגן דער תורה. זיינע פריינד פאַרטיידיקן די תורה. צום שלוס קומט יהוה אַליין און פאַרענטפערט איוב'ס פראַגן.

איוב באַקלאָגט זיך פאַר זיינע פריינד אויף זיין ביטערן גורל, וועלכן ער האָט כלל ניט פאַרדינט. ס'איז געווען אַ צייט, זאָגט ער, ווען דער גנאָד פון גאָט איז געווען אויף מיין געצעלט, ווען מיינע טריט האָבן זיך געבאָדן אין מילך, און דער שטיין האָט געגאָסן פאַר מיר טייכן מיט בוימאייל; ווען איך פלעג זיך באַווייזן אויף דעם פּלאַץ, פלעגן די יונגע לייט, דערזעהענדיק מיך, זיך באַהאַלטן, און אַלטע לייט פלעגן זיך אויפהויבן און בלייבן שטיין, פירשטן פלעגן אַנטשוויגן ווערן; איך בין דאַן געווען אויגן פאַר דעם בלינדן און פיס פאַר דעם הינקעדיקן. אַ פאָטער בין איך געווען פאַר די אָרעמע לייט, די עוולות פלעג איך אויפמערקזאַם אויספאָרשן, דעם אומגערעכטן פלעג איך ברעכן די באַקציינער. דעמאָלט האָט איוב געהאָפט, אַז אין זיין אייגענער נעסט וועט ער פאַרענדיקן זיינע טעג, וועלכע וועלן זיין ווי זאַמד אָן אַ צאָל, און זיינע קינדער וועלן זיין געבענטשט און גליקליך. און איצטער, זאָגט איוב, בין איך געוואָרן אַ שפּאָט פאַר אַלע אויסוואורפן פון דער ערד, מע האָט מיך פאַרטריבן פון דער שטאָט, און אַלעמען עקלט פון מיר; און אַליין בין איך שוואַרץ געוואָרן, נאָר ניט פון זון. מיינע געדערים ברענען אין מיר און מיינע ביינער שמערצן, און די אָדערן לאָזן מיך ניט רוהען; מיין אָטעם איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן. די טעג גייען אויס און ווי אַ קבר שטייט פאַר מיר. און נאָכמאַכנדיק ירמיה'ן, האָט איוב פאַרשאָלטן דעם טאָג פון זיין גע-

בורט. „אונטערגיין זאָל דער טאָג, אין וועלכן איך בין געבאָרן געוואָרן, זײַן די נאַכט, אין וועלכע ס׳איז געזאָגט געוואָרן: אַ מענטש איז געשאַפן געוואָרן! פינסטערניש זאָל זיין יענער טאָג. באַדעקן זאָל אים דער שאָטן פון טויט, אַ וואָלקן זאָל רוהען אויף אים, און זאָל מען זיך שרעקן פאַר אים, ווי פאר אַ גליהיקע היץ". איוב׳ס פריינד, ערליכע און פרומע אידן, ענטפערן אים אויף זיינע קלאָג-רייד: אויב אַ מענטש ליידט, הייסט עס, אז ער האָט געזינדיקט; הייסט עס, אז איוב מיט זיינע אומגעקומענע זין האָבן אויך געזינדיקט, וועגן די זין קען מען זיך שוין גאָרנישט ניט דערוויסן, זיי זיינען שוין טויט און קענען שוין נישט תשובה טאָן; נאר איוב׳ן עצה׳ען זיינע פריינד גוט זיך פארטראכטן, אפשר איז ·פאָרט געבליבן עפעס אַ זינד, וועלכער איז נאָך אים ניט פארגעבן געווארן. ס׳איז שוין אזוי איינגעשטעלט: דער פרומער מענטש איז גליקליך, דער רשע ליידט. טאָמער לעבט אמאָל א רשע גליקליך, איז דאָס נאר אויף אַ צייט: זיין פרייד איז בלויז אויף אַ ווײַלע; ווען ביזן הימל זאָל דערגרייכן זיין גרויסקייט, ווען זיין קאָפּ זאָל אנשפארן די וואָלקנס, אַלץ איינס וועט ער פאַרלאָרן גיין, ווי זיין אייגענער עקסקרעמענט; און טאָמער טרעפט זיך, אז דער רשע שטאַרבט אין גליק און וואוילטאָג, וועלן זיינע קינדער ניט אויסמיידן דעם משפט און סוף כל סוף וועלן פון אונטן פארטריקנט ווערן זיינע ווארצלען, פון אויבן—זיינע צווייגן, דער זכר וועגן אים וועט פארשוואונדן ווערן פון דער ערד, און פרעמדע וועלן זיך באזעצן אין זיינע געצעלטן.

„ווערט אַנטשוויגן, איר ליגן-וועבער", רופט אויף איוב. אלץ, וואס ס׳זאגן איוב׳ס פריינד, איז, לויט זיין מיינונג, רק פוסטע אויסריידן און אומזיסטע דבורים. ניטא גאָטס שטעקן איבער די רשעים, און זיי זאָגן אָפן צו גאָט: קער זיך אָפּ פון אונז, מיר ווילן ניט קענען דיינע געזעצן. איוב׳ס קינדער זיינען אומגעקומען; און די רשעים האָבן נחת ניט נאר פון קינדער, נאר אויך פון אייניקלאך; איוב׳ס .הייזער זיינען צעשטערט — פאר זייערע הייזער האָבן זיי ניט וואס מורא צו האָבן; איוב׳ס סטאַדעס זיינען צוראַבירט זייערע סטאַדעס לעבן אין וואוילטאָג; איוב שטאַרבט אין אוממענטשליכע יסורים, און זיי גייען אַפילו אין גיהנום אראָפּ גיך, אין איין אויגנבליק, רוהיק און בשלום. „איר וועט דאָך זאָגן, אז גאָט באַהאַלט די אומגליקן פאר זייערע קינדער", פרעגט גיפטיק איוב. נאָר דעם מענטשן איז דאָך באַשטימט אַ געוויסער גבול, וועלכן ער קען ניט איבערטרעטן; ווי אַ בלום גייט ער

אויף און פאַלט אָפּ, שטאַרבט און ווערט פאַרשוואונדן אויף אייביק, דער בוים—דער איז אויך גליקליכער פאַר דעם מענטשן; אויב מע האַקט אים אָפּ לעבט ער ווידער אויף, לאָזט אַרויס נייַע צווייגן און בליהט אויף; און דער מענטש לייגט זיך און שטייט ניט אויף, און ער וועט ניט אויפוואַכן פון זיין שלאָף, אַזוי לאַנג ווי די הימלען עקזיסטירן. נאָכן טויט זייַנען אַלע גלייך: סיי דער צדיק, סייַ דער רשע וועלן ביידע ליגן אין שטויב און ווערים וועלן זייַ עסן. ניין, זאַל גאָט באַשטראָפן דעם רשע ביים לעבן, זאָלן זיינע אייגענע אויגן זעהן זיין אומגליק, זאָל ער אַלייַן טרינקען פונם בעכער פון גאָטס צאָרן—און אויב ניט, סאָ וואָס זאָל ער זאָרגן וועגן זייַן הויז, ווען עס פאַרענדיקט זיך די צאָל פון זיינע חדשים? און אין פאַרצווייפלונג רופט איוב אויס, אַז ס'איז געבליבן נאָר איין וועג: רופן צום משפט גאָט אַליין. „דאָס אַלץ האָט געזעהן מיין אויג און געהערט מיין אויער. וואָס איר ווייסט, ווייס איך אויך, איך פאַל ניט אונטער קעגן אייך! איך וויל ריידן צו דעם אַלמעכטיקן, אַ וויכוח וויל איך פירן מיט גאָט אַליין!" און ווענדנדיק זיך צו גאָט פאָדערט איוב אַ תשובה אויף זיינע קלאָג-רייד. איך וועל זאָגן צו גאָט: ניט פאַרמשפט מיך, נאָר זאָג מיר, פאַרוואָס פירסטו אַ שנאה קעגן מיך? איז דען דער אומגליק ניט פאַר דעם פאַרברעכער, און די צרות ניט פאַר די, וואָס טוען אומרעכט? האָט דען גאָט ניט געזעהן אַלע מייַנע וועגן, האָט ער דען ניט געציילט אַלע מיינע טריט? זאָל ער מיך וועגן אויף אַ ריכטיקער וואָג און גאָט וועט וויסן מיין ערליכקייט. און דאָך פאַרפאָלגסט דו מיך, גאָט, ווי אַ לייב, דו פאַלסט אָן אויף מיר, און איין אומגליק קומט אויף מיר נאָך דעם צווייטן. וואָס האָסטו פון דעם, וואָס דו באַדריקסט מיך און שטויסט אָפּ דעם, וואָס דייַנע הענט האָבן געשאַפן. האָסטו דען אויגן פון אַ בשר ודם, און זעהסט מיט זיי, ווי אַ מענטש, וואָס דו פאַרשטסט מיינע זינד, און ווילסט מיך באַשולדיקן, הגם דו ווייסט, אַז איך בין אומשולדיק, און קיינער וועט מיך ניט רעטן פון דיין האַנט?" און אָט האָט אָנגעהויבן צו דונערן, ס'איז אָנגעלאָפן אַ שטורמווינט, און ס'האָט זיך דערהערט די שטים פון יהוה, וועלכער ענטפערט איובן. „ווער פאַרטונקלט עס מיין עצה מיט ווערטער אָן פאַרשטאַנד? ווילסטו מיך באַשולדיקן און דו זאָלסט בלייבן גערעכט? האָסטו דען אַזאַ אָרעם, ווי גאָט? קענסטו דען דונערן מיט דיין שטים ווי גאָט? וואו ביסטו געווען, ווען איך האָב די ערד געגרינדעט, זאָג, אויב דו ווייסט, ווער האָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד און באַשטימט גרעניצן פאַר דעם

ים? האָסטו דען אַמאָל באַפוילן דעם פריהמאָרגן, האָסטו דען דעם הימלרויט אַנגעוויזן זיין פּלאַץ?" און לאַנג האָט נאָך יהוה אויסגערעכנט די דערשיי־ נונגען פון זיין אַלמעכטיקייט און חכמה און געפרעגט איוב'ן, צי ער קען אויך אויפטאָן דאָסזעלבע. און דער בטל געוואָרענער איוב האָט זיך אָפּ געזאָגט צו געבן א תשובה. איך בין נישטיק וואָס קאָן איך דיר ענפערן? אך לייג אַרויף מיין האַנט אויף מיינע ליפּן. אייַנמאָל האָב איך גערעדט, און מער וועל איך עס ניט איבער'חזר'ן". אַזוי האָט טאַקע איוב ניט באַקומען קיין ענטפער אויף זיינע ספקות. דער מחבר פון ספר האָט אַזוי ווי געוואָלט זאָגן, אז די וועגן פון גאָט איז ניט אויסצופאָרשן און ניט צו באַגרייפן, פונקט אַזוי ווי דעם גאָט אַליין איז גיט צו באַגרייפן, און דעם מענטשן בלייַבט מער ניט ווי מיט הכנעה זיך אונטערוואַרפן אונטער אים. נאָר ניט אַלעמען האָט געקענט איבערצייַגן אַזאַ מוסר. פיל האָבן אָנגעהויבן צו טראַכטן: „אומזיסט האָב איך אָפּגעהיט די ריינקייט פון מיין האַרץ און מיט אומשולד פלעג איך וואַשן מיינע הענט". און צווישן די גליקליכע רשעים פלעגן אַלץ אָפטער און אָפטער זיך טרעפן אַזעלכע מענטשן, וועלכע פלעגן גאַנץ אָפן זאָגן: „גאָט וועט ניט קומען, ניטאָ קיין גאָט!".

XV.

די מכבים (חשמונאים).

ס'איז אַריבער אַזעלכע דרייַהונדערט יאָר פון דעם טאָג, ווען די בני הודה האָבן פייערליך געשוואָרן היַיליק אָפּצוהיטן משה'ס תורה. פאַר דער דאָזיקער צייַט איז דאָס לעבן אַוועק מיט געוואַלטיקע שריט פאָראויס. די פערסישע מלוכה האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר פונקט אַזאַ ניט קיין דויעריקע, ווי די מלוכה פון נבוכדנצר'ן, און נייַע מענטשן זייַנען איצט געוואָרן הערשער איבער דאָס אוראַלטע לאַנד פון די זיבן גרויסע ליכטער, נייַע מענטשן, פון נאָר אַן אַנדער טיפּ, מיט אַ נייַער שפּראַך, וועלכע האָבן געבראַכט מיט זיך נאָר אַנדערע אָנשויאונגען און באַגריפן און האָבן אייַנגעפירט נייַע געטער. אין דרום־מזרח'דיקן עק פון אייראָפּע ציהט זיך צום מיטללענדישן ים אַ בערי ניקער האַלב־אינזל, די ברעגעס זייַנע זייַנען דורכאויס אייַנגעשניטן דורך די ים־בוכטעס, און ער איז אייַנגאַנצן באַדעקט מיט מירטן־לאָרבער־און אייל

בירטן-בוימער. די שיפּוצים פון זיינע פּערל זיינען ווייניק פּרוכפּעריק, זייערע פאַרבן אָבער פאַרנעמען דאָס אויג און זייער אַראָמאַט און ריח שכורן ממש איין. דער העלבלויער ים איז דאָ ניט אַזוי שטורמיש ווי דער רויטער ים אָדער דער פּערסישער אויסגוס; אַ אינזל נאָך אַ אינזל ציהט זיך פון דעם דאָזיקן האַלב-אינזל צו מזרח, צו די ברעגעס פון קליין-אַזיען. אָט פון דעם האַלב-אינזל זיינען עס געקומען אין די אַלטע אַזיאַטישע מזרח-לענדער נייע יונגע הערשער—דאָס זיינען געווען די העלענער אָדער גריכן. נאָך גאָר צמאָל, ווען אין כנען האָט נאָך געשמט דער איצטער שוין האַלב-מיטישער שלמה, זיינען נאָך די העלענער געווען באַרבאַרן אין פאַרגלייך ניט נאָר מיט די פעניקיער, באַ וועלכע זיי האָבן זיך געלערנט קולטור, נאָר אפילו אין פאַרגלייך מיט די בני-ישראל. זיי וואָלטן דאַן ניט נאָר ניט געקענט אַליין בויען אַזאַ בית-המקדש, ווי ס'האָט געבויט שלמה, נאָר מיט באַוואונדערונג און מורא האָבן זיי געקוקט אויף די בנינים, וועלכע זייערע פאָרגייערס האָבן געבויט אויף דעם בליהענדיקן האַלב-אינזל. הגם דאָס זיינען געווען גאַנץ פּשוטע בנינים פון גאַנצע ניט אַרומגעהאַקטע שטיינער. זייערע אָנפירער פלעגן אויף שיפלאַך מאַכן אָנפאַלן אויף קליין-אַזיען; ווען זיי פלעגן זיך טרעפן מיט די פעניקיער, זיינען זיי גרייט געווען אָפּצוגעבן זייער ווייב פאַר אַ גוטן קנעכט אָדער פאַר אַן אָנגעשליפן שווערד; זיי פלעגן זיך אויפמערקזאַם צוהערן, ווי די פעניקיאישע כהנים דערציילן וועגן זייער באַשיצער, דעם גאָט מעלקאַרט, וועגן די פאַסירונגען פון דעם בבלישן העלד הילהאַמעש, וועגן די גבורות פון מאַרדוק, און די ליידן פון עשתורת, און אָנגעהויבן דער-נאָך נאָכצומאַכן די דאָזיקע דערציילונגען. זיי האָט זיך געוואָלט, אַז זייערע געטער, וועלכע האָבן געלעבט אויף די גרינע שפּיצן פון די העלענישע בערג, זאָלן ניט דאַרפן אַראָפּפאַלן באַ זיך מיט זייערע גבורות און גדולה פאַר די מזרח-געטער. נאָר די תלמידים-העלענער האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר פיל באַגאַבטערע און שטאַרקערע, ווי זייערע רביים די סעמיטן (שמיישע פעלקער). די גריכישע בערג זיינען געווען וואונדערשיינע, אָבער גאַנץ אָרעמע; אונטער דעם דינעם שיכט ווייכער ערד איז געווען אַ שטיינערנע קרקע, און די לאָנקעס און וועלדער פלעגן אָפט ליידן פון דורשט. אין העלאַס איז ניטאָ קיין איין טייך, וועלכער זאָל זיין ענליך ניט נאָר צו נילוס אָדער יעופראַט, נאָר אַפילו צו דעם וואַסערפולן ירדן; נאָר קליינע בערג-טייכלאַך און זעלטענע קוואַלן גיבן דאָרט זיסע וואַסער; און אויב זיי ווערן אויסגעשעפּט, מוז מען

וואַרטן, ביז ס׳וועט קומען צופליהען אויף נאַסע פליגל׳ען נאָט, דער וואָס טרייבט די וואָלקנס, און וועט אַראָפּגיסן פון הימל מים חיים. פריה האָט העלאָס דערפילט גויט און דחקות, און די העלענער האָבן געמוזט שווער אַרבעטן. זייערע רביים, די עגיפּטער און בבלים, האָבן איינמאָל פאַר אַלע מאָל אויסגעבויט קאָלאָסאַלע איינריכטונגען כדי איינצוהיטן דאָס וואַסער, און די דאָזיקע איינריכטונגען האָבן שוין באַזאָרגט דאָס לאַנד מיט אַ באַשטענדיק גערעטעניש; ס׳איז גאָר געבליבן אַכטונג צו געבן אויף די דאָזיקע איינריכטונגען. די העלענער האָבן געמוזט כסדר אַרבעטן, זוכן אַלץ נייע מיטלען צום לעבן, און נייע ערטער אויף זיך צו באַזעצן. און אין העלאַס האָט מעכטיק אויפגעבליהט אַן איינגאַרטיקע קולטור, גאָר ניט קיין ענליכע צו דער קולטור פון די מזרח-פעלקער. דער געלערנטער בבלי האָט באַשלאָסן, אַז די געטער האָבן איינמאָל פאַר אַלע מאָל פעסטגעשטעלט די וועלט-געזעצן דורך אַ מאָס און אַ צאָל, זיי האָבן באַשטימט די צייט, איינגעפירט אַ ריכטיקן סדר אויף דער ערד, אַזוי ווי זיי האָבן איינגעפירט אַ ריכטיקן סדר פון דער באַוועגונג פון די הימלישע ליכטער; ניטאָ קיין צופעליקייטן אויפן הימל, ס׳קאָן אויך ניט פאָרקומען קיין צופעליקייטן אין לעבן פון דער ערד; טיגער און יעופראַט וועלן זיך באַשטימט פאַנאַנדערגיסן, די קאַנאַלן און אָזיערעס וועלן אָנגעפילט ווערן מיט וואַסער, די בהמות וועלן געבן מיטש, די פעלדער וועלן געאַקערט און גרין ווערן, ווי פאַר אַ יאָרן. דער העלענער האָט ניט געקאָנט מאַכן אַזעלכע ריכטיקע אויסרעכענונגען, ער האָט זיך ניט געקאָנט פאַרלאָזן אויף זיינע געטער. ער האָט געמוזט אַליין שמידן זיין גליק; ער האָט נאָר געבעטן די געטער, זיי זאָלן אים ניט שטערן, און מיט דער אַרבעט וועט ער שוין אַליין פאַרטיק ווערן. כסדר אַרבעטנדיק האָבן די העלענער געקענט קומען אַפילו צו דעם געדאַנק, אַז ס׳איז ניטאָ קיין זאַך אויף דער וועלט, וואָס זאָל זיין שטאַרקער פאַר דעם מענטשן; מער ניט ווי דער טויט איז נאָך ניט באַזיגט פון אים. און צווישן די געלערנטע גריכן האָט זיך טאַקע געפונען איינער, מיטן נאָמען דעמאָקריט, וועלכער האָט אַפילו געוואָלט דערקלערן, אַז אויך די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן אָן שום אַנטייל פון די געטער. די וועלט האָט זיך גענומען פון דער אייביקער באַוועגונג פון קליינינקע אומטייליקע טיילכלאַך פון דער אייביקער מאַטעריע, פון די אַטאָמען,—האָט ער געזאָגט; די געטער האָבן דערביי ניט וואָס צו טאָן. נאָר אַזעלכע טיפע געדאַנקען האָבן, פאַרשטייט זיך, געקענט משיג זיין רק די געבילדעטס-ע

הפלענער, וועלכע האָבן געלעבט אין דעם צענטער פון דער גריכישער קול-טור, אין אַטען. גראַדע אין דער צייט, ווען די בני-יהודה האָבן זיך אומגעקערט פון גלות, האָבן אויף דאָס ניי געבויט ירושלים, דעם בית-המקדש און האָבן צונויפגעשטעלט געזעצן, וועלכע האָבן שפּעטער לגמרי אונטערטעניק געמאַכט דאָס גאַנצע אידנטום דער מאַכט פון די כוהנים פון יהודה. גראַדע אין דער צייט האָבן זיך אין אַטען צונויפגעקליבן די בעסטע געלערטע און פּאָעטן פון דער גריכישער וועלט, און, קוקנדיק אויף די גרויסאַרטיקע איינריכטונגען וועלכע זיינען געשאַפן געוואָרן פון די מענטשן, אויף די קונציקע אַרבעטן, וועלכע ס'פירן אויס די מענטשן און אויף די הויפנס גאָלד, וועלכע ווערן געזאַמלט ווי אַ לוין פאַר דער אַרבעט, האָבן זיי אַרויסגעזאָגט זייערע ספיקות מכח דעם עצם קיום פון די געטער.

מיט די גריכישע אויסאַרבעטונגען פלעגן אָפּרייסנדיק זיך פון זייערע היימישע אָרעמע בערג, פאָרן אין די מזרח-לענדער, פאַרשטייט זיך, ניט די געלערטע, נאָר די הענדלער; די געלערטע פלעגן פאָרן נאָך זיי, און צוזאַמען האָבן זיי איצט אונטערטעניק געמאַכט זייערע פריהערדיקע רביים. אַט דער זעלבער דריוש, וועלכער האָט דערלויבט צו פאַרענדיקן דעם בנין פון דעם צווייטן בית-המקדש, האָט געפּרובט פאַרהאַלטן דעם וואוקס פון דער קראַפט פון די גריכן, נאָר אומזיסט; ער האָט ניט געקענט באַזיגן די גריכן אין זייערע בערג און האָט מיט בזיון געמוזט זיך אומקערן צוריק; דעמזעלבן גורל האָט אויך געהאַט זיין זון קסערקס. און אין הונדערט פופציג יאָר אַרום נאָך קסערקסן האָבן די מזרח-לענדער דערזעהן אויף זייערע פלאַצלענדער און אין זייערע שטעט שוין ניט נאָר די גריכישע הענדלער און געלערטע, נאָר אויך גריכישע זעלנער. דער קיניג אַלעקסאַנדר דער גרויסער (אַלקסנדר מוקדון) האָט צונויפגעקליבן אַ חיל פון אַלע גריכישע שטעט און איז געגאַנגען איינ-נעמען פאַר דעם גריכישן הענדלער און געלערטן די מזרח-לענדער. אַט דעם אָנפאַל האָבן די שטערן ניט פאָראויסגעזאָגט, און די גריכן זיינען ווי אַ כוואַליע דורכגעגאַנגען, פאַרפלייצט די גאַנצע מזרח-וועלט און געמאַכט אַ תל פון די לעצטע כחות פון דעם פערסישן קיניג. מיט דריי-הונדערט יאָר פאַר דער קריסטליכער צייט זיינען שוין די גריכן געווען פולשטענדיקע הערשער אין די מזרח-לענדער. אמת, אַלעקסאַנדר האָט ניט געשאַפן קיין איינהייטליכע מלוכה, נאָך זיין טויט איז זיין מלוכה צעפאַלן געוואָרן אויף פיר טיילן, נאָר דעם קיניגס-שטול פון די אַמאָליקע פּרעה'ס האָט איצט פאַרנומען דער גרי-



אלעקסאנדערס סארקאפאג.

כישער קריגס-הויפּטמאַן פּטאָלאָמייאָוס. און דעם-אָרט פון דעם גרויסן פּערסישן קיניג האָט פאַרנומען סעלעוקוס. און דאָס גאַנצע לעבן האָט זיך אָנגעהויבן צו ענדערן, אַזוי ווי פריהער האָט זיך דורכאויס געהערט די בבלישע שפּראַך און אַלע האָבן געשריבן מיט דעם קלינעס-שריפט, אַזוי האָט איצטער דער סוחר אָדער געלערנטער ניט געקענט זיך באַגיין אָן דער גריכישער שפּראַך און דעם גריכישן שריפט. אַזוי ווי פריהער האָבן זיך אַלע פעלקער, וואָס זיינען געווען אונטערטעניק בבל, געבוקט דעם בבלישן מאַרדוק און האָבן פאַרוואַנדלט זייערע אייגענע געטער אין קליינע מאַרדוקן, אַזוי האָט זיך איצטער דורכאויס אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן דער קולט פונם גריכישן הויפּט-גאָט, דעם אָלימפּיאַישן זעווס. אַזוי ווי פריהער פלעגט מען מיט גרויס הישק נאָכמאַכן די בבלישע שרים און מע פלעגט זיך פאַרגעמען מיט יאַגד, ליבע פאַסירונגען, בויען פּאַלאַצן און טעמפּלען, אַזוי האָט זיך איצטער דורכ-



א קריג פון יהודה אין גריכישן סטיל (פון חעברן).

אויס אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן דער גריכישער ספּאָרט-שפּילן, גימנאַסטישע איבונגען, טעאַטראַלע פאָרשטעלונגען. דאָס איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס מע האָט נאָך קיינמאָל ניט געזעהן אין די מזרח-לענדער; די פרומע אידן פלעגן זאָגן, עז די דאָזיקע מלוכה שיידט זיך אָפּ פון אַלע איבעריקע מלוכות און די מלוכה האָט זיך אַלץ נעהענטער און נעהענטער צוגערוקט צו יהודה. אין

עזה, דער אוראַלטער פּלשתּישער עזה, האָט מען אויסגעבויט אַ טעמפּל לכבוד אַפּאלא, דעם ליכטיקן גאָט פון דער זון, אמת און פּאָעזיע, און מע האָט צוליב זיין כבוד געזונגען גריכישע לויב-לידער. אין דעם פעניקיִיִשן צור, פון וואַנעט ס'האָבן געשטאַמט די אַרכיטעקטאָרן, וועלכע האָבן נאָכן בבלישן נוסח געבויט דעם בית־המקדש פאַר יהוה, האָט מען שוין איצט געדינט ניט מעל־קאַרטן, נאָר דעם גריכישן העראַקל, און מע האָט איינגעאָרדנט אַ שפּיל־פּלאַץ לכבוד דעם דאָזיקן העלדישן גבור. אויך אין אַנדערע שטעט האָט מען געבויט מזבחות לכבוד די גריכישע געטער, מער פון אַלץ לכבוד דעם אָלימ־פּיִאישן זעווס. אין די שפּראַכן פון די מזרח-פעלקער זיינען אַריינגעדרונגען גריכישע ווערטער, גריכישע מנהגים זיינען אַריין אין דער מאָדע, די גריכי־שע אויסאַרבעטונגען האָבן אַרויסגעשטופּט די אַלטע בבלישע, און די מזרח־מײַסטערס האָבן געמוזט זייערע אויסאַרבעטונגען צוגעבן אַ גריכישן כאַ־ראַקטער.

די בני־יהודה האָבן זיך באַצויגן צו דער נייער מלוכה פאַרשיידן אין פאַרשיידענע ערטער. די בני־יהודה, וואָס האָבן געלעבט אין גלות, האָבן זיך באַצויגן צו איר מער טאָלעראַנט, ווי די אידן, וואָס האָבן געלעבט אין פּאַ־לעסטינע. דער הויפּט-צענטער פון די גלות-אידן איז איצט געווען אין אַלעק־סאַנדריע פון מצרים, אַ נייער שטאָט, געגרינדעט פון אַלעקסאַנדר. דאָס איז געווען אַ לעבעדיקע האַנדל־שטאָט, וועלכע האָט ווייט איבערגעשטייגט די פריהערדיקע גריכישע הויפּט-שטאָט אַטען. די פּטאָלאָמייער האָבן ניט געקאַרגט קיין געלט־מיטלען אויף צו פאַרפּוצן די שטאָט, זיי האָבן אויסגעבויט דאָרט אַ מוזיי מיט אַן אַקאַדעמיע, איינגעאָרדנט אַ גרויסאַרטיקע ביבליאָטעק און צוגעצויגן אַ גרויסע צאָל געלערטע. נאָך פריהער איז אין מצרים געווען ניט ווייניק אידן, נאָר זייט ס'האָבן אין מצרים געקיניגט די פּטאָלאָמייער, איז זייער צאָל געוואָרן בפרט גרויס, ווייל פּטאָלאָמייאוס דער ערשטער, וועלכער האָט איינגענומען פּאַלעסטינע, האָט פון דאָרט איבערגעשיקט קיין אַלעק־סאַנדריע פיל אידן. ער האָט זעהר געהאַלטן פון די אידן, ווי פון פייִהיקע סוחרים, און האָט טאַקע קיין טעות ניט געהאַט; די אידישע קאָלאָניע אין אַלעקסאַנדריע איז אינגיכן געוואָרן איינע פון די רייכסטע סוחרישע אָרגאַ־ניזאַציעס. ס'פאַרשטייט זיך, אַז די אַלעקסאַנדריער אידן זיינען געבליבן טריי זייער אמונה און זייער תורה. זיי פלעגן פּינקטליך אַרויסשיקן זייערע שקלים אין בית־המקדש און פלעגן געבן גרויסע נדבות צו די ימים־טובים; אין די

ימים-טובים פלעגן זיי זיך צונויפקלייבן אין זייערע בתי-כנסיות, וואו זיי פלעגן פארברייינגען די צייט אין לייענען די תורה, זאגן תהלים און אויסהערן די דרשות פון זייערע רבנים (לערער); יעדער אלעקסאנדריער איד האט געחלומ'ט וועגן א נסיעה קיין ירושלים צו באזוכן דארט דעם בית-המקדש און אנדערע הייליקע ערטער. נאר די אלעקסאנדריער אידן האבן זיך ניט אפגעזונדערט מיט א כינעזישער וואנט פון די גריכן, און זיי וואלטן עס אפילו גאר ניט געקענט טאן: זיי וואלטן געמוזט דאן מאכן א תל פון זייערע געשעפטן און אפשר גאר בדיל-הדל זיך אומקערן צוריק אין זייער פאטער-לאנד. נאך מער, א סך אידן, וועלכע זיינען געבארן געווארן און אויסגע-וואקסן אין אלעקסאנדריע, האבן שוין ניט געקענט ניט קיין העברעאיש ניט קיין אראמיש. פון קינדווייז אן האבן זיי געהערט ארום זיך נאר גריכיש, פונקט אזוי ווי איצטער אן אויסלענדער, וואס ווערט געבארן אין רוסלאנד, קען אפט ניט זיין מוטער-שפראך און לערנט זיך אויס ריידן אויסשליסליך רוסיש; די שפראך פון דער תורה און די נביאים האט מען געקענט זיך אויסלערנען נאר אין דער שול, און דאס פאדערט א סך צייט מיט מיה. קענענדיק די גריכישע שפראך, פלעגן די אלעקסאנדריער אידן זיך באקאנען אויך מיט דער גריכישער ליטעראטור און וויסנשאפט. ניט אלץ פלעגן זיי אפווארפן, זיי האבן געפונען פיל אינטערעסאנטע און וויכטיקע זאכן און האבן פיל אידייען איבערגענומען. די גריכן האבן זיך אויך פאראינטערעסירט מיט די אידן. זיי איז בכלל ניט געפעלן געווען, וואס די אידן זונדערן זיך אפ פון זיי און ווילן מיט זיי, אויסער געשעפטס-ענינים, קיין מגע ומשא ניט האבן. די גריכן זיינען ניט געוואוינט געווען דערצו; זיי זיינען געווען לעב-האפטע און מעורב'דיקע מענטשן, און אין דער רעליגיע זיינען זיי געווען אין די מאדערנע פראנצויזן. נאר אזוי ווי די אידן האבן זיך ניט געוואלט אסימילירן מיט די גריכן, האבן זיך צווישן די גריכן אנגעהויבן צו פאר-שפרייטן ניט קיין שיינע מעשיות וועגן די אידן. אט דאס האט געצוואונגען די אידן צו ענטפערן די גריכן. און בעסלאכווייז איז אין אלעקסאנדריע גע-שאפן געווארן א גרויסע אידישע ליטעראטור, געשריבן אינגאנצן אין גריכיש.

די הויפט-ווערק פון דער דאזיקער ליטעראטור איז די גריכישע איבער-זעצונג פון דער ביבל. אין דער דאזיקער איבערזעצונג האבן זיך די אידן גענויטיקט פאר זיך אליין, ווייל פיל אלעקסאנדריער אידן האבן שוין ניט געקענט לייענען די תורה און די נביאים אין העברעאיש; גענויטיקט האט מען

זיך אין דער איבערזעצונג אויך כדי צו פארענטפערן די מעשיות און די רכילות, וואס די גריכן האבן אויסגעטראכט. וועגן דעם, ווי אזוי ס'איז געמאכט געווארן די איבערזעצונג, איז געשאפן געווארן א גאנצע לעגענדע. מע דערציילט, אז זיבעציק איבערזעצער האבן געטאן די ארבעט; יעדערער פון זיי איז געזעסן אין א באזונדערן חדר, זיך ניט געטראפן מיט די איבעריקע און יעדערער האט איבערגעזעצט די גאנצע ביבל פון אנהויב ביזן סוף; נאר די איבערזעצונגען זיינען בוכשטעבליך געווען ענליך איינע צו דער אנדערער, ווייל מיט דער האנט פון יעדן איבערזעצער האט אנגעפירט דער רוח הקודש. מע האט איבערגעזעצט אין גריכיש די תורה, נביאים, תהלים; מע פלעגט אויך איבערזעצן אנדערע ספרים, גלייך ווי זיי פלעגן ארויס. מיר דארפן זעהר דאנקבאר זיין די דאזיקע איבערזעצער, ווייל, אויב ניט זיי, וואלטן מיר אפילו ניט געהאט די מעגליכקייט צו באקאנען זיך מיט א סך ספרים, ווייל די העברעאישע אריגינאלן זיינען פארפאלן געווארן און ס'זיינען פארבליבן נאר די גריכישע איבערזעצונגען. (למשל, דאס בוך מיט די משלים פון יהושע בן סירא, די דערציילונגען וועגן יהודית, טוביה, די ספרים, אין וועלכע ס'ווערט דערציילט וועגן די גבורות פון די ברידער חשמנאים). נאר אלעקסאנדריער אידן האבן ניט נאר איבערגעזעצט, זיי האבן אויך געשריבן, זיי האט זיך געוואלט דערווייזן, אז זייער געשיכטע איז אויך אזא בכבודי'קע, ווי די גריכישע, אז זייער גאט איז פונקט אזוי באקאנט דער גאנצער וועלט, ווי דער גריכישער זעוס, זיי האבן געוואלט זיך פארטיידיקן קעגן די אנפאלן פון פרעמדע און אנדערשגלויביקע פעלקער. און אין דעם פאל האבן די אלעקסאנדריער אידן געטאן פונקט אזוי פשוט, ווי ס'פלעגן טאן אין אזעלכע צופאלן די איבעריקע אוראלטע פעלקער. זיי פלעגן פשוט נאכמאכן די ווערק פון די גריכישע שרייבער. זיי פלעגן שרייבן נייע לידער אונטערן נאמען פון די בארימטע גריכישע פאעטן; עסכיל, סאפאקל, עוריפיד, מענאנדר, ארפייאוס; אין די דאזיקע לידער פלעגן זיי גאנץ געשיקט נאכמאכן דעם שטייגער-שרייבן פון די גריכישע פאעט און פלעגן לויבן דעם אידישן גאט, זיין תורה און די געשיכטע פון זיין פאלק נאר זעהר שטרייננג באריידן דערפאר די אלעקסאנדריער אידן קען מען ניט מ'קען זאגן, אז דאס האבן זיי זיך אויסגעלערנט בא די גריכן גופא אזוי צו טאן, אלעמען איז באקאנט איליאס, די בארימטע פאעמע וועגן די שלאכטן בא טראיא; אין דער דאזיקער פאעמע איז אויך דא א סך נאכגעמאכטעס, אריינגעטראגן פון פארשיידענע פאעטן, צום ביישפיל, דאס צווייטע ליד איז כמעט

אינגאנצן נאָכגעמאַכט; דאָרט ווערן אויסגערעכנט די שיפֿן, וועלכע זיינען אָנגע־
קומען פון מעלאס קיין טראיא, און אזוי ווי איטליכער שטאָט האָט זיך געוואָלט,
אַז איר נאָמען זאָל דערמאָנט ווערן אין דער בארימטער פּאָעמע, האָט מען
אריינגעשטעלט אין דאָס ליד א סך נייע מערזן, אין וועלכע ס'ווערן אויסגע־
רעכנט כמעט אלע שטעט, וואָס זיינען געווען אין גריכנלאַנד אין זעקסטן יאָר־
הונדערט. און אין די צייטן פון טראיאנישן קריג איז נאָך א היפּשע העלפֿט
פון די דאָזיקע שטעט גאָר אויף דער וועלט ניט געווען.

אזוי האָבן זיך אין אלעקסאנדריע געטראָפֿן די אידן מיט די גריכן או
זיינען באַקאַנט געוואָרן איינע מיט די אנדערע. דאָ האָט די באַקאַנטשאַפֿט
געטראָגן א מער אָדער ווייניקער פריידליכן כאראקטער. אין ירושלים און יהודה
איז עס פאָרגעקומען ניט אויף אזא פריידליכן אופן. דאָרט זיינען די אידן
געווען אונטערטעניק ניט די פּטאָלאָמייער, נאָר די סעלעווקידן, די גריכישע
קיניגין פון סיריע, צו וועלכע פּאַלעסטינע איז איבערגעגאנגען פון די פּטאָלאָ־
מייער. אין ירושלים און יהודה האָט זיך די גריכישע שפּראַך און די גריכישע
קולטור פארשפּרייט ניט צווישן דער גאַנצער באַפעלקערונג. אָנהייבנער פון די
גריכן זיינען געווען די דאָזיקע אידן, וועמען ס'איז אויסגעקומען זיך אָפט צו
טרעפן מיט די גריכן, מער פון אלע האָבן זיך אַזעלכע געפֿונען צווישן די,
וועלכע די פֿאָלקס־מאסן האָבן שוין לאַנג א נאָמען געגעבן רשעים. דאָס זיינען
אלץ געווען רייכע גוטבאַזיצער, וועלכע האָבן לגמרי פאַרשקלאַפֿט די פּויערים,
זיי „רוקן איבער די גרענעצן”, פאַרכאַפּן פרעמדע פעלדער, ציהען זייער חיונה
פון פרעמדער ארבעט, זיי פּלעגט. אָפט אויסקומען צו טרעפן זיך מיט די
גריכישע קיניגן און באַאמטע, און דעריבער האָבן זיי געזעהן נאָכצומאַכן די
גריכן. און האָבן קנאַפּ אָפּגעהיט די געזעצן פון דער תורה. נאָר דאָס שרעק־
ליכסטע פאַר יהודה איז געווען דאָס, וואָס אפילו א טייל פון די ירושלים'ער
כוהנים זיינען געוואָרן ניט פרום און האָבן אָנגעהויבן נאָכצומאַכן די גריכן
פיל כוהנים, וועלכע האָבן געצוואונגען דאָס פאָלק שטרייַנג מקיים צו זיין אלע
געבאָטן פון דער תורה, זיינען אליין געווען נאָר ניט פרום און דערצו האָבן
זיי נאָך באַדריקט די פּויערים; און די פרומע אידן האָבן אָנגעהויבן צו באַקלאָגן
זיך פאַר גאָט: „דו, יהוה, גאָט פון יושר און משפט, דו, וואָס העלפסט סיי די
מענטשן, סיי די בעלי־חיים, דו לאָזט, אַז זיי זאָלן זיך דערנערן פון דעם פעטס
פון דיין הויז און גיסט זיי צו טרינקען פון דעם טייך פון דיין שמחה”. ווען
איבער יהודה האָבן אָנגעהויבן צו געוועלטיקן די גריכישע קיניגן, איז דעם

כוהן גדול מיט די כוהנים אויסגעקומען צו פירן שטענדיקע אונטערהאַנדלונגען מיט דעם קיניגליכן הויף, ווייל דער כוהן גדול איז געווען דער ראש און דער פאָרשטייער פון דער אידישער עדה. דעם כוהן גדול איז אויסגעקומען צו קלייבן פון דעם פאָלק דעם שווערן צינז, וועלכן די סעלעווקידן האָבן ארויפגעלייגט אויף יהודה: דעם זאַלץ-צינז, דעם חתונה-צינז, א דריטל פונ׳ם גערעטעניש, א העלפט פון די סעדער-בוימער פרוכט, אַט די אלע צינזן איז געווען זעהר שווער צו צאָלן; און צוליב די דאָזיקע שווערע צינזן האָט דאס פאָלק געגליכן די גריכן צו עפּעס א שרעקליכער, אומבאקאנטער ווילדער חיה, וועלכע פאַר-ניכטעט אלץ, וואָס זי טרעפט אויפן וועג. און דער כוהן גדול האָט זעהר שטריינג אויפגעפּאַסט די דאָזיקע צינזן, ווייל אויב ער וואָלט זיי ניט אויפ-געמאָנט, וואָלט ער אליין געהאט גרויסע צרות. ער איז, הייסט עס, געווען פאראייניגט מיט די גריכן, און דעריבער האָט דאָס פאָלק מיט די פשוטע כוהנים געהאַלטן אים פאר א רשע. די גריכישע קיניגן זיינען געווען זעהר קאפּריזע; מיט זיי איז שווער געווען דורכצוקומען, מע האָט געמוזט אָפט געבן מתנות זיי און זייערע מקורבים, חנפענען זיי און זייערע געטער. דעריבער איז ביים פאָלק אלץ געוואקסן דער כעס קעגן די כוהנים און קעגן די גריכן, און סוף כל סוף האָט אויסגעבראָכן דער שטורם: מיט 165 יאָר פאר ישוע׳ס געבורט איז פאָרגעקומען דער בארימטער אויפשטאנד פון די ברידער חשמנאים.

אין סיריען האָט דאן געקיניגט אנטיוכוס דער פערטער, עפּיפאנעס (דער בארימטער), זיינע יונגע יאָרן האָט ער פארבראכט אין רוים, וואו ער איז געווען פארהאלטן פאר אן ערבות. פארבראכט האָט ער דאָרטן די צייט אין אויסערגעוויינטלאכע אפּילו פאר רוימער תענוגים און האָט ארויסגעוויזן זעהר עקסטראוואגאנטע גייבג. אין שפּאס פלעגט מען אים אָפט רופן ניט עפּיפאנעס, נאָר עפּימאנעס (משוגענער). אנטיוכוס איז געווען א געוואלטיקער אָנהייגגער פון דעם אלימפּייאישן זעווס און האָט געוואָלט באפעסטיקן די מלוכה, וועלכע האָט אין זיך אריינגענומען כלערליי פארשיידענע פעלקער און לענדער, מיט דעם, וואָס ער וועט פאראייניקן אלע געטער און אלע קולטן אין זיין מלוכה און וועט זיי פארבייטן מיט א קולט פונם איינהייטליכן אלימפּייאישן זעווס. ער איז געווען זיכער, אז אין די כוהנים פון זעווס וועט ער געפינען זיינע טרייע העלפער, וועלכע וועלן באפעסטיקן זיין מאכט איבער די פילשפּראכיקע און פיל פעלקערדיקע אייבוואויגער פון זיין מלוכה. אין ירושלים איז דאן פאָרגע-קומען א פארביטערטער קאמף צווישן דער עלטסטער ליניע פון צדק׳ן בני-

חוניו, און דער ווייטן-לינקע זייטער, די בני-טוביה: דער קאמף צווישן זיי איז געגאנגען פאר די שטעלע פון דעם כהן גדול, וועלכע האט געגעבן א גאנץ היפשע פרנסה און גרויס כבוד. די בני-חוניו האבן געהאלטן, אז די אידן דארפן זיך אפזונדערן פון אלע אויסערלעכע השפעות; די בני-טוביה זיינען געווען אמתע רשעים. זיי האבן איינגעמאכט ווילן נעמען אויף גריכישן שטייגער. איינער פון די יהושע׳ס האט זיך גערופן ניט אנדערש ווי יאסאן, נאך איינער, חוניו, ניט אנדערש, ווי מענעלאוס. נאך די געשעפטן פון די בני-טוביה זיינען דאך געווען שוואך; איינער אחוניו, א כהן גדול פון די בני-חוניו, האט זיי אפילו פארטריבן פון שטאט. ניט לאנג טראכטנדיק איז יאסאן געקומען צו אנטיוכוס׳ן און האט אים געבעטן מאכן אים פאר א כהן גדול, אנשטאט חוניו׳ן, און דערפאר האט ער צוגעזאגט איינצופירן אין ירושלים גריכישע שפילן און מנהגים; פארשטייט זיך, אז זיין בקשה האט ער אונטערגע-האלטן מיט א רייכער געלט-מתנה. ס׳איז מרשה געווארן און גלייך ווי יאסאן איז געווארן כהן גדול, האט ער אנגעהויבן מקיים צו זיין זיינע הבטחות. ביים פוס פון היילקן בארג, אויף וועלכן ס׳איז געשטאנען דער בית המקדש, איז אויסגעוואקסן א גימנאזיע (א פלאץ פאר גימנאסטישע שפילן); די סאמע לוסטיקע יונגע לייט פון ירושלים האבן זיך דארט פארנומען מיט גימנאסטישע שפילן און ספארט. און די ערשטע זיינען געווען די כהנים: גלייך נאך דער לאנג-ווייליקער עבודה פלעגן זיי מיט פארגעניגן קומען אין גימנאזיע פארנעמען זיך דארט מיט אלערליי איבונגען און שטעסן מיט די גריכישע לערערס. אינ-גיכן נאכדעם ווי יאסאן איז באשטימט געווארן פאר א כהן גדול איז געווען אין צור א חגא מיט ווערט-שפילן לכבוד הערקולעסן. יאסאן האט גענומען פון דער בית-המקדש קאסע דריי הונדערט דרכמונים און האט זיי אוועקגעשיקט קיין צור אויף איינצואורדענען די שפילן. ווען אנטיוכוס איז געקומען קיין ירושלים האט אים יאסאן געמאכט א קבלת-פנים מיט גרויס פאראד.

דאס פאלק איז געווארן אומרואיק; מ׳האט אנגעהויבן צו ריידן, אז פאר די רשעים איז נאך ווייניק, וואס זיי רעגירן די ערשטע לייט, נאר זיי האבן באשלאסן איינגאנצן צו פארניכטן די בני-יהודה און מאכן זיי אלעמען פאר גריכן. ס׳איז גלייך גיכער, אז זיי זיינען אמתע רשעים, זיי זיינען יד-אחת מיטן „מקור פון אל דאס בייזט״, אנטיוכוס׳ן. האבן פארשעמט דעם אלטן גלויבן, היטן ניט אפ דעם ברית מילה, היטן ניט אפ שבת, פארנעמען זיך מיט כלער-ליי גויאישע שקוצים. ס׳זאגן זיך פארשפרייט קלאנגען וועגן וואונדערליכע

מופתים, וואָס באַווייזן זיך אויפן הימל: פערציג טעג זיינען כלומרשט אין דער הויך איבער ירושלים אַרומגעפאָרן הימלישע רייטער, אנגעטאָן אין גאָלד, וועלכע פלעגן אָנפאַלן איינער אויף דעם צווייטן. דאָס פאָלק האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און פלעגט זאָגן, אז דאָס איז אַן אַמת׳ער סימן, אז ס׳איז נאָהענט גאָטס משפט איבער די פּשעי ישראל און איבער די רשעים. צו זיין אומגליק האָט נאָך יאסאָן ניט געקענט לעבן בשלום מיט זיינע אָנהייגגער; אין ירושלים האָבן זיך אָנגעהויבן קריגעריייען און רייסעריייען, וועלכע פלעגן אָפּט דערגיין ביז בלוטיקע צוזאמענשטויסן. אין דער צייט האָט אנטיוכוס אַרויסגעגעבן זיין באַפעל, אז אלע פעלקער, וועלכע זיינען אים אונטערטעניק, מוזן ווערן איין פאָלק און דאַרפן דינען נאָר איין גאָט, דעם אָלימפּיאישן זעוס. פאַר דעם גרעסטן טייל פון אנטיוכוס׳עס אונטערטאַנען איז דער דאָזיקער באַפעל ניט געווען קיין גרויסער חידוש. די סירייער האָבן זיך שוין געהאַט צוגעוויינט צו דינען די גריכישע געטער, און זיי פלעגן אַן שום צוואַנג מיטלען ברייינגען קרבנות זעוסן. דאָס פאָלק האָט געגליכן זעוסן מיט דעם אוראַלטן סירישן בעל, און די מאָלערס פלעגן מאָלן זעוסן מיט דעם בעל׳ס אַטריבוטן און מיט א טוויטע, וואָס איז באַשטאַנען טיילווייז פון גריכישע, טיילווייז פון קליין-אזיאַטישע געטער. אויף איין קופּערנעם טאָוול איז אויסגעמאָלט זעוס אין א געשטאַלט פון א גבור וואָס שטייט אויף א רינד—דעם סימבאָל פון דעם בעל; איבער זעוסן— דער גריכישער העליאָס די זון און אויך די גריכישע ניקע— נצחון, וועלכע איז גרייט צו באַקרוינען דעם טריומפירענדיקן גאָט. און אונטן האָט דער קינסטלער אויסגעמאָלט די קליין-אזיאַטישע קובעל— די פייכטע מוטער-ערד, וועלכע שטייט צווישן דער זון און דער לבנה. נאָר ניט אזוי גרינג איז געווען צו צווינגען און צוגעוואוינען די אידן צום קולט פון זעוסן.

אז אנטיוכוס האָט זיך דערוואוסט וועגן די מחלוקת׳ן אין ירושלים, האָט ער געשיקט אַהין אַ שטאַרקע מיליטער-אָפּטיילונג, וועלכער ער האָט באַפוילן צו אָפּוואַרפן פון זיין שטעל דעם כהן גדול, אָפּשאַפן דעם קולט פון יהוה און איינפירן דעם קולט פונם אָלימפּיאישן זעוס. די רשעים האָבן גלייך געפאָלגט דעם דאָזיקן באַפעל; אין די פּראָווינציעלע שטעט פון יהודה האָט מען אויפגעשטעלט מזבחות פאַר זעוסן און געבראַכט אים קרבנות. און דעם פופצעטן כיסלו (דעקאַבער) 168-טן יאָר איז אויך אין ירושלים פאָרגעקומען אַ מורא׳דיקע זאַך: אין בית-המקדש, איבערן גרויסן מזבח פאַר יהוה איז אויסגעבויט געוואָרן אַ מזבח פאַר זעוסן („שקוץ השמם״), דער שרעקליכער טומאה און דעם



דער דאליבייאישער זעווס (פון סיריען).

גריכישן גאָט האָט מען אָנגעהויבן צו ברייִנגען פֿאַר אַ. קױגן זווגים; די ספרי התורה פֿלעגט מען אָפּנעמען און פֿאַרברענען; די, וואָס פֿלעגן ניט וועלן דינען זעווסן, פֿלעגט מען פֿאַרמשפּטן צום טויט. די מאַרטירער (קדושים) פֿון פֿאָלק וועלכע האָבן זיך פֿעסט געהאַלטן פֿאַר זייער אַלטן גלויבן, פֿלעגן אומקומען איינער נאָך דאָס צווייטן; און וועגן זייערע יסורים פֿלעגן גלייך געשאַפֿן ווערן לעגענדעס, וועלכע פֿלעגן איבערגעגעבן ווערן פֿון מויל צו מויל. און פֿאַר זיינע שכנים איז יהודה געוואָרן „אַ משל בפֿי אַלעמען אין מויל", אַלע פֿאַרבייגייענדע פֿלעגן שאָקלען מיטן קאָפּ". אויף דעם אַמאָליקן דוד'ס היכל האָבן אַנטיוכס'עס זעלנער אויפֿגעבויט אַ פֿעסטונג און, אָנשטאָט דעם הייליקן נאָמען ציון האָבן זיי זי אָנגעהויבן צו רופֿן מיט אַ גריכישן נאָמען חקרא.

די דאָזיקע גזירות האָבן אויפֿגעריסן די פֿאָלקס־כוחות און די פֿאָלקס־פֿאַנטאַזיע. מע האָט אָנגעהויבן צו ריידן, אַז ס'זיינען אָנגעקומען די לעצטע צייטן, אַז מע דאַרף אָפּוואַשן און אָפּרייניקן זיך פֿון אַלע זינד און וואַרטן אויף משיח'ן, וועמעס קומען ס'האָט צוגעזאָגט נאָך ישעיה הנביא. די פֿריידיקער האָבן מיט העלע פֿאַרבן געמאָלט די צוקונפֿטיקע מלוכה פֿון משיח'ן: יהודה וועט אויפֿשטיין צוליב די באַדריקונגען פֿון די אָרעמע לייט, צוליב זייערע טרערן און וועט ברענגען אַ ישועה די, וואָס דאַרשטן נאָך גאָט. ווי וועט דאַן זיין צו די רייכע, צו די הערשער פֿון דער ערד, ווי וועט זיין צו די, וואָס זוכן נאָר זייער אייגענע טובה, וואָס זאַמלען געלט מיט זילבער; ווי וועט זיין צו די, וואָס עסן די בעסטע ווייץ און טרינקען דעם פֿעטסטע וואַסער; צוליב זייער רייכקייט וועלן זיי פֿאַרמשפּט ווערן, און דער באַשעפֿער וועט זיך פֿרייען איבער זייער אומגליק. זיי וועלן אומקומען, און ס'וועט אָנקומען די מלוכה פֿון אָרעמע לייט: די אָרעמע לייט וועלן ירשענען די וועלט און וועלן לעבן אין גרויס נחת און וואוילטאָג. און אַז מע פֿלעגט פֿרעגן, ווי אַזוי וועט דאָס אַלץ פֿאָרקומען, האָבן די פֿריידיקער געהאַט אַ פֿאַרטיקן ענטפֿער. גאָט וועט שיקן מלאכים, זיין חיל פֿון הימל, און זאָלן דאָן די פּויערים אויך מאַכן אַן אויפֿשטאַנד. און אַ מלחמה וועט דאַן פֿאָרקומען מיט דער הערשאַפֿט פֿונם בייזן, און אַל דאָס בייז וועט פֿאַרניכטעט ווערן אויף דער ערד, און די גאַנצע ערד וועט פֿאַרפֿולט ווערן מיט יושר. ס'וועלן אויפֿבליִען בוימער פֿון אמת און יושר, די גאַנצע ערד וועט ווערן וואונדערלעך פֿרוכפּערדיק; דאָס פֿאַרזייטע וועט געבן אַ גערעטעניש צען טויזנט מאָל אַזוי פֿיל, אַ מאָס אייל־בירטן וועט געבן צען מאָס בוימאייל, אַלע פֿעלקער וועלן זיך דאַן בוקן צו

יהוה און וועלן אים דינען, די פריידיקער, וועלכע האבן געהאלטן אזעלכע רעדעס, פלעגן זאגן, אז דאס טראכטן זיי ניט אויס, נאר זיי האבן געפונען א בוך, אין וועלכן ס׳זיינען פארשריבן אלע זעהונגען און סודות פון הימל, וועלכע גאט האט אנטפלעקט דעם עלטער-עלטער-זיידע חנוכן. פאר דעם מבול איז געווען א פאטריארך מיט דעם דאזיקן נאמען; ער איז געווען א גרויסער צדיק, און דערפאר האט אים גאט לעבעדיקערהייט גענומען צו זיך אויפן הימל, האט אים אנטפלעקט די סודות פון דעם וועלט-געבוי (מעשי-בראשית) און דעם צוקונפטיקן גורל פון דער וועלט. און דאס, וואס איז אנגעשריבן אין דעם דאזיקן בוך איז געוויס אמת, און דאס וועט געוויס מקוים ווערן, און די היינטיקע קעפ פון פאלק האבן נאר געדארפט האבן די קלענסטע סיבה, כדי ארויפגיין מיט גאטס מלאכים זיך א ווארף צו טאן אין קאמף מיט די רשעים און אנטיוכס׳ן.

נאר ניט נאר די פויערים זיינען געווען אויפגעבראכט קעגן די רשעים און די גריכן. איצטער זיינען באזייטיקט געווארן און האבן געמוזט זיך באהאלטן די אלע כוהנים, וועלכע האבן געהאלטן מיט חוניה׳ן און זיינען געווען קעגן יאסאנ׳ען, און אויך די סופרים, די למדנים, וועלכע האבן געשטודירט און געמאכט פירושים אויף דער תורה, מיט איין ווארט די אלע מענטשן, וועלכע האבן דאן געהייסן פרומע, חסידים. אויך זיי האט זיך געדוכט, אז ס׳דערנעהענטערט זיך די צייט פונ׳ם לעצטן קאמף צווישן יהוה און דער הערשאפט פון אומרעכט, אדער יהוה האט שוין אינגאנצן פארלאזן זיין פאלק, און האט עס אפגעגעבן ווי שעפסן צום פארצערן. איינע האבן פון פארצווייפלונג גערופן צו יהוה: „הויב אויף, יהוה, דיינע שריט צו די אייביקע חורבות — אלץ האט צעשטערט דער פיינד אין דיין היילקייט! ס׳שרייען פיינד, דארטן, וואו אין די ימים-טובים פלעגן פארקומען דיינע פארזאמלונגען, זייערע צייכנס שטייען דארט, און אונזערע צייכנס זעהען מיר ניט, ניטא בא אונז קיין נביא, און מיר ווייסן ניט ביז וואנען...״ צי דען זעהסט ניט יהוה, באקלאגן זיך אנדערע, אז די שונאים האבן געווארפן די קערפער פון דיינע קנעכט פאר די פויגל פון הימל, דאס לייב פון די צדיקים האבן זיי אפגעגעבן ווילדע חיות; אז זייער בלוט גיסט זיך, ווי וואסער, ארום ירושלים, און ס׳איז ניטא ווער עס זאל זיי מקבר זיין. נאר די קאלטבלוטיקע און געלערנטע סופרים זיינען ניט אריינגעפאלן אין יאוש, זיי האבן אנגעהויבן אויסצופארשן די תורה און זעהן און פארשטיין, וואס ס׳קומט פאר, זיך פאנאנדערקלייבן וואס עס האנדלט

זיך און מיט וואָס וועט זיך פאַרענדיקן דער מוראדיקער קאַמף. פון די דאָזיקע זוכונגען און פאָרשונגען איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן דער ספר דניאל, אין וועלכן דער אומבאַקאַנטער מחבר, באַהאַלטנדיק זיך אונטער דעם נאָמען פון אַן אוראַלטן סופר דניאל, וועלכער האָט געלעבט אין איין צייט מיט דעם נביא יחזקאל, דערקלערט דאָס, וואָס עס קומט פאָר און זאָגט פאָראויס, אַז ס'איז שוין נאָהענט דער משפט איבער דער וועלט און ישראל.

אין די ערשטע קאַפּיטלאַך פון ספר דניאל ווערט דערציילט. ווער איז אַזוינס דניאל. געלעבט האָט ער אין גלות, אין בבל, געווען פון אַ מיוחסדיקער משפחה און צוזאַמען מיט זיינע דריי חברים, חנניה, מישאל און עזריה האָט מען אים גענומען צום קיניגליכן הויף און דאָרט האָבן זיי געשטודירט אַלע חכמות פון בבל. נאָר דניאל מיט זיינע חברים האָבן, שטודירנדיק די אַלע חכמות, דוקא שטרייגג אָפּגעהיט אַלע געבאָטן פון דער תורה בנוגע צום עסן און זיי האָבן ניט געגעסן קיין פלייש, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, אַז מע וועט זיי מכבד זיין מיט פלייש פון אַ אומרייגעם קרבן; ניט קוקנדיק דערויף, האָבן זיי אויסגעזעהן דיקער און געזינטער פון אלע איבעריקע יונגע לייט, וועלכע האָבן זיך געפונען ביים קיניגליכן הויף. זיי זיינען אויסגעוואַקסן, האָבן זיך אויסגעלערנט, און דאַן האָט מיט זיי זיך אָנגעהויבן צו פאַסירן אלערליי נסים. דניאל האָט פּותר חלום געווען דעם קיניג אַ חלום, וועלכן ס'האָבן ניט פאַרשטאַנען די חכמים פון בבל; דער חלום האָט פאָראויסגעזאָגט, אַז נאָך נבוכדנאצר'ס מלוכה וועלן אויפקומען דריי מלוכות, און נאָך זיי וועט מען איינשטעלן אַן אייביקע מלוכה פאַר „אַן אַנדער פאָלק", דאָס הייסט, פאַר די בני-יהודה, זיי וועט ער אפּגעבן די גאַנצע ערד און זיי וועלן אויף אייביק געוועלטיקן. דערנאָך האָט דער קיניג באַפעלן דניאלן און זיינע חברים ברייגגען אַ קרבן דעם גילדענעם אָפּגאָט, וועלכן ער האָט געמאַכט; יענע, פאַרשטייט זיך, האָבן זיך אָפּגעזאָגט, און דערפאַר האָט מען זיי אַריינגעוואָרפן אין א קאַלך-אויוון, וועלכער איז געווען אַזוי אָנגעברענט, אַז פון היץ זיינען פאַרברענט געוואָרן די מענטשן, וועלכע האָבן אַרייגגעוואָרפן די יונגע לייט; זיי אָבער האָט דאָס פייער ניט אָנגערירט, זיי זייגען אַרומגעגאַנגען אין אייוון און געזונגען מזמורים לכבוד יהוה. דערפאַר האָט גאָט געפּלאָגט נבוכדנאצר'ן, און דאָס האָט שוין אויך פאָראויסגעזאָגט דניאל. נבוכדנאצר איז אַראָפּ פון זינען, איז געלאָפן אין פעלד און געלעבט דאָרט, ווי אַ ווילדע חיה, דערנערנדיק זיך מיט גראָז. שפּעטער האָט דניאל דערקלערט דעם טייטש פון די פאַר-

באַרגעגנע ווערטער, וועלכע זיינען אָנגעשריבן געוואָרן אויף דער וואַנט, וועל-
כער לעצטער קיניג פון בבל בעלשאַצר האָט געפּראַוועט אַ מאָלצייט: מנא —
גאָט האָט געציילט דיין מלוכה און האָט געפונען, אַז ס'האָט זיך שוין אויס-
געלאָזט איר צייט; תקל — דו ביזט געוואוגן געוואָרן אויף אַ וואָג און אָנער-
קענט פאַר ווער אַ לייכטן; ופרסין — די מלוכה איז צעטיילט געוואָרן און אָפּ-
געגעבן די פּערסער און די מידער. דריוש, דער פּערסישער קיניג, וועלכער האָט
דערהרגעט בעלשאַצרן, האָט געהאַלטן שטאַרק דניאלן און האָט געהייסן אַריינ-
וואַרפן אים אין אַ לייבן-גרוב, ווייל דערפאַר, וואָס ער האָט תפילה געטאָן דריי מאָל
אַ טאָג, זיך ווענדנדיק מיטן פּנים צו ירושלים. נאָר דניאל איז אַרויס אַ לע-
בעדיקער און אומבאַשעדיקטער, און דער איבערגעראַשטער דריוש האָט גלייך
אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע אין זיין מלוכה זאָלן ציטערן און האָבן אָפּשיי
פאַר דעם גאָט פון דניאלן, ס'איז גיבור. אַז דער, וואָס האָט אויסגעטראַכט די
וואונדערליכע מעשיות מיט דניאלן, איז שלעכט באַקאַנט געווען מיט דער גע-
שיכטע, ווייל דער לעצטער קיניג פון בבל איז געווען נאַבאָנעד[1], און איינ-
גענומען בבל האָט ניט דריוש, נאָר כורש. נאָר די דאַמאָלטיקע לייענער האָבן
ניט באַמערקט די דאָזיקע טעותן; לייענענדיק די וואונדערבאַרע מעשיות, האָבן
זיי געגלויבט, אַז אַמאָליקע יאָרן האָט מען שוין אויך אַזוי פאַרפאָלגט פאַר דעם-
גלויבן, ווי איצטער, און ייִדן, וואָס האָבן זיך מעסט געהאַלטן פאַרן אַלטן גלויבן,
זיינען ניסל געוואָרן, און די קיניגן, וועלכע פלעגן פאַרפאָלגן, פלעגן אָדער
פון זייער אַראָפּ אָדער ווערן אונטערגעגעבן פון יהוה. שוין די ערשטע העלפט פון
ספר פלעגט טרייסטן דעם לייענער, און אין דער צווייטער העלפט ווערן דער-
ציילט נביאות'שע חלומות, וואָס דניאל האָט געזען, און אויף צו דערקלערן
די דאָזיקע חלומות האָט גאָט געשיקט צו דניאלן אַ ספּעציעלן
מלאך.

דניאל האָט געזען הייליקע חלומות, די וויזיע-זעהונגען זיינען וועגן
פיר חיות, אַ שטאַטואָן גוף אַ ציגבלאָז און וועגן די זיבעציג שמיטות. פון ים
זיינען אַרויסגעגאַנגען—אַזוי הייבט זיך אָן די ערשטע זעהונג—פיר מוראדיקע
חיות, גאָר געגליכן איינע אין די צווייטע. איינע ווי אַ לייב נאָר מיט פליגלען
פון אַן אָדלער; די צווייטע, ווי אַ בער; די דריטע — ווי אַ לעמפּערט; די פערטע
חיה „אַ מוראדיקע און אַ שרעקלעכע און זייער אַ שטאַרקע", די ציין פון אייזן,

1) דער היסטאָריקער זאָגט, אַז פֿון נאַבאָנעדס אייניקל איז דער לעצטער דער לעצטער
מלך פון בבל. (איבערזעצער).

צען הערנער, און אַלץ צעטרעט זי און צעשטערט; אין מיט אמאל איז צווישן
די הערנער אויסגעוואַקסן נאָך אַ קליינער האָרן, מיט אַ מענטשליכן מויל און
מענטשליכע אויגן און געהאַלטן האט ער חוצפּה'דיקע רעדעס. און נאָכדעם האט
מען געשטעלט אַ טראָן פאַר דעם פאַרעלטערטן אין טעג (דאָס הייסט פאַר גאָט);
ער האט פאַרמשפּט דעם האָרן פאַר זיינע לעסטער רייד, און די פערטע חיה
איז דערהרגעט געוואָרן, און די מאַכט, דאָס קיניגרייך און דער רוהם איז
איבערגעגעבן געוואָרן צו איינעם, געראָטן אין „אַ מענטשישן זון", וועלכער
איז אַראָפּ פון די וואָלקנס. דער מלאך האט אַזוי דערקלערט די דאָזיקע זע-
הונג: די פיר חיות זיינען פיר מלוכות (די בבלישע, מדישע, פּערסישע און
די גריכישע); די פערטע חיה—די פערטע מלוכה, וועלכע שיידט זיך אָפּ פון
אַלע איבעריקע, וועט פאַרצערן און צעטרעטן די גאַנצע ערד; די צען הערנער
פון דער פערטער חיה—דאָס זיינען צען מלכים; דער קליינער האָרן—דאָס איז
דער לעצטער קיניג, וועלכער וועט מאַכן אַן אויפשטאַנד קעגן דעם אַלמעכ-
טיקן און וועט באַדריקן דעם אַלמעכטיקס הייליקע (דאָס הייסט די בני-יהודה),
וועט אַפילו אָפּשאַפן זייערע ימים-טובים און זייער תורה; די הייליקע וועלן
זיך געפינען אונטער זיין מאַכט איין צייט, צוויי צייטן און נאָך אַ האַלבע
צייט (דאָס הייסט 3 האַלב יאָר), און דערנאָך וועט פאָרקומען אַ משפּט; דער
קיניג, דער רשע און זיין מלוכה וועט פאַרניכטעט ווערן, און די מלוכה וועט
אָפּגעגעבן ווערן דעם פאָלק פון דעם אַלמעכטיקס הייליקע, וועלכע וועלן אייביק
קיניגן. די זעהונג פון שאָפּבאָק און ציגנבאָק, וועלכע האָבן זיך געשלאָגן איינע
מיט דעם אַנדערן, האָט אויספירליך געמאָלט דעם קאַמף צווישן די צוויי לעצטע
מלוכות; דער שאָפּבאָק דאָס איז די מדישע און פערסישע מלוכה, דער האָרי-
קער ציגנבאָק—דאָס איז די גריכישע מלוכה, וועלכע האָט גובר געווען; די
הערנער פון דעם ציגנבאָק—דאָס זיינען אַלע גריכישע קיניגן פון אַלעקסאַנדער
ביז אַנטיוכוס. די דריטע זעהונג, וועגן די זיבעציג שמיטות איז אַזאַ: דניאל
האָט זיך געטראַכט וועגן ירמיה'ס נבואה, אַז דער גלות וועט דויערן זיבעציק
יאָר, און האָט זי בשום אופן ניט געקאָנט פאַרשטיין. דאַן האָט זיך אים באַ-
וויזן אַ מלאך און האָט דערקלערט: ירמיה האָט גערעדט ניט וועגן פּשוטע
יאָרן, נאָר וועגן שמיטות; זיבעציג שמיטות איז באַשטימט אויף די צייט פון
אַנהויב גלות ביז ס'וועט קומען משיח, כדי מוחל צו זיין די זינד, צום סוף
פון זיבן שמיטות וועט מען אויף דאָס ניי אויפבויען דעם בית המקדש און די
שטאָט, און צום סוף פון די שמיטות, ווען ס'וועלן פאַרבייגיין נאָך צוויי און

זעכציג שמיטות, אין מיטן פון דער לעצטער שמיטה וועט דער׳הרג׳עט ווערן דער געזאַלבטער, די קרבנות וועלן פאַרשטערט ווערן, ביז ס׳וועט קומען אַ סוף צו דעם צעשטערער. דעם לעזער איז לייכט צו מאַכן אַ חשבון: ניין און זעכציג יאָר איז פאַרביי ביז מע האָט זיך אומגעקערט פון גלות, נאָך 434 יאָר ביז דעם אָנהויב פון דער לעצטער איצטערדיקער שמיטה, די גאַנצע צעשטערונג און דער גאַנצער חורבן, וואָס זיינען פאָראויסגעזאָגט געוואָרן, זיינען שוין מקוים געוואָרן, און ס׳איז פאַרבליבן האָבן געדולד אינגאַנצן נאָך 3 האַלב יאָר. אינגאַנצן נאָך 1300 אָוונטן און פריהמאָרגנס. וואויל איז צו דעם, ווער ס׳קען וואַרטן און וועט זיך דערוואַרטן ביזן סוף! און טאָמער וועט אויסער טויט פאַלן פון די הענט פון די פּלאָגערס אין די דאָזיקע שווערע טעג, וואָסערע ס׳איז נאָך אַזוינע ניט געווען זייט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, וועט ער דאָך זעהן דעם טריאומף פון דעם אַלמעכטיקס הייליקע: בעת׳ן יום-הדין וועלן אַלע טויטע אויפשטיין פון זייערע קברים, די צדיקים וועלן בלייבן אייביק לעבן אין נחת אין משיח׳ס מלוכה, און די רשעים וועלן אייביק ליידן יסורים און בזיון. אַזעלכע זעהונגען האָט געזעהן דער צדיק דניאל; לייענענדיק די דאָזיקע זעהונגען, האָבן די פרומע אידן געפילט, אַז אין האַרצן לעבט צוריק אויף די האָפענונג, און מע האָט נאָר געוואַרט. ביז ס׳וועט קומען מיכאל, דער פירער פון די חילות פון הימל, כדי צו העלפן אים אין קאַמף מיט די שונאים פון די הייליקע און פון גאָט. און די וואָס פלעגן באַשטראָפט ווערן מיטן טויט פאַר ניט פאָלגן דעם קיניגליכן באַפעל וועגן בוקן זיך צו געטער, פלעגן שטאַרבן מיט דער האָפענונג, אַז אינגיכן וועט ער אויפשטיין צו תחית המתים.

דער פירער פון׳ם אויפשטאַנד קעגן די העלענער און די רשעים איז געוואָרן דער כוהן מתתיהו. ער האָט געמוזט פון ירושלים אַנטלויפן קיין מודיעין, אַ קליין שטעטל אויפן וועג צום מיטללענדישן ים. אומזיסט האָבן אים דאָרט די קיניגליכע באַאַמטע איינגערעדט, ער זאָל זיך אונטערגעבן דעם קיניגס באַפעל און ווייזן אַ גוטן ביישפּיל, ער האָט געענטפערט: „אויב אַפילו אַלע פעלקער פון דעם קיניגס מלוכה וועלן פאָלגן דעם קיניג און וועלן זיך אָפּזאָגן פון זייער גאָטס דינסט, וועל איך, מיינע זין און מיינע ברידער דאָך ניט פעלשן אין דעם גלויבן פון אונזערע עלטערן.״ און אַנשטאָט דעם ביישפּיל, וועלכן ס׳האָבן פון אים געפאָדערט די קיניגליכע שלוחים, האָט ער באַוויזן גאָר אַן אַנדער ביישפּיל: ער האָט דער׳הרגעט דעם אידן, וועלכער איז שוין גרייט גע-

ווען צו ברייגגען אַ קרבן לויט דעם קיניגס באַפעל: און האָט צעשטערט דעם
גריכישן מזבח, וועלכער איז געווען אויסגעבויט אין מודעין. נאָך אזא חוצפּה׳-
דיקן אויפטו האט ער מיט זיינע זין געמוזט אנטלויפן אין מדבר. נאָך אים
זיינען געלאָפן אויך אַנדערע, עס זיינען געלאָפן אַלע, ווער ס׳האָט נאָר גע-
וואָלט אַראָפּוואַרפן די מאַכט פון די רשעים און די גריכן. פון מדבר האָבן
זיי אָנגעהויבן צו מאַכן אָנפאַלן אויף די שטעט פון יהודה, וועלכע זיינען גע-
ווען פאַרנומען פון די גריכן, פלעגן צעשטערן די היידנישע מזבחות און הרג׳ע-
נען די בוגדים צווישן די אידן. אינגיכן איז מתתיהו געשטאָרבן; דאָס אָרט
פון אָן אָנפירער האָט פאַרנומען איינער פון זיינע אינגערע זין, יהודה, וועלכער
האָט פאַר זיין כח און העלדישקייט—געקראָגן דעם נאָמען מכבי (האַמער). „גע-
גליכן איז ער צו אַ לייב מיט זיינע גבורות, און ווי אַ יונגער לייב פלעגט ער
זיך וואַרפן אויף דעם רויב.״ אונטער דער אָנפירונג פון יהודה האָבן די מורדים
אָנגעהויבן אָפּצוהאַלטן נצחונות. דעם סירישן קיניג איז גראָד דאַן אויסגעקומען
צו ווערן זיך קעגן רוים, און קעגן יהודה האָט ער געשיקט אַ גישטיק געדונגען
חיל. אָן שום מיה האָט יהודה צוקלאַפּט דאָס דאָזיקע חיל, און דערנאָך אַ
צווייטעס; באַגייסטערט פון אָט די נצחונות האָבן יהודה׳ס אָנהייגער דערציילט,
אַז יהוה אַליין העלפט זיי: ער האָט געשיקט פינף מלאכים, צוויי האָבן זיך
געשטעלט בא יהודה׳ס זייטן און באַשיצט אים פון די שונאים, און די איבע-
ריקע האָבן פאַרוואָרפן די סירער מיט טויט-פיילן; און דער שבח פון יהודהן
איז דערגאַנגען ביז „עק וועלט״. נאָכדעם ווי ער האָט פאַרטריבן די סירער,
האָט יהודה געזאָגט צו זיין חיל: אָט אונזערע שונאים זיינען צעשלאָגן, לאָמיר
גיין און באַנייען אונזער בית-המקדש.״ און יהודה׳ס חיל איז געקומען קיין
ירושלים און אַרויף אויפן באַרג ציון. גרויס איז געווען דער טרויער פון יהודה
און זיינע קריגס-חברים—ווען זיי האָבן דערזעהען די פאַרשוועכונג פון דער
הייליקייט. „ירושלים איז געווען אָן איינוואוינער, ווי אַ מדבר, קיינער פלעגט
ניט אַריין אין שטאָט און קיינער פלעגט ניט אַרויסגיין, דער מקום קדוש איז
צעטראָטן, פרעמדע זיצן אין דער פעסטונג, און די צוגאַנגען זיינען, ווי אַ פעלד
פאַרוואַקסן מיט גראָז, פון גרויס צער האָבן זיי צעריסן זייערע בגדים און אויפן
קול געוויינט.״ אַ טייל פון זיין חיל האָט יהודה געשיקט באַלאַגערן די סירער,
וועלכע האָבן זיך פאַרשפּאַרט אין דער פעסטונג אקרע, און מיט די איבעריקע
האָט ער זיך גענומען ברייגגען אין אָרדענונג דעם בית-המקדש; אָנשטאָט פרי-
הערדיקע אומווירדיקע כהנים האָט ער באַשטימט נייע, וועלכע האָבן שטרייגג

געהיט די תורה. נאָך לאַנגע באַמיהונגען איז לסוף אַלץ פאַרטיק געוואָרן און דעם 25־טן כסלו (דעצעמבער) 65־טן יאָר איז פאָרגעקומען די פייערליכע חנוכת הבית: מע האָט געבראַכט אַ קרבן, ליכט געצונדן און, שפּילנדיק אויף גיטאַרעס, צימבלען און האַרפּעס, איז מען געגאַנגען אַרום דעם מזבח און דעם בית־המקדש און געזונגען אַ ספּעציעל אויף דעם פאַל פאַרפאַסטן מזמור: „שטאַרקער האָט מיך גאָט געשטראָפט, נאָר דעם טויט האָט ער מיך ניט איבערגעגעבן. אַלע געצנדינער האָבן מיך אַרומגערינגלט... פון דער זייגשאַפט האָב איך גערופן צו יהוה, און נאָמען פון יהוה האָב איך געשלאָגן מיינע שונאים... אַ קול פון געזאַנג און נצחון איז אין די געצעלטן פון די צדיקים, עפנט מיר אויף די טויערן פון גערעכטיקייט, איך וועל אַריינגיין אין זיי און לויבן גאָט, ווייל ער איז גוט, ווייל אייביק איז זיין חסד... לויבט גאָט (הללויה).״ און נאָכדעם האָט יהודה און דאָס גאַנצע פאָלק איינגעשטעלט צו פייערן יעדעס יאָר אָט דעם טאָג. אַזוי איז איינגעשטעלט געוואָרן דער יום טוב פון באַנייען דעם בית־המקדש, דעם יום טוב חנוכה.

נאָר די רשעים האָבן נאָך ניט אָפּגעלייגט דאָס געווער, הגם אַז זיי אַז די גריכן האָבן פאַרשטאַנען, אַז מע קאָן שוין איצט מער ניט פאָדערן, אַז אַנטיאָכוס׳עס באַפעל זאָל אויסגעפירט ווערן. זיי האָבן נאָכגעגעבן די חסידים און האָבן דערקלערט, אַז די קיניגליכע גזירה וועגן דעם פאַרבאָט צו דינען יהוה ווערט אָפּגעשאַפט; נאָר אַ כּהן גדול האָט דער קיניג באַשטימט אלקימוס איינעם פון די רשעים. יהודה האָט ניט געוואָלט נאָכגעבן און איז אַרויסגע־טראָטן קעגן דעם קיניגליכן חיל, מיט וועלכן אַלקימוס איז אָנגעקומען קיין ירושלים. נאָר דאָ האָט ער געהאַט אַ מפּלה: די סיריער האָבן צעקלאַפּט זיין חיל, און ער אַליין איז דערהרגעט געוואָרן אין שלאַכט. נאָר דאָך איז אַלקימוס ניט קיין לאַנגע צייט געווען כּהן גדול. דער קאַמף צווישן די סעלעוקידן און רוים האָט זיך אַליין מער אָפּגעלאָקערט. און נאָך אַנטיאָכוס׳עס טויט האָט זיין יורש דעמעטריוס אָפּגערופן זיין חיל פון יהודה. דאָס האָט גלייך אויסגענוצט יהודה׳ס ברודער, יונתן, ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן אַלקימוסן, וועלכער איז דערהרגעט געוואָרן אין דעם דאָזיקן בירגער־קריג. אַזוי ווי דעמעטריוס האָט קיין מעגליכקייט ניט געהאַט צו קעמפן מיט יונתנ׳ען, האָט ער מיט אים שלום געמאַכט און האָט אַפילו באַפרייט יהודה פון אַ גרעסערער העלפט צינז. נאָר דער ענדגילטיקער טריומף פון די מכבים, ווי מע האָט איצטער אָנגעהויבן צו רופן יהודה׳ס ברידער, איז אָנגעקומען ערשט אין די צייטן פון יונתנ׳ס ברו־

דער שמעון, צו יענער צייט האט די מלוכה פון די סעלעוקידן אנגעהויבן אינ־גאַנצן זיך צעפאלן. רוים פלעגט אפנעמען איין געגנט נאך דער אַנדערער, און איגעווייניק אין גריכנלאנד גופא זיינען געווען גאַנצע פיר פרעטעדענטן אויפן קיניגליכן טראן; זיי האבן געפירט מלחמה איינער מיט דעם צווייטן און האבן געלאזן צורוה יהודה. שמעון האט אנגעהויבן בויען פעסטונגען און זאמלען געלט-מיטלען און בשעת ער איז שוין אינגאנצן צוגעגרייט געווען אויף אנצו־הויבן א מלחמה, האט ער געפאדערט פון איינעם פון די פרעטעדענטן, דע־מעטריוס דעם צווייטן, ער זאל אנערקענען די אומאפהייגיקייט פון יהודה. דעמעטריוס האט איינגעשטימט, און דער דאמאלטיקער כראניק-שרייבער האט לסוף מיט שטאלץ און שמחה געקאַנט אנשרייבן: „אין 177-טן יאר (142-טן פאר ישוע׳ס געבורט) איז אראפגעפאלן פון ישראל דער יאך פון די געצנדינער, און דאס פאלק האט אנגעהויבן צו שרייבן אין די פאראָרדענונגען און אפמאכן: דאס ערשטע יאר פון שמעון׳ען, דעם כוהן גדול, קריגס אנפירער און פאַר־וואלטער פון די בני-יהודה.״ און די מיט־קעמפער פון די מכבים האבן זיך גע־פילט אויף אזוי פיל גליקליך, אז שמעונ׳ס הערשאפט האבן זיי געמאלט מיט די זעלבע פארבן, ווי די הערשאפט פון משיח׳ן. „און דאס לאנד יהודה האט געלעבט רוהיק אין אלע טעג פון שמעונע׳ן, און ער האט געזוכט די טובה פון זיין פאלק, און דעם פאלק איז ליב געווען זיין מאכט און זיין גדולה די גאנצע טעג... ער האט געבראַכט שלום אויף דער ערד, און ישראל האט זיך געפרייט אין גרויס שמחה. און איטליכער איז געזעסן אונטער זיין וויינשטאָק און אונטער זיין טייטלבוים און קיינער האט אויף אים קיין מורא ניט גע־ווארפן... ער פלעגט באשיצן אלע באדריקטע פון זיין פאלק, ער פלעגט היטן די תורה און פלעגט פארניכטן אלע רשעים און רוצחים.״ און דער פשוטער המון, וועלכער האט געשטיצט די מכבים און פארגאסן פאר זיי זיין בלוט, האט טאקע געוואַרט, אז זיי וועלן אים ברייגען אלדאס גוטס און א רפואה צו אלע זיינע צרות.



א זילבערנער שקל פון שמעון חשמינאים צייטן.

נאָר דאָס פאָלק האָט זיך זעהר גיך אַנטוישט אין די האָפענונגען, וועלכע עס האָט געלייגט אויף די מכבים אָדער חשמונאים, ווי זיי האָבן זיך

אליין אנגעהויבן צו רופן נאך דעם נאמען פון זייער שטאמפאטער חשמונאי. הגם זייער מאכט האבן זיי באקומען מיט דער הילף פונם פאלק, נאר דאך האבן זיי גיך פארגעסן אז זאָרגן וועגן דעם פאלק, וויבאלד נאר זיי האבן זיך אויפגעהערט צו נייטיקן אין דעם. שמעון און נאך אים זיינע יורשים זיינען געווען קיניגן — כהנים-גדולים און זיי האבן געקוקט אויף זייער מאכט ווי אויף א מקור פון הכנסות. און דעריבער האבן זיי ניט נאר ניט פארקלע-נערט די שווערע צינזן, וועלכע זיינען געווען אויפגעלייגט אויפן פאלק, נאר זיי אפילו נאך פארגרעסערט. זיי האבן זיך געוואלט, אז די הכנסות פון בית-המקדש און פון די כהנים זאלן ווערן גרעסער ווערן; צו דעם צוועק האבן זיי מיט געוואלט אנגעהויבן צו פארברייטן דעם אידישן גלויבן צווישן די שכנים. זיי האבן פארכאפט איניקע שטעט אויפן ברעג פון מיטללענדישן ים: יאפע (יפו), עזה און נאך, און האבן ניט געוואלט מער געווען די איינ-וואוינער פון די דאזיקע שטעט. די איינוואוינער פון דער שטאט פעללא האבן זיך אפגעזאגט אנצונעמען דעם אידישן גלויבן און דערפאר האט מען זיי אלע ביז איינעם אויסגעהרג'עט און די שטאט חרוב געמאכט. כדי צו פירן די דאזיקע מלחמות, האט מען געמוזט האבן געלט-מיטלען און זעלנער; זיך באנ-גנוגענען מיט געדונגענע זעלנער האט מען שוין ניט געקענט, און די חשמונאים האבן אנגעהויבן נעמען זעלנער פון די בני-יהודה; דאס פאלק איז געווארן אומרוהיק: צו וואס פאר א משיחן מיר האבן באקומען פאר אונזער בלוט און ליידן? — האט געטענה'ט דאס פאלק. און סוף כל סוף האט זיך קעגן שמעונ'ס איניקל, אלעקסאנדר יאנאי (יונתן) אנגעהויבן אן אמת'ער פאלקס-אויפשטאנד, אין וועלכן ס'האבן אנטייל גענומען, חוץ די פרושים, אויך די חסידים, וועלכע האבן פריער געשטיצט די חשמונאים. אלעקסאנדר האט אומברחמנותדיק דערשטיקט דעם אויפשטאנד: 15 טויזנט מורדים האט ער אויסגעהרג'עט, 80 טויזנט פארטריבן. דאס פאלק איז איינגעשטילט געווארן און האט ווידער אנגעהויבן צו טרוימען וועגן משיח'ן.

מיט וואס זיינען דאס געווען אומצופרידן די חסידים? פארוואס האבן זיי זיך צוקריגט מיט די חשמונאים? די מעשה איז דאס, וואס די חשמונאים זיינען געווען פרום נאר ביז דער צייט, ביז וואנען זיי האבן דערגרייכט צו מאכט, ווען זיי זיינען געווארן קיניגן און כהנים-גדולים, ווען אין זייערע שאצקאמערס האבן זיך א גאנץ געטאן שיין געלט, זיינען זיי באלד גלייכ-גילטיק געווארן צו דער תורה. זאלן די תורה היטן די, וואס צאלן אונז

אָדער די, וואָס האָבן צו דערצו חשק, האָבן זיי געטראַכט: און האָבן זיך טמתקרב געווען מיט די רשעים, אָנגעהויבן פירן אַ לעבנשטייגער פון וועלטליכע מענטשן און זיך גאָרנישט ניט גערעכנט מיט די חסידים. זיי האָבן אָנגעהויבן מאַכן גרויסאַרטיקע מאָלצייטן, איין אינטריגע האָט זיך צונויפגעפלאָכטן מיט דער צווייטער, ס'האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשווערונגען און רציחות. איינער פון די חשמונאים, אַריסטבול, וועלנדיק זיכערן זיין טראָן האָט דערהרג'עט זיין מוטער און איינעם פון זיינע ברידער און די איבעריקע האָט ער אַריינגעזעצט אין תפיסה. זייענדיק אויסגעבונדן מיט די אַרומיקע קיניגן, האָבן די חשמונאים ניט געקענט זיך האַלטן פאַר זייערע אַלטע מנהגים און רגילות'ן; און דעריבער האָבן זיי אַזוי ווי די בני-טוביה אָנגעהויבן נאָכמאַכן אין אַלץ די גריכן. אָנהויבנדיק פון שמעון'ס זון, יוחנן הורקנוס טראָגן זיי אַלע, חוץ זייער אידישן נאָמען, אויך אַ גריכישן, אויף זייערע מטבעות מאַכן זיי העברעאישע און גריכישע אויפשריפטן, און אַריסטבול האָט אַפילו געקראָגן דעם צונאָמען „דער פריינד פון די גריכן". און שוין יוחנן הורקנוס האָט באַזייטיקט פון זיך די מרה-שחורה'דיקע קנאים, די סופרים, די שטרענגע אָנהייגער פון דער תורה און האָט זיך אַרומגערינגלט מיט די פרייליכע און לעבנסלוסטיקע זין פון צדוק'ן, „צדוקים". אַזוי האָט מען אָנגעהויבן צו רופן די חשמונאים און זייערע אָנהייגער פון די חסידים און פונם פאָלק. „און איר זייט פרושים" (פרושים—אָפּגעזונדערטע), פלעגן זיי ענטפערן די צדוקים. „הכל הבל", אַלץ איז נאַרישקייט, האָבן געטענה'ט די צדוקים. מע זאָגט, אַז גאָט זעהט אַלץ און פירט אָן מיט אַלץ; ניין, ער מישט זיך ניט אַריין אין מענטשנס לעבן, און די מענטשן קענען זיך אַליין אויסקלייבן, לויט זייער אייגענעם געשמאַק, וואָס איז גוט און וואָס שלעכט. און די צדוקים האָבן אויסגעקליבן די שמחה פונם לעבן, און זיין שווערן יאָך האָבן זיי איבערגעלאָזן פאַר דעם „פאָלק פון דער ערד" (עם-הארץ) און פאַר די פרושים. די פרושים האָבן ניט געשוויגן און האָבן כסדר אויפגערייצט דאָס פאָלק קעגן די צדוקים. נאָך נאָכ'עם ווי דער אויפשטאַנד אין אַלעקסאַנדער יאַנאַיס צייטן איז אַכזריותדיק דערשטיקט געוואָרן, האָבן די פרושים אָנגעהויבן צו זוכן אַנדערע וועגן, ווי אַזוי אָפּצונעמען די מאַכט בײַ די אומווירדיקע כוהנים.

אין דער זעלבער צייט האָט די מערטע מלוכה, וועלכע האָט אַ מאָל אַלץ פאַרניכטעט אויף איר וועג מיט אירע אייזערנע ציין, געמוזט אָפּגעבן איין

גענגט נאָך דער אַנדערער אַ נײַע מלוכה, פון וועלכער ס׳האָט נאָך ניט געחלומ׳ט אפילו דער מחבר פון ספר דניאל. די דאָזיקע נײַע מלוכה איז געווען רוים, די רוימער זײַנען ניט געראָטן געווען אין די גריכן, זייער לאַנד איז אויך ניט געווען פון די פרוכטפעריקע, נאָר ס׳איז נאָך בכלל געווען אַ מער גרויע און מער אומעטיקער. דעריבער האָבן די רוימער, אַרבעטנדיק ניט ווײַניקער פון די גריכן, זיך ווײַניק פאַרנומען מיט פאַנטאַסטישע און פּאָעטישע חלומות און האָבן זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט געווענדעט אויף פּראַקטישע ענינים. האָבן זיי זיך נאָר געשטעלט פאַר אַ ציל עפּעס וואָס צו דערגרייכן, האָבן זיי שוין געשטעבט צו דעם דאָזיקן ציל, ניט אָפּקערנדיק זיך ניט אויף רעכטס און ניט אויף לינקס; און זייער אָדלער, וועלכער האָט זיך געוויגט אויף די פאָנעס פון זייערע לעגיאָנען, האָט אַרײַנגעדרונגען אַלץ ווײַטער און ווײַטער פון רוים און האָט באַקומען פאַר דאָס רוימישע פאָלק אַלץ נײַע און נײַע רויב. פון דער רויב פלעגן רײַך ווערן די רוימישע מוכסים, וועלכע פלעגן קלײַבן דעם צינז אין די אײַנגענומענע לענדער, די רוימישע סוחרים לויט וועמעס באַפעל ס׳פלעגן ביז׳ן גרונט צעשטערט ווערן די אַלטע האַנדלס-שטעט פון זייערע קעגנער, די רוימישע פּראָלעטאַריער, וועלכע האָבן זיך דער-גערט פונעם אומזיסטן ברויט פון די אײַנגענומענע פּראָווינציעס. דער רוימישער אָדלער האָט פאַרכאַפּט גריכנלאַנד, האָט פאַרכאַפּט קליין-אַזיען און סיריע און האָט זיך דערנעהענטערט צו די גרעניצן פון יהודה. די צײַט, ווען די בני-יהודה האָבן גערוהט פון דעם יאָך פון געצנדינער, קומט צום סוף.

נאָר די פּרושים האָבן דער פון קיין עגמת נפש ניט געהאַט, אדרבא, זיי האָט זיך געדוכט, אַז אויף דער ערד דאַרף די מאַכט איבער די בני-יהודה געהערן נאָר דעם כהן-גדול, און דער כהן-גדול טאָר ניט זײַן קיין וועלט-ליכער הערשער. ווען דער רוימישער קריגס-אָנפירער פּאָמפּייאָוס האָט זיך באַוויזן בײַ די גרעניצן פון יהודה, זײַנען צו אים אײַנצײַטיק געקומען דרײַ שליחות: צוויי פון צוויי ברידער חשמונאים, וועלכע האָבן זיך געריסן איינער מיט דעם צווייטן צוליב דער מאַכט, און די דריטע פון „דעם אידישן פאָלק“; די לעצטע איז באַשטאַנען פון פּרושים. איינע האָט זיך באַקלאָגט אויף די צווייטע און אַלע האָבן זיי געחנפ׳עט דעם מעכטיקן קריגס-אָנפירער. פּאָמפּייאָוס האָט דערקלערט, אַז ער וועט באַטראַכטן זייער ענין אין ירושלים. ער איז אָנגעקומען אַהין, האָט דערקלערט יהודה פאַר אַ רוימישע פּראָווינץ. יהודה איז געוואָרן דאָס, וואָס זי איז שוין פריִער געווען — אַ רעליגיעזע עדה אונטער אַ

פרעמדן יאָך. די פרושים זײַנען געװען צופרידן. רעכט אױף די חשמונאים — האָבן זײ געטענה'ט: גאָט האָט אױסדערװײלט דוד'ן פאַר אַ קיניג אױף ישראל און האָט אים געשװאָרן, אַז זײַן מלוכה װעט בלײַבן אײביק; נאָר אַ דאַנק אונזערע זינד זײַנען קעגן אונז אױפגעשטאַנען רשעים, געראַבירט אונז און ניט אָפּגעגעבן דעם געהעריקן כבוד גאָטס נאָמען; דוד'ס קיניגס שטול האָבן זײ חרוב געמאַכט מיט זײער עזות'דיקער גאװה. און דו, גאָט, ביסט אױפגעשטאַנען קעגן זײ, האָסט פאַרטריבן פון דער ערד זײערע זױמען, אָנגעשיקט אױף זײ פרעמדע מענטשן, ניט פון אונזער אָפּשטאַמונג. לױט זײערע זינד האָסטו זײ באַלױנט, זײ האָבן פאַרדינט זײער גורל". דאָך האָט דאָס פאָלק און די פרושים געמײנט, אַז פּומפּײאוס איז מער ניט װי אַ געװער אין די הענט פון יהוה, און דורך אים װעט גאָט באַשטראָפן די פאַרברעכער, װאָס האָבן חרוב געמאַכט דוד'ס מלוכה. ניט לאַנג װעט הערשן רױם, אײנגיכן װעט קומען דוד'ס אמת'ער יורש, משיח, דער אױסדערװײלטער און געשיקטער פון גאָט אַלײן. ער װעט אָנטאָן אַ יאָך אױף די געצנדינער, און זײ װעלן אים דינען און פאַרשפּרײטן דעם נאָמען פון יהוה איבער דער גאַנצער װעלט, און דער שטאָט ירושלים װעט ער צוריק אומקערן איר רײנקײט און הײליקײט, װי אַמאָל. אַזױ האָבן די פרושים געטרײסט זיך און דאָס פאָלק, זעענדיק פּומפּײאוסן אין בית-המקדש און דעם רױמישן אָדלער אױף די מױערן פון ירושלים.

פּומפּײאוס איז געװען קליגער פאַר די סירישע קיניגן: ער האָט אַרױסגעװיזן אַ טיפן כבוד צום בית-המקדש און האָט באַשטעטיקט די אײנריכטונג פון דער עדה אין אַזאַ פאָרם, װי זי איז אײנגעשטעלט געװאָרן פון תורת-משה פאַר אַ כהן-גדול האָט ער באַשטימט הורקנוס'ן, אַן אָנהײנגער פון די פרושים, אַ מענטשן אַ שװאַכן מיט אַן אומזעלבסשטענדיקן כאַראַקטער.

אַזױ האָט זיך פאַרענדיקט דער ערשטער צוזאַמענשטױס פון דער עדה פון די בני-יהודה מיט דער אײראָפּײאישער װעלט. די באַגעגעניש איז געװען אַ פרײַנדליכע. און הגם די בני-יהודה האָבן פיל איבערגענומען פון די נײַע באַקאַנטע, דאָך איז די שינאה צו אַלדאָס פרעמדע געװאַקסן צװישן די פאָלקסמאַסן, די פרעמדע זײַנען שטענדיק געװען פרײַנדליך צו די הערשער פון יהודה, צו די כהנים פון בית-המקדש, װעלכע האָבן באַדריקט דאָס פאָלק און געלעבט פון זײַן אַרבעט. און װען דאָס פאָלק האָט געהאָלפן דעם באַרימטן גבור יהודה המכבי און דאָס פאַרגאָסן זײַן בלוט, האָבן סײַ דאָס פאָלק סײַ יהודה געמיהעט זיך רק צוליב דעם, כדי אַרױפצולײגן אַ נײַעם יאָך אױף דאָס זעלבע פאָלק.

XVI.

יהודה אין דער תקופה פון ישוע.

פּאָמפּייאוס איז אַריין אין ירושלים אין 63-טן יאָר פאַר ישוע'ס געבורט; אינגאַנצן נאָך הונדערט יאָר איז פאַרבליבן יהודה צו לעבן אין דעם וואונדער שיינעם לאַנד, וואָס יהוה, זיין גאָט האָט איהם אָפּגעגעבן. די לעצטע הונדערט יאָר זיינען דורכגעגאַנגען אונטער דער הערשאַפט פון דעם רוימישן אַדלער: די רוימער האָבן זיך וויניג וואָס אַריינגעמישט אין אינערליכן לעבן פון די בני-יהודה, איבערגעבנדיק אַלץ אין רשות פון סנהדרין וועלכער איז באַ-שטאַנען פון דעם כהן גדול און פון די מער חשובע כהנים און דיינים. רוים האָט געזאָרגט נאָר וועגן איינס: אַז זיין נייער אונטערטאַן זאָל איהם געבן אַ שטענדיקע און ריכטיגע הכנסה, אַז דעם קיסר זאָל מען פּינקטליך צאָלן דאָס, וואָס איהם קומט. די אידן האָבן געליטן ניט אַזוי פיל פון דער איבערהערשאַפט פון רוים, ווי פון דער איבערהערשאַפט פון דעם קיסרס ליבלינגס, צו וועלכע סיפּלעגט אָפטמאָל איבערגעגעבן ווערן די רעגירונג איי-בער יהודה און וועלכע פלעגן באַקומען דעם נאָמען „דער קעניג פון יהודה“. אַזאַ מין קעניג איז אויך געווען דער באַרימטער הורדוס דער גרויסער, וועלכער האָט איבערגעלאָזן נאָך זיך זעהר אַ שלעכטן אָנדענק באַ דעם אידישן פאָלק. הורדוס האָט, אמת, מיט אַן אויסערגעוועהנליכער פּראַכט פאַרפוצט דעם בית-המקדש, מיט וואָס ער האָט זעהר אויסגענומען באַ די כהנים און אפילו באַ די פרושים; ער האָט פאַרפוצט מיט גאַנץ שיינע בנינים ירושלים, וועלכער האָט אין זיינע צייטן ניט נאָר אויפגעהערט צו זיין ענליך צו עפּעס אַ פאַרוואָרפענע שטעטל, נאָר זיין אפילו געוואָרן אין אַ קלענער מאָס אַ קאָפּיע פון אַזעלכע הויפּט-שטעט פון דער וועלט, ווי אנטיאכיע. נאָר אַט די אַלע קאַפּריזן און איינפאַלן זיינען אויסגעפירט געוואָרן אויף די פאַרהאָרע-וועטע גראָשנס פונם אָרעמען פאָלק, וועלכער האָט זיי מיט שווייס און בלוט פאַרדינט; דאָס זעלבע פאָלק האָט געמוזט אויך שפּאָרן מיטלען, כדי הורדוס זאָל קענען פירן אין זיינע פּאַלאַצן אַ לוקסוס-לעבן, און דעריבער האָט מען וועגן הורדוסן שפּעטער געשאַפן זעהר ניט קיין שיינע מעשיות. מע האָט איהם גע-גליכן צו דעם דאָזיקן פרעה פון מצרים, וועלכער האָט ניט געוואָלט אַרויס-לאָזן די בני-ישראל פון מצרים און האָט געהייסן אויסהרגענען אַלע קינדער-זכרים, כדי דאָס אידישע פאָלק זאָל זיך ניט פאַרמערן. וועגן איהם האָט מען

דערציילט, אַז ער איז געשטאָרבן מיט אַ שרעקליכן טויט: נאָך ביים לעבן האָט ער אָנגעהויבן צו פוילן, נאָך ביים לעבן האָבן אים אָנגעהויבן עסן ווערים, און ער איז געשטאָרבן אין גוואַלטיקע יסורים. די רוימישע פּראָקוראַטאָרן, באַאַמטע, וועלכע רוים פלעגט צושיקן נאָך הורדוס'עס טויט צו פאַרוואַלטן מיט יהודה, זיינען געווען אַ סך ווייניקער און טאָלעראַנטער פאַר הורדוס'ן, הגם זיי האָבן אויך געפאָדערט גרויסע ציגזן; נאָר דאָך האָבן זיי וועגן זיך ניט געלאָזן אַזאַ שלעכטן אָנדענק, ווי הורדוס, אָט דער פאַרדאָרבענער זון פון אדום. די רוימישע פּראָקוראַטאָרן האָט מען אויך ניט ליב געהאַט, נאָר זיי האָט מען ניט געהאַסט אַזוי מיָף, ווי הורדוס'ן.

די לעצטע הונדערט יאָר פון יהודה'ס לעבן אין די טאָלן און בערג פון פּאַלעסטינע זיינען באַזונדער אינטערעסאַנט סיי פאַר די קריסטן, סיי פאַר די אידן, אָט אין דער צייט, מיט אַ יאָר פערציג פאַר דעם ענדגילטיקן אונטערגאַנג פון ירושלים און דעם חורבן פון בית-שני, אָט אין דער צייט האט אין פּאַלעסטינע אָנגעהויבן צו פּריידיקן ישוע, דער גרינדער פונם קריסטנטום, נאָך ישוע'ן זיינען נאָכגעגאַנגען גאַנצע מאַסן פונם באַדריקטן און פאַראומגליקטן פאָלק; ער איז געווען דער באַרימטעסטער פּריידיקער אין יהודה אין יענע צייטן; לויט דער בּרען-קראַפט פון זיינע רייד, האָט מען אים פאַרגליכן מיט די אוראַלטע נביאים, ישעיה און ירמיה. נאָכדעם ווי מע האָט ישוע'ן געקרייציקט, האָט זיך אין ירושלים געבילדעט די ערשטע געמיינדע פון זיינע אָנהייגער, די ערשטע געמיינדע פון קריסטן. אירע מיטגלידער זיינען געווען פון די אידן, זיי האָבן געלעבט צווישן אידן, זיי האָבן אָפּגעהיט אַ סך אידישע מנהגים און זיי האָבן אָנערקענט פיל אידישע גלויבונגען. דעריבער איז פאַר די קריסטן און פאַר אַלעמען, וואָס אינטערעסירן זיך מיט דעם, ווי אַזוי ס'האָט זיך אַנטוויקלט דער קריסטנטום, זעהר וויכטיק און אינטערעסאַנט צו וויסן, ווי אַזוי ס'האָבן געלעבט די אידן אין דער צייט, ווען ס'האָט געפּריידיקט ישוע, וואָס פאַראַ ריכטונגען און פּאַרטייען זיינען געווען בּאַ די אידן, וואָס פאַראַ וואונשן און באַגערן זיי האָבן געהאַט.

פאַר די אידן איז די דאָזיקע תקופה אינטערעסאַנט, ווייל דאָס איז די לעצטע עפּאָכע פאַרן אונטערגאַנג פון דער עזה פונם צווייטן בית-המקדש. פאַרוואָס איז אומגעקומען די עדה פונם צווייטן בית-המקדש? פאַרוואט האט זי ניט געקענט ווידער אויפלעבן? פאַרענטפערן אָט די פראגן וועט מען אויך קענען נאָר דאַן, ווען מיר וועלן זיך באַקאַנען מיט דעם, ווי אַזוי האָט גע-

לעבט יהודה אין די לעצטע הונדערט יאָר פון זיין קיום. און ס'איז דאָ נאָך אַ זאַך, וואָס דאַרף אינטערעסירן יעדן אידן, וועמען ס'איז טייער זיין ליטע-ראַטור און זיין גלויבן. אַט אין דער תקופה איז לגמרי צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן די ביבל און ס'זיינען איינגעשטעלט געוואָרן פיל גלויבונגען. ווען פון ירושלים און פון דעם בית-המקדש זיינען פאַרבליבן מער ניט ווי חורבות, און די אידן זיינען אַוועק אין גלות, האָבן זיי שוין ניט געקענט מער שאַפן קיין נייע ווערק. ס'איז זיי פאַרבליבן צו לעבן מער ניט ווי מיט זייערע אַלטע אוצרות, אויספאָרשן זיי, מאַכן אויף זיי פירושים, באַמיהען זיך צו געפינען זייער טיפן, פאַרבאָרגענעם אינהאַלט. אַ סוף איז געקומען צו דער עדה; חרוב געוואָרן איז דער בית-המקדש, נאָר ס'איז פאַרבליבן די תורה, נביאים און כתובים, אין וועלכע די ווייטערדיקע דורות האָבן געזוכט אַ תשובה אויף די פראַגע: ביז וואַנען, אָה, גאָט? און אַט פאַרוואָס ס'איז אַזוי וויכטיק צו באַקאַנען זיך מיט די לעצטע יאָרן פון יהודה'ס לעבן אין דער פאָרם פון אַן אָרגאַניזירטער כהנישער עדה.

לאָמיר זיך ווידער איבערטראָגן אין לאַנד יהודה און באַטראַכטן עס פון אָנהייב ביזן סוף, פון אַלע פיר ווינטן פון הימל. לאָמיר דאָס לעצטע מאָל פאַרברענגען אין פּאַלעסטינע, לאָמיר באַטראַכטן אירע איינוואוינער, זיך צוהערן צו זייערע רייד, אַריינקוקן אין זייערע געדאַנקען, אַריינגיין אין די הייזער, וואו זיי מאַכן זייערע פאַרזאַמלונגען, כדי צו זען דערנאָך דעם טראַגישן סוף פון דער לעבן-דראַמע פונם אידישן פאָלק און אַראָפּלאָזן דעם פאַרהאַנג איבער די צובראָכענע רעשטלעך פון זיין אַמאָליקער גרויסקייט.

פון צפון קומען צו גיין צופוס און קומען צופאָרן אויף קעמלען קיין ירושלים פּילגרימען, וועלכע גייען אויף יום-טוב אין בית-המקדש. צווישן זיי געפינען מיר דעם לעבהאַפטן איינוואוינער פון גליל, וועלכער פירט מיט זיך אויך גרויסע אָנקלייבן פון פּראָדוקטן, מיט וועלכע ס'איז אַזוי רייך זיין געבענטשטע לאַנד, און וועלכע ער האָפט צו פאַרקויפן דאָ אין ירושלים אין יום-טוב'דיקן טומל; דאָ געפינען מיר אויך די ערנסטע און איינגעהאַלטענע סוחרים פון בבל, פון אַלעקסאַנדריע און אַפילו פון רוים; זיי פירן מיט זיך פיל גאָלד און זילבער, וועלכע ס'האָבן צונויפגעקליבן צווישן זיך די אידן פון יעדע קאַנטאָן, כדי עס אַוועקצושיקן אין די שאַצקאַמערס פון בית-המקדש זיי אַלעמען האָט אָנגענומען אַ שמחה, ווען מע האָט געזאָגט: מיר גייען צום הויז פון יהוה! שווער און ווייט איז געווען דער וועג, איבערן ים, דורכן

מדבר, איבערווילדע באַרג-שטעגעלאַך; נאָר אַט גייען זיי שוין דאָס לעצטע שטיקל וועג דורך אַ פינסטערן באַרג-שפּאַלט, אַט איז שוין אַ סוף אויך צום באַרג-שפּאַלט, און די פּילגרימען דערזעהען פאַר זיך די הייליקע שטאָט. אַ פרייליך ליד הויבן אָן צו זינגען די פּילגרימען:

„אונזערע טריט זיינען באַ דיינע טויערן, אָה ירושלים!
ירושלים. אויף דאָס ניי אויסגעבויטע ירושלים,
וואוהין ס'זאַמלען זיך די שבטים, די שבטים פון יהוה, לויט דעם געזעץ פון ישראל,

צו לויבן דעם נאָמען פון יהוה.
דאָרט איז געשטאַנען דער קיניגס-שטול פון משפט, דער קיניגס-שטול פון דודס הויז!
זייט מתפלל וועגן שלום פאַר ירושלים! זאָלן רוהיק זיין די, וואָס ליבן דיך,
זאָלן רוהיק זיין דיינע מויערן, רוהיק זיין דיינע טורעמס!

די פּילגרימען זעהען פאַר זיך די הויכע שטאָט-מויערן, וועלכע הורדוס האָט אויסגעבויט, מיט זייערע דריי קאָלאָסאַלע טורעמס, וועלכע האָבן געטראָגן די נעמען פוזעל, היפּיק און מאַריאַמנע, און הינטער די דאָזיקע דריי ריזן, וועלכע באַשיצן דעם צוטריט צו הורדוס'עס פּאַלאַץ, דערהויבן זיך נאָך עטליכע צענדליק קלענערע טורעמס. ניט גיך וועט דער שונא קענען איינגעמען ירושלים, אויב ער וועט פאַרטראַכטן צו באַלאַגערן די הייליקע שטאָט.


די גאָלדענע מנורה.

דורך די טויערן גייען די פּילגרימען אַריין אין שטאָט און דורך שמאָלע און קרומע גאַסן קומען זיי אין מזרח-טייל פון שטאָט, וואו ס'געפינט זיך דער בית-המקדש, וועלכן הורדוס האָט אַקאָרשט פאַרפּוצט. נאָך אין וועג האָבן די

פּיליגרימען געהערט, אַז די אַרבעט איז נאָך ניט אינגאַנצן פֿאַרענדיקט, און ס'איז נאָך פֿאַרבליבן צו פֿאַרענדיקן אַ סך קלענערע קונציקע באַצירונגען און איינפֿאַלן, וועלכע ס'האָט אויסגעטראַכט דער קאַפּריזער קיניג. אָט איז אַ טיפֿער טאָל, וועלכער טיילט אָפּ דעם מערב-טייל פֿון דער שטאָט פֿון איר מזרח-טייל, און דאָרט, אויף אַ הויכן היגל, שײַנט העל, אויף דער זון זיער בית-המקדש מיט זײַן גאָלד און מירמלשטיין.

די פּיליגרימען, וועלכע זײַנען צום ערשטן מאָל געקומען קיין ירושלים, פֿלעגן מיט באַוווּנדערונג און ערשטוינונג באַטראַכטן דעם בית-המקדש. זיי האָבן אין די ספֿרים געלייענט די באַשרייבונג פֿונם בית-המקדש, וועלכן ס'האָט געבויט שלמה, און זיי מיינען, אַז אויב אָט דער אוראַלטער חכם וואָלט אויפֿגעשטאַנען פֿון קבֿר, וואָלט ער זיך געוווּנדערט ניט ווייניקער פֿאַר די, „וואָס פֿאַרא שטיינער, וואָס פֿאַרא בנינים", פֿלעגן מיט גרויס אנט-ציקונג אויסרופֿן די באַציוונע איינוואוינער פֿון גליל, וועלכע האָבן נאָך קיין-מאָל עפּעס אַזוינס ניט געזען. די אידן אָבער פֿון גלות פֿלעגן ברוגזיק קוקן, פֿאַר זיי איז קלאָר געווען, אַז דיזעלבע געבײַדעריי, מיט וועלכער זיי זײַנען געווען אָרומגערינגלט אין זייערע וואוינערטער, איז אַרײַנגעדרונגען אויך אַהער, אין דעם קדש-קדשים פֿון דער אידישער אמונה.

אַרום אַלע פֿיר ווענט פֿון בית-המקדש זײַנען געגאַנגען שורות פֿון זײַלן געמאַכטע אויפֿן סאַמע געקינצלטן גריכישן שטייגער; נאָר די באַפּוצונג פֿון שפּיץ-זײַל איז אָנשטאָט הערנער פֿון אַ שאָפֿבאָק, באַשטאַנען פֿון געוויקסן, פֿון בלעטער און פּירות. פּראַכטפֿולער און גרויסאַרטיקער פֿאַר אַלע איבעריקע זײַלן-שורות איז געווען די שורה פֿון דרום-זײַט, וואו ס'איז געווען דער הויפּט-אַרײַנגאַנג אין הויף פֿון בית-המקדש. דאָ זײַנען געווען פֿיר שורות זײַלן, דורך וועלכע די באַוווינער פֿון בית-המקדש פֿלעגן קומען אין הויף פֿון בית-המקדש. אין דעם ערשטן הויף האָט איטלעכער געהאַט אַ צוטריט, אַפֿילו געצנדינער, און דער דאָזיקער הויף האָט טאַקע געהייסן „דער הויף פֿון געצנדינער", די, וואָס פֿלעגן אין די ימים-טובים קומען צוער תפילה טאָן, פֿלעגן דאָ טרעפֿן אויך רוימישע זעלנער, וועלכע פֿלעגן זיך דאָ שטענדיק געפֿינען, ווען ס'פֿלעגט זיך צונויפֿקלײַבן אַ גרויסער עולם, און זײַנען גרייט געווען יעדע רגע זיך נעמען פֿאַר זייערע שווערדן און שפּיזן. נאָר נאָך דעם הויף איז געווען אַ צווייטער, וועלכער האָט זיך שוין גערעכנט פֿאַר אַ טייל פֿון דעם בית-המקדש. די אינעווייניקסטע וואַנט האָט אָרומגערינגלט דעם

הויף און דעם בית-המקדש און פאראייניקט זיי אין איין גאנצעס; אויף די טויערן איז געווען אויסגעשניטן אין גריכיש אזא מין אויפשריפט: „קיין פרעמדער טאר ניט אריין פון דער זייט צוים פון הייליקייט, און וועמען מע וועט דארט געפינען, וועט אליין זיין שולדיק, ווייל פאר דאס קומט טויט-שטראף". אין דער ברייט פון דעם אינעווייניקסטן הויף איז געגאנגען א וואנט, וועלכע האט אפגעטיילט דעם מערב-טייל פון הויף, אין וועלכן ס'האבן געמעגט קומען נאר מענער, פון דעם מזרח-טייל, אין וועלכן ס'האבן געמעגט קומען אויך פרויען. די ווענט האבן געשיינט פון מירמלשטיין און געקנאטענע פארפוצונגען געמאכטע אין גריכישן סטיל. אין בית-המקדש גופא, אין קדש און קדש-קדשים, האט שוין הורדוס ניט געהאט די העזה אריינצופירן גריכישע חידושים. גאר דערפאר זיינען טאקע אלע כלים געמאכט געווען פון ריינעם גאלד, ווי ס'האבן אמאל געטרוימט די כוהנים, וועלכע האבן באשריבן דאס בילד פונם משכן אין מדבר. בפרט גרויס איז געווען די גאלדענע מנורה מיט זיבן לאמפן. ווען די רוימער האבן חרוב געמאכט ירושלים, האט מען די גאנצע רויב און בתוכם אויך די כלים פון בית-המקדש געטראגן נאך דעם טריאומפאלן רייטוואגן פון טיטוס'ן. די גאלדענע מנורה האבן געמוזט טראגן זעקס מענטשן.

אין נייעם בית-המקדש זיינען די מענטשן און די אויפפירונגען גאר ניט ענלעך געווען צו דעם, וואס איז געווען איינם אלטן. אויף די הויפן פון בית-המקדש האט זיך געפירט א לעבהאפטער האנדל; יעדער, וואס פלעגט קומען אין בית-המקדש תפלה טאן, האט געמוזט ברענגען גאנץ גענוג קרבנות פאר זיינע זינד און פארן עובר זיין אויף די תורה, באצאלן גענוג קנס-געלט, און דעריבער האבן אויף די הויפן פון בית-המקדש אלערליי סוחרים אויסגעשטעלט זייערע טישן און געצאלטן. מער פאר אלץ איז דארט געווען הענדלער פון שאף און עופות, ווייל פאר א קרבן פאר א חטא און א שולד פלעגט מען ברענגען שעפעלאך, קעלבלאך, טויבן, טערטל-טויבן און א. וו. אט די אלע הארייקע און פליגלדיקע באשעפענישן פלעגן דא אויפן ארט שרייען, מעקען, קוואקן, ברוקען מיט א מורא'דיקן געפילדער, אזוי ווי זיי וואלטן שפירן זייער נאהעגטן און ביטערן גורל. נאך פלעגן דא זיין חלפנים, וועלכע פלעגן אויסבייטן די פארשיידענע מטבעות, וואס די פילגרימען פלעגן ברענגען פון פארשיידענע לענדער, אויף הייליקע ירושלים'ער שקלים, ווייל נאר די שקלים פלעגן אנגענומען ווערן אויף צו באצאלן די אפצאלונגען אין

בית-המקדש און ראט קנס-געלט. דא פלעגן אויך ארומשפאצירן די לוים אין זייער לאנגע לייוונטענע בגדים, באטראכטנדיק די בהמות, וועלכע מע פלעגט אויסקלייבן פאר א קרבן. זיי פלעגן נאכזעהן, אז די בהמה זאל זיין אזא, ווי סע פאדערט דער דין, און דערנאך פלעגן זיי גיין מיט דעם, וואס ברייגנגט דעם קרבן, צום כהן. אלע לוים זיינען שוין געווען עלטערע מענטשן, ווייל נים איינגער פון דרייסיג-יאריקע פלעגט מען צולאזן טאן די ארבעט פון ד״



זילבערנע טרומייטן.

לוים. מיט שטאלצקייט פלעגן זיי קיקן אויף די וועלטליכע מענטשן, וועלכע פלעגן קומען אין בית-המקדש, הגם זיי אליין זיינען געווען מער נים ווי העלפערס בא די כוהנים און פלעגן טאן פאר זיי די גאנצע שווארצע ארבעט: פלעגן שעכטן דעם קרבן, אראפשינדן די הויט און ארויסנעמען די געדערים. נאר זיי האבן שטאלצירט מיט דעם, וואס זייערע אורעלטערן זיינען געווען מיוחס'דיקע לוים, וועלכע זיינען ארויס פון בבל. „מיר זיינען נאר דריי משפחות״, פלעגן זיי זאגן: „איינע שטאמט פון גרשון, די צווייטע פון קהת, די דריטע פון מררי״. און אויף א סך תמ'עוואטע מענטשן פלעגט אזא מין יחוס-בריף מאכן א גרויסן רושם; דער תם פלעגט זיך בוקן און זאגן „מיין האר״.

די כוהנים פלעגן ברייננגען דעם קרבן אויף א גרויסן מזבח, וועלכער איז געשטאנען פאר דעם בית-המקדש, אין דעם אינעווייניקסטן הויף. די כוהנים זיינען געווען סאלידע מענטשן, מיט א לאנגזאמן גאנג, מיט א לאנג-ווייליקן קוק; על פי רגילות, ניט טראכטנדיק און אמאל אפילו ניט קוקנדיק פלעגן זיי טאן זייער ארבעט, וועלכע איז זיי שוין לאנג דערעסן; אלע שבת

פלעגן זיך בייטן די משמורים. צו דער עבודה פלעגן זיי זיך פון קאפ ביז די פיס אנטאן אין ספעציעלע בגדים. אויף די פיס פלעגן זיי אנטאן קורצע, קוים ביז די קניה, דינע, לייוונטענע הויזן, ווייסע ווי שניי. דערנאָך פלעגן זיי אָנטאן אַ לאַנגן, ביז די פיאַסעס, לייוונטענעם מיט שמאָלע אַרבלען אויבערהעמד (מעיל), וועלכע פלעגט זיין פאַרשפילעט אויף דער ברוסט. דעם מעיל פלעגט מען אַרומגאַרטלען מיט אַ גאַרטל אויך פון לייוונט, נאָר ער פלעגט זיין באַפּוצט מיט אויסגעניייטע אָדער אויסגעוועבטע מוסטערס פון פורפור, שאַרלאַכן און היאַצינטן-פאַרב; דער דאָזיקער גאַרטל פלעגט זיך ווי אַ העלער בונטער פאַס אויסטיילן אויף דעם שניי-ווייסן פאָן פון די איבע־ריקע בגדי-כהונה. אויפן קאָפּ פלעגן זיי טראָגן אַ מין ווייס היטעלע, עפּעס כמו היינטיקע טיורבאַנעס. אָנגעטאָן אויף זיך די בגדי-כהונה און אָפּגעוואַשן די הענט און די פיס אינם קופערנעם בעקן, וואס איז געשטאַנען נעבן דעם מזבח, איז דער כוהן פאַרטיק צו פראַווען די עבודה.

יעדן פריהמאָרגן און יעדן אָוונט האָבן די כוהנים געדאַרפט ברענגען דעם קרבן-תמיד, אַ קרבן פאַר דער גאַנצער עדה. דערמיט פלעגט זיך אָנ־הייבן און דערמיט פלעגט זיך פאַרענדיקן די אַלטעגלייכע אַרבעט פון די כוהנים. נאָך פאַרטאָג, אין דער נאַכט-רוהע פלעגט מען זיך אָנהייבן גרייטן צו דער באַטאָגעדיקער עבודה. דער משמר פלעגט די גאַנצע וואָך ניט אַרויס־גיין פון דעם בית-המקדש; פאַר די כוהנים זיינען געווען באַזונדערע שלאָפ־צימערן אין דעם אינעווייניקסטן הויף פונם בית-המקדש. זיי פלעגן אויפשטיין פאַר טאָג און, גיט אָנצינדנדיק קיין פייער, אַרויסגיין צום מזבח, ווען דעם רויטליכע פייער פלעגט באַלייכטן אַ קליינעם שטח אַרום אים; ווי סודות־דיקע שאָטנס, פלעגן זיך באַוועגן די כוהנים ביים שימערן פון מזבח-פייער, און מאַכן זייערע פאַרבאַרייטונג-צערעמאָניעס. זיי פלעגן אָנטאָן די בגדי־כהונה, וואַשן די הענט און די פיס אין קופערנעם וואַשבעקן, צוזוואַרפן האָלץ אויפן פייער פון מזבח און פאַנאַנדערבלאָזן דאָס אייביק פייער. דערנאָך פלעגן זיי וואַרפן גורל, ווער וואָס זאָל טאָן: ווער זאָל באַקן דעם קרבן פון סולת (זעמל-מעל) פון דעם כוהן-גדול, ווער זאָל ריין מאַכן דעם מזבח, ווער זאָל ברענגען דעם קרבן תמיד, ווער זאָל אכטונג געבן אויף די מנורה, ווער אויפן מזבח צום רויכערן, ווער זאָל ברענגען דעם קרבן פון סולת, ווער פון וויין. דאָס אַלץ פלעגט געטאָן ווערן אין דער פינסטערניש, ווייל ווי נאָר ס'פלעגט אָנהייבן שיינען דער פריהמאָרגן, מוז מען גלייך צוטרעטן צו דער

פאַרוויקלטער און רעגולערער צערעמאָניע פונם קרבן-תמיד. ווי נאָר ס'פלעגט
אָנהייבן טאָגן, פלעגט מען גיין אין שאַף-שטאַל, וועלכער איז געווען דאָ,
ביים בית-המקדש, און ברענגען דאָס שעפעלע פאַרן קרבן-תמיד. דאָס שע-
פעלע פלעגט גוואַלטיק מעקען, שפּירנדיק זיין גורל; די כהנים אָבער האָבן
געוואָרפן, אַז דער גורל פונם דאָזיקן איז זעהר אַ מזלדיקער, האָבן דעם
כבוד געבראַכט צו ווערן פאַר אַ קרבן צו יהוה אין נאָמען פון דער גאַנצער
עדה; מע פלעגט זיך באַגיין מיט אים, ווי מיט אַ הייליקייט, און צום לעצטן
מאָל אין לעבן האָט מען דעם שעפעלע געגעבן צו טרינקען פון אַ ספּעציעלער
גאָלדענער כלי. דערנאָך פלעגט מען ברענגען די 93 כלים, וועלכע זיינען
נויטיק געווען אויף צו ברענגען דעם קרבן תמיד. דאָס שעפעלע האָט מען
געקוילעט, אָפּגעשונדן די הויט און צושניטן אויף זעקס חלקים; יעדן חלק
טראָגט צום מזבח אַ באַזונדערער כהן, דער זיבעטער פלעגט טראָגן דעם
קרבן סולת, דער אַכטער — דעם אויסגעבאַקן קוכן, דער ניינטער אַ בעכער מיט
וויין פאַר אַ קרבן — אַ גאַנצע סעודה פאַר יהוה. צו דער צייט פלעגן פאַרטיק
ווערן מיט זייער אַרבעט די פּשוטע כהנים. וועלכע פלעגן ברענגען אין אָר-
דענונג דעם מקדש, זיי פלעגן אויך אַרויסגיין צום מזבח און זיך אויפשטעלן
פאַר אים. מע פלעגט געבן אַ צייכן, און די לויים און זינגער פלעגן אָנהייבן
זינגען: „הער אויס, ישראל! דיין גאָט איז אַן איינאיינציקער גאָט" מע פלעגט
זאָגן די תפילה „שמע" און איינציקע מזמורים, מע פלעגט שפּילן אויף טרו-
מייטן און צימבלען, און דאָס פאָלק, וואָס פלעגט זיך צונויפקלייבן צו דער
פריהמאָרגנדיקער עבודה, פלעגט פאַלן כורעים. מיט געזאַנג און מוזיק פלעגט
געבראַכט ווערן דער קרבן צו גאָט, און דאָס זעלבע פלעגט זיך איבער'חזר'ן
אין אָוונט. די חלקים פון דעם קרבן פלעגט מען לייגן אין פייער און פאַר-
ברענען אָדער „רייכערן", ווי מע פלעגט דאַן זאָגן; אַחוץ דעם פלעגט מען
אויסשיטן אויפן מזבח די מעל, אָנגעקנאָטן ברויט און אויסגיסן דעם
וויין. און אין בית-המקדש, אויפן מזבח הקטורת, פלעגט מען אָנצינדן ווייראַך,
און דער אַראָמאַט דערפון האָט געשאַפן אַ וואונדערלעכן קאָנטראַסט מיט דעם
שטינקענדיקן רויך, וועלכער פלעגט זיך פאַרשפּרייטן אין דער פייכטער פריה-
מאָרגנדיקער לופט פונם קרבן-עולה.

אין משך פון'ם טאָג איז אויך געווען גענוג אַרבעט. אין אַ יום-טובֿ-
דיקן טאָג פלעגט די צאָל קרבנות גרעסער ווערן צוויי און דריי מאָל. גאָר סײַ
אין דער וואָכן, סײַ אין די ימים-טובֿים האָט מען געמוזט ברענגען אַ סך קרבנות-

חטאת (פאַר די חטאים און זינד) און קרבנות-תודה (דאַנק-קרבנות) פון פריוואַטע מענטשן. פונ'ם קרבן-חטאת פלעגט מען אָראָפּשינדן די פעל, אָרויסנעמען דאָס פעטס, דאָס פעטס פלעגן די כוהנים פאַרברענען אויפ'ן מזבח; דאָס פלייש פלעגט גיין פאַר די כוהנים, און די לוים פלעגן נעמען פאַר זיך נאָר די פעל, די פעדערן און דעם פוך; דאָס פלייש אָבער פונ'ם דאַנק-קרבן פלעגט אָנקומען דעם, וואָס פלעגט ברייינגען דעם קרבן און ער האָט עס געמעגט אַליין עסן. נאָכדעם ווי זיי פלעגן באַפרידיקן אַלע מתפללים, פלעגן די כוהנים אַוועקגיין פון הויף, וועלכער איז פול געווען מיט שטיקעדיקן רויך פון דעם פאַרברענטן פלייש און פעטס, אין בית-המקדש. אַהין האָבן געמעגט אַרייינגיין נאָר די כוהנים; אַפשוטער איד האָט ניט געטאָרט אַהין קומען און זיך דערוויסן, וואָס טוט זיך דאָרט, פירן טאַקע די כוהנים אויס אַלץ, וואָס דער דין פאָדערט, אָדער זיי רוהען דאָרט פשוט אָפּ, און באַציהען זיך נאַכלעסיק צו זייערע התחייבות'ן.

די כוהנים פלעגן אַלע זעהן זעהר אָפט, נאָר דער כוהן גדול, דער ראש פון דער עדה, פלעגט זיך זעלטן באַווייזן. ער איז ניט מחויב געווען צו ברייינגען די געוויינטליכע און די יום-טוב'דיקע קרבנות, אַפילו זיין קרבן, דעם קרבן פון ברויט, פלעגט ער אויך איבערגעבן די כוהנים, זיי זאָלן אים ברייינגען. נאָר איינמאָל אין יאָר איז ער מחויב געווען צו ווייזן זיך פאַרן פאָלק און אַליין ברייינגען דעם קרבן פאַר דאָס גאַנצע פאָלק — אין גרויסן טאָג פון יום-כפור. צו דעם יום-טוב פלעגט זיך געוויינטליך צונויפקלייבן זעהר אַ גרויסער עולם, און דאַן איז געווען לייכט צו דערקענען אָט דעם פאָרטרעטער פון יהוה נאָך זיינע בגדים, מיט וועלכע ער האָט זיך אָפּגעשיידעט פון אַלע איבעריקע כוהנים, צווישן אַלע כוהנים, אָנגעטאָן אין ווייסן, פלעגט ער זיך אויסטיילן מיט אַ רויט-בלויען פלעק אויף די קליידער: זיין איבערהעמד איז געווען פאַרפּוצט מיט רויטן און בלויען פורפור, דער גאַרטל איז געמאַכט געווען פון גילדערנע פעדים, איבערגעפלאָכטענע מיט בלויע און רויטע פורפור-פעדים; אויף דער ברוסט האָט ער געטראָגן אַ ברוסט-שילד מיט צוועלף טייערע שטיינער, אויף וועלכע ס'זיינען געווען אויסגעקריצט די נעמען פון די צוועלף אידישע שבטים, און אין וועלכע ס'זיינען געווען איינגענייט די אורים ותומים, אַ שטומער רעשט פון דעם גרויען אַלטערטום; אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ געגילטע טייערע הוט (מגבעת); פון פאָרנט האָט אויף דער הוט געשיינט אַ שילדל פון רייינעם גאָלד מיט אויסגעקריצטע ווערטער „קדוש ליהוה", געהייליקט צו יהוה. אַרומגערינגלט מיט אַ מחנה כוהנים און לוים, אינ'ם רויך פון קטורת, ביים געזאַנג

פון מזמורים און קלאַנג פון מוזיק, פלעגט ער זיך באַווייזן און בענטשן זיין סטאַדע. און גרויס איז געווען אין דער דאָזיקער סטאַדע די צאָל פון אַזעלכע שעפּעלאַך, וועלכע האָבן בלינד אים פאַרטרויט און שטרענג אָפּגעהיט אַלע געבאָטן פון דער תורה, און ווי ווייניק איז געווען אַזעלכע כוהנים גדולים, וועלכע פלעגן היטן זייער חוב מיט דעם זעלבן הייסן און נאַאיוון גלויבן, וועלכן ס'האָט אַרויסגעוויזן דער המון! שטאָלץ און צופרידן מיט זיך אַליין האָבן זיך געפילט די הערשער פון בית-המקדש. די כוהנים האָבן מיטגעפילט די צדוקים, ווי זיינען אַליין געווען צדוקים. משה'ס תורה, וועלכע האָט זיי געגעבן די מאַכט און דעם וואוילשטאַנד, איז פאַר זיי געווען אַלץ, זיי פלעגן אפילו זאָגן, אַז גאָט האָט די וועלט באַשאַפן צוליב דער תורה, מיט פאַראַכטונג האָבן די כוהנים געקוקט אויף דאָס פאָלק און אויף די פרושים, און זייער גלויבן אין תחית-המתים און אין די מלאכים האָבן זיי געהאַלטן פאַר אַ נאַרישקייט. זיי האָבן זיך ניט געניטיקט אין דעם דאָזיקן גלויבן, זיי האָבן שוין אויף דער וועלט באַקומען זייער שכר.

נאָר לאָמיר פאַרלאָזן דעם בית-המקדש און זיך דורכגיין איבער ירושלים און אַנדערע שטעט. דאָרט געפינען מיר צוויי איינריכטונגען, וועלכע זיינען פון אַלעמען באַוונדערט געשאַצט און באַזאָרגט געווען: דאָס זיינען די שול און די סינאַגאָגע. אין די שולן פלעגן די קינדער פון אַלע שיכטן פון פאָלק זיך אויסלערנען לייענען און שרייבן; די אידן האָבן געקאָנט שטאָלצירן, אַז בא זיי איז קיין אַנאַלפאַבעטן ניטאָ. נאָר לאָמיר אַריינגיין אין שול און זיך צוהערן, וואָס לערנט מען דאָרט, אויפן דיל זיצט דער רבי און האַלט אין האַנט אַ לאַנגן שטעקן; אַרום אים זיצן אויפן דיל, ווי ס'איז געווען דער שטייגער אין די מזרח-לענדער, די תלמידים. דער רבי לייענט איינטאָניק פון אַ ספר, און די תלמידים חזר'ן נאָך אים, לויטן רבי'נס טייטל און דער וואָס איז ניט אויסמערקזאַם אָדער באַלאַוויק, קריגט אַ קלאַפּ מיט'ן זעלבן טייטל. „פירערליי תלמידים איז פאַראַן", פלעגן זאָגן די דעמאָלטיקע רביים, „אַ שוואָם, אַ טרעכטער, אַ זייער און אַ זיפּ. אַ שוואָם זויגט איין אַלץ; אין אַ טרעכטער גיסט זיך פון איין זייט אַריין, פון דער צווייטער אַרויס: אַ זייער לאָזט דורך דעם ווין און פאַרהאַלט דעם געריבענעם אָפּזאַץ; אַ זיפּ לאָזט דורך דעם שלעכטן טייל סובי'ם מעל און פאַרהאַלט דעם בעסערן". אויב מיר זאָלן זיך צוהערן, וואָס דער רבי לערנט, וועלן מיר גלייך זעהן, אַז ס'איז זעהר שווער געווען דעם אידישן תלמיד צו ווערן אַ זיפּ. מע האָט געלערנט ניט די לעבעדיקע אַראַמישע שפּראַך, נאָר

די טויטע שפּראַך פון דער תורה און די נביאים. מע פלעגט פאַרלייענען די תלמידים די תורה און זיי פלעגן עס איבער׳חזר׳ן. די כוהנים און די רביים פלעגן זאָגן, אז משה האט נאָך געזאגט: „אייך קינדער דאַרפן לערנען די הויפּט-געבאָטן פון דער תורה; לערנען תורה איז א גוטע זאַך און עפּנט דעם וועג צו גליק... ווער ס׳לערנט די תורה, דער באַקומט עולם הבא”. הייסט עס, אַז אין דער שול פלעגן די רביים געבן די קינדער אַזעלכע ידיעות, וועלכע זיינען זיי נויטיק געווען ניט צום פּראַקטישן אַלטעגליכן לעבן, נאָר צום אָפּהיטן די תורה. פון קינדווייס אָן מוז שוין יעדער׳ער קענען די תורה און וויסן ווי זי אָפּצוהיטן; און ווי נאָר ס׳הויבן זיך אָן באַווייזן ביים בחור הערעלאַך אויף דער אויבערשטער ליפּ, מוז ער שוין אָפּהיטן אַלע דינים פון דער תורה. לערנען תורה איז געווען אַ זאַך, אין וועלכער ס׳איז געווען פאַראינטערעסירט די גאַנצע קהלה, דעריבער פלעגן די אָנפאַנג-שולן אויסגעהאַלטן ווערן אויפן קהל׳שן חשבון; און די איבערצייגונג, אַז לערנען תורה איז אַ נוצליכע און נויטיקע זאַך, איז אַזוי טיף איינגעוואָרצלט אין באַוואוסטזיין פון די אידן, אַז נאָך עד היום לערנט מען די אידישע קינדערלאַך אין די חדרים, דאס הייסט אין די אָנפאַנג-שולן פאר די אידישע קינדער, קודם כל, העברעאיש און מע צווינגט זיי אויסלערנען אויסווייניק די הויפּט-שטעלן פון דער תורה.

די רביים פון די אָנפאַנג-שולן פלעגן אַליין זיך לערנען אין אַ העכערער שול, אין אַ ישיבה. לאָמיר זעהען, וואס איז דאס פאַר אַ שול. אָט איז אַ קליין שטעטל, בית-עניא, ניט ווייט פון ירושלים. אין בית-עניא איז פאראן אן אָנפאַנג-שול, אָבער קיין ישיבה איז דאָרט ניטאָ, ישיבות זיינען פאראן נאָר אין די גרויסע שטעט, וואו ס׳געפינען זיך באַרימטע סופרים „אמוראים” „תנאים” אין ישוע׳ס צייטן זיינען די באַרימטעסטע סופרים געווען הלל און שמאי. דער סופר, וועלכער האט אויסגעהאַלטן א ישיבה און געלערנט דאָרט מיט צוקונפטיקע רבנים, האט געמוזט שוין גאָר אויסגעצייכנט קענען די תורה און די נביאים. פרעגט אים, ווען איר ווילט, אויף וואָסער דף געפינט זיך דער אָדער יענער פּסוק און ער וועט גלייך אָן שום מאַטערניש אייך ענטפערן; מע קען פרעגן אויך פאַרקערט, וואס פאר א פּסוקים געפינען זיך אויף דעם אָדער יענעם דף, און איר וועט גלייך באַקומען א גענויען ענטפער. און פון זייערע תלמידים האבן די סופרים אויך געוואָלט מאכן אַזעלכע קענערס. זייער קענען פלעגט באַשטיין פון צוויי טיילן: ערשטנס, פלעגט מען יעדעס מאָל איבער׳חזר׳ן אויף אויסווייניק אַלץ, וואס מען איז דורכגעגאַנגען ביז איצט, און צווייטנס

פלעגט מען לערנען ווייטער און די תלמידים, וועלכע פלעגן אריינפאלן אין דער ישיבה, פלעגן זיך שעמען נעמען: „איך דאנק דיר גאט, וואס דו האסט מיך אריינגעזעצט צווישן די, וואס פארנעמען די שול, און ניט צווישן די, וואס זיצן אין די גאסן; איך שטיי אויף פרי, און זיי שטייען אויף פרי, נאר איך שטיי אויף פרי, כדי צו לערנען די תורה, און זיי — כדי צו פארנעמען זיך מיט נארישקייטן; איך הארעווע, און זיי הארעווען, נאר איך וועל באלוינט ווערן פאר מיין הארעוואניע, און זיי הארעווען אומזיסט; איך אייל זיך, און זיי אייל זיך. נאר איך אייל זיך צו עולם הבא, און זיי — צום אונטערגאנג".

נאָר אָט זעהען מיר, אז אין ישיבה גייט אריין א גרויסער פארשוין. נאכן אויסזעהן איז ער ניט געווען קיין תלמיד. דאס איז שוין אן עלטערער מענטש, און נאך זיינע בגדים איז ניכר, אז ער איז א פארמעגליכער מענטש. ער באגריסט דעם רבין און פרעגט אים: „שבת איז בא מיר געפגר'ט א בהמה; איך האב ניט געוואוסט, צי מעג איך זי אויפהייבן, צי ניט, ווייל אין דער תורה איז גארנישט ניט געזאגט וועגן דעם." דער רבי פארטראכט זיך, און אין א צייט ארום, נאכדעם ווי ער שטעלט זיך אליין אויפן קול שאלות און גיט אויף זיי תשובות, ענטפערט ער, אז א בהמה, וואס איז געפגר'ט אום יום-טוב, טאר מען ניט אויפהייבן. דער אנגעקומענער גייט באצאלט פאר די תשובה און גייט אוועק; און די תלמידים האבן שוין פארשריבן אלע געדאנקען וואס דער רבי האט ארויסגעזאגט. ס'גייט אריין אן אנדערער, א סוחר נאכן אויסזעהן, און פרעגט: „איך האנדל מיט פירות און ווייז, איך האב קונים פון די געצנ-דינער, וואס מעג איך זיי פארקויפן און וואס ניט?" דער רבי פארטראכט זיך און גיט ווייטער א דערקלערונג אין א פארם פון שאלות און תשובות: מע טאר די געצנדינער ניט פארקויפן עפעס אזעלכעס, וואס דער געצנדינער קאן אויסנוצן צו ברענגען א קרבן זיין גאט, כדי אפילו אומדירעקט ניט נעמען קיין אנטייל אין דעם היידנישן גאטסדינסט, הייסט עס, אז מע טאר זיי ניט פארקויפן קיין צעדערניס, פייגן, טייטלען, שמעקעדיקן מעך פון לבנון, א ווייסן האן, ניט שטענ-דיק מעג מען זיי אפילו פארקויפן ווייז. אין אן אנדערער ישיבה קען מען אויך טרעפן א כהן, וועלכער איז געקומען פרעגן, צי מעג ער בעטן גאט און ברענ-גען א קרבן לויט דער בקשה פון א געצנדינער, אויב דער, וואס האט אים וועגן דעם געבעטן, האט זיך נאך ניט מגייר געווען, אדער ער פרעגט עפעס וועגן אן אנדער זאך, וואס האט א שייכות צום קולט. אין גליל פלעגט זיך אפט טרעפן, אז אין ישיבה פלעגט מיט אמאל אריינגיין א גאנצער המון

אָפּגעבּרענטע פון זון טשעסלער, קלאַפּנדיק מיט זייערע געציי̆ג און מאַכנדיק מיט די הענט. זיי האָט געדוגגען,— דערציילן זיי, אײנער אַ גריך בויען אים אַ הויז; די באַוינגונגען זייגען זעהר גוטע, אָבער וואָס זאָגט וועגן דעם דער דין. דער רבּי דערקלערט, אז בויען די ווענט מעג מען, נאָר מער ניט ווי ביז דער „עבודה זרה,“ וואָס הייסט בּין׳ן קאַרניז, אויף וועלכן מע פלעגט געוויינט-ליך מאָלן בּילדער מיט אַ מיטאָלאָגישן אינהאַלט. „און אויב ער וועט אייך צווינ-גען צו בויען אַן אָרט אויף וועט-שפּילן, אָדער אַ באַזיליק אָדער אַן עשאַפּאָט,— דאָס טאָר מען גאָרניט“. די טשעסלער גייען אוועק אומצופרידענע: ווער פון די געצנדינער וועט עס זיי דינגען אויף אַזעלכע תנאים — און די געצנדינער צאָלן דאָך אַזוי גוט. ס׳פלעגט זיך אויך טרעפן אַזוי: איין רבּי זאָגט ארויס זיין פּסק-דין, אָבער דער צד איז ניט צופרידן, גייט ער צו אַן אַנדער רבּי, און דער רופט אַרויס דעם ערשטן אויף אַ דיספּוט: דער דיספּוט קומט פאָר עפנטליך ביים בּייזיין פון די תלמידים און פון זייטיקע צוהערער. אַלע תשובות פון די רבּיים און זייערע דיספּוטן פלעגן פאַרשריבן ווערן, און די דאָזיקע תשובות פלעגן דינען פאַר אַ וועגווייזער אין שווערע צופאַלן. אויף אַזאַ אופן האָט זיך אָנגעהויבן צונויפשטעלן די משנה, דער ערשטער פּירוש אויף תורת משה.

נאָך אַלץ דעם, וואָס מיר האָבן דערציילט, דאַרף אונז שוין ניט וואונדערן, פאַר וואָס מע פלעגט אָפּגעבן אַזאַ כבוד די באַרימטע סופרים. ווער, אויב ניט זיי, קען גוט די תורה, וועלכע פירט אַריין אין לעבן און ברענגט די ישועה? ווער, אויב ניט זיי, קען אָנווייזן, ווי צו טאָן אין דעם פאַל, ווען ס׳איז ניטאָ קיין דירעקטע אָנווייזונגען אין דער תורה? ווער, אויב ניט זיי, האָט געקענט אָנווייזן, ווי צו טאָן אין דעם פאַל, ווען די תורה שטעלט אַרויס אַזאַ פאָדערונג, וואָס איז אוממעגליך בּוכשטעבּליך אויסצופירן איצט, אין פיר-הונדערט יאָר אַרום נאָכדעם, ווי די תורה איז צונויפגעשטעלט געוואָרן? „דו ביזט אונז טייערער ווי אַ פאָטער“, פלעגן די תלמידים זאָגן זייער רבּ׳ן. אויב אין געפענקעניש פלעגן אַריינפאַלן דער פאָטער און דער רבּי, מוז מען צוערשט אויסקויפן דעם רבּ׳ן און דערנאָך דעם פאָטער. אויב דער רבּי און דער פאָטער פלעגן עפּעס פאַרלירן, מוז מען צוערשט געפינען דאָס, וואָס ס׳האָט פאַרלאָרן דער רבּי, און דערנאָך דאָס, וואָס ס׳האָט פאַרלאָרן דער פאָטער. די סופרים האָבן געהאַט אַזאַ גרויסע דעה, אַז אָן זיי האָבן זיך ניט געקאָנט באַגיין אפילו די כוהנים פון סנהדרין אין ירושלים. די כוהנים האָבן גוט געוואוסט אַלע דינים און מנהגים וועגן דער עבודה, נאָר דעם סנהדרין איז אויסגעקומען אָפט צו פאַרענטפערן

אַלערליי דיני־ממונות און דיני־נפשות (ציוויל און קרימינאַל ענינים), און אַז די סופרים וואָלטן די כהנים געוועזן איבּגאַנצן אומבּאַהילפיק. און די כהנים פלעגן אַליין איינלאַדן די באַרימטעסטע סופרים נעמען אַן אַנטייל אין די זי־צונגען פון סנהדרין, די פולבאַרעכטיקטע מיטגלידער. מע האָט זיך אויף אַזוי פיל גענייטיקט אין די סופרים, זיי האָבן געהאַט אַזוי פיל תלמידים און מע פלעגט זיך צו זיי אַזוי פיל ווענדן מיט שאלות, אַז ס'האָט שטאַרק געצויגן צו ווערן אַ סופר. די תורה פלעגט זיין מפורסם זיין, אַזוי ווי די כהונה. פיל פאָ־טערס האָבן געטריבּן צו מאַכן זייערע זין פאַר סופרים. „איך לאָז אָן אַ זייט אַלע מלאכות אין דער וועלט און לערן מיין זון נאָר תורה", זאָגט אַ איד, „ווייל זי באַלוינט דעם מענטשן אויף דער וועלט, און דעם הויפט־שכר באַ־קומט ער אויף יענער וועלט." ווערט קראַנק אַ בעל־מלאכה, קען ער שוין מער ניט אַרבּעטן און מען הונגערט; די תורה איז ניט אַזאַ, זי באַלוינט אין די יונגע יאָרן און גיט האָפנונגען אויף דער עלטער.

טיי די סופרים־רבנים, וועלכע האָבן געלערנט תורה צוליב פּראַקטישע צוועקן, טיי די סופרים, וועלכע האָבן געלערנט תורה לשם שמים, האָבן גע־הערט צו דער כיתה פון די פּרושים, און די האָבן געוועזן אַריסטאָקראַטן פון אַלע איבעריקע אידן שטרענג אָפּהיטנדיק אַלע דינים פון דער תורה. די פּרושים פלעגן שטאָלץ אַרויסטרעטן אין באַוואוסטזיין פון זייער הייליקייט, און פלעגן מיט פאַראַכטונג קוקן אויף אַלע פּשוטע מענטשן. „מיר זיינען חברים לויט אונ־זער ריינקייט און הייליקייט, און ווער זיינען זיי? עמי־הארצים, דאָס פאָלק פון דער ערד; ווי קומט איר זיך צו דערהייבן פון דער ערד ביז דער העכער מדרגה פון אונזער פרומקייט?" זיי פלעגן זאָגן, אַז נאָר זיי וועלן האָבן עולם הבא, ווייל נאָר זיי היטן אָפּ די תורה ביז לעצטן אות; ס'איז דאָך גענוג איבער צו זיין איבער איין אות, כדי צו ווערן אומריין און ניט האָבן קיין עולם הבא. דער „עם־הארץ" איז ניט ווית אויף אַ סך ריינער פאַר דעם געצנדינער. און די רבנים האָבן אָט וואָס געלערנט: „ווער עס וויל ווערן אַ חבר, דער זאָל דעם פאָלק פון דער ערד ניט פאַרקויפן ניט קיין פייכטס, ניט קיין טרוקנס, זאָל בא אים ניט קויפן, זאָל ניט זיין צו גאַסט בא אים, זאָל אים ניט אויפנעמען בא זיך אין זיינע בגדים, ווייל זיינע בגדים זיינען אומריין פאַר די פּרושים". נאָר פיל האָבן באַשיימפּערלעך געזען, אַז די פּרושים, וועלכע שפּאַצירן מיט דעם, וואָס זיי היטן שטרענג אָפּ די תורה, זיינען שוין גאָר ניט אַזעלכע צדיקים, פאַר וועלכע זיי האַלטן זיך. דער גרעסטער טייל פון די דינים האָט נקירעט

וועגן ריטואַל; אָפּהיטן דעם ריטואַל — דאָס איז געווען די הויפּט־זאַך; און די פּרושים פלעגן שטרייַנג היטן די דינים וועגן שבת, וועגן די קרבנות, ווייל נאָר דורך פאסטן און קרבנות קאָן מען אויסבעטן. און אין דער זעלבער צייט פלעגן זיי אין אַלטעגליכן לעבן שווער באַדריקן די „עמי-הארצים". אייניקע פון די פּרושים זייַנען געווען ערד־באַזיצער. און זייער ערד פלעגן זיי אָפּגעבן אין אַרענדע די פּויערים, די אַזוי גערופענע עריסין; פאַר אַרענדע פלעגן זיי פאָדערן אַ העלפט אָדער אַפילו צוויי דריטל פון געוויקסן, און דעריבער פלעגט דער פּויער קיינמאָל ניט אַרויסקריכן פון חובות און פלעגט אייביק זיצן אויף דער ערד פון אייגענעם און דעמזעלבן בעל-הבית. אַנדערע סופרים, וועלכע פלעגן זיצן אין סנהדרין, פלעגן אָפט אַרויסטראָגן פּסק־דינים לטובת די חשובע. נאָר אומגערעכטע לייַט, און פלעגן אומברחמנותדיק דערשטיקן אַלע פּראָטעסט־פּרובן פון פאָלק. און דעריבער איז פאַרשטענדליך, אַז ווען ישוע האָט אויסגערופן: „ווי צו אייך, סופרים, פּרושים און צבוע'אָקעס", זייַנען נאָך אים נאָכגעגאַנגען גרויסע המונים מענטשן, וועלכע האָבן געהאָפט, אַז ער וועט זיין, ווי משיח, דער קיניג פון יהודה, פירן אין קאַמף קעגן אומרעכט און געוואַלט.

לאָמיר גיכער אָוועקגיין פון די כוהנים און סופרים, שטיקנדיק איז די לופט אין זייער סביבה. לאָמיר בעסער אַריינגיין אין בית הכנסת, וואו ס'האָט געפּרעדיקט ישוע, וואו ס'האָט געמעגט פּרעדיקן איטליכער, ווער ס'האָט נאָר געוואָלט. אַפילו אַ קינד. אין יעדער שטאָט איז געווען אַ בית-הכנסת; אויב ס'איז דאָרט ניט געווען קיין בית-הכנסת, פלעגט אַזאַ ישוב ניט פאַררעכנט ווערן פאַר קיין שטאָט. שבת פלעגן זיך קליין און גרויס צונויפקלייַבן אין בית-הכנסת, דער משגיח פלעגט אין דעם טאָג פריינגען אין אָרדנונג די דירה, פלעגט אַלץ גוט ריין מאַכן און אויסראַמען, פלעגט אַרויסשטעלן אַ בימה און אויך איר אויסקלייַבן מגילות פון דער תורה און פון די נביאים; די מגילות פלעגט ער אַרויסנעמען פון אַן אַלמער (ארון הקודש), וואו זיי פלעגן געווייינטליך זיך געפינען. ס'פלעגט זיך צונויפקלייבן דער עולם און קודם כל פלעגט איינער פון די, וואָס קענען לייענען, זאָגן די תפלה „שמע", אָט די באַשטענדיקע תפלה שמע, אין וועלכער ס'ווערט איבערגע'חזר'ט כסדר איין געדאַנק: געדענק די תורה, היט אָפּ די תורה, נאָר דאַן וועט דיר וואויל זיין. דערנאָך פלעגט עמיצער, וואָס האָט גוט געקענט די תורה און די נביאים, פאַנאַנדערוויקלען די מגילות און לייענען אַ פּרשה פון די כתבי הקדש און דער־

נאָך פלעג ער זאָגן א דרשה און מוסר ווענן דעם. וואָס ער האָט געלייענט און די דרשות פלעגן זאָגן אַלין די וועלבּיקע רבנים און סופרים, ווייל ווער האָט-חוץ זיי, געקענט גוט לערנען און האַלטן דרשות? וואָס זשע פאַר א דרשות פלעגן זיי זאָגן? אונז איז פאַרבליבן א גאַנצער טראַקטאַט מיט מאמרים פון באַרימטע רבנים, דאָרט געפינען מיר א סך מאָראַלישע סענטענציעס, וועלכע ווערן איבערגע'חזר'ט אויך אין ברית-החדשה (נייער טעסטאַמענט), ס'איז אויך דאָ א סך קלוגע פּראַקטישע עצות. נאָר מער פאַר אַלץ ווערט דאָרט גערעדט ווענן דער תורה, „וואו איז דער דרך הישר, וועלכן דער מענטש דאַרף אויס-קלייבן? זיי געהיט אין א גרינגער מצוה, ווי אין א האַרבער, ווייל דו ווייסט ניט, וואָס פאַר א לוין קומט פאַר די אָדער פאַר יענע... האָב אין זינען דריי זאַכן, און דו וועסט ניט זינדיקן: וויס, אַז איבער דיר איז דאָ אן אויג, וואָס זעהט, און אן אויער, וואָס הערט, און אַז אַלע דיינע מעשים ווערן פאַרשריבן אין א בוך." „זיבן פּורעניות קומען אויף דער וועלט פאַר זיבן גרויסע זינד: אויב איינע גיבן מעשר, און אַנדערע ניט, קומט א הונגער פון טריקעניש אויב קיינער גיט ניט קיין מעשר, קומט א הונגער אַהוֹנק דעם אומגליק פון א שונא און אַראַנק טריקעניש: אויב קיינער טיילט ניט אויס קיין חלה, דאַן קומט א פאַרטיליקער הונגער; א מגיפה קומט אויף דער וועלט, אויב מע גיט ניט איבער צום בית-דין פאַר די פאַרברעכנס, פאַר וועלכע ס'קומט לויט דער תורה, טויט-שטראָף; א מלחמה קומט אויף דער וועלט פאַרן פאַרדרייען דעם משפט, פאַר אַן אומרעכטיקן משפט, און פאַרן לערנען די תורה ניט לויט דער מסורה; ווילדע חיות קומען אָן אויף דער וועלט פאַר פאַלשע שבועות און פאַר חלול השם; א גלות קומט אָן פאַר געצנדינעריי, פאַר אויסגעלאַסנקייט, פאַר רציחות און פאַר מחלל שבת זיין." די צוזעצער פלעגן אויסהערן די דאָזיקע דרשות און פלעגן זיך פאַרטראַכטן: מיר האָבן אַלץ וואָס מיר קענען לויט אונ-זערע כחות און מעגליכקייט און דאָס לעבן ווערט דאָך ניט יעדן טאָג אַלץ שווערער, און קיין ישועה קומט ניט. נאָר די סופרים האָבן אויך דאָ געפונען א פאַרטיקע תשובה פון די כתבי הקודש, פון דעם פאַרביטן ספר דניאל און פון די לעגענדעס ווענן די יסורים פון די צדיקים אין די צייטן פון אַנטיאָכוס עפּיפאַנעס'עס רדיפות. „זיין אַרבעט-געבער (דאָס הייסט גאָט), איז קען מען טרויען, ער וועט זיך באַלוינען פאַר זיין מיה די ווייסן, אַז דער צדיק ווערט באַלוינט אויף יענער וועלט, נאָך תחית-המתים". און ווער וואָלט געוואָלט צו דעם, ווער ס'וואָלט אַרויסגעטראָטן קעגן די רבנים און וואָלט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן

זייערע ראיות, אָדער וואָלט אויפהערן צו היטן די תורה. די עלטסטע פון שטאָט, וועלכע האבן אויך פאַרוואַלטעט מיט דעם בית-הכנסת, וואָלטן אים גלייך אַרײַנגעלייגט אין חרם, און דאָס איז געווען אַ געוואַלטיקע שטראָף. דער מענטש, וועלכער איז אַרײַנגעלייגט געוואָרן אין חרם, פלעגט זיך רעכענען פאַר אַ פאַרטריבענעם פון דער עדה פון די בני-ישראל, ער פלעגט פאַרלירן אַלע זיינע רעכט, פלעגט געשטעלט ווערן אויסער די געזעצן. דער אידישער געזעץ פלעגט אים מער ניט פאַרטיידיקן, ווייל ער איז אויסגעשלאָסן פון דער עדה; דער רוימישער געזעץ פלעגט אים אויך ניט פאַרטיידיקן, ווייל ער איז ניט געווען קיין רוימישער בירגער. אַזאַ מענטש פלעגט בדלות ווערן, און אַפילו זיין לעבן פלעגט שטיין אין געפאַר: וואָס קאָן קומען דעם, ווער ס'דער'הרג'עט אַ מענטשן, וועלכער שטייט אויסער די געזעצן? און אויך אין בית-הכנסת, הייסט עס, ווערן מיר ניט פריי פון דער סביבה פון די סופרים; אויך דעם בית-הכנסת האבן זיי פאַרוואַנדלט אין אַ הויז צו לערנען תורה.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז ניט אַלע סופרים און פרושים זיינען געווען צבוע'יאַקעס, צווישן זיי איז געווען ניט ווייניק אַזעלכע מענטשן, וועלכע האבן אויפריכטיק און הייס געגלויבט אין גאָט פון ישראל, אין די גרויסע צוקונפט פון דעם אידישן פאָלק, און וועלכע האבן דעם איצטערדיקן טרויעריקן און שווערן מצב געהאַלטן פאַר אַ שווערע שול, וועלכע מע מוז דורכמאַכן, כדי צו באַקומען דעם צוגעזאָגטן לוין. די תורה איז, ווי אַ רבי, זי שטראָפט דעם מענטשן-תלמיד, דערפאַר, ווען דער מענטש גייט דורך די דאָזיקע שול, איז ער שוין לגמרי גליקליך. מיר ווייסן אייניקע באַרימטע רבנים, וועלכע האבן זיך געמאַכט אַ שם מיט זייער געלערנטקייט און ליבע צום אמת ניט נאָר צווישן די אידן, נאָר אויך צווישן די קריסטן. אַזעלכע איז געווען גמליאל, דעם אַפּאָסטאַל פּאַוועל'ס לערער, הלל, שמאי. ניט אַלע פלעגן זאָגן אַזוי, ווי בן בגבג: „קער איבער די תורה, דריי זי איבער, ווייל אַלץ איז אין איר; קוק אין איר אַרײַן ווער אַלט און שוואַך איבער איר און גיי ניט אָפּ פון איר, ווייל קיין בעסערס, ווי זי, האסטו ניט.“ אייניקע, פאַרקערט, האבן אָפטמאל אַרויסגעזאָגט כלל ניט אַזעלכע געדאַנקען, וועלכע מע געפינט אין דער תורה. „אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ צאָן פאַר אַ צאָן“, זאָגט די תורה, און שמואל הקטן האט געזאָגט: „פריי זיך ניט, ווען דיין פיינט פאַלט, און זאָל זיך דיין האַרץ ניט פרייען, ווען ער ווערט געשטרויכלט“. האב ליב צו אַרבעטן, האַס די הערשאַפט און חנפע ניט די, „וואָס האבן די מאַכט“, האט געזאָגט שמעיה. „ווינטש ניט דעם צווייטן דאָס, וואָס

דו ווינטשסט ניט פֿאַר זיך אַלײן", האָט געזאָגט הלל. נאָר דאָך דאַרף מען זאָגן אַז אַזעלכע סופֿרים זײַנען געווען אַ מיעוט; דאָס רוב פֿון זיי זײַנען אײַנגעזונ-קען געווען אין די קלײניקײטן פֿון דער ריטואַל-פֿרומקײט.

די סופֿרים זײַנען געווען די געבילדעטסטע מענטשן צווישן די דעמאָל-טיקע אידן. חוץ דעם, וואָס זיי האָבן געלערנט תּורה, האָבן זיי אויפֿגעטאָן נאָך אַן אַרבעט, פֿאַר וועלכע ס'דאַרפֿן זיי דאַנקבאַר זײַן אַלע געבילדעטע מענטשן. זיי האָבן ליב געהאַט די אידישע ליטעראַטור, האָבן זאָרגזאַם געזאַמלט אַלע ווערק און אויסגעפֿאָרשט זיי. דאָס, וואָס איז, נאָך זייער מײנונג, וויכטיק און נײטיק געווען פֿאַר דער אמונה און זייער תּורה, דאָס אַלץ האָבן זיי געראַטן אַלעמען לײענען און שטודירן. אויף אַזאַ אופֿן האָבן זיי צו ישוע'ס צײַטן גע-זאַמלט דעם צווייטן טייל פֿון דער ביבל, וועלכער הײסט „נביאים" (דער ערשטער טייל הײסט „תּורה"), זיי האָבן אַזוי אָנגערופֿן דעם צווייטן טייל, ווייל זיי האָבן געהאַלטן, אַז אַלע זײַנע ספֿרים זײַנען אָנגעשריבן פֿון פֿאַרשיידענע נביאים. דאָ גייען אַרײַן: „יהושע", וואו עס ווערט דערציילט, ווי אַזוי מע האָט אײַנגענומען דאָס לאַנד כּנען, „שופֿטים" — מעשׂיות וועגן די שופֿטים, „שמואל" און „מלכים", וואו סע ווערט דערציילט די געשיכטע פֿון די אידישע מלוכות ביז דער צײַט, ווען נבוכדנאצר האָט חרוב געמאַכט ירושלים. אַט די אַלע ספֿרים זײַנען אָנגעשריבן געוואָרן צום סוף פֿון קיום פֿון מלכות יהודה אָדער אין געפֿענקעניש אין בבל. דערנאָך גייען שוין אײגנטליך די ספֿרים פֿון די נביאים: ישעיה, ירמיה, יחזקאל און תּרי-עשׂר (צוועלף קליינע נביאים), צווישן זיי דרײַ, וואָס האָבן געלעבט נאָכ'ן גלות, חגי, זכריה און מלאכי. די „תּורה" און „נביאים" האָט מען געהאַלטן פֿאַר הייליקע ספֿרים; אַלץ, וואָס אין זיי איז אָנגעשריבן, האָבן אָנגעשריבן ניט מענטשן, נאָר גאָט אַלײן דורך משה'ן און אַנדערע נביאים. נאָר אויסער דער „תּורה" און די „נביאים" זײַנען געווען נאָך אַ סך אַנדערע ספֿרים. אַ סך מיה האָבן געדאַרפֿט אָפּגעבן די סופֿרים, כּדי אויסצופֿאָרשן און סאָרטירן די דאָזיקע ספֿרים. ס'זײַנען געווען אַ סך מזמורים, וועלכע זײַנען פֿאַרפֿאַסט געוואָרן פֿון פֿאַרשיידענע מענטשן אין פֿאַרשיידענע צײַטן. די סופֿרים האָבן פֿון זיי אויסגעקליבן 150, וועלכע זײַנען מער פֿאַר אַלע אַנדערע באַליבט און באַנוצט געווען, צוגעגעבן צו זיי באַמערקונגען וועגן דעם, ווער האָט זיי געקענט פֿאַרפֿאַסן און ווי אַזוי מע דאַרף זיי זינגען און פֿון זיי האָבן זיי צוזאַמענגעשטעלט דעם הייליקן „תּהלים". פֿאַר די מחברים פֿון דעם גרעסטן טייל תּהלים האָבן זיי געהאַלטן דודן און זײַנע זינגער אסף'ן.

אָותנ׳ען, ידותי׳נ׳ען און די בני-קרח. נאָר, חוץ די מזמורים, וועלכע זיינען אַריין אין תנך, איז געווען נאָך אַ סך אַנדערע; איין זאַמלבוך פון מזמורים, וועלכע, ווי מע מיינט, האט פאַרפאַסט שלמה המלך, האט זיך אָפּגעהיט ביז אונזערע טעג אין אַ גריכישער איבערזעצונג. מע האָט אויך געזאַמלט שפּרוכן פון פאַרשיידענע חכמים און שפּריכווערטער, און פון זיי צוזאַמענגעשטעלט דעם ספר „משלי״, וועלכן מע שרייבט צו דעם באַרימטן חכם שלמה. דערנאָך האט מען אויך געזאַמלט אַנדערע ספרים, וועלכע האבן געטראָגן אַ מוסר-כאַראַקטער „איוב״, „רות״, „אסתר״, „קהלת״, „דניאל״. און אָט אַזוי ביסלאַכווייס, אויסקלייבנדיק פון דער שפּעטערדיקער אידישער ליטעראַטור די בעסטע ווערק, האבן זיי צונויפגעשטעלט דעם דריטן טייל פון דער ביבל, וועלכער האָט טאַקע געהייסן „כתובים״ (געשריבענע). אָט די אַרבעט איז געווען זעהר אַ שווערע און אַ וויכטיקע און איצטער קענען מיר זאָגן, אַז די סופרים האבן זי זעהר גוט אָפּגעטאָן: אויב מיר זאָלן פאַרגלייכן די ספרים, וועלכע זיינען אַריין אין דריטן טייל פון דער ביבל, מיט די דאָזיקע ווערק פון דער אידישער ליטעראַטור, וועלכע זיינען אין אים ניט אַריין, וועלן מיר זעהען, אַז, אַחוץ זעלטענע אויסנאַמען, האבן די סופרים טאַקע אָפּגעקליבן דאס בעסטע און אָפּגעוואָרפן דאָס ערגסטע. איר לעצטע פאָרם האט די ביבל צוגעגעבן דער שפּעטערדיקער דור סופרים, שוין נאָך דעם חורבן פון ירושלים.

די קרבנות און די ספרים האבן ווי געפילדערט דעם גאַנצן לעבנס-אינהאַלט פון די אויבערשטע שיכטן פון דער אידישער געזעלשאַפט. די כוהנים און די סופרים האבן ניט ליב געהאט זיך אַראָפּצולאָזן נידעריק און אַ קוק טאָן, וואס טוט זיך בײַ דעם „עם הארץ״, מיט וואס לעבט ער, וואס פילט ער, אין וואס גלויבט ער. לאָמיר גיין פון שטאָט אין דאָרף, אין די פעלדער און וועלדער, און אַ קוק טאָן, וואס טוט זיך דאָרט. לאָמיר אַ קוק טאָן אין גליל, דאס צום מיינסטן בײַזעצטע לאַנד. אין דעם „היידנישן״ גליל, וואו די אידן האבן געלעבט האנט בײַ האנט מיט די גריכן און רוימער, וואו ס'איז געווען אַ סך שטעט אין וועלכע אַ העלפט באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון געצנדינער, אַ העלפט — פון אידן. אין די שטעט וועלן מיר געפינען אַ סך אידישע סוחרים, אין די דערפער — אידישע פויערים. סיי די, סיי יענע האט זיך זעהר שווער געלעבט. די סוחרים איז אויסגעקומען צו לעבן צווישן צוויי פייערן: פון איין זייט זיינען זייערע אייגענע נוצן געשטאַנען אין אַ ווידערשפּרוך מיט די פאָדערונגען פון דער תורה: די תורה האָט פאַרבאָטן צו פאַרקויפן די געצנדינער און

קויפן אַ סך זאַכן פון דער ערשטער נויטווענדיקייט, און די אידישע סוחרים פון גליל האָבן געמוזט אויסקלייבן אייגס פון די ביידע: אָדער עובר זיין אויף די תורה, אָדער פאַרקויפן זייערע סחורות נאָר אין יהודה, אין ירושלים. ס'פאַרשטייט זיך, אַז דאָס לעצטע האָט זיי שטאַרק ניט געצליגט, און די סוחרים פלעגן אָפט עובר זיין אויף די תורה. און דערפאַר האָבן זיי אויך באַקומען פון די פּרושים דעם נאָמען „עם הארץ". די סוחרים האָבן געמיינט, אַז פיל שפּיצלאַך האָבן די סופרים ספּעציעל צוגעטראַכט צוליב דעם. כדי צו צווינגען די סוחרים פון גליל פאַרקויפן זייערע סחורות אויסשליסליך די אידן און פאַר אַ ביליקע פּרייז; אידן איז געווען ניט אַזוי פיל, און ווען קונים איז ווייניק און סחורות אַ סך, איז די פּרייז שטענדיק אַ נידעריקע. דעריבער האָט צווישן די סוחרים געהערשט אַ גרויסע אומצופרידנקייט מיט די ירושלים'ער סופרים און כוהנים, וועלכע מע האָט געמוזט פאַר יעדע זינד צאָלן קנס-געלט און ברענגען אַ קרבן. פון דער צווייטער זייט האָבן זיי געהאַט שונאים אין די געצנדינער, מיט וועלכע ס'איז זיי אויסגעקומען צו לעבן. די געצנדינער האָבן געפילט אַ שנאה צו די אידן פאַר זייער אומטאָלעראַנטקייט און פאַר זייער אָפּגעזונדערקייט; די אָפּגעזונדערקייט גופא איז זיי זעהר ניט געפעלן, נאָר חוץ דעם, האָט זי זיי געבראַכט גרויסן שאָדן. ס'איז געווען אַ סך אַזעלכע זאַכן, וועלכע דער איד האָט ניט געטאָרט פאַרקויפן די געצנדינער און אויך קויפן בא זיי, דאָס איז שטאַרק ניט געפעלן געווען די היידנישע סוחרים און דאס האָט זיי אויך שטאַרק ניט געצליגט. די געצנדינער האָבן שטאַרק מקנא געווען די אידן אויף די ברייטע האנדלס-פאַרבינדונגען, וועלכע זיי האָבן געהאַט: די אידישע סוחרים, וועלכע האָבן געלעבט אין די גרויסע האנדלס-צענטרען, פלעגן זיך דורכשרייבן און פלעגן שיקן ספּעציעלע שליחים צו די אידן פון פּאַלעסטינע, פלעגן זיי אנזאגן פּאָליטישע נייס, די מקחים אויף סחורות, פלעגן זיי צו אַ ביליקן פּרייז צושיקן גרויסע פּאַרטיעס פון גייעגליכע סחורות. אדאנק די דאזיקע פאַרבינדונגען פלעגן די אידישע סוחרים רייך ווערן און פאַרגרעסערן זייערע געשעפטן אַ סך גיכער, איידער זייערע שכנים די געצנדינער. און אין אַלע שטעט, וואו די באַפעלקערונג איז געווען אַ געמישטע, האָט געהערשט אַ פאַרביטערטע שנאה צווישן די אידישע און די היידנישע סוחרים. די רוימער האָבן, פאַרשטייט זיך, געהאַלטן דעם צד פון די געצנדינער און האָבן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אין אַלע שטעט, וואו סע לעבן ניט בלויז אידן, דאַרף דער שטאָט ראַט באַשטיין אויסשליסליך פון געצנדינער, און, וויפל די אידן

האבן זיך ניט באמיהט צו באקומען א צוטריט אין די דאזיקע שטאט ראטן, האט עס זיי ניט געהאלפן. דעריבער זיינען די אידישע סוחרים אויך געוואל־טיק אויפגערעגט געווען קעגן די רוימער, און די רוימישע פראקוראטארן האבן נאך שטארקער געמאכט די דאזיקע אויפרעגונג מיט זייערע אומגעזעצליכע שטייערן און אפצאלונגען, וועלכע זיי פלעגן ארויפלייגן אויף דאס פאלק. דאס אויפמאנען פון די צינזען מצד די רוימער איז גיכער ענליך געווען צו א רויבעריי, איידער צו א געוויינטליכן מאנען; געליטן האבן, פארשטייט זיך, מער פון אלעמען די, בא וועלכע ס'איז געווען וואס צו נעמען, דאס הייסט ווייטער די פארמעגליכע און רייכע סוחרים. די איינוואוינער פון גליל האבן מיט קנאה געקוקט אויף די ירושלים'ער גדולים, וועלכע זיינען פריי געווען פון אלערליי אפצאלונגען, און די סופרים פלעגן מיט זעלבסטצופרידנקייט זאגן, אז אזוי דארף עס טאקע זיין: „ווער ס'האט ארויפגעלייגט אויף זיך דעם יאך פון דער תורה, פון דעם ווערט אראפגענומען דער יאך פון דער רעגירונג און פון די וועלטליכע דאגות". פאר די סוחרים פון גליל איז פארבליבן נאר איין טרייסט: חלומען, אז אינגיכן וועט קומען משיח, וועלכער וועט אראפווארפן דעם יאך פון די פארהאסטע רוימער, וועט מאכן א סוף צו דער מאכט פונם געזעץ און וועט אונטערטעניק מאכן צו ישראל אלע פעלקער פון דער ערד; דאן וועט קומען א סוף צו דער הערשאפט פון די בעלי־גאוה'ס די געצנדינער, זייערע שפאטערייען וועלן אויפהערן און נאר די אידן וועלן בלייבן הערשער פון דער וועלט. און ווי נאר ס'פלעגט זיך פארשפרייטן א קלאנג, אז ס'איז געקומען דער „קיניג פון יהודה", פלעגן די איינוואוינער פון גליל ווערן מלא שמחה און זיינען גרייט געווען מיט וואס נאר מעגליך שטיצן אים.

נאך ערגער איז געווען דער מצב פון די בעלי-מלאכות און פויערים. די בעלי־מלאכות פלעגן ציהען זייער חיונה פון זייער ארבעט, פאר וועלכע זיי פלעגן באקומען א גאנץ קליינעם געצאלט. און, חוץ דעם, פלעגן זיי האבן נאך גרויס שאדן פון דעם פארבאט צו נעמען ארבעט בא די געצנדי־נער; ארבעטגעבער פון אידן איז געווען זעהר ווינציק אין גליל, ארבעטער — א סך, דעריבער זיינען די שכירות געווען זעהר קליינע. די פויערים האבן ניט געקענט ארויסקריכן פון חובות און האבן געטראגן דעם יאך פון חיוב־ארבעט. נאר די צרה וואלט נאך ניט געווען אזוי גרויס, ווען ניט די רוימישע אפצאלונגען, וועלכע מע פלעגט אומברחמנותדיק אויסמאנען. דער רוימישער אדלער האט זיך, ווי א רויב־חיה, אריינגעשטעקט אין גוף פון ארעמאן און

פלעגט אומברחמנותדיק רייסן פון אים שטיקער. ווערט מען פטור פון די רוי־מישע מוכסים (קלייבער), קומען די מוכסים פאר די כוהנים — גיב מעשר פאר דעם בית־המקדש, גיב מעשר פון אלץ דעם, וואס דו האסט צונויפגעקליבן, וואס דו האסט אין שפייכלער, אין קעלער, אין קאמער, אין דיין סטאדע. און דעם ערדבאזיצער גיב אוועק א העלפט פון דעם גערעטעניש. און הער נאך אויס פון אים א זא מין באמערקונג — „דער עם־הארץ, פארפלוכט זאל ער זיין!" און די אנטוועקער און די פויערים האבן פון גאנצן הארצן געהאסט אזוי די רוימער אזוי די כוהנים; זיי ביידע זיינען, נאך זייער מיינונג, געווען פאר־איינס: אין בית־המקדש ברייננט מען טאג טעגליך א קרבן פאר דעם קיסר, און ווי נאר די פויערים הויבן אן אומרוהיק צו ווערן, פלעגט דער סנהדרין פון ירושלים גלייך ארויסשיקן קעגן זיי רוימישע זעלנער. די סופרים פלעגן אגב גאר ניט באהאלטן זייער איבערגעגעבנקייט צו דער רעגירונג. „בעט גאט וועגן שלום פון דער רעגירונג", פלעגט זאגן איין רב, „ווייל אויב ניט די מורא פאר איר, וואלט איינער דעם צווייטן לעבעדיקערהייט אויפגעגעסן"

איינקע פון די בעלי־מלאכות און פויערים האבן געפרואווט אנדערע מיטלען, כדי צו געפינען אן אויסוועג פון זייער לאגע, ניט ווארטנדיק אויף משיח'ן. זיי האבן געבילדעט די כיתה איסיים, וועלכע האט געציילט ביז 4000 מיטגלידער. בא די איסיים איז געבליבן, אז דער בית־המקדש און די עבודה זיינען פארשוועכט פון די אומווירדיקע כוהנים, און דעריבער האבן זיי זיך איינגאנצן אפגעזונדערט פון דעם איבעריקן אידנטום: אין בית־המקדש פלעגן זיי ניט גיין, קיין אפצאלונגען פארן בית־המקדש האבן זיי ניט געצאלט און קיין מגע ומשא האבן זיי ניט געוואלט האבן מיט די כוהנים און סופרים. נאר די דינים האבן זיי, אויף וויפל ס'איז געווען מעגליך, אפגעהיט, באזונדערס די דינים וועגן שבת און וועגן טבילה. די איסיים האבן געהאלטן, אז ווי די כוהנים זיינען עובר דעם געזעץ אויך מיט דעם, וואס זיי שטיצן די רייכע און חשובע לייט. און אין דער תורה איז דאך קלאר געזאגט, אז ס'טאר ניט זיין קיין ארעמע לייט בא ישראל, אז די רייכע דארפן זיך טיילן מיט די ארעמע. און די איסיים האבן געזוכט צו לעבן אזוי, אז ס'זאל ניט זיין בא זיי קיין רייכע און קיין ארעמע. צוליב דעם פלעגן זיך אלע איסיים פון איין שטאט אדער איין ישוב באזעצן צוזאמען אין איין הויז. און זיי פלעגן זיך מתחיב זיין ניט האבן קיין זאך קיין אייגענע. נאר פלעגן זייער גאנצן פאר־מעגן אפגעבן אין רשות פון אלעמען: פלעגן מאכן א געמיינזאמע קאסע און

ייסקלײַבן אַ משגיח, וועלכער זאָל פאַרוואַלטן מיט איר. די איסיים האָבן זיך געמעגט פאַרנעמען מיט וואָס נאָר זיי ווילן, נאָר ניט מיט מסחר, כדי ניט דאַרפן בײַשטיין דעם נסיון רײַך צו ווערן, און ניט מיט אויסאַרבעטן כלי-זין, ווײַל ס'איז געזאָגט געוואָרן אין דער תורה „לא תרצח", און כלי-זין דינט צום הרגענען מענטשן. באַ די איסיים זײַנען געווען זעהר שטרייגנגע תקנות און דעריבער פלעגן זיי ניט מיט אַמאָל צונעמען נײַע מיטגלידער אין זייער חברה. דעם, וואָס פלעגט וועלן אָנקומען אין זייער חברה, פלעגן זיי אויספּרובן אין אַ משך פון דרײַ יאָר; אויב אין משך פון די דרײַ יאָר פלעגט ער פּינקטליך אָפּהיטן די תקנות און אויספירן אַלץ, וואָס דער משגיח פלעגט אים הייסן, פלעגן די איסיים אים אַרײַננעמען אין זייער חברה. די חברות פון די איסיים זײַנען זעהר ענליך צו די אַמאָליקע חברות פון מאָנאַכן; אַזוי ווי באַ אײַנע איז געווען אַלץ געמײַנזאַם און אַן אויסגעקליבענער משגיח, אַזוי איז אויך באַ די צווייטע; און אַזוי ווי די מאָנאַכן, אַזוי האָבן אויך די איסיים געגעבן אַ נדר ניט חתונה צו האָבן און אָן שום טענות פאָלגן דעם משגיח.

נאָר ניט אַלע האָבן געהאַט אַזאַ געדולט אָדער געקענט אַרויפלייגן אויף זיך אַזעלכע שווערע קייטן, ווי ס'האָבן געטאָן די איסיים. פיל האָבן געלעבט מער ניט ווי מיט דער האָפענונג, אַז באַלד וועט קומען משיח און זיי האָבן געזעהען מיט אַלע מיטלען צו דערנעהענטערן זײַן קומען. אַזעלכע מענטשן האָבן געבילדעט אַ באַזונדערע כיתה פון זעלאַטן (קנאים). די קנאים האָבן ליב געהאַט זיך צו צוהערן אין די בתי-כנסיות, ווי מע לייענט דאָרט פאַר די נביאים און זיי האָבן גוט אַרײַנגענומען אין זיכרון די בילדער פון דער צוקונפטיקער מלוכה, וועלכע משיח וועט מיט זיך ברענגען. דאָס וועט זײַן אַ קיניג פון דוד'ס הויז. ער וועט פאַרניכטן די מאַכט פון די רמאים, רשעים און זינדיקע מענטשן, וועלכע פאַרזיכערן, אַז זיי זײַנען צדיקים, און אין דער אמת'ן עסן זיי אויף דאָס גוטס פון אָרעמע לײַט, האָבן ליב שוחד, פאַרברענגען די צייט אין סעודות און שיכורן, נאָר לאָזן זיך אַפילו ניט צורירן צו זיך: דו וועסט אונז מטמא זײַן, אויב דו וועסט זיך צו אונז צורירן זאָגן זיי. ער וועט מיט אַן אײַזערנעם שטעקן צעברעכן די שטאָלצע רוימער, און אַלע שונאים פון דעם אויסדערוויילטן פאָלק וועלן אַזוי אומברחמנותדיק אומקומען, אַז בלוט וועט רינען אַרום ירושלים, און זײַנע כוואַליעס וועלן דערגיין ביזן צוים פון די פערד. הימל און ערד וועלן ציטערן, פון ים וועט אַרויסגיין דער אוראַלטער שלאַנג, דער שרעקליכער פייעריקער דראַקאָן, דער

מקור פון אַל דאָס בייזס. נאָר משיח וועט אים דערהרגענען, ער וועט משפּט דאַן אַלע פעלקער און וועט אַוועקשטעלן ישראל העכער פאַר דער גאַנצער וועלט. ס׳וועלן ווידער דאַן אויפבליהען די בוימער פון גן-עדן, אַ וואונדער-ליכער וואוילשטאַנד וועט דאַן זיין, ס׳וועלן ניט זיין קיין צרות, ניט קיין הונגער, ניט קיין קראַנקהייטן. און די קנאים האָבן גענוהן מיט אַלע מיטלען צו דערנעהענטערן אָט די דאָזיקע צייט, פלעגן שטרייננ אָפּהיטן די תורה און פלעגן שטיצן יעדן אויפשטאַנד, וועלכער פלעגט אויפגעהויבן ווערן אין משיח׳ס נאָמען.

XVII.

דער אונטערגאַנג פון ציון.

אין צפון-טייל פון גליל איז געווען אַ ווילדער און זומפּיקער געגנט ארום דער אָזיערע מירום (מי-מירום). ווילד און ניט היימליך איז דאָ געווען, נאָר אין די ערשטע צענדליקער פון ערשטן יאָרהונדערט פון דער קריסט-ליכער צייטרעכנונג פלעגט דאָ אָפט הערשן אַ גרויסע אויפלעבונג. אַהער פלעגן תמיד אַנטלויפן די, וואָס האָבן ניט געקענט איבערטראָגן דעם שווערן יאָך; אָנהויבנדיק פון הורדוס דעם גרויסנ׳ס צייטן, קומען אַהין אָן אַנטלאָ-פענע, היציקע קעפּ, גרייטע אויף רציחות און אויף אויפצוהויבן אַ רעוואָלוציע מער פאַר אַלץ איז דאָ געווען אַנטלאָפענע פויערים. נאָר גאַנץ גענוג איז דאָ אויך געווען קנאים. זיי האָבן דאָ געפירט אַ לעבן, וואָס איז ענליך צו דעם לעבן פון אַמאַליקע אוקראַאינער און דאָנער קאָזאַקן: געלעבט האָבן זיי פון רויבעריי און רציחה און ווען זייערע קריגס-אָפּטיילונגען פלעגן זיך באַווייזן אין גליל און יהודה און פלעגן ראַבירן די הייזער פון די רוימער און פון די רייכע בני-יהודה, פלעגן גלייך צו די דאָזיקע אָפּטיילונגען אוישטיין פיל פון די האָרעפּאַשנע און אונטערדריקטע מאַסן. די רוימער פלעגן אַרויסשיקן קעגן זיי מיליטער-אָפּטיילונגען, נאָר ניק שטענדיג פלעגן זיי בייקומען די רויבער, און ניט שטענדיק פלעגן זיי פאַרכאַפּן זייערע אָנפירער.

די אָנפירער פון די דאָזיקע אויפשטאַנדן פלעגן זיך געוויינטליך אָנ-רופן קיניגן פון יהודה, דאָס הייסט זיי פלעגן זיך אַרויסגעבן פאַר משיח׳ן. דער ערשטער קיניג פון יהודה איז געווען אין הורדוס׳עס צייטן יהודה פון גליל, צוויי מאל האָט יהודה אויפגעהויבן אַ מרידה, און ביידע מאָל איז ער

ז' ויסגעטראָטן אונטער איינעם און דעמזעלבן רוף: גענוג צו זיין קנעכט בא די רוימער און טראָגן אויף זיך זייער יאָך, שוין צייט זיך אויסקעמפן פרייהייט און פאַרבעסערן אונזער לאַגע דורך דעם, וואָס מיר וועלן צעטיילן צווישן זיך דאס פאַרמעגן פון די רייכע. בפרט אויפגערעגט דאָס פאלק האט אין יענע צייטן די ציילונג, וועלכע ס'האט דורכגעפירט דער רוימישער פּאַרוואַלטער קוויריניאוס מיטן צוועק קלאָר צו מאַכן די צאָל פון דער באַפעלקערונג און פון דער ערד, כדי פאַנאַנדערצוטיילן די אָפּצאָלונגען. הורדוס'ן האָט זיך דאַן קוים איינגעגעבן מיט דער הילף פון רוימישע זעלנער צו דערשטיקן יהודה'ס אויפשטאַנד. אים אַליין צו פאַרכאַפּן איז זעהר שווער געווען, ווייל אומעטום האָט ער געהאַט גוטע און איבערגעגעבענע פריינד. האט מען אים געזוכט באַ דער אָזיערע מירום, פלעגט ער זיך גאָר באַהאַלטן אין גליל באַ די קנאים אָדער סוחרים. נאָך יהודה'ן זיינען אויפגעשטאנען אַנדערע קיניגן פון יהודה, דער גרעסטער טייל פון זיי האָט געהאַט אַ ביטערן סוף — זיי פלעגן געקרייצט ווערן. נאר די רציחות פלעגן אַלץ וואַקסן. דער פּראָקוראַטאר פעליקס, וועלכער האָט פאַרוואַלטעט מיט יהודה אין קורצן נאָך ישוע'ן, האָט געשריבן אין רוים, אַז אַלע וועגן פון פּאַלעסטינע זיינען פול מיט רויבער. די רויבער ראַבירן און צינדן אונטער די הייזער פון די „ערשטע מענטשן" און די מער פאַרהאַסטע פלעגן זיי דער'הרג'ענען. מיט אַ קליינעם שטאָך-מעסער, סיקרא, וועלכן ס'איז לייכט געווען צו באַהאַלטן אונטער די בגדים, פלעגט זיך דער רוצח אונטער'גנב'ענען צו זיין קרבן, פלעגט פלוצלונג אָנפאלן אויף אים און גלייך פארשוואונדן ווערן. אט פאר די דאזיקע סיקריקון האָט מען מורא געהאט מער ווי פאר פשוטע רויבער; זיי פלעגן אריינדרינגען אומעטום, אפילו אין בית-המקדש, וואו ס'איז דער'הרג'עט געוואָרן דער כוהן גדול יונתן.

אין די שטעט גופא איז אויך געגאַנגען אַ פאַרביטערטער קאַמף. די שנאה צווישן די בני-יהודה און די געצנדינער איז אין די שטעט מיט אַ געמישטער באַפעלקערונג דערגאַנגען ביז דער העכסטער מדרגה. און אין קיסריא, וואו ס'האט זיך געפונען דער רוימישער פּראָקוראַטאָר, האָט זיך אויף די גאסן אָנגעהויבן אן אמת'ער בירגער-קריג. די בני-יהודה האבן מיט געוואַלט זיך געוואָלט דערשלאָגן דאס רעכט צו נעמען אן אנטייל אין דעם שטאָט-ראַט; זיי זיינען געווען אין אַ גרעסערער צאָל, זיי זיינען געווען רייכער, און ווען אין די גאַסן האבן זיך אָנגעהויבן בלוטיקע געשלעגן, איז

די איבערהאנט גלייך אַריבערגעגאנגען צו זיי. דער פּראָקוראטאָר פעליקס האט גלייך אַרויסגעשיקט צו הילף די גריכן רוימישע זעלנער. ס'האט זיך אנגעהויבן אַן אמת'ער אידישער פּאָגראָם. די זעלנער פלעגן אויס'הרג'ענען אַלע אידן, וועלכע זיי פלעגן טרעפן, זיי פלעגן פייניקן די, וועלכע זיי פלעגן נעמען אין געפענקעניש, און דער שטאטישער המון איז אנגעפאלן אויף די הייזער פון די רייכערע אידן און האט זיי צעראַבירט און חרוב געמאכט. אז די ידיעה וועגן דעם פּאגראם אין קיסריא איז דערגאַנגען צו די איבעריקע שטעט מיט אַ געמישטער באַפעלקערונג, האָבן זיך דארט אויך אנגעהויבן בלוטיקע געשלעגן. די אידן אין גלות האבן נאך די דאזיקע געשעהעניש פארבראכט ניט ווייניק אומרוהיקע נעכט.

נאך פעליקס'ן איז געווארן פּראקוראטאר אלבין, וועלכער האט שוין גאר ניט געוואוסט, וואס ער האט צו טאָן. ער האט זיך געפילט פונקט אזוי ווי ער וואלט זיצן אויף אַ קאַסטן מיט פולווער, וועלכער איז גרייט יעדע רגע אויפצורייסן. זעלנער האָט ער געהאט ווייניק, און ער האט ניט געוואוסט וואס צו טאן. דער כוהן גדול, דער ערן-קיניג פון יהודה, אגריפס דער צווייטער און נאָך צווויי פּרינצן פון הורדוס'עס משפחה האבן באשלאסן צו ארגאניזירן אַ זעלבסטשוץ אין ירושלים. זיי האבן אָרגאניזירט אייגענע באַוואפנטע מיליטער-אפטיילונגען, וועלכע פלעגן אריינכאפן אלעמען, אויף וועמען זיי האבן נאר געהאט א חשד, אַז ער פילט מיט די קנאים. דער כוהן גדול און דער סנהדרין האבן געהאלטן די לאגע פאר אַזא געפערליכע, אז אלעמען, וועמען נאר זיי האבן אריינגעכאפט, פלעגן זיי פאַרמשפטן צום טויט און גלייך אויספירן דעם טויט-שטראף ניט וואַרטן אפילו, ביז דער פּראקוראטאר וועט באשטעטיקן דעם פסק-דין, ווי ס'האט געפאדערט דער געזעץ. קיין מענטש איז ניט זיכער געוועז מיט זיין לעבן און פארמעגן; קיינער האט ניט געקענט ערוב זיין, וואס וועט זיין מארגן; די פעלדער האָט מען ניט פארזייט, דער יקרות איז געוואקסן.

פאַר די קנאים איז קלאָר געווען, אַז סע קומט אָן דער יום-הדין, אז באַלד וועט קומען משיח, וואס ערגער ס'איז, אלץ גיכער וועט קומען די ישועה,—פלעגן זיי זאָגן, און זייערע נביאים פלעגן דערווייזן, אַז פאר משיח'ס קומען וועט די נויט דערגיין ביז איר העכסטער מדרגה, פון די בוימער וועט טריפן בלוט, שטיינער וועלן אָנהויבן צו ריידן, זיס וואַסער וועט האָבן דעם טעם פון זאַלץ-וואסער, די זון וועט שיינען בא דער נאַכט און די לבנה—



דער כותל המערבי.

בא טאָג. און פיל סופרים, וועלכע האָבן גוט אויסגעשטודירט די תורה און די נביאים, פלעגן זאָגן, אַז דאָס איז טאַקע אמת: אַלץ, וואָס קומט איצט פאָר, דאָס זיינען אַלץ סימנים, אַז באַלד וועט קומען משיח. „פאַר משיח'ס קומען וועט די חוצפה גרעסער ווערן, און די יקרות וועט זיך פילן, דער ווייגאָרטן וועט געבן זיינע פירות, און ווין וועט טייערער ווערן, די הייזער פאַר פאַרזאַמלונגען וועלן ווערן צו הייזער פון זנות, די חכמה פון די סופרים וועט פאַרדאָרבן ווערן, גאָטספאָרכטיקע מענטשן וועלן פאַראַכטעט ווערן, דער אמת וועט פאַרניכטעט ווערן, זקנים וועלן גלייך ווערן פאַר בחורים און וועלן מוזן אויפשטיין פאַר זיי, גליל וועט חרוב ווערן, זיינע איינוואוינער וועלן גיין פון שטאָט צו שטאָט, און קיינער וועט אויף זיי קיין רחמנות ניט האָבן. אויף וועמען זאָלן מיר זיך דאַן שטיצן? אויף אונזער פאָטער, וואָס געפינט זיך אין הימל".

ס'האָט זיך דערנעהנטערט דער אומגליקלעכער 66-טער יאָר נאָך ישוע'ס געבורט. אין ירושלים האָט מען געפייערט דעם חג-הסוכות, און פלוצלונג האָט זיך צווישן די פאַרזאַמלטע אין הויף פון בית-המקדש באַוויזן א פויער, יהושע, דער זון פון חנניה, און האָט אָנגעהויבן אויסצורופן, אַזוי ווי עמוס, וועלכער האָט אַמאָליקע יאָרן אויך אויף אַזאַ אופן געשטערט די שמחה פון דעמוטלבן יום-טוב אין בית-אל: „אַ קול פון מזרח, אַ קול פון מערב, א קול פון אַלע ארבע פנות העולם, דער קול איז אויף ירושלים, אויפן בית-המקדש, אויף די חתנים און כלות און אויף דאָס גאַנצע פאָלק!" אַ דערשראָקענער האָט זיך דער עולם אַוועקגעטאָן פון אים; די כוהנים האָבן אים גלייך געכאַפּט און אונטערגעפירט צום פּראָקוראַטאָר אַלבין, נאָר דער האָט אים אָנגענומען פאַר אַ משוגענעם און האָט אים באַפרייט. און די גאַנצע פיר יאָר פון דעם דאָזיקן דרויסטרעטן ביז דעם אָנהויב פון דער באַלאַגערונג, פלעגט ער ארומגיין איבער ירושלים און פלעגט וויינען, און אין די ימים-טובים פלעגט ער ווידער זאָגן דיזעלבע נבואות. ער האָט אַזוי ווי געפילט, אַז פון דעם פראַכטפולן בית-המקדש, אין וועלכן ער פלעגט ארויסטרעטן מיט זיינע ווילדע אויסגעשרייען, וועט טאַקע אינגיכן מער ניט בלייבן ווי „די וואַנט פון געוויין", אַ קלאָגעדיקער רעשט פון דער מערב-וואַנט, וואוהין ס'וועלן צום יאָרצייט פון חורבן קומען קלאָגן די טעכטער און זין פון יהודה. ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן אין דער צייט פונם אויפשטאַנד די באַלאַגערונג פון ירושלים, איז יהושע דערהרגעט געוואָרן און איז געשטאָרבן.

מיט דיזעלבע ווערטער: „ווי איז צו דער שטאָט, צום פאָלק און צום בית־המקדש!״

און אט איז אָנגעקומען דער 66־טער יאָר. פאַרשיידענע מעשיות, איינע וואונדערליכער פאַר דער צווייטער, האָבן זיך געטראָגן אין פאָלק. מע האט געזעהן אן אומגעווינטליכן שטערן מיט אַן עק, אין בית־המקדש האבן זיך געלאזט הערן עפעס משונה׳דיקע קולות. פון שטיינער פלעגט זיך באַווייזן בלוט, מע האָט אָנגעהויבן אויסצופאָרשן די הייליקע ספרים און מע האט געפונען, אז טאַקע און דעם יאָר דאַרף קומען אַ קיניג, וועלכער וועט אונטערטעניק מאכן צו ישראל די גאנצע וועלט. און דאָ האָט דער רוימישער פראָקוראטאָר, געסיוס פלארוס, אָפגעטאָן אַזאַ זאַך, וואָס האָט גלייך געשטעלט אויף די פיס גאַנץ גליל און יהודה. נאָכדעם ווי ער האָט שוין באַרויבט די קסריא׳ער אידן, האָט ער געפאָדערט אין נאָמען פון קיסר, אַז מע זאָל אים אַרויסגעבן פון די אוצרות פון בית־המקדש 17 טאלענט גאָלד. דער כוהן גדול האָט גלייך באַפרידיקט זיין פאָדערונג; נאָר די אויפגערעגטע ירושלים׳ער קנאים האָבן אָנגעהויבן חוזק מאַכן פון פלארוס׳ן און האָבן אָנגעהויבן קלייבן נדבות פאַר דעם „אָרעמען פלארוס׳ן״. פלאָרוס איז שטאַרק אין כעס געוואָרן און איז אָנגעקומען מיט זיין חיל קיין ירושלים; די כוהנים און די עלטסטע האבן אים געוואָלט באַווילקן מיט אַ פייערליכן קבלת־פנים, נאר פלארוס האָט זיך אָפגעזאגט פון אַלערליי כבודים און האָט געפאָדערט, אַז מע זאָל אים אַרויסגעבן די מענטשן, וועלכע האָבן פון אים חוזק געמאַכט, נאָר וויפל דער סנהדרין האָט זיך ניט באַמיהעט צו געפינען די שולדיקע, האָט ער זיי ניט געקענט געפינען. און פלארוס האָט געמאַכט אַן אמת׳ן פאָגראָם אין שטאָט, ס׳זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרן ביז 3.600 מאַן. ווען אויף מאָרגן זיינען אָנגעקומען נאָך צוויי רוימישע מיליטער־אפטיילונגען און האָבן זיך אויך גענומען פאַר דער בלוטיקער אַרבעט, האָט גאַנץ ירושלים געמאַכט אַן אויפשטאַנד, און ירושלים׳ס ביישפיל האט נאָכגעטאָן די פראָווינציע. פלארוס האָט געמוזט אָפפאָרן, כדי צו זאַמלען מיליטער, ווייל די קרעפטן, וועלכע ער האָט געהאַט, איז געווען צו ווינציק אויף צו דערשטיקן דעם אויפשטאַנד אין גאַנץ יהודה און גליל.

כל זמן די רוימער האָבן געזאַמלט זייערע כוחות, האָט זיך אין ירושלים אָנגעהויבן אַ קאַמף צווישן דער פאַרטיי פון רודף־שלום׳ניקעס, וועלכע איז באַשטאנען פון פרושים און צדוקים, און דער פאַרטיי, וואָס האָט געשטרעבט

צו אַן אויפשטאַנד. די קנאים האָבן געוועזן געפֿועלט, אַז מע זאָל אויפהערן מקריב זיין דעם קרבן פֿאַרן קיסר און אויפהערן צאָלן צינזן. נאָר די שלום-פּאַרטיי האָט ניט געוואָלט איינגיין דערויף. די כוהנים און די עלטסטע האָבן זיך געהאַלטן אויסשליסלעך צו דאַנק דעם בית-המקדש, און זיי האָבן געפֿילט, אַז דעם בית-המקדש וועט מען חרוב מאַכן און ס׳וועט קומען אַ סוף צו זייער ממשלה, אויב מע זאָל זיך ניט גלייך אונטערגעבן די רוימער. און אַגריפּס האָט צונויפגעקליבן אַ פֿאָלקס-פֿאַרזאַמלונג, אויף וועלכער ער האָט געהאַלטן אַ לאַנגע רעדע. ער האָט אויפגעוויזן, אַז ס׳איז אוממעגליך גובר צו זיין די רוימער, ווייל מיט זיי איז גאָט; וואָלטן דען די רוימער געקאָנט אָן גאָטס הילף שאַפֿן אַזאַ גרויסע מלוכה? און די כוהנים האָבן זיך מיט טרערן אין די אויגן געבעטן ניט צו מאַכן קיין תל פֿונם בית-המקדש און פֿון דער הייליקער אָרדענונג, וועלכע איז געשאַפֿן געוואָרן דורך אַזוי פֿיל בלוט, כוחות און טרערן. נאָר די פֿירער פֿונם אויפשטאַנד האָבן געענטפֿערט, אַז מיט ישראל איז זיין גאָט און דער קומענדיקער משיח, און האָבן זיך אָפּגעזאָגט פֿון צו מאַכן שלום. און דאָ איז גראַדע אָנגעקומען די ידיעה וועגן אַ נייער שחיטה אין קיסריא, וואו די גריכן האָבן אויסגעקוילעט די גאַנצע אידישע באַפֿעלקערונג. אַגריפּס האָט גאָרניש ניט אויפגעטאָן און האָט געמוזט אָפּפאָרן פֿון ירושלים. און די כוהנים און די עלטסטע האָבן צונויפגעקליבן זייערע מיליטער-אָפּטיילונגען און האָבן זיך צוזאַמען מיט די רוימער באַפֿעסטיקט אין הורדוס׳עס שלאָס אויפן צפֿון-מערבֿדיקן הימל פֿון ירושלים; דער בית-המקדש איז געבליבן בא אלעזר׳ן דעם פֿירער פֿון די קנאים, און דער אלעזר האָט זיך אָנגעהויבן אויפפֿירן אין ירושלים, ווי אַן אמת׳ער דיקטאַטאָר. די קנאים האָבן אויסגעריסן איבערן לאַנד, און פֿון אַלע זייטן האָבן צו זיי אָנגעהויבן צושטיין אַלץ נייע אָפּטיילונגען. מיט פֿאַראייניקטע כוחות זיינען זיי אָנגעפֿאַלן אויף הורדוסעס שלאָס; מע האָט געמאַכט אַ מינע אונטער דעם הויפּט-טורעם און אים אומגעוואָרפֿן. ביים איינעמען הורדוס׳עס שלאָס האָט מען אויסגעקוילעט און אויסגעהרג׳עט די אָנהייבער פֿון כוהן גדול. ירושלים איז געבליבן אין רשות פֿון די קנאים, דאָס פֿאָלק האָט אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם יאָך פֿון קנעכטשאַפֿט און פֿון די רוימער. מע האָט נאָר געוואַרט אויף משיח׳ן, כדי צו פֿאַרפֿעסטיקן דעם אָפּגעהאַלטענעם נצחון און גרינדן אַן אַלוועלטליכע אידישע מלוכה. און אין דער האָפֿענונג האָט דאָס פֿאָלק געהאָרכזאַם געפֿאָלגט זיינע פֿירער, אלעזר אין ירושלים, שמעון

בן גיורא אין יהודה און דעם באַרימטן יוחנן פון גוש-חלב אין גליל. דער דאָזיקער יוחנן איז געווען ענערגישער און טאַלענטפולער פון אַלע איבעריקע פירער פונם פאלק; ער האט געטרוימט ווערן אַ קיניג אין יהודה, אויב דער אויפשטאַנד וועט געלינגען.

נאר דער רוימישער אָדלער האָט נאר אויף אַ ווײַלע אראָפּגעלאָזן זײַנע פליגלען. ניט אומזיסט האָבן אים די סופרים פאַרגליכן מיט אַ מוראדיקער חיה, וועלכע נעמט אין זיך אַרײַן אלע חיות, וואס האָט געזעהן דניאל: גע-גליכן איז ער צו אַ לעמפערט, פּיס ווי בײַ אַ בער, א מויל ווי בײַ א לייב, און דער פייעריקער דראַקאָן האָט אים אפגעגעבן זיין קראַפט, זיין מלוכה און אַ גרויסע מאַכט. מוראדיקע זײַנען געווען די פרידערדיקע מלוכות, וועלכע האבן אונטערדריקט ישראל, נאָר רוים איז געווען מוראדיקער פאר זיי אלע צוזאַמען. און ניט לאַנג האָבן די זיגער טריאומפירט אין ירושלים. אין גליל איז אָנגעקומען אספּסיאנוס, פון דער משפחה פלאַוויאוס, דער בעסטער רוימישער קריגס אָנפירער, דער צוקינפטיקער קיסר. מיט גרויס מיה, אבער בהדרגה פלעגט ער נעמען איין פעסטונג פון די מורדים נאָך דער אַנדערער: דורך הונגער האט ער אײַנגענומען יודפת אין אויסגעהרג'עט מער ווי 11 טויזנט מאַן, האט פאַרנומען טבריה, וואו ער האט אויסגעהרג'עט 12 טויזנט אַלטע לײַט, 6 טויזנט אָפּגעקליבענע מענער האָט ער אַוועקגעשיקט קיין גריכנלאַנד גראָבן אַ קאַנאל דורכן איסטמוס, און די איבעריקע 30 טויזנט מאַן האט ער פאַרקויפט פאר קנעכט. צום סוף האט ער אײַנגענומען גוש-חלב. איינער פון די אָנפירער פונם אויפשטאנד אין גליל, יוסף, דער, וואס האָט שפעטער אנ-געשריבן די געשיכטע פון דעם דאזיקן קריג, איז איבערגעגאַנגען אויפן צד פון דעם זיגער און האָט אַפילו פאָראויסגעזאָגט אספּסיאנוס'ן, אַז ער וועט ווערן קיסר. יוחנן איז מיט אַ הײַפל פון זײַנע חברים אַנטלאָפן געוואָרן קיין ירושלים, וואו מ'ה האָט אים אויסגעקליבן פאַר דעם הויפּט-אָנפירער.

אַ פאַרצווייפלונג האָט אָנגענומען די קנאים פון ירושלים. זיי האָבן געפילט, אַז נאָר אַ נס קען זיי מציל זיין. פון פאַרצווייפלונג האָבן זיי באַ-שלאָסן אָנצונעמען די עקסטרעמסטע מיטלען. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרניכטן די לעצטע רעשטלאַך פון די ירושלים'ער גדולים; מע האָט זיי אויסגעהרג'עט, זייערע הייזער פאַרברענט און זייער פאַרמעגן צוראַבירט. פאַר אַ כהן גדול האָט מען אויסגעקליבן דורך גורל אַ פּשוטן פויער פנחס, וועל-כער האָט לחלוטין ניט געוואוסט די מנהגים און האָט קוים אָפּגעריכט די

עבודה. אַלע פאַרבליבענע גדולים און רייכע, זיינען ווער ס'האט נאר געקענט, אַנטלאָפן צו די רוימער. יוחנן האָט זיך ערקלערט פאר משיח'ן, נאָר שמעון און אלעזר האָבן אים ניט געוואָלט אַנערקענען און זיי האָבן זיך געריסן מיט אים און אויך צווישן זיך. און אין דער צייט, ווען אספסינוס האט זיך ביסלאכווייז דערנעהענטערט צו ירושלים, פאַרנעמענדיק איינע נאָך דער אַנדערער די שטעט פון יהודה, איז אין ירושלים פאָרגעקומען אַ בלוטיקער קאַמף צווישן די דריי פאַרטייען. אַ שרעקליכע צייט איז עס געווען. אנשטאט צו גרייטן זיך צום לעצטן קאַמף, האָבן זיך יוחנן, שמעון און אלעזר געקריגט איינער מיט דעם אַנדערן און טויזנטער מענטשליכע לעבנס זיינען אומגעקומען אין דעם דאָזיקן קאַמף, און די באַפעסטיקונגען פון דער שטאט פלעגן פאַלן איינע נאָך דער אַנדערער.

און אָט דעם 14-טן ניסן (אפּריל) 70-טן יאר האָט זיך דער רוימישער אָדלער באַוויזן בײַ די ווענט פון ירושלים; ס'זיינען אנגעקומען די לעצטע טעג פון ציון. „גיט זיך אונטער“, האָט טיטוס געשיקט זאָגן די באַלאַגערטע. זיי האָבן געענטפערט: „אַ ניצחון אָדער דער טויט!“ און ס'האבן זיך אָנגעהויבן אַלע שרעקן פון אַ באַלאַגערונג. ניט קוקנדיק דערויף, וואס אַ טייל פון די פעסטונגען זיינען צעשטערט געוואָרן בעת דעם בירגער-קריג, איז נאָך די שטאָט, אַ דאַנק די נאַטירליכע באַריגונגען פון געגנט, געווען אַזוי באַפעסטיקט, אַז דער שטורעם האט זיך ניט איינגעגעבן. דאַן האָט טיטוס אנגעהויבן אַ רעגלמעסיקע באַלאַגערונג. די הייליקע שטאָט איז אַרומגערינגלט געוואָרן מיט באַלאַגערונג-וואַלן. קיינער האָט ניט געקענט אריינגיין און אַרויסגיין פון דער שטאָט. און די שונאים פלעגן נאָך פון צייט צו צייט איינאָרדענען מיליטער-פּאַראַדן אויף צו להכעיס די באַלאַגערטע. אין ירושלים האט זיך אנגעהויבן אַ הונגער און פאַרשיידענע קראַנקהייטן; ס'איז דערגאַנגען צו דערצו, אַז מוטערס פלעגן עסן זייערע אייגענע קינדער. נאָכדעם ווי ער האט אויסגעמאַטערט ירושלים דורך הונגער, האט טיטוס אין יולי אָנגעהויבן שטורעמען דעם בית-המקדש. ס'איז שוין מער קיין האָפענונג ניט געווען און פון פאַרצווייפלונג האט יוחנן אונטערגעצונדן דעם בית-המקדש, כדי די רוימער זאָלן אים ניט פאַרשוועכן; נאר ס'האָבן אָפּגעברענט מער ניט ווי די טויערן און די גאַלערייען. דער בית-המקדש גופא איז דעם פינפטן אויגוסט אריינגעפאַלן אין די הענט פון די רוימער. דאָרט האָבן זיך באַפעסטיקט די לעצטע פאַרטיידיקער פון בית-המקדש, און ווען די זעלנער האָבן זיך אריינגעריסן

אַחין, האָט אײַנער פון זײ אַרײנגעוואָרפן אַ ברענענדיקן האָלץ-שײט. טיטוס האט גלײך געהײסן ראַטעווען די גאָלדענע כלים פון בית-המקדש, וועלכע מע האט שפּעטער געטראָגן נאָך זײן רײטוואָגן בּאַ זײן טריאומפאלן אַרײנפאר אין רוים, און האט געלאָזט ברענען דעם בית-המקדש. רויך און פײער האָבן זיך געהויבן צום הימל און מיט זײ אויך די ווילדע אויסגעשרײען פון די פארצווייפלטע אידן. אלע האָפענונגען האָבן זיך אויסגעלאָזן מיט נישט. די ווילדע חיה טריאומפירט, און משיח איז ניט געקומען. אומזיסט האט מען געהאָרעוועט, אומזיסט זיך געגרײט—אלץ פארן פײער. נאָר די איבערגעבלי-

די כלים פון בית-המקדש אויף טיטוסעס טריאומף (פון טיטוסעס טריאומף-בויגן).

בענע פארטײדיקער האָבן זיך נאָך אַלץ ניט אונטערגעגעבן; זײ זײנען איבער-געגאַנגען אין הורדוס'עס שלאס און מיט העלדנמוט זיך ווײטער געשלאָגן ערשט אין אַ חודש אַרום האָט טיטוס אײנגענומען דעם איבעריקן טײל שטאט, פאַרגיסנדיק יעדן שטיקל ערד מיט טײַכן בלוט. איצט איז שוין אַ סוף צו אַלץ. יוחנן און שמעון האָבן זיך איבערגעגעבן אין די זיגערס הענט. אויפן אָרט פון ירושלים זײַנען פארבליבן חורבות, איבער זײַנע גאַסן, באַדעקטע מיט בר-מינן'ס, זײַנען מיט געשרײען געפלויגן רויב-פויגל. געוויינט האָבן די

בני־יהודה, הערנדיק די טרויעריקע בשורה: ניטאָ שוין צוליב וואָס צו לעבן אויף דער ערד...

פינצטערניש האָט אַרומגערינגלט די וועלט,
מענטשן זעהען ניט קיין ליכט...
חרוב געוואָרן איז אונזער בית־המקדש.
צושטערט געוואָרן איז אונזער מזבח.
אין טרויער ליגט אונזער אַרפע,
ס׳הערט זיך שוין מער ניט אונזער ליד־געזאַנג...
פאַרוועלקט איז די יוגנשאַפט פון דער וועלט.
ס׳איז אָנגעקומען דער עלנט...

די בני־יהודה זיינען פאַרטריבן געוואָרן אין גלות,—אין אַ שווערן גלות, אין פאַרגלייך מיט וועלכן דער גלות־בבל איז געווען אַ צייט פון שמחה, און די צרות אין מצרים — אַ קינדערשפּיל. צעשפּרייט איבער די ארבע פּנות העולם, אָפּגעריסן פון זייער געבוירנלאַנד, האָבן זיי אין פינסטערניש און עינויים פונם מיטלאַלטער און אין צרות און שטורעמווינטן פון דער נייער צייט מיט הכנעה געטראָגן זייער יאָך, געהיט די געבאָטן פון דער תורה און פון די נביאים און אָפּגענומען אַ מוסר פון זייערע הייליקע שריפטן. דער רעשט, וואָס איז גאַנץ געבליבן נאָך דעם חורבן פון 70־טן יאָר, איז געווען אַן אויסדערוויילט רעשט. די כהנים זיינען אומגעקומען, פון די קנאים האָט מען פיל געטויט און די איבעריקע געמאַכט פאַר קנעכט. די פּרושים האָבן ניט געהאַט מער פאַר וועמען ברויך צו האַלטן און שטאָלצירן מיט זייער פרומקייט. פאַרבליבן זיינען די סופרים, מענטשן, וואָס האָבן געלערנט תורה, און די אידן, וועלכע האָבן געוואוינט אין דער פרעמד, די סוחרים. סיי די, סיי יענע האָבן יעצט אויפריכטיק געגלויבט, אַז ישראל האָט נאָך ניט איבערגעלעבט זיין ענדגילטיקן גורל. פאַר די שרעקליכע זינד פון די רשעים, וועלכע האָבן חרוב געמאַכט דוד׳ס מלוכה און דעם בית־המקדש, איז יהודה שרעקליך באַשטראָפט געוואָרן, נאָר די צעשפּרייטונג גופא פון די בני־יהודה באַווייזט אַז זיי זיינען דאָך אַן אויסדערוויילט פאָלק, וועלכער וועט סוף כל סוף באַקומען זיין נחלה, ווייל אויך אין גלות זיינען זיי שטאַרק, אויך אין גלות זיינען זיי פרום, און לעבן, מערן זיך און זיינען מצליח, ניט קוקנדיק אויף אַלע רדיפות.

זאָל עס זיין אַ טרוים, וועלכער וועט קיינמאָל ניט מקוים ווערן, זאָל זיין, אַז משיח וועט קיינמאָל ניט קומען, זאָל זיין, אַז דאָס אידישע פאָלק

ווּעט תמיד בלייבן צעזייט און צעשפּרייט. נאָר מיר מוזן אָנערקענען אין אים דאָס, אויף וואָס ער האָט געוויס פולשטענדיקעס רעכט: דאָס איז געיועזן אַ געניאַל פאָלק, וואס האָט געשאַפן אַן אייגנארטיקע קולטור. און זיינע לײדן זיינען געווען אַזוי גרויס, גרעסער פאַר איוב'ס ליידן. און מיט די דאָזיקע ליידן האט ער זיך פאַרדינט דאָס רעכט אויף אַ בעסערן לעבן, איידער זיין לעבן איצטער. און וואויל ווּעט זיין, אויב ניט מיט טרויער וועגן דעם עברי, נאר מיט אַ פרייליכן באוואוסטזיין פון דעם אַלץ, וואָס ס'איז פאָרגעקומען, ווּעט דער איד לייענען די אומפארגעסליכע ווערטער: „טרייסט, טרייסט מיין פאָלק,—זאגט אייער גאט,—ווייל אַ סוף איז געקומען צו זיינע ליידן!"

אינהאלט:

I. פארוואס דאַרף מען וויסן די געשיכטע פון ישראל.
II. פאלעסטינע און אירע פארצייטיקע איינוואוינער.
III. די בני־ישראל אין מדבר.
IV. די בני־ישראל נעמען איין דאָס לאנד כנען.
V. די שופטים.
VI. דוד המלך.
VII. דער אוראַלטער ירושלים.
VIII. דאס לעבן פון ישראל נאָך שלמה'ן.
IX. די נביאים.
X. דער חורבן פון מלכות יהודה.
XI. די ליטעראטור און וויסנשאַפט בא די אוראַלטע בני־ישראל.
XII. אויף די טייַכן פון בבל.
XIII. עזרא און נחמיה.
XIV. די תורה און דאָס לעבן.
XV. די מכבים (חשמונאים).
XVI. יהודה אין די צייטן פון ישוע.
XVII. דער אונטערגאנג פון ציון.